STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03351

OYSGEVEYLTE VERK

Abraham Reisen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען

אויסגעווילטע ווערק

א ב ר ה ם ר ײ ז ע ן

אויסגעוויילטע ווערק

פאַרלאַג: יידיש בוך ווארשע

1964

A. RAJZEN

DZIEŁA WYBRANE

הילע פּראָיעקטירט: ר. כאָף
Okładkę projektował: R. CHOW

Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH” Warszawa, Nowogrodzka 5

Ark. druk. 29, ark. wyd. 26. Papier druk. sat. V kl., 61×86, 80 g.
Nr zam. 5899. Nakł. 2500 egz. Druk. ukończono w sierpniu 1964 r.
Druk. RSW „PRASA”, Warszawa, ul. Tarczyńska 8. Z-12

ארעמע קהילות

די אָרעמע קהילה

דאָס שטעטעלע וואָינאָוועקע, וואָס באַשטייט פון פערציק הייזער און פינף און דרייסיק באַלעבאַטים, ווייל פינף הייזער שטייען ליידיק, וויגט זיך, רוישט און קאָכט, ווי אַ קליין טייכל ערב־פסח, ווען דער שניי צעגייט. עס איז אָבער נישט ערב־פסח. עס איז אַ וואָך פאַר ראש־השנה, — אַ וואָך פאַר ראש־השנה, און די קהילה האָט נאָך נישט קיין בעל־תפילה...

אין דעם נאָענטן שטעטל יאַכנאָוועקע, וואָס איז פיל מאָל גרעסער פאַר וואָינאָוועקע, קאָן מען אַפילו קריגן אַ בעל־תפילה און דווקא אַ רעכטן: מיט אַ האַלדז, מיט אַ געמבע און מיט הזנישע שטיק, ווייל ער אָבער מען זאָל אים גוט באַצאָלן — און דאָ איז דאָס אומגליק! דאָס שטעטל וואָינאָוועקע האָט געפּטרט די עטלעכע קהלשע רובל אויף אַ חזן, וועלכן דער שוואַרציאָר האָט היינטיקן זומער אָנגעטראָגן, און האָט געדאַוונט אַ שבת־מברכים מיט זעקס זינגער. צוריק גערעדט איז דאָס ווערט געווען: זייט וואָינאָוועקע איז וואָינאָוועקע, האָט זי אַזאַ נגינה נישט געהערט. דער בית־המדרש, וועלכער איז שוין אַלט איבער צוויי הונדערט יאָר, לויט ווי די אַלטע לייט דערציילן, האָט דעם דאָזיקן חזן מיט זיין קאַפּעליע קוים איבערגעלעבט. די פענצטער האָבן זיך געטרייסלט, די ווענט האָבן זיך געשאָקלט און פון דער סטעליע אויבן איז גאַנצע שטיקער קאַלך געפאַלן... פון גרויס התפעלות האָט מען דעם דאָזיקן חזן מיט זיין קאַפּעליע דאָס גאַנצע געלט, וואָס קהל האָט פאַרמאָגט, אַוועקגעגעבן, און איצט, אַ וואָך פאַר ראש־השנה, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז עס איז נישטאָ אַ גראָשן, פאַר וואָס צו דינגען אַ בעל־תפילה, און דער עולם האָט זיך איצט פאַרזאַמלט אין בית־מדרש צו באַקלערן אַן עצה.

— דאָס איז געווען אַן אַקט אין דער וועלט! — האָט געשריגן אריה־לייב דער שניידער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ שיינעם יידן, ווייל ער האָט אַ לאַנגע באָרד און האָט אַ בחור'ל, וואָס לערנט אין יאַכנאָוועקער ישיבה.

— שייך אַן אַקט! דאָס קאָן נאָר טרעפן ביי אונדז! — האַלט און־

מער חיים דער גלעזער: — מען זאָל נעמען און אַוועקגעבן אַ חזן אין אַ מיטן יאָר דאָס גאַנצע געלט, וואָס קהל פאַרמאָגט!

— עס איז געווען אַ משוגעת! אַ ריינע משוגעת! — דריקט מיט די פּלייצעס חנן דער מלמד.

— איר ווייסט, וואָס איך וואָלט געפּסקנט, — נעמט אָן זרח דער שוסטער דאָס בערדל און מאַכט אַ מינע פון אַ רב, — איך וואָלט גע־פּסקנט, אַז די, וואָס האָבן פאַרהאַלטן דאָ דעם חזן און האָבן אים באַדונ־גען, זאָלן איצט דינגען פאַר זייער געלט אַ בעל־תפילה. דאָס איז מיין עצה! — האָט ער אויסגעלאָזן מיט גרויס ערנסט, פונקט ווי עס וועגדט זיך נאָר אין זיין עצה...

— היינט גיי טרעף, ווער עס האָט אים באַדונגען? אַלע האָבן אים באַדונגען! — צעשלאָגט זלמן דער שמיד זרחס עצה; — אַלע האָבן געוואָלט הערן אַמאָל אין אַ נאָווינע אַ ביסעלע נגינה. עס איז אפשר נישט קיין עוולה. אָבער ווען? אז דאס שטעטל איז רייך. אַ יאַכנאָוועקע קאָן זיך פאַרגינען אין מיטן יאָר אויסגעבן אויף אַ חזן עטלעכע רובל, אָבער נישט מיר, קבצנים.

— איז וואָס בלייבט פאָרט! — הערן זיך צום סוף געשרייען אין בית־מדרש.

— עס איז נישט פריילעך. — ענטפערט איינער.

בייקל שעפּס וועט דאַווענען מיטן שבתדיקן ניגון — ווענדט זיך זרח דער שוסטער צום שבתדיקן בעל־תפילה, בייקל שעפּס, וועלכער האָט יאָ אַ שטיקל קול, נאָר ער ווייסט מער נישט ווי די שבתדיקע ניגונים פון דאַווענען.

— אַנו, בייקל, — פּרוּוו זיך! — ווענדן זיך צו אים אייניקע באַלע־באַטים, — זיי זיך מכין!

בייקל שעפּס ווערט רויט און ענטפערט קוים:

— איך האָב מורא.

— פּרוּוו, פּרוּוו: ה—מ—ל—ך! — ווייזט אים זלמן שמיד אַ וועג.

— איי, קענסט דאָך אַליין! — רופט זיך אָן חנן מלמד און העלפט אים ווייטער:

יו—שב—על—כ—סא

רם ו—נ—שא—א—א!

— אי—אי—אי—אי—אי—אי—אאאי!...

כאַפּט אונטער דער עולם.

און דער בית־מדרש הילכט עטלעכע מינוט פון די ימים־נוראימדיקע ניגונים, וועלכע האָבן באַגייסטערט די אסיפה...

— איצטער קענען אַלע, און ווי עס וועט קומען ראש־השנה, וועט קיינער נישט קענען, — וואַרפט אַריין אַ באַלעבאָס אַן השערה.

די השערה נעמען אַלע אָן, און דער עולם בלייבט פאַרטראַכט.

— איר ווייסט, יידן, אַז מיר האָבן קיין בעל־תקיעה אויך נישט! — איז מודיע אינמיטן דרינען דער שמש פון בימה.

דער עולם בלייבט ווי געפּלעפט.

— וואָס הייסט: ווו איז נחמן?

עס באַווייזט זיך נחמן, אַ בלייך, דאַר בחורל פון אַ יאָר צוואַנציק, וואָס עסט דאָ טעג און לערנט „פאַר זיך", און שוין צוויי יאָר, אַז ער בלאָזט שופר אין בית־מדרש בחינם.

— היי־יאָר וועל איך בלאָזן אין דעם דאָרף סאָסנאָווטשינע: דריי קערבלעך גיט מען מיר... דריי קערבלעך... — האָט ער קוים אויס־געשטאמלט מיט שרעק פאר זיין בגידה, וואָס ער האָט בוגד געווען אין זיין קהילה, וואָס גיט אים עסן.

— ע, ביסט אַ פּאַרך! — האָט עמעצער אויסגעשריען.

— אַ גרויסער שייגעץ! — האָט נאָך עמעצער אונטערגעהאָלפן.

— אַ „דאָרמאָיעדניק"! — האָט אַ דריטער געזידלט.

און אויף דעם אָרעמען נחמנען האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן ווערטער און ווערטלעך, אזש עס האָט אים ווי מיט נאָדלען געשטאָכן.

— איך דאַרף מאַכן אַ ווינטערדיקן בגד... איך קאָן נישט... — האָט ער זיך געבעטן. — זייט מיר מוחל... ווינטער איז קאַלט...

— וואָס וויל מען האָבן טאַקע פון אים? — איז דער עולם צוריק־געגאַנגען: ער דארף זיך מאַכן אַ ווינטערדיקן בגד. ער גייט נעבעך אַ הוי־לער, אַ נאַקעטער....

— די מעשה איז דאָך אַזוי! — האָט יעדערער פּאָטאַקעוועט.

— האָבן מיר, הייסט עס, נישט קיין בעל־תפילה און נישט קיין בעל־תקיעה?

— מיר האָבן, דאַכט זיך, קיין בעל־קריאה אויך נישט! — האָט מודיע געווען ווידער דער שמש פון בימה.

— וואָס הייסט — האָט זיך דער עולם דערשראָקן: — ווו איז אַל־טער פּעשעס, ווו איז ער? ווו איז ער?

— אַלטער פּעשעס וועט אויך לייענען אין סאָסנאָוויטשינע — איז מודיע, ווי א פארשולדיקטער, דער זעלביקער נחמן — ער נעמט צוויי קערבלעך.

דער עולם דערשרעקט זיך נישט אויף א געלעכטער; אנדערע לאָזן אראָפּ די קעפּ, ווי זיי וואָלטן געזוכט אן עצה. אנדערע ווידער הייבן אויף די קעפּ צו דער סטעליע און שטייען אזוי פארטראכט עטלעכע מינוט.

— וואָס איז דאָ פאראן וואָס צו קלערן? — רופט זיך אָן איינער: מען וועט היינטיקע ימים-נוראים דאַווענען ביחידות... אוים קהילה!

— א שיינע מעשה, נאָר א קורצע! — לאַכט בימערלעך א צוויי-טער..

— דאָס דאַרף מען פארשרייבן אין פּנקס.

— אוים וואָינאָוועקע!

— זאָלן זיך אלע צוזאמענליייגן און דינגען פאר אייגענע געלט — גיט אן עצה חנן מלמד און דערשרעקט זיך גלייך פאר זיינע אייגענע ווערטער.

— ווייז אהער א רובל. נו! — שמעלט אוים זלמן שמיד די האַנט.

— איך האָב נישט. — פארשעמט זיך חנן. — פאראן דאָך אָבער באַלעבאַטים, וואָס האָבן...

— ווער האָט?

— קיינער האָט נישט!

— אזוינע ימים-טובים גייען — א קלייניקייט!

— וואָס זשע וועט זיין?

— נישט גוט.

אין בית-מדרש רוישט. יעדער זאָגט אַן אנדער עצה. נאָר קיין אמתע עצה איז נישטאָ.

פּלוצים גיט דער אַלטער שמש א פּאַטש איבער דער בימה און אין בית-מדרש ווערט שטיל.

— איך האָב אַן עצה. שווייגט א ווײלע!

— אדרבא, אדרבא! — שרייען אלע אוים אומגעדולדיק.

דער שמש נעמט אין זיך אריין א ביסל מער אָטעם ווי געוויינלעך, גיט א שטארקן שמעק טאַבאַק, ווישט די נאָז פוןביידע זייטן און רעדט ענגדלעך ארוים:

— די מעשה דערפון איז אזוי די מעשה: אונדזער קהילה איז היינ-טיקן זומער באַהאנגען א גרויסע באַרישקייט, מיר האָבן די עטלעכע רובל,

וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, פאַרטאָן אויף א נאַשעריי, מיר האָבן פאַר־געסן אונדזער אָרעמקייט, אונדזער שטאַנד און אונדז האָט זיך פאַרוואָלט הערן א חזן. דער גוטער יאָר ווייסט ווער ער איז! א דורכפאָרער א חזן, איז נישט קיין גרויסער צדיק. אן ערלעכער חזן זיצט אין דער היים... נאָר ווי די מעשה איז — עס איז שוין אַן אָפּגעטוענע זאַך. דער סוף פּסוק איז: מיר זענען געבליבן אָן אַ בעל־תפילה אויף ימים־נוראים, אָן א בעל־תקיעה, און אָן א בעל־קורא... ממש אָן גאָרנישט... אַיִיב איר ווילט וויסן נאָך עפּעס — איז שוין דער שופר אויך נישט ווי געהעריק איז... איצט אַלול־צייט. עטלעכע תקיעות — בלאָזט ער נאָך ווי עס איז; ס'וועט אָבער קומען ראש־השנה, מען וועט דאַרפן אַזויפיל בלאָזן: א תרועה, שברים, א תקיעה גדולה — ער וועט זיך געווים פאַרהאַלטן... פאַראַיאָרן נאָך האָט ער זיך פאַרהאַלטן, אויב איר געדענקט?... איך געדענק גאַנץ גוט... און נחמן איז א גוטער בלאָזער (דער עולם קוקט זיך אום אויף נחמנען און נחמן ווערט רויט...) לכן וואָלט געווען מיין עצה, אז מיר זאָלן היי־יאָר מאַכן בשותפות מיט סאָסנאָווטשינער מנין, דהיינו, מיר זאָלן אַלע גיין דאַוונען היי־יאָר אין סאָסנאָווטשינע — גיין מעג מען, סך־הכל דריטהאַלבן וויאָרסט וועג, עס וועט זיין א שפּאַציר... וועלן מיר אַלע פאַרשפּאָרן צו ברעכן די קעפּ: ווו נעמט מען א בעל־תפילה, א בעל־קורא און א בעל־תקיעה און מאַקע א שופר אויך. ווייל דער שופר, איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, דער שופר וועט זיך ראש־השנה אָפּזאָגן... קיין „תרועה־שברים" וועט ער זיכער נישט נעמען. ער קען שוין נישט נעמען, ער איז שוין אַלט און האָט שוין עטלעכע פּגימות... פאַר אונדז איז געבליבן נאָר סאָסנאָווטשינע....

נאָך דעם שמשס רייד, האָט דער עולם אָנגעהויבן רוישן:

— פון שטאָט אין דאָרף! און נאָך ראש־השנה — ניין!

— זאָלן זיי, די ישובניקעס, צו אונדז קומען!

— וואָס זענען זיי געוואָרן פאַרא יחסנים!

— אַמאָל פלעגן די ישובניקעס צו אונדז קומען דאַוונען.

— היינט האָבן זיי זיך אויסגעלערנט עברי — מאַכן זיי אין דער היים א מנין...

— עברי ווי עברי, געלט קענען זיי געווים ציילן...

— וואָס פעלט זיי? — פון אַלעם גוטן פולע זאַשיקעס מיט קאַר־טאָפל, מיט קרויט, מיט הינער, מיט אייער...

— סמעטענע, פּוטער אין קעז...

— מיט אַלע צרות אויף זייערע קעפּ!....

— ששׁשאַ, שילט זיך נישט, יידן, עס איז אלול!

דער עולם האָט זיך פאַר דער קללה אין אלול דערשראָקן און איז גע־גאנגען צוריק:

— ווער שילט, זיך, ווער, ווער...

— קיינער נישט, קיינער נישט...

— וואָס האָט מען צו זיי?

— בערקע סאָסנאָווטשינער איז א טייערער ייד, ביי אים וועט זיין דאַווענען א תענוג: א שטוב ווי א פעלד דריי מאָל ווי אונדזער בית־מדרש.

— ערשט היי־יאָר האָט ער געשריבן א ריניקייט.

— אַ טייערער ייד!

— און וואָס פעלט די איבעריקע ישובניקעס? גוטע מענטשן!

— אוודאי.

— בלייבט עס אזוי, אז מיר גייען היי־יאָר דאַווענען אין סאָסנאָווו־טשינע?

— קיין אַנדער עצה איז נישטאָ.

— אַ טייערע זאַך, ווי איך בין א ייד — אראָפּ א בארג פון פּלייצע!

— שייך א בארג!

— מען דאַרף שיקן אָנפרעגן, צי דערלויבט ער.

— א שאלה, צי ער וועט דערלויבן, ביי אים וועט זיין נאָך א זכיה!

— אַ קלייניקייט! שטעטלשע יידן קומען דאַווענען אין דאָרף...

און די אסיפה האָט זיך געענדיקט בשלום.

און אַז די שטעטלשע יידן האָבן דעם ערשטן טאָג ראש־השנה אין דער פרי (מעריב האָבן זיי געדאַוונט אין זייער בית־מדרש) געלאָזן זיך גיין דאַווענען אין סאָסנאָווטשינע, און האָבן פאַרבייגייענדיק א קוק גע־טאָן אויף זייער אַלטן, האַלב איינגעפאַלענעם בית־מדרש, ווי ער שטייט אזוי מיט זיינע טונקעלע אויגן פאַרטרויערט און פאַריתומט — האָט זיי זייערע הערצער געצופּט און געקלעמט, און שטיל, אָן ווערטער, נאָר מיט בליקן האָבן זיי אים מחילה געגעבן...

1902

דער גבירישער אָרעמאַן

דער אייגציקער פאַרלאַנג, וואָס יאָשע־בער האָט די לעצטע יאָרן גע־טראָגן טיף אין האַרצן, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער זאָל ווערן אַן אָרעמאַן, גלייך מיט אַלע אָרעמע יידן, וואָס געפינען זיך אין שטעטל.

— רבונו של עולם! — פלעגט ער אַמאָל פאַר זיך אַליין קלאָגן; — וויפל איז דער שיעור זיך אַליין און א וועלט צו נאַרן... מען קאָן דאָך פון דעם דאָזיקן ליגן צעפּלאַצט ווערן!

— און וואָס העלפט מיר דאָס נאַרן? — פלעגט ער ווידער צו זיך אַליין רעדן. — ווייס מען דען נישט, אַז יאָשע־בער איז א געבראָכענער מענטש, א געפאַלענער, אַז קוים־קוים וואָס ער לעבט זיך דורך?

און יאָשע־בער האָט שוין נישט איינמאָל באַשלאָסן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יחוס פון אַמאָליקע גוטע צייטן, אָנהייבן זיך פירן כמנהג באַ־לעבאַטים־אביונים און דערמיט ערשט וועט אים דאָס לעבן ווערן לייכט.

און צו וואָס לוינט אים האָס באַהאַלטן זיך, אַז אָרעמקייט איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס לאָזט זיך באַהאַלטן: אים דאַכט זיך, אַז עס טאַרטשעט אַרויס פון אונטערן קאַפּעליוש, וואָס ער טראָגט סיי וואָך און שבת, פון אונטערן שוואַרצן, שטענדיק יום־טובדיקן סורדוט, און אַפילו אַז ער טוט ווינטער אָן דעם סאָבאָלנעם פוטער מיטן שרייענדיקן אויבערשלאַק, דאַכט זיך אים, אַז אָט דער פוטער, דער זכר פון אַלטע גוטע צייטן, ליגט אויף אים ווי א פרעמדער, ווי א בגד, וואָס ער האָט ערגעץ געבאָרגט און היינט־מאָרגן וועט ער אים צוריק מוזן אומקערן...

מיט זיין אָרעמקייט מוז ער זיך היטן, ווי מיט א גנבה, ער מוז אָפט שמייכלען, אָבער דער שמייכל איז נישט וואָס אַמאָל, עס פעלט אין אים יענער חן פון די גוטע צייטן, ס'איז א שמייכל, נאָך וועלכן דאָס פּנים ווערט גלייך פאַרוואָלקנט, און די אויגן באַקומען א פאַרצווייפלטן גלאַנץ. און גיט ער א זיפץ, ווי דער שטייגער איז פון א שיינעם יידן, איז דער זיפץ גאָרנישט דער וואָס אַמאָל. עס שטעקט אין אים נישט יענע רחבות,

יענע ברייטקייט. עס איז א זיפץ, נאָך וועלכן עס ווילט זיך פארברעכן די הענט און צעשרייען זיך: אוי, ווי איז מיר געשען!...

און שטענדיק מוז ער זיין פאָרזיכטיק, היטן זיך, ער פילט זיך, ווי עמעצער וואָלט אים געבונדן און לאָזט אים נישט פריי צעשפרייטן די הענט און אויסשרייען:

— יידן, איך בין געבראָכן, נעפאלן! איך בין אן עני ואביון און טשעפעט זיך אָפּ פון מיר!...

עס וואָלט פון אים א בארג אראָפּ, ער וואָלט ווי ניי געבוירן געוואָרן.

קאן ער נישט זיין קיין עכטער גביר, זאָל ער כאָטש זיין אן עכטער אָרעמאן!...

אָבער ווערן אַן אָרעמאַן איז ביי יאָשע־בערן נישט פון די לייכטע זאַכן. ער ווייסט נישט וויאַזוי מען הייבט דאָס אָן צו טאָן. אָט ווייסט מען, אַז ער איז אַן אָרעמאַן, און אָט פאַרגעסט מען זיך... אמת, קיין נייע מלבושים האָט ער שוין לאַנג נישט געמאכט, אָבער די מלבושים פון די גוטע צייטן זענען אַזוי פיל און אַזוי שטאַרק (אַמאָליקע סחורות!) און אזוי זויבער, אז וועלכן מלבוש דו זאָלסט נישט אָנטאָן, זעסטו פאָרט אין אים אוים אַ נגיד, אַ שיינער מענטש, אַ בעל־צדקה... טוט ער אַמאָל אָן, ווי אויף צו להכעיס, דאָס סאמע אלטע בגד, איז די באָרד אַ נגידישע, די אויגן — גבירישע, און אַפילו די קנייטשן זענען נישט אַבי וועלכע, ער זעט באשיינפערלעך, אז קיין אָרעמער ייד אין שטעטל האָט נישט אַזעלכע קנייטשן, די קנייטשן פאַסן אים צום פנים! . און אפילו די האָר, וואָס זענען גראָ געוואָרן פאר זאָרג, זעען אוים גאָרנישט ווי אנדערע גראָ־געוואָרענע האָר — עכטע זילבער. כאָטש נעם און טראָג זיי פאַרזעצן!...

און זיין ווייב, אסתר־ביילע, כאָטש די פערל איז שוין לאַנג פאַר־זעצט — טראָגט זי אויפן האַלדז אַ שוואַרצן ביליקן בענדל, פאַסט עס איר מער ווי פערל. טוט זי אָן אַ ביליקע טיכל אויפן קאָפּ, דאַכט זיך אַלעמען, אז דאָס טיכל איז א זיידנס, נעמט זי סחורה אויף אַ קלייד פאַר עטלעכע גילדן און נייט עס אַליין בשתיקה אויף, קומט זי שבת אין שול, ווינטש מען איר: „טראָגט געזונט“ און מען שאַצט עס אָפּ אין די שווערע רובלס... און באמת זעט זי אוים, וואָס זי זאָל נישט אָנטאָן, ווי אַ שררהטע, דער גוף איז אַ הויכער, אַ פולער, די אויגן ווי צוויי דימענטן לויכטן מיט שטאָלץ, רו און פאַרגעם.

און אפילו דאָס עסן אין הויז! מען עסט דאָס זעלבע, וואָס אַלע אָרעמע יידן, נאָר אָנשטאָט אַן איינציקן הערינג צו קויפן אין קראָם און גלייך מאַכן מיט ציבעלע, ווי די אָרעמעלייט, קויפט אסתר־ביילע אַ פונט הערינג מיטאַמאָל און זי מאַראַנירט זיי איין. קאָסטן — קאָסט עס איר נישט טייערער, אָבער די הערינג זענען געמאַרנירט אין אַ גלעזערנעם סלאָי, און קיינער פון די אָרעמע ווייבער וועט זיך נישט דערלויבן צו עסן ווען אַזאַ מאכל, ווי אסתר־ביילעס מאַראַנירטע הערינג...

גלויבט מיר, עס קאָסט נישט טייערער!... — שמייכלט גוטהאַרציק אסתר־ביילע פאַר אַן אָרעמער שכנה, ווען יענע באַטראַכט דעם סלאָי מיט די מאַראַנירטע הערינג.

— יאָ... — מורמלט די שכנה ווי מיט קנאה. — מ י ר קאָנען זיך דאָס נישט פאַרגינען...

און דאָס עסן אַליין גייט צו, ווי ביי אַ נגיד: גאָפּלען, מעסער און אַ פלאַש וואַסער... ברויט אָנגעשניטענע אין אַ ספּעציעלן געפלאָכטענעם ברויט־טעלער, דער גרויסער טיש אין עסשטוב איז געדעקט מיט אַ קלאָרן סערוועט, די צוויי קינדער, וואָס זענען נאָכנישט „אויסגעגעבן“, אַ בחור'ל מיט אַ מיידל, זיצן ארטיק און וואַרפן זיך דורך מיט אַ פריינדלעך וואָרט; אסתר־ביילע, כאָטש קיין יידישע דינסט האַלט זי שוין לאַנג נישט, האַלט זי כאָטש אַ קליין שיקסעלע, וואָס האָט דווקא אַ יידישן אויסזען און רעדט גוט יידיש און ווייס אַפילו די דינים, וואָס זענען שייך צום קיך....

יאָשע־בער וויל אָפט אָנהייבן צו אַנטפּלעקן זיך מיט זיין אָרעמקייט פאַר דעם קליינעם שיקסעלע...

— און צו וואָס האַלסטו דאָס שיקסעלע?... עס איז שווער... — מאַכט ער פאָרוואורפן זיין ווייב.

גיט אסתר־ביילע אַ שמייכל, און ענטפערט אים גוטמוטיק:

— וואָס קאָסט זי מיר? שטיינס געזאָגט, אויף דעם סמך וואָס זי העלפט אין שטוב, פאַרשפאָר איך אַנדערע זאַכן. דו וועסט קיין גביר נישט ווערן, אַז דו וועסט זי אָפּזאָגן.

— איך וויל נישט ווערן קיין גביר, פאַרשטייסט, איך וויל ווערן אַן אָרעמאַן, — ענטפערט יאָשע־בער צוריק מיט אַ שמייכעלע...

— דאָס ביסטו דאָך שוין! — לאַכט גוטמוטיק אסתר־ביילע..

— ניין, איך בין דאָס נישט... איך וויל טאַקע, די וועלט זאָל וויסן, געוווינ זיך באַהאַלטן... עס דריקט מיך, פאַרשטייסט? און עס קאָסט

טאַקע איבעריקע געלט... ווען איך בין אַן אָפּענער אָרעמאַן, וואָלט איך געקאָנט אַ סך זאַכן פֿאַרשפּאָרן.

— למשל, וואָס? — פֿרעגט אסתּר־ביילע.

— אָט... איך מיין, אַ נדבה... אַן עליה... אַ שישי, אַ שלישי... אַ משולח, אַ הכנסת כלה... מען קומט צו מיר נאָך אַלץ, ווי אַמאָל...

— טאָ גיב נישט... — זאָגט אסתּר־ביילע נישט צופֿרידן.

— איך קאָן נישט נישט געבן... מען מוז אַנדערש אָנהייבן לעבן דעמלט...

דערווייל טראָגט צו דאָס שיקסל אין אַ שיין געשניצט פֿאַרצעלייען שיסעלע קאָמפּאָט.

— ווידער קאָמפּאָט... — בייזערט זיך יאָשע־בער.

— אַז עס קאָסט מיר אַ שיבוש... גאָרנישט... פֿון אַן עפּל מיט אַ ביסל צוקער...

— אָבער רעד מיט דער וועלט, בין איך אַ נגיד, מען קאָכט ביי מיר קאָמפּאָט...

— ווער הייסט דיך דאָס רופֿן קאָמפּאָט?...

— ווי דען זאָל מען עס רופֿן? — בייזערט זיך יאָשע־בער.

— רוף דאָס ־ געקאָכטן עפּל! — לאַכט אסתּר־ביילע, אָבער יאָשע־בער איז בייז און מורמלט:

— צו וואָס דאַרף מען קאָמפּאָט?...

אויב אַ גאַנץ יאָר וואַרפֿט מען זיך ווי עס איז דורך, און יאָשע־בער פּלאַצט אַלץ נישט אַרויס פֿאַר דער וועלט מיט זיין געדריקטער לאַגע, קומט אָבער אָ פֿאַר וואָכן פֿאַר פּסח, שפּרינגט ער פֿון הויט. דאָס יאָר וועט ער זיכער זיך אַרויסגעבן, מודה זיין זיך... און ער מעלדעט זיין באַשלוס פֿאַר אסתּר־ביילען:

— אסתּר־ביילע! איך וועל הייַיאָר קיין מעות חטים נישט געבן. נישטאָ קיין מעות חטים! אויס מעות חטים!

— איך היים דיר דען געבן? — באַרואיקט אים אסתּר־ביילע.

— גישט געבן! — קלאַפּט יאָשע־בער איבערן טיש — איך האָב שוין גישט ווו צו נעמען און וואָס צו פֿאַרזעצן... מען וועט קומען, וועל איך זאָגן: איך קאָן נישט, איך האָב נישט... גיט איר מ י ר מעות חטים! איך האָב אַליין נישט אויף פּסח!...

— נו, נו, דאָס וועסטו נישט זאָגן... — שמייכלט אסתר־ביילע טרויעריק און ווישט זיך מיט א וויים טיכל די אויגן.

— אסתר־ביילע! איך וועל זאָגן... איך וועל געווים זאָגן! עס מוז דאָך האָבן אלץ א שיעור. ווי לאַנג קאָן מען זיך שטיקן... איך וועל געווים זאָגן! יידן גיט א י ר מיר מעות חטים... איך האָב אליין נישט אויף פסח...

דאָס איז אָבער סתם גערעדט... אז ער וועט אפילו וויסן, אז ער וועט ברויכן צו עסן חמץ אום פסח, וועט ער קיין מעות חמים נישט נעמען. ער וועט היי־יאָר בלויז נישט געבן... און זאָל מען וויסן קודם, אז יאָשע־בער גיט נישט קיין מעות חטים, און וועגן נעמען מעות חטים, האָט ער נאָך צייט... עס וועלן נאָך זיין פסחס א סך... אָנהייבן וועט ער זיך צו אנטפּלעקן מיט דעם, וואָס ער וועט קיין מעות חטים נישט געבן, און נאָכדעם וועט שוין גיין ווי א מזמור...

א וואָך פאר פסח פּאַקט יאָשע־בער איין אין א קלאָר וויים ליילעך דעם סאַבאָלנעם פּוטער, גיט עס איבער אין אָוונט דעם קליינעם שיקסעלע און זאָגט: קום מיט מיר!

ער לאָזט זיך גיין צו היים דעם וווכערניק, א ייד א גרויסער בעל־סוד, פארזעצט מען ביי אים עפּעס, זאָגט ער קיינעם נישט אוים, סיידן מען לייזט עס נישט אוים און ער מוז עס פארקויפן... פאַרן סאַבאָלנעם פּוטער באַקומט יאָשע־בער פופצן קערבלעך, צאָלט ער דריי רובל אָפּ גלייך דעם פּראָצענטניק און מיט צוועלף רובל לאָזט ער זיך אהיים...

ער איז שוין א ביסל פרייליכער. וועגן מעות חטים נעמען טראכט ער שוין נישט. אפילו איבעראיאָר אויך נישט... ער וועט זיך ווי עס איז דורכשלאָגן אָן לייטישע הילף... ער האָט נאָך מלבושים, א ביסל זילבער אין הויז.... אָבער געבן וועט ער זיכער נישט... ער וועט פּשוט זאָגן: יידן, איך קאָן נישט!...

אז עס קומען אָבער אויף מאָרגן אריין צוויי חשובע באלעבאַטים, וועז ביי יאָשע־בערן בלייבט שוין פון די צוועלף קערבלעך נישט מער ווי א פינפערל, איז ער זיי מקבל פּנים מיט א גוטמוטיקן שמייכל און רופט אוים גאסטפריינדלעך:

— זיצט, יידן, זיצט!

די באלעבאַטים אָבער איילן זיך. עס איז פאר פסח, און אָרעמעלייט זענען דאָ א סך, און זיי מעלדן גלייך זייער כוונה.

— מיר זענען געקומען, ר׳ יאָשע־בער, נאָך מעות חטים!

— גוואַלד! גוואַלד! — זאָגט יאָשע־בער אַרוים מיט צופרידנקייט. — איך פֿאַרשטיי, אַז נאָך מעות חטים.

— וווהין דען זאָל מען גיין? — שמייכלט אַיין באַלעבאָס פֿון די צוויי. — איר זענט פֿון די ערשטע...

דאַכט זיך יאָשע־בערן, אַז ער לאַכט דאָס פֿון אים, ציגהט זיך אָן זיין פּנים און אין קאָפּ ווערט אים היים און ער מורמלט:

— אַוודאי, אַוודאי אַזוי... צו מיר דעם ערשטן... גוואַלד! הייסט עס, דאַרף מען אייך געבן מעות חטים... וועט איר מיר אַזוי גוט זיין צעבייטן אַן אַסיגנאַציע...

— אַ הונדערטער? — פֿרעגט בתמימות איין באַלעבאָס.

— אויב אַ הונדערטער האָבן מיר נאָך נישט...

— ניין — שטאַמלט אַרוים יאָשע־בער.. — אַ הונדערטער הווקא נישט... אַ קלענערע...

— אַ פֿופֿציקער? — פֿרעגט בתמימות דער צווייטער באַלעבאָס.

— חלילה... — שטאַמלט צעטומלטערהייט יאָשע־בער, און שלעפּט פֿון טאַש דאָס פֿינפֿערל.

— אָך, אַ פֿינפֿערל... אינגאַנצן!... — וווּנדערט זיך איין באַלעבאָס...

— איר מאַכט שוין אַ שפּאַס פֿון אונדז... מיר ווילן טאַקע, איר זאָלט אונדז געבן דאָס גאַנצע פֿינפֿערל: אַ סך אָרעמעלייט היי־יאָר, ברויכן מצה, וויין, קאַרטאָפֿל....

יאָשע־בער ווערט נאָך מער צעטומלט, ער זוכט מיט די אויגן הילף, ווי אַ באַפֿאַלענער פֿון צוויי גזלנים... עס איז אָבער אין הויז קיינער גראָד נישטאָ... און ער רוקט אַריין איינעם פֿון די צוויי דאָס פֿינפֿערל, מורמלענדיק:

— האָט איר עס טאַקע אינגאַנצן...

— שיין, שיין! — רימט איין באַלעבאָס.

— אַ פֿיינע נדבה! ר' יאָשע־בער! גאָט וועט אייך העלפֿן! — בענטשט אים דער צווייטער.

און אַז די צוויי באַלעבאַטים גייען אַרויס, קושנדיק די מזוזה, כאַפּט זיך ערשט יאָשע־בער, וואָס ער האָט דאָ געטאָן.... ער לויפֿט אום פֿאַר־צווייפֿלט איבער דער גרויסער שטוב, צופּט פֿאַרצווייפֿלט זילבערנע פּע־דעם פֿון דער באָרד און קרעכצט:

— אוי ווי, וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן!... וויאַזוי מאַכט מען איצט פּסח?...

עס קומט אריין אסתר־ביילע...

— אסתר־ביילע — מורמלט ער — זיי האָבן מיך בדלות געשטעלט.

— ווער? — שטעלט אסתר־ביילע אויס די אויגן אויפן מאַן.

— אָט די צוויי גבאים פון מעות חטים, זיי האָבן ביי מיר אויסגע־נאַרט די גאנצע פינפרובלדיקע...

אסתר־ביילע ווייס שוין אָבער פון אזוינע מעשיות, וואָס טרעפט מיט יאָשע־בערן, און זי שמייכלט ביטער:

— נו, מילא, וואָס קאָנסטו איצטער טאָן? מען וועט מוזן פאר־זעצן דעם גאָלדענעם בעכער... עס איז א חרפה פאר דעם פראָצענטניק...

און אז עס ווערט פינצטערלעך, נאָך מעריב, טוט זיך יאָשע־בער אָן און גייט דורך פארוואָרפענע געסלעך ווידער צום פראָצענטניק...

דער פראָצענטניק קען שוין דעם בעכער גוט... דאָך באַטראכט ער אים אויפדאָסניי און באָרגט אויף אים א פינפערל און רעכנט אראָפּ גלייך דעם פראָצענט א רובל...

אז יאָשע־בער קומט מיט די פיר רובל אהיים, הייבט ער אָן צו טענהן מיט אסתר־ביילען:

— איך בעט דיך, קויף נישט קיין גבירישע מאַכלים... מאך דעם פסח אבי ווי... איך שעם זיך נישט, פארשטייסט, איך וויל טאַקע, אז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אז איך בין אַן אָרעמאַן....

אסתר־ביילע שאָקלט מיטן קאָפּ און שמייכלט מיט א טרויעריקן, אָבער נגידישן שמייכל.

און יאָשע־בער צופּט די זילבערנע פעדעם פון זיין באָרד און קרעכצט:

— געוואלד, וויאזוי גייט מען זיי צו וויסן, אז איך האָב נישט, אז איך קאָן נישט... וויאזוי דערלעבט מען שוין די צייט, ווען איך וועל אליין נעמען מעות חטים... קומען וועט זי דאָך מוזן... הייגט וואָס טויג דאָס נאריש מאכן זיך מיט חיים דעם פראָצענטניק, אוועקטראָגן צו אים דעם פוטער און אויסלייזן פון אים דעם פוטער, פארמשכונען דעם בעכער און צוריק אויסלייזן?... א נאַרישע שפּיל!...

אָבער אַז עס קומט פסח און יאָשע־בער זיצט אין שול אויף זיין „שטאָט“ אין סאמע מזרח, אין די זויבערע קליידער, פארגעסט ער זיך ווידער... עס איז פאר קריאת התורה. אָט הייבט דער שמש אָן אויסצו־רופן די מקחים פאר עליות, דער קורס איז הויך, דער „שלישי“ ווערט שוין ארייגגעשטייגט אַזש ביז צוועלף גילדן, און יאָשע־בערס שכנים, אין

מזרח=וואנט קוקן אים אָן, ווי געזאָגט: און איר, ר׳ יאָשע=בער? גיט יאָשע=בער א ווונק צום שמש, ס׳הייסט: ער גיט דרייצן... און דער שמש רופט אוים מיט זיין קלינגענדיקן ניגון:

— דרייצן... גיל — דיין אום שלי — שי!....

און יאָשע=בער האָט שוין גלייך חרטה: ווו וועט ער נעמען צו באַצאָלן, אז צו פאַרזעצן איז שוין באלד נישטאָ וואָס? און ער הייבט אָן בעטן גאָט, הלוואי זאָל אים עמעצער איבערשטייגן...

געפינט זיך צום גליק א בעלן און שטייגט איבער. פאַרדריסט שוין ווידער יאָשע=בערן, און ווי נישט ווילנדיק, אָבער מיט א שטאָלץ פון א מענטשן, וואָס פארשטייט זיין ווירדע, ווינקט ער ווידער צום שמש.

און דער שמש קלינגט אוים, קוקנדיק מיט א שמייכל צו יאָשע=בערן:

— פופצן... גיל — דיין אום שלי — שי!....

און די שכנים פון מזרח=וואנט קוקן זיך איבער און מורמלען:

— יאָשע=בער איז נאָך נישט צו פאַרזינדיקן....

און יאָשע=בער — קוים וואָס ער האַלט זיך, ער זאָל נישט אוים=שרייען:

— געוואלד, יידן, האָט רחמנות! כ׳בין אַן אָרעמאַן...

און אַז ער גייט פון בית=מדרש, טראַכט ער מיט ווייטיק:

— גיין, איך בין שוין א פאַרפאַלענער... קיין אָרעמאַן וועל איך שוין קיינמאָל נישט ווערן... איך וועל מוזן נאָך יום=טוב פארזעצן די לייכטער און באַצאָלן פארן „שלישי“.

יידישע מטבעות

די גרויסע יידישע געלערנטע און היסטאָריקער ברעכן זיך די קעפּ וועגן די יידישע מטבעות פון דער צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק איז געוועזן זעלבשטענדיק אין זיין אייגן לאַנד. ס'איז דאָ סברות און השערות, אז נאָך אין אברהם אבינוס צייטן האָבן שוין די „עברים" געהאַט זייערע מטבעות. איך וויל אזוי וויט נישט גיין. איך בין נישט קיין היסטאָריקער און קיין אַרכעאָלאָג אוודאי נישט. אָבער אז די יידן האָבן געהאט אייגענע מטבעות און דווקא אין גלות, דערויף קאָן איך אליין עדות זאָגן. אזוינע מטבעות האָבן עקזיסטירט ביז מיט א יאָר צוואנציק צוריק אין פיל יידישע שטעטלעך, און זיי זענען „געגאַנגען", ווי די מטבעות פון א רעגירונגס-קאַזנאַטשיי, האָבן געהאט די זעלבע מאַכט און דעם זעלבן ווערט, אזוי אז עס פלעגן זיך געפינען אפילו אזוינע לייט, וואָס פלעגן די מטבעות נאָכמאַכן, פארוואָס די קהילה פלעגט זיי זייער הארט באַשטראָפן.

דערפונדן די מטבעות האָט מען אַדאַנק די פילע מהגות אָרעמעלייט, וואָס פלעגן באַפאלן דאָס שטעטל אין א יקרות-יאָר. ברויט איז דעמלט געוועזן א שאָד צו געבן. דאָס קלענסטע שטיקל ברויט איז ווערט געוועזן א קאָפּיקע; געבן ווידער די אָרעמעלייט אָנשטאָט ברויט געלט, — איז די קלענסטע מטבע געוועזן א האלבער גראָשן, און אין שווערע צייטן איז דאָס פאר די שטעטלשע יידן א צו גרויסע מטבע געוועזן. אָט ביי די דאָזיקע שווערע עקאָנאָמישע אומשטענדן, ווי מען דריקט זיך היינט אויס וויסנשאַפטלעך, איז דערפונדן געוואָרן די מטבע — די פּרוטה.

אַ פּרוטה האָט געהאַט דעם ווערט פון אן אכטל קאָפּיקע, א פערטל גראָשן הייסט עס. באַשטאַנען איז זי פון א קליין פּירקאנטיק שטיקל בלעכל, אויף וועלכן עס איז געוועזן אויסגעקריצט צוויי בוכשטאַבן, א „צ" מיט א „ל"; דאָס האָט געהייסן „צדקה לעניים", צדקה פאר די אָרעמעלייט.

די ערשטע צייט, אז די דאָזיקע מטבע איז דערפונדן געוואָרן, האָבן די אָרעמעלייט געמאכט א ויצעקו: עס האָט זיי, הייסט עס, נישט געטויגט דער עסק; זיי האָבן דווקא געוואָלט ברויט, ווייל ברויט, ווי געזאָגט, איז דעמלט געוועזן גראָד טייער, עס זענען געוועזן יקרות-יאָרן. טייל אָרעמעלייט, עקשנים, האָבן זיך איינגעשפּאַרט און קיין פּרוטה נישט געוואָלט

געמען, און ווען די גאנצע כאָפּטע אָרעמעלייט וואָלט געמאכט יד־אחת, קאָן זיין, וואָלטן זיי אויסגעפירט: מען קאָן מיט א וועלט אָרעמעלייט נישט איינריידן. זענען אָבער צווישן די אָרעמעלייט געווען אויך אריסטאָ־קראַטן, וואָס האָבן נישט ליב געהאַט צו שלעפּן די טאָרבע — אריסטאָ־קראַטן זענען, ווי עס איז ידוע, תמיד פּויל — און אַט די אריסטאָ־קראַטן זענען הווקא מיט די פּרוטות געווען צופרידן: עס איז פּאָרט שענער — אַ רייכערע פּרנסה הייסט עס: אָן א טאָרבע!...

די קאָזנאַטשייסטווע, ווו די פּרוטות זענען געמאכט געוואָרן, האָט זיך געפונען אויפן שול־הויף. דער קאָזנאַטשיי איז געווען זרח דער מלמד, וואָס האָט צוליב זיין אַלטקייט פארלאָרן דאָס קנעלונג, און די קהילה האָט אים געמוזט פארזאָרגן מיט פּרנסה... ביי דעם דאָזיקן אַלטן מלמד איז געווען שטענדיק פול דאָס שטיבל מיט אָרעמעלייט און באַלעבאַטים: די ערשטע פלעגן קומען אויסבייטן די פּרוטות אויף מזומנים, און די צווייטע קויפן פאר מזומנים פּרוטות... דער אַלטער זרח, א בייזער ייד, פלעגט אָפּט וועלן א פּרוטה קאָנפיסקירן:

— דער „צדיק" — פלעגט ער הייזעריק טענהן — איז נישט דער זעלביקער „צדיק" פון מיין פורעם! — ער וואָלט שווערן, אז דאָס איז א פאַלשע פּרוטה... — כף־הקלע וועט איר אוועקגיין! — פלעגט ער דראָען די אָרעמעלייט.

נאָר אויספירן פלעגט ער נישט. ער פלעגט אויך די דאָזיקע, כלומרשט געפעלשטע, מוזן אָננעמען, כדי נישט איינצורייסן צופיל מיט די אָרעמע־לייט, וועלכע האָבן אין יענער צייט געהאַט א גרויסע מאַכט און האָבן געקאָנט אים מאכן פאר אוים קאָזנאַטשיי...

אָסיען־צייט, אז אין שטעטל פלעגט זיך „אוועקשטעלן" די גרויסע בלאָטע און צום מלמד איז שווער געווען צוצוקומען, פלעגן פיל באַלעבאַ־טים און באַלעבאָסטעס קויפן די פּרוטות ביי די אָרעמעלייט אליין: פאר א קאָפּיקע אכט פּרוטות.

נאָך שפּעטער, אז די פּרוטות האָבן זיך שטארק פארשפּרייט און זענען געוואָרן מער ווי דאָס געלט, וואָס טייל באַלעבאַטים האָבן פאר־מאָגט, האָט מען די פּרוטות גענוצט אָנשטאָט געלט: פאר צוויי פּרוטות פלעגט א באַלעבאָסטע קויפן א פּאָר ציבעלעס, א ביסל זאַלץ אין קרעמל און שאר ירקות. און וואָס איז געווען טאקע די נפקא מינה? — ווייבאלד אז עס גייט ווי געלט נישט נאָר ביי די אָרעמעלייט, וואָס גייען איבער די הייזער, נאָר אויך ביי די קרעמער.

איבער דעם לאַנגן אַסיען פלעגט זיך אויף אזא אופן אָנקלייבן ביי די באַלעבאַטים א סך פרוטות. און אזוי ווי די אָרעמעלייט פלעגן אין א קורצער צייט ארום אַפּציען אין אנדערע מקומות, אויסבייטנדיק די פרוטות אויף מזומנים, איז וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער מזומן געלט גע־וואָרן אין שטעטל.

און אין איין העלן פרימאָרגן האָבן זיך פיל באַלעבאַטים ארומגע־זען, אז ביי זיי האָט זיך אָנגעזאַמלט צו גרויסע סומעס פרוטות. עס איז שוין געווען אין אָנהייב פרילינג, דער שניי האָט געלאָזט, און דער וועג איז געווען זייער א שלעכטער; קיין אָרעמעלייט האָבן זיך נישט געוויזן. מען איז געלאָפן צו זרח דעם קאזנאטשיי אויסצובייטן די פרוטות אויף מזומנים, נאָר דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער חשבון שטימט נישט: זרח דער מלמד האָט לויטן חשבון געקאָנט אויסטוישן קוים די העלפט; אין דער אנדער העלפט איז ער געבליבן הינטערשטעליק: מער איז קיין געלד אין קאזנאטשייסטווע נישט געווען.

די באַלעבאַטים זענען געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און נישט געוווסט וואָס צו טאָן.

דאָ האָט זרח דער מלמד זיי געטרייסט:

— איר ווייבעלעך, דערציילט קיינעם קיין מעשיות נישט, איר קאָנט פאר די פרוטות קויפן אין אלע קראָמען, וואָס איר דאַרפט, און אָם ירצה השם נאָך פסח וועט דער וועג ווערן בעסער, אָרעמעלייט וועלן זיך מיט גאָטס הילף ווייזן, וועט אַלץ זיין גוט, מיט גאָטס הילף, פרוטות זענען גוט געלט. הלוואי זאָלט איר זיי נאָר האבן א סך, וואָלט איר שוין נישט געדאַרפט זאָרגן, ווו אויסצוגעבן זיי... בפרט אז, אם ירצה השם, נאָך פסח קומען צוריק די אָרעמעלייט, מיט גאָטס הילף.

און געטרייסטע זענען די באַלעבאַטים אוועק אהיים.

און די פרוטות זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט ווי געלט. פאר אַכט פרוטות האָט מען געקויפט א ביטל כריין אויף פסח און דווקא ביי די שטעטלשע פויערטעס — אויך זיי האָבן די פרוטות אָנגענומען פאר געלט.

און וואָס איז געווען טאַקע די נפקא מינה — ווייבאַלד אז גענומען האָט עס יעדערער, און פון דעם, וואָס די קאזנאטשייסטווע איז באַנקראָט, האָבן נישט אלע געוווסט, און עטלעכע ווייבער, וואָס האָבן יאָ געוווסט, האָבן עס געהאַלטן בסוד.

1911

דער עיבור

— באַלד דאַרף מען שוין, דאַכט זיך, אַרויסנעמען דאָס ברויט, — האָט לאה געערעדט פאַר זיך, אויפמאַכנדיק די בלעך פון אויוון און באַטראַכטנדיק די זעקס לעבלעך ברויט, וואָס זענען געווען אויסגעזעצט אין צוויי ציילן.

זי האָט געוואָרפן עטלעכע ליבע בליקן אויף די לעבלעך, און וועלכע זי האָט, קנעטנדיק, איר נשמה אַריינגעלייגט, זי האָט אַ פרייען זיפץ געטאָן און פאַרמאַכט צוריק דעם אויוון מיט דער בלעך.

— נאָך אַ האַלבע שעה דאַרף זיצן, — האָט זי משער געווען, קוקנדיק אויפן אַלטן זייגער מיטן צעבראָכענעם ציפערבלאַט, וואָס איז געהאָנגען צווישן קאָמאָד און טיש.

— מאַמע! ביסט אייגעשמוצט אין סאַזשע, — האָט איר באַמערקט כאַשקע, וואָס האָט געוואַשן דאָס געפעס.

— אויך אַ זאָרג! — האָט די מוטער דערויף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — מען ווערט געגוג פאַרשוואַרצט, ביז וואַנען מען באַקט אָפּ אַ געבעק ברויט... דעם טאַטנס פרנסות, אַז אָך און וויי....

און לאה האָט זיך דערמאָנט, ווי שווער דאָס געבעק ברויט איז איר אָנגעקומען. שמעון, דער מאַן אירער, האָט שוין פון אַ חודש קיין קאָפּיקע נישט פאַרדינט, דער מסחר פון תבואה איז אַזוי געפאַלן, אַז איין גאָט זאָל נאָר רחמנות האָבן: אויף איין אַכטל האָבער, וואָס דער פויער פירט אַרויס, פאַלן אָן, ווי היישעריקן, טוּזנטער הענדלער און יעדער באָט אָן מער, וויפל עס איז ווערט, ביז דער פויער ווערט פון גרויס גליק צעטומלט און ווייס נישט, וואָס פאַר אַ גרויסן פרייז צו פאַרלאַנגען. אָט איז ער פון אַ פאָר וואָכן אויף די דערפער, טאָמער וועט גאָט אים דאָרטן עפעס צושיקן...

זי וואָלט נאָך לאַנג אַזוי געטראַכט, האָט זי זיך אָבער דערמאָנט, אַז די לאָפּעטע האָט זיך צעבראָכן, בשעת זי האָט דאָס ברויט אין אויוון געזעצט...

— שוין קיין לאָפּעטע, ברוך השם, אויך נישטאָ, — האָט זי אויפ־דאָסניי אָנגעהויבן מאַכן אַ חשבון אויף דער לאָפּעטע, וועלכע זי האָט שוין געניצט אין דער פרי באַקלאָגט, — מען דאַרף שוין גיין ווידער לייען.

און מיט אַ זיפץ איז לאה אַרויסגעגאַנגען קעגנאיבער צו אַ גוטער שכנה, הוואַשע, לייען אַ לאָפּעטע.

לאהס אויפפירונג, ווען זי קומט ערגעץ עפּעס לייען, איז נישט אַרויסצוזאָגן גלייך איר בקשה, נאָר מאַכן זיך, ווי זי איז כלומרשט אַריין מיט אַ וויזיט, אַ ביסל פאַרברענגען, און נאָך דעם ערשט ווענדן זיך פאַר־בייגייענדיק: „איך האָב געוואָלט ביי אייך לייען דאָס און דאָס“.

אויך איצט איז זי צוגעגאַנגען און אויס איידלקייט גענומען אַן אָנטייל אין שמועס.

דאָס מאָל איז אָבער דער שמועס אַליין אין שטאַנד געווען צו פאַר־האַלטן לאהן, און זי האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז זי האָט זיך פאַרגעסן, וועגן וואָס זי איז געקומען.

דער שמועס איז געגאַנגען וועגן עיבור־יאָר.

— נאָך אַ סך האָבן מיר צו ואדר? — פרעגט איין שכנה.

— הייניטיקן שבת, אַז גאָט וועט געבן געזונט, בענטשט מען שוין ואדר, — ענטפערט הוואַשע מיט לומדישער גדלות.

— ווען האָבן מיר ראש־חודש? — פרעגט די צווייטע שכנה.

— ראש־חודש האָבן מיר אַזוי גרוים ווי...

און הוואַשע פאַרקנייטשט, ווי אַ געלערנטע, דעם שטערן און זאָגט מיט שטאָלץ אַרוים: אָט וועל איך אייך באַלד אויסרעכענען: ראש־חודש איז געווען מיטוואָך און דאָנערשטיק, וועט זיין איצט פרייטיק און שבת...

— ווען נישט דער עיבור, וואָלט שוין געווען נאָך פורים, — האָט די ערשטע שכנה באַמערקט.

— אַקוראַט אַ וואָך נאָך פורים, — ווייזט ארוים הוואָשע ווידער איר לומדות.

און לאה שטייט און הערט מיט אינטערעס: דער עיבור לאָזט איר שוין לאַנג נישט שלאָפן און זי זאָגט ארוים מיט א זיפץ אירע געדאַנקען וועגן אים:

— זאָל מיר דער אייבערשטער נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, — הייבט זי אָן מיט אַ תחינה־ניגון, — דער עיבור ליגט אויף מיר אַזוי ווי אַ באַרג. פֿאַראַיאָרן אין דער צייט איז שוין וואָרעם געווען, הייניטיקס יאָר, ווען נישט דער עיבור, וואָלט שוין אויך מסתמא וואַרעם געווען. איך האָב שוין קיין ברעקל האָלץ נישט.

— וואָס רעדט איר, גאָט איז מיט אייך! — וועגדט זיך דוואָשע מיט אַ ליבן שמייכל צו לאהן. — דער אייבערשטער מיט זיין גרויס גע־נאָד שענקט אונדז אומזיסט אַ חודש לעבן און איר זייט נאָך נישט צו־פֿרידן און זינדיקט...

— וואָס איז שייך, ער שענקט, אוודאי שענקט ער — ענטפֿערט לאה ווי דערשראָקן — אַלץ שענקט ער, דאָס גאַנצע לעבן שענקט ער.

— איי, זאָלט איר געזונט זיין! — שמייכלט דוואָשע גוטהאַרציק אויף לאהס נישט געלערנטקייט. — וועגן דעם שמועסט מען דאָך נישט. אַלץ מאַקע שענקט ער, וואָס דען? פֿונדעסטוועגן פֿירן זיך ביי אים בי־בער, פּונקט ווי דעם זינדיקן מענטשן וואָלט אַלץ געקומען... יעדער טאָג, יעדער חודש, יעדעס יאָר גייט דאַרטן אין חשבון, ואדר שענקט ער דעם זינדיקן מענטשן במתנה, אזוי ווי, למשל, אַ צולאָג... אויף אַלע דריי יאָר — אַ צולאָג אַ חודש!

פֿאַר לאהן איז דאָס געווען אַן אומדערוואַרטע אַנטדעקונג. ביז אהער האָט זי וועגן עיבור געהאַט אַ באַגריף נאָר ווי וועגן אַ צוגעטשע־פּעטן חודש צום לאַנגן שווערן ווינטער. וויאזוי דער חודש גייט דאָרט אין רעכענונג, האָט זי גאָרנישט געקלערט. איצט האָט זי וועגן עיבור גע־קראָגן אַ לויטערע פֿאַרשטעלונג: דאָס שענקט גאָט דעם מענטשן אַן אומזיסטן חודש לעבן.

און גאָט האָט זיך איר אַציגד פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אַ מילדן, ווייב־האַרציקן... ער שטייט מיט אַ גוטן שמייכל ביי אַ וואַגשאָל... לייגט אהין יאָרן, הדשים, טעג און ער רעדט ליבלעך ארויס:

— אַ חודש איבעריק... אַ צולאָג! לאהן אַ צולאָג... אַ רחמנות אויף איר, אירע יאָרן זענען אזוי אויך, נעבעך, געציילט, אזוי וויניק... זי איז שוין אזוי שוואַך און קראַנק.

און לאהס פּנים שטראַלט פֿון דאַנקבאַרקייט, פֿאַר ליבשאַפֿט צום גוטן גאָט, און אזוי ווי פֿאַרשעמט ווענדט זי זיך צו דוואָשען:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך האָב דערפון גאָרנישט געוווסט. עס איז גאָר א חרפה צו זאָגן.

— וואָס איז די חרפה? — שמייכלט דוואָשע גוטהאַרציק. — איך האָב דאָס אין א ספר אויף עברי-טייטש געלייענט. מיין אַלטער זאָגט, אַז אין די לשון-קודשדיקע ספרים שטייט דאָס אויך.

און די אַנדערע צוויי שכנות באַשטייען אויך דערויף. זיי האָבן דאָס שוין לאַנג געוווסט.

— וואָס דען, א מענטשנס גאָב איז דען א גאָב? — הייבט אָן דוואָשע אַרייַנצולאָזן זיך אין חקירה. — אַז ער שענקט, איז געשענקט, וואָס קאָן, משטייגנס געזאָגט, א מענטש דעם אַנדערן מענטשן שענקען? א מענטש האָט גאָרנישט, אַלץ איז זייַנע!

און די ווייבער האָבן זיך געלאָזן טיף אַרומרעדן גאָטס מעשים, זייַנע חסדים, וואָס ער טוט מיט די זינדיקע מענטשן, און לאה האָט גערעדט מער פאַר אַלעמען: דער צוגעקומענער אומזיסטער חודש, וועלכער וועט איר אין חשבון נישט אַרייַנגערעכנט ווערן, האָט זי רעדעוודיק געמאַכט. און גערעדט האָט זי מיט פייער, מיט אויפלעבונג; עפּעס האָט זיך איר געדאַכט, אַז פון הייַנט אָן איז איר קורץ לעבן לענגער געוואָרן...

— אַ שאָד, וואָס דער עיבור קומט אויס אַלע מאָל ווינטער — האָט זי ענדלעך געפונען אויסצוזעצן א שטיקל חסרון אין גאָטס מתּנה — דער עיבור, האָט גאָט געדאַרפט מאַכן, זאָל אויסקומען זומער, זומער איז עפּעס פרייַלעכער אויפן האַרצן, ווארעם, מען דאַרף קיין האָלץ נישט.

זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז מיט אַזוינע רייד זינדיקט זי, און זי האָט זיך צוריק פאַרכאַפּט:

— ס'אַ דאַגה, זאָל זיין ווינטער — א חודש לעבן ווילט זיך ווינטער אויך.

— לעבן ווילט זיך אַלע מאָל... — האָט א שכנה מיט א זיפץ מיטגעזאָגט.

— יאָ, יאָ! — האָט לאה ווידער גערעדט. — לעבן איז א גוטע זאַך... א טייערע זאַך, עס איז טייערער פאַר פרנסה.

און פּלוצלונג האָט איר עפּעס אין קאָפּ א קלאַפּ געטאָן. דאָס וואָרט פרנסה האָט איר דערמאָנט אין דעם געבעק ברויט אין אויוון. זי האָט באַלד א שפּרונג געגעבן, און פאַרברענבנדיק די הענט, האָט זי ווי צעמישט אויסגעשריגן:

— דחאָשענקע... דאָס ברויט אין אויוון... גיכער לייט מיר אייער לאָפּעטע... אוי ווי איז מיר... פאררעדט זיך, פארברענט געוואָרן...

* *

*

אריינלויפנדיק מיט דער לאָפּעטע ווי א ווילדע חיה אין שטוב צו זיך, האָט לאה מיט אימפעט א כאַפּ געטאָן די בלעך פון אויוון, א וואָרף געטאָן אויף דער ערד, און ארויסנעמענדיק די לעבלעך ברויט און דער־זעענדיק דעם אייבערשטן שווארצלעכן גלאנץ פון זיי, האָט זי פון אָנ־פאנג נישט געוווסט וואָס צו טאָן און האָט פארצווייפלט די הענט גע־בראָכן. אז די ערשטע שרעקלעכע סעקונדעס זענען אריבער און דאָס אומגליק איז איר דייטלעכער געוואָרן, האָט זי זיך צעיאָמערט:

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר! א געבעק ברויט געפּטרט... אויף קויל... ביז וואנען איך האָב עס צונויפגעשלאָגן... וואָס טוט מען איצ־טער, וואָס טוט מען?

די קליינע קינדער האָבן זיך פאר שרעק באהאלטן אין די ווינקלען, נאָר די עלטערע טאָכטער האָט זי אָנגעהויבן צו בארואיקן:

— שאַ, נישקשה, מען וועט אויפעסן...

— ווערעם זאָלן דיך עסן, רבונו־של־עולם, — האָט לאה פארבי־טערט געשאָלטן — דו האָסט מיך נישט געקאָנט א רוף טאָן?... פאר־רעדט זיך דאָרטן, פרעג וואָס?... עיבור־שמיבער, מיין דאגה...

און באטראכטנדיק די זעקס לעבלעך ברויט מיט זייער אייבערשטן שווארצלעכן גלאנץ, האָט זי זיך צעבליפעט מיט א וויינענדיקן תחינה־ניגון:

— אוי, רבונו־של־עולם, גוטער גאָט, האָסט דאָך רחמנות אויף אלע דיינע באשעפענישן, האָב שוין רחמנות אויף מיר אויך און נעם מיר שוין צו פון דער פינצטערער וועלט...

.1901

די רירנדיקע דרשה

דאָס שטעטעלע ק. האָט געהאַט מזל צו מגידים. עס פלעגט נישט אוועק די וואָך, איבערהויפּט ווינטער-צייט, אז עס זאָל נישט קומען אהין א מגיד און באַגליקן עס מיט א פיר-פינף דרשות. די טירן פון גרויסן בית-המדרש זענען געווען פארשמירט גראָב מיט מודעות, וועלכע פלעגן זיך אָנהייבן מיט איין נוסח: „היום ידרוש“, און די שטאָט-גויע, וואָס פלעגט וואשן אלע ערב פסח די טירן, פלעגט, נעבעך, געננג באַדאַרפן האָרעווען אום אָפּצושייערן די איינגעגעסענע פארטריקנטע קליי, וועלכע מען האָט געשמירט מיט דער האנט אויף קהלשע הוצאות.

דאָס שטענדיקע הערן מגידים האָט זייער שטארק אויסגעפיינערט און אנטוויקלט דעם געשמאַק ביי די צוהערער; עס האָבן זיך באוויזן אין שטעטל באזונדערע טאלאנטן, קריטיקער, וואָס פלעגן מיט גרויס געפיל און בריהשאפט אָפּשאַצן יעדן מגיד נאָך זיין ווערט. די קריטיקער האָבן געהאַט א גרויסע ווירקונג אויפן איבעריקן עולם און מען האָט געדארפט דעריבער האָבן א שטארקע קראפט צו קענען „געמען“ דעם ק-ער עולם. זיי פלעגן זיך נישט שעמען אויסצוזעצן פעלערן, אויף אזעלכע מגידים, ווי דער „סקידלער“, דער „ווידלער“, וואָס האָבן אָנגעמאכט א גרויסן רעש „אויף דער וועלט“, ווי עס איז באוווסט פון די גאַזעטן. אויפן גרויסן מטיף ליבערמאַן, וואָס מיט אים האָט ממש געקלונגען, האָבן זיי גאָר באמערקט, אז ער זאָגט „גיט שלעכט“, אָבער נישט נתפעל געוואָרן — זיי האָבן בעסערע געהערט!...

מיאום פלעגט דאָרט, נעבעך, אָפּשניידן א מגיד פון די „פּוסגייער“, וואָס פירן זייערע דרשות צופוס; שווער פלעגט אים אָנקומען ביזוואגען ער פלעגט פועלן ביים שמש צו „זאָגן“, און אויף מאָרגן פלעגט אים דער זעלבער שמש, אפילו נישט מחילה בעטנדיק, גאָר אפּן איבערגעבן, אז דער עולם פארלאנגט נישט מער זיינע דרשות. דערביי פלעגט ער אים אין האנט ארייגרוקן א פּאָר גילדן, וואָס האָט זיך אויפגעקליבן אין דער „קערה“. אויב דער מגיד פלעגט האָבן די העזה, נאָך אזא קליינעם שכר-

תורה, זיך א קרים צו טאָן, פּלעגט אים דער שמש ענטפערן: „דאָס שטעטל איז גרויס". האָט איז געווען דער פּשט: „איר קענט נאָך גיין איבער די הייזער"...

איינמאָל אָבער האָט געטראָפן, אז איינער פון דעם סאָרט מגידים פון די „פוסגייער", האָט אָנגעמאַכט נאָר א גרויסן רעש מיט זיינער א דרשה, ער איז געקומען ווינטער, אין האַלב שבט, מאָנטיק פרי נאָכן האַווענען. ער איז אריין אין גרויסן בית-מדרש אָן א פּעקל. ווער ווייסט, ווי ער האָט עס אין שטעטל איבערגעלאָזט. נאָר דער שמש, וועלכער איז געווען געניט אין מגידים, האָט מיטן ערשטן קוק פאַרשטאַנען, אז דאָס איז נישט פון די געהויבענע מגידים, געוויס א „פוסגייער", און ער האָט זיך אויף אים אפילו נישט אומגעקוקט. דער מגיד האָט זיך ארום אים ארומגעדרייט, אונטערברומענדיק עפּעס א טרויעריק גמרא-ניגונדל. עס איז געווען קענטיק, אז ער וויל זיך פאַרשטעלן פארן שמש, נאָר ער וואַרט, אז פריער זאָל אים דער שמש געבן שלום. אָבער דער שמש האָט זיך קאַלטבלוטיק געטאָן זיין אַרבעט: פאַרשלאָסן די ספרים-שראַנקען, אויסגעלאָשן די לאָמפּן, אויסגעזידלט א פּאָר יונגע ישיבה-בחורים, וואָס זיי רייכערן, און אויפן אורח זיך אַלץ נישט אומגעקוקט. און דער אורח האָט זיך אַלץ ארומגעדרייט און ארומגעדרייט, ברומענדיק זיין גמרא-ניגונדל... ענדלעך האָט דער אורח נישט אויסגעהאַלטן, ער איז שטיל צוגעגאַנגען צום שמש און שוואַך ארויסגערעדט:

— שלום עליכם... איך בין א מגיד...

— עליכם שלום — האָט דער שמש אים קאַלט געענטפערט און געוואָלט אוועקגיין.

— מע וועט קענען זאָגן? — האָט דער מגיד פאַרהאַלטן דעם שמש מיט א פראַגע.

— דאָס וועל איך זען שפּעטער, — מנחה-צייט — האָט דער שמש מיט א טאָן פול גרויסקייט געענטפערט.

אָבער דער מגיד, וועלכער איז שוין א ביסל שטאָלצער געוואָרן, דערהערנדיק, אז א האָפענונג איז פאַראַן, האָט זיך געשטעלט ברייט:

— איר דאַרפט וויסן, אז איך האָב יענע וואָך געזאָגט אין מינסק, און גאָט צו דאַנקען, איך האָב דאָרטן נושא-חן געווען. איך בין נישט חלילה, פון די גראָשנדיקע מגידים...

— אויב אזוי — האָט דער שמש געענטפערט ווייבער שוין — קענט איר „זאָגן". ממה-נפשך, דער עולם וועט הערן.

און באלד איז שוין געווען אויפן טיר צוגעקלעפּט א מודעה „היום ידרוש“ א.א.וו.

נאָך מנחה האָט זיך שוין דער עולם צוזאַמענגעקליבן פון אַלע קליי־זלעך אין גרויסן בית־מדרש.

דער מגיד איז ארויף ווי דערשראָקן אויפן בימה, א קוש געגעבן דעם פּרוכת, א בלעטער געטאָן דאָס ספרל, וואָס ער האָט מיטגענומען, און האָט מיט א שוואכן ניגון א זינג געטאָן:

— „רבותי! שלמה המלך קומט צו גיין אין משלי און זאָגט אזוי...

— דער מגיד האָט געמאכט שלמה המלך, ווי דער אמת איז, פאר א גרויסן חכם, נאָך אויפן פּסוק האָט ער אָנגעפרעגט פינף האַרבע קשיות, און אום זיי צו פאַרענטפערן, האָט ער געבראכט א מדרש, א צוויי אגדתות, דריי „רבי־בר־בר־חנא“־ס, א שטיק פון „יערות־דבש“. ער האָט אלץ געמישט און געמישט, דערנאָך האָט ער געבראכט א משל פון א בן יחיד, וואָס איז געפאָרן למדינת הים. בכלל האָט ער די דרשה אָנגעצויגן אויפן הויכן שניט, ערטערווייז פאַרטראָגן צו גרויסע מגידים. נאָר דעם עולם האָט עפּעס די דרשה נישט גענומען. עס איז שווער גע־ווען צו דערקלערן די סיבה דערפון: צי דער ניגון איז זיי נישט געווען געפעלן, צי אפשר איז געווען שולדיק אין דעם זיין באָרד. זיין ניגון איז געווען שטיל, נאָר געגנוג טרויעריק און איז אריינגעפאַלן ערטערווייז אין אן עכט יידישער הייזעריקייט; די באָרד זיינע איז טאַקע געווען נישט קיין שיינע, נישט קיין לאַנגע באָרד פון א מגיד, ווי דער עולם האָט ליב. די צוהערער האָבן מינוטנווייז פאַרלאָרן אלץ מער דאָס געדולד, אויפ־געהערט צו קוקן אים אין מויל אריין און די קריטיקער האָבן זיך צע־וואָרפן מיט מיינונגען:

— גאָר נישט קיין זאָגער.
— נישטאָ וואָס צו הערן.
— ער האָט גאָר קיין צונג נישט.
— ער האָט קיין קול נישט.
— ער פּלוידערט.
— עט...

און אין בית־מדרש האָט אָנגעהויבן צו זשומען, וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, ביז עס איז איבערגעגאַנגען אין א גערודער. אייניקע, וואָס שטייען נאָענט נעבן בימה, רוקן זיך צוריק, צוריק. און ארום דעם מגיד ווערט אלץ מער ליידיקער פּלאַץ... אָט איז שוין א שטיק קיילעכדיקער

פלאַץ לײדיק... הינטן רודערט, דער שמש פּאַטשט.... און דער מגיד שטייט אויפן בימה א דערשראָקענער; דער גערודער, דאָס פונאַנדער־גיין זיך, דאָס פּאַטשן פון שמש שלאָגט אים אראָפּ פון וועג און ער טומלט זיך אין די רייד: אנשטאָט שלמה המלך זאָגט ער דוד המלך, אנשטאָט דער „מדרש" זאָגט ער „דער זהר" און פאַרקערט, ער פאַר־כאַפּט זיך צוריק, נאָר דאָס פאַרבעסערט נישט, עס ווירקט נאָך ערגער אויפן עולם, וואָס האָט ליב, עס זאָל גיין גלאַט. ביסלעכווייז צעגייט זיך דער עולם, די נעענטערע רוקן זיך אָפּ, אנדערע גענעצן... דער גבאי זאָגט דעם שמש אויפן אויער: שוין צייט מעריב צו דאַוונען, נאָר ער זאָגט עס אזוי „שטיל", אז דער מגיד הערט עס... אפילו דער אַלטער משה דער קרעמער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן קיין איין דרשה נישט דורכגעלאָזט, וואָס שטייט שטענדיק הארט נעבן בימה און קוקט אין מויל אריין יעדן מגיד און כאַפּט אונטער באַקאַנטע ווערטער פון פּסוקים, וועלכע דער מגיד ענדיקט נישט, פאַרלאָזנדיק זיך אויפן עולמס לומדות — אפילו ער גיט אויך א גענעץ דעם מגיד גלייך אין מויל אריין און רוקט זיך אָפּ, נישט ווילנדיק, א שטיק ווייטער.

און די דרשה ווערט אַלץ מער אָפּגעריסן און צעפּלאָנטערט. דער מגיד שטייט צעשראָקן. עס איז קענטיק, אז ער זוכט אן עצה, ווי צו באַרואיקן דעם שטורעם, ער איז מבטיח, אז באַלד איז ער מסים, נאָר ער קען נישט אַרײַסקריכן, ער האָט זיך צו שטאַרק פאַרדרייט אין פּסו־קים, אגדתות און מדרשים, קענטיק, נישט נאָך זיין כוח... דער טומל וואַקסט, אָט, האַלט זיך, שפּרינגט אַרױס אן עזות פּנים און שרייט: גע־נוג שוין — מ'דאַרף שוין מעריב דאַוונען... דער מגיד מאַכט מיט די הענט, וואַרפט זיך אום אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן א וואָרט, וואָס זאָל קענען פאַרהאַלטן און באַרואיקן דעם עולם, זיי זאָלן אים אויסהערן... זיי זאָלן זיך נישט צעגיין.... נאָר נישטאָ אזא וואָרט!...

פּלוצעם האַקט זיך אָפּ די דרשה, דער מגיד ווישט זיך דעם שווייס און קוקט מיט שטאַרע בליקן אויפן עולם, און באַלד ברעכט ער אויס איבערן בית־מדרש מיט זיין פאַרצווייפלטער הייזעריקער שטימע: „רבותי! איך בין א טאַטע פון אַכט קינדער, איך בין שוין פון דער היים א יאָר, איך האָב זיי געלאָזן אָן א גראָשן געלט... זיי הונגערן דאָרטן אוודאי, רבותי, רחמנים בני רחמנים, האָט רחמנות אויף א טאַטן פון אַכט קינדער"...

אין בית־מדרש איז שטיל געוואָרן ווי אויף א בית־עולם. א שווידער איז אדורכגעלאָפן יעדערן איבערן לייב. צייט מגידים האָבן דאָ געזאָגט, איז נאָך קיינעם נישט געראָטן צו ווירקן אזוי שטארק אויפן עולם. אפילו דער רב, וואָס איז בטבע א שונא מגידים, וואָס שלאָפט שטענדיק, אָנגעשפארנדיק זיך אויפן שטענדער, ווען דער מגיד זאָגט, האָט זיך דערפון אויך אויפגעכאפט, ארויסגעלאָזן א טיפן זיפץ, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געמורמלט: נעבעך, נעבעך...

און איין קריטיקער האָט מיט אומעטיקע אויגן א קוק געטאָן אויפן צווייטן און געפרעגט?

— האָסט געהערט?

— יאָ — האָט יענער טרויעריק געענטפערט.

— נו, א וועלטעלע, האָט א דריטער געזיפצט... — און דאָרט, הינטערן בימה ווו די קערה שטייט, איז געוואָרן א שטופעניש. דאָס האָט יעדערער זיך געשטויסן צו דער קערה אריינגווארפן זיין נדבה פארן מגיד. עס זענען געפלויגן גריוונעס, גילדנס און פערציקערס, ווי די טויבן...

און אויף מאָרגן זענען צוויי שיינע באַלעבאטים ארומגעגאנגען איבערן שטעטל צוזאמענקלייבן געלט. עס איז פאר זיי גענוג געווען נאָר ארויסצורעדן, אז עס איז פארן נעבטיקן מגיד, אז מען זאָל זיי טראָגן די נדבה אנטקעגן. די שענסטע נדבה האָט געגעבן יענער קריטיקער, וואָס האָט נעכטן געזאָגט אויפן מגיד, אז ער פלוידערט. אריינקוקנדיק צו די גבאים אין דער רויטער פאטשיילע, ווו דאָס געלט איז געלעגן, האָט ער מיט הארץ געזאָגט:

— עס איז א יושר אויפצוקלייבן וואָס מער. מילא, קען ער נישט זאָגן, אָבער א רחמנות איז דאָך. פאָרט א ייד א למדן. איר ווייסט — האָט ער געענדיקט, צעהיצנדיק זיך א ביסל — איך וואָלט וועלן, אז היינט זאָל מען מיר אים שיקן אויף וועטשערע. איך וואָלט זיין זייער צופרידן!

— ניין! — האָט איין גבאי געענטפערט — יאנקל לייבעס האָט שוין פארבעטן, נאָך אינדערפרי ביים דאַווענען.

יאַנקל לייבעס איז דער זעלבער, וואָס האָט נעכטן אויפן מגיד געזאָגט, אז ער האָט גאָר קיין מויל נישט.

.1900

דער מילכיקער טשאָלנט

באַשע איז אַמאָל געווען אַ שיינע באַלעבאָסטע אין קלעמענקע; קיין גבירטע, אפילו קיין נגידה איז זי קיינמאָל נישט געווען, נאָר קיין אָרע־מע אויך נישט: איר מאַן חיים בערעס איז געווען אַ הענדלער פון כל התבואות: פון ווייץ, קאָרן, האָבער, גערשטן, גריקע, באָב און ארבעס און אַמאָל אויך פון טרוקענע יאַגדעס און שוועמלעך; אין שטעטל פלעגט מען זאָגן: חיים בערעס וויל איינעמען די גאַנצע וועלט... צי פלעגט ער פאַרדינען, צי נישט, האָט ער קיינמאָל נישט געוווּסט. אַז מען פלעגט אים פרעגן: „וואָס מאַכט איר, ר' חיים? ווי גייט עס אייך?" פלעגט ער נאָר ענטפערן: עט, אַ דאַנק גאָט — עס רודלט זיך. און דאָס „רודלען זיך" איז אַ גוטער סימן, אַז מען איז תקיף אין מעמד.

און אָט דעמלט, בשעת עס האָט זיך גערודלט, איז באַשע געווען „אַ שיינע באַלעבאָסטע": דעם ערשטן חלק פלייש פלעגט אין יאַטקע באַקומען באַשע; און אַז זי פלעגט אַמאָל קיין צייט נישט האָבן צו קו־מען דאָנערשטיק אין יאַטקע, פלעגט די קצבטע איר אליין ברענגען אין שטוב אריין, וואָס נישט יעדע באַלעבאָסטע איז זוכה דערצו, ווי די קצב־טע פלעגט אַליין זאָגן:

— מעגט איר מיר גלויבן, באַשענקע, אַז חוץ פייגע־לאהן, טראָג איך אין שטוב קיינעם נישט קיין פלייש, נישט דערלעבן וועט ביי מיר זעלדע רי־זועס, צי בייטשע וועלוולס, איך זאָל זיי אין שטוב אריינטראָגן.

און באַשען פלעגט עס זייער הנאה טאָן, וואָס מער נישט ווי פייגע־לאהן און איר טראָגט מען אין שטוב אריין. אַ שפּאַס פייגע־לאה! די ערשטע גבירטע אין שטעטל!

אויסער דעם, איז באַשען געווען צו דערקענען פאַר אַ „שיינער באַ־לעבאָסטע" אין „צדקה". „אַ שפּאַס איר צדקה! — פלעגן די שטעטלשע שטענדיקע גבאיטעס רימען. — די קלענסטע נדבה איז ביי איר אַ קאָ־פּיקע! אַ גראָשן — חלילה! וועט זי קיינמאָל נישט געבן. אין צדקה

שטייט זי שוין העכער פאַר דער גבירנטע פייגע־לאהן — יענע איז טאַ־קע אַן אמתער חזיר, אונדזערע רייד זאָלן זיך נישט דערגיין“...

און אזוי האָט זיך באַשע געפירט איר גאַנץ לעבן, אזוי לאַנג ווי עס האָט זיך ביי איר מאַן חיים בערעס „גערודלט“.

אָבער „רודלען זיך“ קאָן אויך נישט אייביק.

ר׳ חיים האָט זיך פּלוצעם צוגעשטעלט און „אָנגעזעצט“...

אָבער אין קלעמענקע זעצט מען נישט אָן, ווי אין די גרויסע שטעט, וווּ דער אָנזעצער זאַמלט צונויף אַ פּאָר הונדערט טויזנט רובל, מעלדעט באַנקראָט, רוקט זיך אָפּ אַ פּאָר חדשים אין די מרחקים און נאָכער קומט ער צוריק און האַנדלט ווייטער. אָבער אין קלעמיגנע אַז מען זעצט אָן, שטעלט מען זיך שוין טאַקע קיינמאָל נישט אויף די פּיס...

אַז ר׳ חיים בערעס וואָלט מיט צען יאָר צוריק מאַכן אַ חשבון, וואָלט דעמלט אויך דער „סך הכל“ נישט ווייזן בעסער, ווי אין דער צייט, ווען ער האָט געמעלדעט באַנקראָט, נאָר דערויף האָט ער קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט און האָט שטענדיק געקלערט, עס רודלט זיך, זאָל זיך רודלען... אי וואָס: שפּעטער, נאָכדעם — עס וועט האָך מוזן פּלאַצן די זייפנבולבע. — עט!

און מיט דעם דאָזיקן „עט“: האָט ר׳ חיים „געצויגן“ גאַנצע צען יאָר, און אַז דער „עט“ האָט אָבער אָנגעהויבן דערעסן ווערן ר׳ חיימס קאָפּ, וועלכער פּלעגט שטענדיק גיין, ווי מען זאָגט „כּאָדאָראָם“ פון ליי־ען און צאָלן, האָט ער אויך מיט דעם זעלבן „עט“ זיך מיישב געווען, אַז: עט, וואָס ווערט דערפון? מען מוז! פריער, שפּעטער...

און אויף מאָרגן האָט קלעמענקע געקאָכט:

— וואָס זאָגט איר? ר׳ חיים בערעס, אַזאַ „תקיף אין מעמד“, אַזאַ שאַרפער הענדלער, אזא ספּעקוליאַנט, האָט אָנגעזעצט.

— איך האָב פריער געוווּסט, אַז אזוי וועט זיין.

— קאָן מען היינטיקע צייטן געבן געלט אויף פּראָצענט?

— די בעסטע זאַך — אין דער אייגענער קעשענע.

און ביז וואַנען אין קלעמענקע האָט זיך נישט געטראָפן קיין אינטע־רעסאַנטערע נייעס, האָט דער עולם אַלץ געשמועסט וועגן חיים בערעס און וועגן דער געוועזענער שיינער באַלעבאָסטע באַשען.

נאָר אין קלעמענקע מאַכן זיך אָפּט נייעסן: אינגיכן האָט זיך גע־טראָפן אַ מחלוקת וועגן שוחטים: קלעמענקע האָט פאַרוואָלט אַ דריטן

שוחט, און אַראַנק דעם דריטן שוחט, וועלכן מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון דער ווייט, איז ר' חיים בערעס „אַנגזעץ" פאַרגעסן געוואָרן; נאָר דאָס הייסט נישט, אַז מען האָט אים ווייטער אַנגעהויבן „געטרויען", ניין! קיין במוח וועט אין קלעמענקע אַן אַנגזעצער קיינמאָל נישט ווערן. אפילו די קצבטע וועט אַ פונט פלייש נישט באַרגן. פאַרגעסן הייסט: מען האָט אים אויפגעהערט צו געטרויען און אויפגעהערט צו רעדן וועגן אים, און ר' חיים בערעס האָט זיך אָנגעהויבן ציילן צווישן אַלע איבעריקע געפאַלענע באַלעבאַטים אין קלעמענקע.

אוודאי איז עס אַ גרויסער „בראָך", אַז די „ערשטע" באַלעבאַטים ווערן די לעצטע, נאָר חיים האָט עס נישט אַזוי שטאַרק געפילט, דעם כבוד אין בית־המדרש האָט ער אפילו נישט געהאַט ווי אַמאָל, אָבער דאָך „די שטאָט" אין מזרח איז געבליבן די זעלבע, נישט ווייט פון רב, און אַ „מזרח־וואנט"־ייִדן און דער רבס אַ שכן וועט דער גבאי, ווי ער זאָל נישט זיין קיין גראָבער יונג, ווי ער זאָל זיך נישט וועלן רייצן מיט אַ געוועזענעם שיינעם באַלעבאָס, וועט ער דאָך קיין העזה נישט האָבן אויפצורופן רביעי, צי, זאָל דער אויבערשטער אויסהיטן — אייגנס פאַר אחרון. דעם זעלביקן שלישי פלעגט ר' חיים נאָכן אָנזעץ אויך באַקומען. אמת, נישט אַזוי אָפט, ווי אַמאָל!

פילן האָט שטאַרק געפילט איר בראָך כאַשע. זי, כאַשע, די ערשטע באַלעבאָסטע אין צדקה, אין יאַטקע, אין גאַס, איז נעבעך אַזוי געפאַלן געוואָרן, אַז זי פלעגט שטילערהייט וויינען.

און פאַרוואָס זאָל זי נישט וויינען?

אַמאָל, אַז די צוויי שטאָט־גבאיטעס, ביילע־גיטע מיט חנה־לאהן, פלעגן גיין איבער דער שטאָט, פלעגט מען צום ערשטן אַריין צו איר, און זי פלעגט זיי, ערשטנס, בעטן זיצן מיט אַ ברייטן מויל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געהויבענער באַלעבאָסטע; צווייטנס, פלעגט זי מיט נאָך אַ ברייטערן מויל פרעגן: פאַר וועמען גייט מען דאָס? און אַז די גבאיטעס פלעגן זי אָפּרופן אין אַ ווינקל און אַריינרוימען איר אין אויער: „פאַר יענקל דעם מלמד, וואָס ווייסט איר: זיי זיצן שוין אַכט טאָג אָן ברויט!..." פלעגט זי דערמלט ווי אַ ציטער טאָן, מען זאָל זען, וואָס פאַר אַ גוט האַרץ זי האָט. און אַלץ מיט ברייטקייט. אויפמאַכן דעם קאָמאָד און אַרויסנעמען פון דאָרט אַ גאַנצן פינפקאָפּעקעס, און די ווייבער פלעגן בלייבן ווי פאַרשטאַרט, און איינע פלעגט זיך אָנרופן:

— מסתמא, אז איך האָב געזאָגט, מען זאָל אריינגיין פריער צו כאַשען, האָב איך געוווּסט, וואָס איך רעד.

און דערנאָך פלעגט זיך אָנהויבן אַ ווינטשעווען:

— דער אויבערשטער זאָל העלפן....

פון דאָס אַלץ פלעגט כאַשע וואַקסן פאַר נחת און גדולה.

היינט — אוים כבוד. אז זי דערזעט דורכן פענצטער די גבאיטעס, באַהאַלט זי זיך און הייסט די קינדער, זיי זאָלן זאָגן: „נישטאָ די מאַמע אין דער היים“... און אָפטמאָל איז איר פאַרשפּאָרט צו באַהאַלטן זיך: די גבאיטעס ווייכן אוים אינגאַנצן איר הויז; צו כאַשען, דער אמאָליקער ערשטער באַלעבאָסטע אין קלעמענקע, גייט מען נישט אריין נאָך אַ נדבה! און ביי אַזעלכע פאַלן ווייגט זי, ווי יום־כיפּור צו נעילה....

נאָך נאָך מער ווערט פאַרגאָסן איר בלוט ווי וואַסער, ווי זי דריקט זיך אליין אוים, אין יאַטקע. כאָטש זי נעמט שטענדיק פאַר מזומנים, וויל באָרגן, ווייסט זי, וועט מען איר שוין נישט, נאָר דאָס „אויפנעמען זי“ איז נישט וואָס אמאָל, דער חלק איז גאָר אַן אנדערער, שוין לאַנג אַז מען האָט איר קיין שטיקל „ריפּ“ נישט דערלייגט, קיין פעטן ביין, פון וועלכן דער שמאַלץ איז אַזוי געראָטן, נאָר עס גייט נישט אין דעם ביין: כאַשע איז אפילו אין די גוטע יאָרן קיין „פרעסערין“ נישט געווען. די געפאַלנקייט — אָט וואָס איר פאַרדריסט, אָט אויף וואָס זי וויינט!...

פון ברעננגען אהיים דעם חלק פלייש רעדט מען שוין נישט! אז כאַשע זאָל איצט אפילו צען דאָנערשטיקן נישט קומען אין יאַטקע, וועט איר די קצבטע אין שטוב נישט אריינטראָגן. כאָטש אין די „גוטע צייטן“ האָט די קצבטע אויך פון איר נישט געלעבט, נישט גליקלעך געוואָרן, נאָר דערמיט איז עפּעס אנדערש געווען, דערמיט איז אין שטעטל כאַשע געווען אַ גאַנצע סדרה, אָבער איצטער, פאַרוואָס קומט איר טראָגן נאָך אהיים דעם חלק פלייש?

און עס האָט זיך טאַקע געטראָפן, אז כאַשע האָט זיך איינמאָל איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט גיין אין יאַטקע, ווו איר בלוט ווערט פאַרגאָסן...

— פון וואָס זשע וועסטו מאַכן שבת? — האָט איר חיים געפרעגט

— און פון פּוגט פלייש, וואָס איך וועל נעמען, מיינסטו, קאָן מען מאַכן שבת? — האָט כאַשע זיך געקלאָגט. — אַלץ איין שוואַרציאָר! עס וועט זיין רעכט אַ מילכיקער שבת!

היימען איז אַפילו דער פּלאַן נישט געפעלן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אז עס זענען פּאָרט אויסגעגאַנגען אמאָליקע יאָרן, און נישט ווילנ־דיק האָט ער געזאָגט:

— מילא, זאָל זיין א מילכיקער שבת! וועסט ביי מיר אַליין פועלן! עס איז אפילו נישט אַזוי שיין!

— קיינער וועט אוודאי נישט קוקן אין טאָפּ — האָט כאַשע אים געטרייסט.

דער מילכיקער טשאָלנט, וואָס כאַשע האָט דעם ערשטן מאָל אין לעבן געשטעלט, האָט געראָטן... די קאַרטאָפל מיט פּוטער זענען געווען איינגעפּרעגלט, אַז דער ריח האָט זיך געהערט שבת ביים טיש, ווי פון די בעסטע געבראָטנס.

— גאַנץ גוט! — האָט חיים געלויבט.

— דער זכות פון שבת! — האָט כאַשע דערקלערט.

און כאַשע, די נישט לאַנג געוועזענע שיינע באַלעבאָסטע, וואָס אירע טשאָלנטן האָבן געהאַט א שם אין גאַס, איז געווען צופרידן פון דעם ערשטן מילכיקן טשאָלנט! עס איז א וווּנדער, אָבער, ווי געזאָגט, איז כאַשע קיין פּרעסערין נישט געווען... בשעת כאַשע פלעגט אין די גוטע יאָרן מאַכן גוטע טשאָלנטן מיטן שיינעם חלק פלייש, מיט דעם פעטן קוגל, איז דאָס אויך געווען נישט דערפאַר, ווייל זי איז א פרעסערין, חלילה! די לימווישע ווייבער האָלטן ווייניק פון דער אַכילה. דעמלט איז דאָס אויך געווען לכבוד שבת, אָבער אז דער זעלבער טעם האָט דער מילכיקער טשאָלנט, די קאַרטאָפל מיט פּוטער, וואָס קאָסטן אַזוי ביליק און צוליב וואָס זי דאַרף נישט גיין שוואַרצן די אויגן אין יאַטקע, וווּ אַמאָל פלעגט זי נעמען דעם בעסטן „חלק פלייש“ און היינט קאָן זי מער נישט נעמען ווי איין פונט, — היינט פאַרוואָס זאָל זי נישט זיין צופרידן און דאַנ־קען גאָט?!

און אַזוי האָט כאַשע א גאַנצן האַלביאָר געמאַכט מילכיקע שבתים, און די קינדער און אַפילו חיים אַליין פלעגן זיך נישט קאָנען אָפּלויבן פון דעם זיסן טעם פון דעם מילכיקן טשאָלנט.

נאָר איינמאָל האָט זיך מיטן טשאָלנט געטראָפן אַ גרויס אומגליק, און כאַשע האָט זיך פאַרשאָלטן איר לעבן.

ביי כאַשען אַליין איז קאַליע געוואָרן דער אויוון. ער האָט געדאַרפט

האָבן א קליינעם רעמאָנט, וועלכער האָט געדאַרפט קאָסטן נישט מער ווי פינף גילדן; פאַרשטייט זיך, אין די גוטע יאָרן, ד. ה. בשעת עס האָט זיך „גערודלט“, וואָלט כאַשע גלייך געדופן א „מוליער“ און וואָלט עס פאַרריכט, אָבער איצטער, אַז עס איז זעלטן פאַראַן אַ גראָשן אין שטוב, קאָן מען זיך זומערצייט באַגיין אָן איין אויוון: וואַרעמס קאָכט מען אויף אויפן פריפעטשיק און טשאָלנט „רוקט מען“ ביי אַ שכנה.

זינט ביי כאַשען איז קאַליע געוואָרן דער אויוון, „פאַררוקט“ זי איר טשאָלנט ביי עטל לייזערס, אויך אַפילו נישט קיין נגידיתטע, נאָר אַן אויוון האָט זי גראָד אַ גוטן, אַלע שכנים פרעגלען ביי איר אויף יום־טוב „יאָהערלעך“ און נאָך אזעלכע מינים יום־טובדיקע כיבודים, וואָס נישט יעדער אויוון טויג דערויף. די גאָסיקע ווייבער קאָנען זיך פון דעם אויוון נישט אָפּלויבן: ערשטנס, איז ער גרויס ווי א „פעלד“, און צווייטנס, האלט ער „היץ“. ווען עטלס אויוון דערציילט מען זיך אָן אין גאַס חידושים: איינמאָל, בשעת עס איז געווען דער גרויסער עכוב הקריאה און מען האָט זיך אין בית־המדרש געשלאָגן ביז פאַרנאַכט, אז טשאָלנט האָט מען געגעסן, בשעת מען האָט געדאַרפט עסן שלש־סעודות, און ביי אַלעמען איז פון די טשאָלנטן „אַש“ געוואָרן, ד. ה. קאַלט ווי אייז, און יעדע פרוי האָט געשאָלטן דעם גבאי פון בית־המדרש, אַז פון אים זאָל ווערן, וואָס עס איז געוואָרן פון „טשאָלנט“ — אפילו דעמלט, איר פאַרשטייט, אין אַזא עת־צרה, זענען די טשאָלנטן, וואָס זענען געשטאַנען ביי עטלען אין אויוון, געווען היים ווי פייער, און פון עטלס טשאָלנטן ווען האָט מען זיך נאָך געקאָנט שלאָגן אין בית־המדרש ביז נאָך מעריב, וואָלט אויך קיין ביין נישט געווען. נאָך א מעשה דערציילט מען וועגן עטלס אויוון, אַז איינמאָל האָט דער אויוון געהאַלטן אַזאַ היץ, אז איין שכנהס א טשאָלנט האָט „געקאָכט“, די שכנה איז געווען אויסער זיך פון שמחה: דער טשאָלנט איז אזוי היים!... נאָר די שמחה האָט איר געקאָסט גענוג געזונט נאָך אַ שכנה איז דערביי געשטאַנען, און זעענדיק ווי דער טשאָלנט קאָכט אזוי, האָט זי א פּאַטש געטאָן מיט די הענט און האָט א געשריי געטאָן:

— אַ קויל איז מיר! איר האָט אַ „שאלה“.

— ווי הייסט? — איז יענע געבליבן א טויטע.

— וואָס, איר מאַכט זיך צום נאַר? אָדער איר זענט א גויע? איר זעט נישט, אַז אייער טשאָלנט „קאָכט“, אַזוי ווי מען וואָלט אים ערשט היינט פאַררוקט. לויפט גיכער צום רב און פרעגט.

נאָך א פּאָר שכנות, וועלכע זענען אויך געקומען נאָך זייערע טשאָלנטן, האָבן פּאַטאַקעוועט און דערציילט א מעשה, וויאַזוי ביי כיענע שרהס איז אַזוי אַמאָל טריף געוואָרן א טשאָלנט: ער האָט זייער געקאָכט.

די שכנה, צו וועלכער דער טשאָלנט האָט געהערט, איז נעבעך נישט טויט געווען פאַר דער גאַנצער וועלט: נישט לעבעדיק אַוועקגעלאָפן צום רב: נאָר אַדאַנק דעם רבס ליב־שאַפט צום שבת, האָט ער זיך געסטאַרעט ווי ווייט מעגלעך איז כשר מאַכן, און גראַבלענדיק זיך אַ היפּשע צייט אין „שאלות ותשובות“, האָט ער דעם טשאָלנט כשר געמאַכט.

אָט ביי דער עטלען האָט כאַשע די לעצטע צייט אירע מילכיקע טשאָלנטן געקרוקט, און אויך דאָ האָט איר דאָס גרויסע אומגליק געטראָפן און זי האָט אַ פאַרשטערטן שבת געהאַט; איר שטיקל שטאָלץ, וואָס איז נאָך געבליבן פון די פאַריקע גוטע יאָרן, איז אינגאַנצן געבראָכן געוואָרן, און די כאַשע, די ערשטע באַלעבאָסטע אין גאַס, איז אַזוי געפאַלן געווען, אַז אַפילו פריידע־שלמהס, די אָרעמסטע פרוי אין גאַס, האָט איר באַדויערט:

— אָט וואָס פון א מענטשן ווערט! אַ מוסר אַראָפּצונעמען, ס'טייטש! כאַשע זאָל פאַרשטערן אזוי שבת און אָפּקומען מיט מילכיקע קאַרטאָפליעס...

דערגאַנגען זיך איז מען צוליב אַ יונג ווייבל, וועלכע איז ערשט אַראָפּ פון קעסט און וועלכע איז נאָך נישט געווען געניט אין עטלס אויוון און אין אַלע טשאָלנט־טעפּ, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, און זי האָט פאַרביטן איר טשאָלנט אויף כאַשעס. בכלל זענען אַלע טשאָלנט־טעפּ ענלעך איינער צום אַנדערן, גלייך פאַרשמאָלצן, און מבדיל זיין אין איין אויוון פון א טאָפּ, דאַרף מען זיין א גרויסע בריה. און דאָס יונגע ווייבל, וועלכע איז נאָך נישט געווען קלאָר אין די טעפּ, האָט אַרויסגענומען כאַשעס טשאָלנט און אוועקגעטראָגן אהיים, אָנשטאָט אירן. אין דער היים האָט זי אויפגעהויבן דאָס דעקל און געוואָלט זען, צי עס איז געראָטן, צי ליגט דער קוגל אינגאַנצן, צי זענען וויך געוואָרן די ביינער און נאָך אַזעלכע באַטראַכטונגען. אָבער ווי גרויס איז געווען איר וווּנדער, אַז אָנשטאָט, וואָס זי האָט פאַרקאָכט רעטשקענע קאַשע, האָט זי דערזען קאַרטאָפל און פון קוגל און פלייש איז קיין זכר ניש געווען.

אין א האַלבע שעה ארום האָט די גאַנצע גאַס געקאָכט פון דעם נייעס: א מילכיקער טשאָלנט!....

ביי כאשען איז געווען א פארשטערטער שבת. זי האָט זיך לכתחילה געוואָלט אָפּוואַרפן פון טשאָלנט, נאָר דערמיט האָט זי נאָך ערגער געמאַכט — די ווייבער פון גאַס האָבן זי געטרייסט, אז עס טרעפט אזוינע אומגליקן, מען פארשטייט, אַז זי, כאַשע, האָט נישט געמיינט צונעמען דעם פליישיקן און לאָזן דעם מילכיקן, ווייל אלע ווייסן, אז זי איז אַ טייערע יידענע און מען געדענקט נאָך די אמאָליקע צדקה אירע, די אמאָליקע שבתים, אָבער די אלע נחמות האָבן נאָך איר מער געשניטן דאָס האַרץ, און זי האָט ביטער געוויינט.

— דו ביסט עס ווערט! — האָט זי זיך געשטראָפט אָנשטאָט צו טרייסטן. — מיט אָרעמקייט דאַרף מען זיך נישט שעמען, וואָרעם וואָס מען שעמט זיך מער, איז אלץ קענטיקער די אָרעמקייט, וואָלסטו מאַכן שבת, ווי אלע ווייבער, מיט א שטיקל פלייש, נישט שעמען זיך גיין אין יאַטקע, וואָלסטו נישט האָבן אזא פארשטערטן שבת.

כאשע האָט נישט געענטפערט, זי האָט נאָר שטיל געוויינט ביים „טייטש־חומש“, ס'איז גראָד געווען שבת חזון.

— גוט נאָך, וואָס איך האָב אין די גוטע יאָרן געקויפט א טייטש־חומש! — דאנקט זי גאָט און נעמט זיך געשמאק צו לייענען און נאָך געשמאַקער צו וויינען.

.1899

די לעצטע האָפענונג

— אז איך זאָל װעלן, קאָן איך אַרײַנגײן צו חיים שװאַרצמאַן, װאָלט ער מיר געװיס געליען עטלעכע רובל — ער איז מײַנער אַ גוטער באַקאַנטער, ער װאָלט מיר געװיס, געװיס געליען. ער איז אַן אײדעלער מאַן...

אַזױ פלעגט לײזער שטענדיק זאָגן אין שטוב, װען עס פלעגט אױסקומען זײער ענג, װען דער קאַלטער װינטער פלעגט זיך פּלוצעם אונטעררוקן און עס איז קײן האָלץ נישט געװען; װען עס פלעגט אַ פּסח קומען און עס איז אױף קײן מצה נישט געװען, װען עס פלעגט אַ קינד קראַנק װערן און עס איז אױף קײן דאָקטאָר נישט געװען...

װען ער פלעגט דאָס זאָגן, פלעגט ער נישט קוקן די שטוביקע אין פּנים אַרײַן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רעדט ער צו זײַן באָרד, אױף װעלכער ער פלעגט דעמאָלט קוקן מיט ישוב־הדעת און מיט דרך־ארץ. נאָר זײַן באָרד האָט דאָס שױן פון אים עטלעכע מאָל געהערט און פלעגט נישט נתפּעל װערן פון זײַן זיכערן טאָן. עס האָט אױסגעװיזן, אַז די באָרד האָט זיך שױן פון זײַן רײַכן גביר, זײַן באַקאַנטן, לאַנג מיאש געװען.

אַנדערש אָבער האָט עס געװירקט אױף לײזערס װײַב, חנה — זי פלעגט אין זײַנע װערטער זיך אָנכאַפּן, װי אײנער װאָס טרינקט זיך אין אַ שטרױ, און פלעגט יעדעס מאָל אים דערױף ענטפערן:

— דו קאָנסט נאָר רעדן, טאָן קאָנסטו גאָרנישט — האָלסטו טאַקע אַמאָל אַרײַנגײן צו אים! אָט נעם, טו אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און גײ אַרײַן.

— ער װאָלט געװיס, געװיס געליען! — פלעגט לײזער אַלץ טענהן זײַנס: מיר זענען אַמאָל חברים געװען, ער װאָלט מיך דערקענט!... אַ חידוש, צי װאָלט ער מיך דערקענט! — פלעגט שױן לײזער הע־

בערן דעם טאָן און אָנהייבן מיט אַן אַנדער ניגון. — ווי לאַנג, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען, מיינסטו?... עס וועט זיין סך־הכל א....

— מאָ לייג טאקע נישט אָפּ און גיי שוין אריין — פּלעגט דאָס ווייב אים נישט לאָזן ענדיקן זיינע זכרונות: מען פאלט דאָך שוין פאר א גראָשן.

— ער וואָלט געווים געליען! — פּלעגט לייזער, אנשטאָט צו ענט־פערן חנהן, אליין רעדן צו זיין באָרד...

עס האָט אויסגעוויזן, אז דער געדאנק, אז ער וואָלט אים געווים געליען, איז אים טייערער ווי דאָס געלט, און ער האָט די ליבע האָפע־נונג נישט געוואָלט אזוי גיך פארשווענדן פאר עטלעכע רובל.

— „זאָל זיך וואלגערן א האָפענונג" — פלעגט ער ווי באשליסן אין געדאנק.

— נו, איז וואָס? דו גייסט, צי נישט? — פלעגט דאָס ווייב טרייבן אים.

— לייען וואָלט ער געווים געליען — טענהט ער אליין זיינס. — נאָר איך וויל נישט גיין, איך האָב נאָך צייט! אפשר וועלן מיר זיך איצטער ארויסדרייען אָן אים... גאָט וועט העלפן...

— רעדט און רעדט, און ווי עס קומט צו טאָן איז גאָרנישט — אוי, שלימזל, שלימזל, וואָס וועט זיין פון דיר?... — שאָקלט חנה מיטן קאָפּ און איר געקנייטשט פּנים ווערט געקנייטשטער און אירע פארלאָ־שענע אויגן ווערן פארלאָשענער...

נאָר לייזערן פלעגט עס נישט אַרן: זי איז א יידענע! זי קאָן נישט פארשטיין, וואָס א האָפענונג באדייט!... וואָס וועט שוין זיין די פּעולה, אז ער וועט גיין צום באַקאַנטן און לייען די עטלעכע רובל?... זיי וועלן גלייך צעשלאָגן ווערן און ער וועט בלייבן אָן געלט און אָן א האָפע־נונג... און אז עס וועט ווידער קומען זייער אַן ענגע צייט — (ווייניק ענגע צייטן האָט ער!) וואָס וועט ער דעמלט טאָן?... אָן א שטיקל האָ־פענונג אפילו בלייבן?... משוגע קאָן מען ווערן!

— לייען אָבער וואָלט ער געווים געליען! — ענדיקט ער הויך זיי־נע מחשבות און שמייכלט.

נאָר דאָס ווייב ענטפערט אים שוין נישט דעמלט. זי ווערט ברוגז.

— א נארישע יידענע, זי פארשטייט גאָרנישט, גאָרנישט — לגמרי גאָרנישט... — לאכט ער אין געדאנק.

* *
*

אזוי זענען פֿאַרבײַגעפֿלויגן פֿילע יאָרן. אין די פֿילע יאָרן זענען פֿיל קאַלטע ווינטערס געווען, ווינטערס אָן האָלץ, אָן וואַרעמע בגדים, אָן גאַנצע שיך.. אין די פֿילע יאָרן זענען פֿיל פּסחס געווען, וואָס האָבן מצה געפֿאָדערט, אין די פֿילע יאָרן זענען פֿיל מאָל די קינדערלעך קראַנק געווען און האָבן אַ דאָקטאָר געפֿאָדערט. און עס איז נישט געווען פֿאַר וואָס צו רופֿן, אין די פֿילע יאָרן זענען אַ דרײַ קינדער געשטאָרבן און עס איז נישט געווען פֿאַר וואָס אין קאַלטע קבֿרימלעך זיי אַרײַנלייגן, ווײַל קבֿרימלעך פֿאַר קינדער קאָסטן אויך געלט — אַלץ האָט געטראָפֿן אין די פֿילע יאָרן. און לײזער האָט זיך געשטאַרקט און צו זײַן באַקאַנטן גבֿיר אַלץ נישט געגאַנגען. ער האָט נאָר אין יעדער ענגער צײַט געטענהט: — לײַען וואָלט ער געוויס געליען, נאָר איך וויל נאָך נישט אַרײַנגיין... זאָל נאָך זײַן... עס וועט צוניצקומען אַן אַנדערש מאָל...

לײזער, בײַ וועלכן דער בייזער שונא — דאָס לעבן, האָט אַלץ אַוועקגערויבט, האָט נישט געקאָנט אַזוי גיך אונטערגעבן זיך מיט זײַן לעצטער נחמה, מיט דער האָפֿענונג, און ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט האָט ער זיך פֿאַרטיידיקט פֿון שונאס נעגל...

* *
*

די לעצטע צײַט אָבער האָט דער שונא אים מיט שטורעם גענומען, און לײזערן איז ענג געוואָרן, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אַ קער טאָן, עס האָט זיך דער ווינטער אָנגערוקט, אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, דאָס אײַזוועלע איז אײַנגעפֿאַלן, אַ בעט האָט זיך צעבראָכן, זײַנע שטיוול האָבן שוין מער קיין לאַטעס נישט געוואָלט צונעמען, פֿון דער טיר איז די קליאַמקע אַרויסגעפֿאַלן און פֿאַרלוירן געוואָרן, און די טיר איז אָפֿן געווען, און אַ ווינט, אַ בייזער ווינט האָט אין שטיבל אַרײַנגעבלאָזן... עס האָט אויסגעוויזן, אַז די נויט, די אַלטע מיאוסע מכשפֿה, האָט אים אָנגענומען מיט אירע דאַרע, קאַלטע הענט און האָט אים געוואָלט דערשטיקן, און ער האָט זיך געריסן פֿון אירע אָרעמס, און רײַסנדיק זיך אַזוי, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צו זײַן באַקאַנטן:

— איך גיי צו חיים שווארצמאַן לייען עטלעכע רובל, — האָט ער געמעלדעט אין שטוב.

— נאָר אין זיין שטים האָט שוין נישט געקלונגען יענע זיכערקייט, אז ער וועט געווים לייען, אים האָט זיך געדאכט, אז עפעס איז דורכן מיר ארויסגעפליגן, דאָס איז די האָפענונג ארוים — זיין איינציקע לעצטע האָפענונג...

.1904

דער שמעק טאַבאַק

אין דעם קליינעם שטעטל קאָניוקע געפינען זיך פינף גרויסע שולן. נאָר די גרעסטע ראָלע שפּילט דאָרט „דער קליינער בית=המדרש“, ווייל אין אים דאַוונט דער שטעטלשער ערשטער גביר, ר׳ יעקב סינקעס. שאַצן שאַצט דאָס שטעטל דעם גבירס פאַרמעגן אין צוויי הונדערט טויזנט רובל, נאָר א מאה אלף האָט ער טאַקע געהאַט, און פאַר קאָניוקע וואָלט גענוג געווען א פערטל פון דעם, אום צו שפּילן א גבירישע ראָלע. דערפאַר דאַוונען טאַקע „אין קליינעם בית=המדרש“ די שענסטע באַלעבאַטים, אויך די שטעטלשע כלי=קודש, ווי למשל, דער רב, דער שוחט, דער בעל=טאַקסע, א פּאָר פּרושים, וואָס „דינען“ שוין באַלד א יאָר צען אין דער קהילה.

צווישן די אַלע שיינע יידן האָט דאָ געדאַוונט גרונם דער דרדקי מלמד, וועלכער איז דאָ געווען עפּעס ווי א פינפטער ראָד צום וואָגן. פון קינדווייז אויף א דערשלאָגענער, האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט דעם מוט אריינמישן זיך אין א שמועס שבת נאָכן דאַוונען, ווו דער ראש=המדברים איז געווען דער „גביר“. ער האָט אפילו נישט געוואַגט אָנבויגן דעם קאָפּ אויף א זייט און צולייגן דעם אויער עפּעס הערן. פונווייטן פלעגט ער נאָר שטיין און שלינגען יעדעס וואָרט, וואָס גייט ארויס פון גבירס מויל. א שפּאַס, וואָס יעקב סינקעס דערציילט זיך אָן! דאָ דערציילט ער פון גראַף צאַפּסקי, מיט וועלכן ער איז שטאַרק „געקנעפּלט“ און איז ביי אים כמעט אַלע וואָך, וויאַזוי דער דאָזיקער גראַף האַלט חשוב א יידן. נאָך דער מעשה גייט ער איבער צום קורס, ווען דער רוסישער רובל הייבט זיך און ווען ער פאַלט (גרונם קאָן עס בשום אופן נישט פאַרשטיין: ער ווייסט, דאַכט זיך, אז א רובל איז אַלע מאָל א רובל! ער וויל עס פרעגן, נאָר ער האָט קיין העזה נישט). ווייטער דערציילט ער פון זיין נסיעה קיין קעניגסבערג יענע וואָך, וווהין ער האָט „אָטפּראוועט“ א טראַנספּאָרט געהילץ; וויאַזוי ער האָט צוריקפאָרנדיק זיך

באקענט מיט א פוילישן גלח, האָט געהאַט מיט אים וויכוח וועגן אמונה, און ער האָט דעם גלח מנצח געווען... און נאָך אזעלכע טויזנטער מעשיות, וואָס נאָר א גביר קאָן עס וויסן, א גביר, וואָס פירט געשעפטן מיט די גרעסטע שררות און קיין זאך איז פאר אים נישט צו שווער...

גרונם וואָלט אָפּגעגעבן א האלב לעבן, נאָר אויסרעדן אמאָל כאָטש א יי ן וואָרט מיטן גביר, ער וואָלט זיך מחיה געווען... ער פרווט עס אָבער קיינמאָל נישט: דאָס גבירישע געשטאַלט, די הויכע געוויקס, דער גרויסער בויך לאָזט עפּעס נישט צו; דאָס קלאָרע, פולע פּנים, דער שטרענגער קוק ווארפט אָן אויף גרונמען א פחד. ער וואונדערט זיך נאָר אויפן שוחטס גבורה, וויאזוי יענער שטייט אמאָל גאָר נאָענט נעבן גביר און ווארפט אריין אין שמועס אויך א וואָרט... „מען דארף טאַקע האָבן, טראכט גרונם דעמלט, א שוחטישע הארץ צו פועלן דאָס ביי זיך... איך קאָן דאָס נישט!“...

און גרונם, וועלכער דאוונט שוין באלד פופצן יאַר אין „קליינעם בית־המדרש“, האָט נאָך קיינמאָל מיטן גביר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. נאָך קיינמאָל די זכיה נישט געהאַט און האָט עס אפילו אין זינען נישט. ווען? וויאזוי? סיידן ער זאָל ווערן אליין אַ נגיד, נאָר פון וואָס קאָן ער רייך ווערן? פון די דרדקי־ייִנגלעך?

דאָך די לעצטע צייט האָט גרונם אָנגעהויבן צו טראכטן וועגן רעדן עפּעס מיטן גביר, און נישט נאָר רעדן, נאָר טאַקע שטאַרק א שמועס טאָן...

ביין רעיון וועגן שמועס, קומט אים דאָס בלוט גלייך אין פּנים, דאָס הארץ — קלאפט ווי ביי א גזלן, וואָס גייט הרגענען א מענטשן. א שפּאַס! ער דאַרף פירן מיטן גביר אזא וויכטיקן שמועס! ער וויל בעטן דעם גבירס אייניקל, וואָס הייבט דעם זומער אָן צו לערנען, צו זיך אין חדר אריין. בעטן א ייִנגל אין חדר איז ביי גרונמען אפילו נישט קיין נייעס: אלע „זמן“ בעט ער אזוי איין צוואנציק תלמידים, און האָט שוין דערויף אַן אויסגעאַרבעטן „נוסח“, נאָר וואָס גלייכט מען? מיט פּשוטע באלעבאטים מאכט נישט אויס, וויאזוי מען רעדט, אָבער מיט אזא גביר הארף מען דאָך וויסן וואָס צו רעדן, א יי ן איבעריק וואָרט, הלילה, קאָן אוועקהרגענען אינגאנצן...

און פון פורים אָן ביז פּסח קומט פאָר ביי גרונמען אין הארצן א גרויסע מלחמה. ער וויל ארייננעמען א גרויסן גענעראל אין פּלען, און ווייסט נישט אויף וואָס פאר אן אופן און האָט סתם מורא...

נאָר אָט איז שוין פּסח! אויב ער וועט די טעג נישט צוגיין, איז שוין פאַרפאַלן, פאַרשפּילט דאָס גליק אויף אייביק! און אַ קלייניקייט וואָס פאַר אַ גליק דאָ וואָלט געווען! דעם גבירס אייניקל לערנט ביי אים!... ערשטנס דאָס געלט: ער וואָלט אוודאי געצאָלט פּופּצן קערבלעך, אויב נישט די גאַנצע צוואַנציק. הײַנט דאָס צאָלן שמועסט מען דאָך נישט — פאָרויס אַ צענרובלדיקע!... הײַנט דער כבוד אליין, וויפל איז ווערט דער כבוד?....

און גרונמען פאַרטראַגט דער כוח הדמיון ווייט:

— ווו לערנט ר׳ יעקבס אייניקל, ר׳ גרונם?

— וואָס הייסט „ווו“? איר ווייסט גאָרנישט? אַ שיינע מעשה! ער לערנט ביי מיר, ביי מיר טאַקע! וואָס דען האָט איר געמיינט: ער וועט אים צו אַן אַנדערן מלמד אוועקגעבן? מער וואָלט אים נישט פעלן?...

אַ גליקלעכער שמייכל באַשײַנט זיין פינצטערן פּנים, נאָר ער גיט אַ קוק אויפן גביר און פון גאַנצן דמיון ווערט אַש! דאָס בלויז ווערט מען אַזאַ הארץ, וואָס זאָל אַזוי נישט קלאַפּן?...

און אָט איז שוין די „אַנדערע טעג“ פּסח! הײַנט מוז ער צוגיין, ער מעג אפילו וויסן, אַז ער וועט דערפון זיבער שטאַרבן! ער מאַכט אַן אָרדענונג מיט זיינע געדאַנקען און גרייט זיך צו, וויאַזוי צו רעדן נאָכן דאַווענען.

— „גוט יום־טוב, ר׳ יעקב!... — מאַכט ער אַ רעפּעטיציע. — אין אים פאַרקילט פאַר שרעק: „וויאַזוי גייט מען צו?“ ווו נעמט מען אַזוינע געזונטע פּיס, זיי זאָלן קאָנען אײַנשטיין בשעת־בעשה, ווו נעמט דאָך באַקלערט ער: עס איז צו פּראָסט: „גוט יום־טוב, ר׳ יעקב!“ אַזוי זאָגט מען דאָך אַלעמען, הײַנט וואָס איז דער חילוק? איך וועל בעסער זאָגן: „אַ גוטער יום־טוב, ר׳ יעקב!“... עס געפעלט אים ווייטער נישט. ער געדענקט, שמחת־תורה האָט זיך לייבע דער שוסטער אײַנגעשיכורט, פלעגט ער אַזוי שרייען ווען ער פלעגט נאָר באַגעגענען... ביי אים בלייבט, אַז ער וועט טאַקע זאָגן „גוט יום־טוב“, נאָר ווייך און שטיל...

— גוט יום־טוב — דעקלאַמירט ער... — יאָ, אַזוי וועט זיין גוט.

ער גרייט זיך ווייטער צו:

— איך האָב געהערט זאָגנדיק, אַז אייער אייניקל, זאָל זיין אויף לאַנגע יאָר (דאָס וועט דעם גביר זיכער געפעלן ווערן), הויבט אָן אין אַ מזלדיקער שעה הײַנטיקן זומער צו לערנען... איך בין גרונם דער

מלמד... ביי מיר לערנען די שענסטע באַלעבאַטישע קינדער... איך בעט אייך ר' יעקב (אפשר מורנו ר' יעקב? — פליט אים דורך אין קאָפּ), גיט מיר אייער אייניקל, צוליב שכנות — מען דאַוונט צוזאַמען...

נאָר דאָס לעצטע געפעלט אים נישט. וואָס פאַר שכן ביסטו מיט מיר, מלמד איינער — דו דאַוונסט נעבן טיר און איך נעבן ארון קודש...

ער זוכט אַן אַנדער נוסח: „צוליב אַלטע באַקאַנטשאַפט"... פוי, נאָך ערגער, שפּייט ער אויס — „אַ גייער באַקאַנטער" — וועט ער זאָגן און גאָר אין כעס ווערן.

ענדלעך געלינגט אים צו פאַרבייטן אַזוי:

— איך בין אַ גרויסער „בעל־פועל", אין א יי ן „זמן" פאַרט מען ביי מיר אַריין אין עברי, טאַקע רעכט אין עברי! איך האָב דערצו אַ באַזונדער למוד.

ער קלערט איבער דאָס זעלבע נאָכאַמאָל און געפינט, אַז עס איז גוט, נאָר „פאָרט מען ביי מיר אַריין" איז עפּעס מעשה „בעל־עגלה"...

ער זוכט אַן אַנדער נוסח:

— אין איין „זמן" לערן איך אויס עברי על־פּי דקדוק. — דאָס געפעלט אים שוין אינגאַנצן און ער האָפט, אַז דער גביר וועט אים מיט גאָטס הילף נישט אָפּזאָגן.

נאָכן דאַוונען לייגט ער זיך איבער און באַשליסט זיך פעסט צוצוגיין. ממה־נפשך — שטאַרקט ער זיך — יאָ־יאָ, נישט־נישט! אין קאָשע וועט ער דאָך מיך נישט אַוועקן.

די שיינע באַלעבאַטים זאָגן שוין דעם גביר גוט יום־טוב, מען וואַרפט זיך איבער נאָך מיט אייניקע ווערטער, און מען גייט זיך פאַנאַנדער. קיין וויכטיקס האָט די לעצטע טעג ר' יעקב נישט צו דערציילן, עס האָט זיך איבער יום־טוב אויסגענומען. און דער גביר האָט שוין בדעה אַרויסצוגיין, ער דאַרף נאָר צונויפלייגן דעם טלית.

גרונם רוקט זיך ווי אַ שאָטן... די פיס ברעכן זיך אונטער אים.

— מען דאַרף נעמען אַ שמעק טאַבאַק ביי דעם שמש, דאָס וועט מיך אפשר מוטיקן — באַשליסט ער.

— זייט מוחל, שמש — ווענדט ער זיך מיט אַ האַרצקלאַפּעניש צום שמש — גיט אַ שמעק טאַבאַק.

דער שמש נעמט אַרויס פונעם בוזעם דאָס פושקעלע, גרונם רוקט אַהין אַריין די צוויי פינגער, פאַרשיט אַ ביסל אויף דער ערד, נאָכדעם גיט ער אַ שטאַרקן שמעק, נישט נאָך זיין געוווינהייט, און טראַכט זיך:

„זאָל זיין, רבונו־של־עולם, צו רפואה“. און לאָזט זיך גיין קעגן גביר, ווי שיכור...

אָט שטייט ער שוין נעבן ר׳ יעקבן.

— גוט יום־טוב, ר׳ יעקב — רעדט ער קוים ארויס.

דער גביר שטעלט אויס פארוואונדערט אויף גרונמען די אויגן און פרעגט:

— וואָס ווילט איר זאָגן?

— ע, ער לאָזט זיך דאָך רעדן — טרייסט זיך גרונם — שטייפער, שטייפער! נאָר נישט געשראָקן זיך“, און ער פאסט זיך מוט ווייטער צו רעדן:

— איך... האָב... אפששששש — צעניסט ער זיך פלוצעם פון שמעק טאבאק, די אויגן ווערן אים פול טרערן, און פארשפריצט דעם גבירס ראָק און פנים...

— טפוי! וואָס איז דאָס פאר א מין מיאוסער ייד! — ווערט ר׳ יעקב אויפגעבראכט און מיט עקל ווייזט ער מיט דער האנט — גייט אייך, גייט אייך ווייטער! איך האָב מיט אייך קיין געשעפטן נישט.... פוי... אין פנים ניסט ער... וואָס א לומפ נישט קען. שמש!

דער שמש פליט אונטער, ווי נישט לעבעדיק.

— ווער איז ער, אָט דער שוטה! — פרעגט דער גביר, קוקנדיק ביז אויפן שמש.

— א מלמד... א דרדקי־מלמד — ענטפערט דער שמש דערשראָקן

— ס׳איז א מין שוטה. אין פנים ניסט ער... א מין פראָ־אדם... פוי!....

— הייננט גיי צעריים זיך — האָט גרונם, ארויסגייענדיק מיט בזיו־נות פון האָוועגעז, גערעדט מיט זיך אַליין — קיינמאָל שמעק איך נישט קיין טאַבאַק, הייננט האָט זיך מיר גאָר פארגלוסט א שמעק טאָן. א נייע רפואה!... אזוי וואָלט דאָס אייניקל ביי מיר געווים גענעזן, געווים! דער שמעק טאבאק האָט מיך געהרגעט...

1900

פאַרשטעלטע מיליאָנערן

עס איז געווען א שיינער זומערטאָג. די זון האָט געטריקנט די קליינע הייזעלעך פון גאַס און אירע שטראַלן האָבן זיך געשפּילט אויף די שויבן פון די פענצטער. די פּאָר ביימעלעך, וואָס האָבן זיך געפונען ערגעץ אין די גוישע הייפלעך, האָבן זיך לאַנגזאַם געשאָקלט, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין העזה מאַכן א גערויש מיט זייערע בלעטער. קליינע קינדער האָבן זיך געשפּילט אינמיטן גאַס מיט זאמד און זיך צעלאָפן דעמלט, ווען א פור האָט זיך באוויזן אויפן שפּיץ באַרג פון מארק, און נאָכדעם ווי די פור פלעגט פאַרשווינדן, האָבן זיי זיך צוריק אנידערגעזעצט און פאָרגע־זעצט זייער שפּיל.

אויף יענקל לייבעס גאַנעק איז געזעסן די עלטערע טאָכטער שרהקע און עפּעס גענייט. די מוטער, זלאַטע, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, איז געזעסן קעגנאיבער מיט א זאָק אין דער האַנט און האָט דאָ געקוקט אויף די שפּילנדע קינדער, דאָ אויף דער טאָכטער און פון צייט צו צייט גוט־מוטיק געגענעצט.

אין גאַס איז געוואָרן שטילער און רואיקער. עס האָט זיך בלויז גע־הערט א דומפּער קלאַפּ פון א האַמער איבער א קאָוואַדלע ערגעץ אין אַ ווייטער קוזניע. און ענדלעך זענען אויך די דומפּע קלעפּ פאַרשוווּנדן.

די גאַס האָט אַזוי ווי איינגעהאַלטן איר אָטעם און האָט אויף עפּעס באַדייטנדעס געוואַרט.

די טאָכטער האָט ענדלעך אָוועקגעלייגט דאָס שטיקל שטאָף, וואָס זי האָט גענייט, אויף דער שויס און זיך פאַרקוקט.

פּונקטלעך האָט זי דערזען גיין א ייד מיט א פּאַק אויף די פּלייצעס.

זיין גאַנג און זיין אויסזען איז געווען פון א פרעמדן, א ווייטן...

— מאַמע, ווער גייט עס דאָרטן?

די מוטער האָט זיך אומגעקוקט, און נישט זעענדיק אים ווי געהעריק, האָט זי געדריקט מיט די פּלייצעס:

— אפשר אן אָרעמאַן.

אָבער וואָס מער ער האָט זיך דערנעענטערט, אלץ מער האָט די מו־טער און די טאָכטער זיך פאַראינטערעסירט. ענדלעך איז דער פרעמדער פאַרבייגעגאַנגען נישט ווייט פון גאַנעק, און באַגעגנדיק די בליקן פון די צוויי פרויען, האָט ער העכער אויפגעהויבן זיינע געדיכטע רעטזעל־האָפטע ברעמען און שטומערהייט עפּעס פאָרגעלייגט.

— מאַמע, דאָס איז אַ פּאַקנטרעגער.

— איך דאַרף גאָרנישט! — האָט די מוטער קאַלט אַרויסגעזאָגט.

אָבער אַז דער פּאַקנטרעגער איז פאַרבייגעגאַנגען האַרט פאַרביי דעם גאַנעק און אָנגעקוקט זיי מיט זיינע סודותדיקע אויגן, האָט די טאָכטער זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אים אָפּגעשטעלט:

— וואָס פאַרקויפט איר, ר׳ ייד?

— דער ייד איז שטומערהייט אַרויף אויפן ערשטן טרעפּל פון גאַנעק, זיך אַנידערגעזעצט, אָפּגעווישט דעם שוויים מיט דעם ווייסן אַרויסגע־שטאַרטן ארבל פון העמד און אָפּגעבונדן דאָס פּעקל.

אָנפאַנגס האָט ער געוויזן פאַרשידענע ציצית. דער דאָזיקער סחורה האָט די מוטער און די טאָכטער נישט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט, האָט ער געוויזן אַ קמיעלע, אַ סגולה פאַר קינדער, ווען עס שניידן זיך ציינדלעך. אויך דאָס האָט די מוטער נישט געדאַרפט. די קינדער זענען שוין דערוואַקסן. דער פרעמדער איז נישט נתפּעל געוואָרן, האָט גענומען צונויפלייגן די סחורה אין אָרדענונג, דערווייל האָט די טאָכטער דערזען אַ ביכל.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי נייגעריק געפרעגט.

—דאָס איז אַ מעשה־ביכל.

— ווייזט נאָר אָנקוקן... — האָט די טאָכטער אויסגעצויגן די האַנט.

— צוואָס? — האָט די מוטער נישט דערלויבט.

דער פּאַקנטרעגער האָט אָבער זיך נישט גערעכנט מיט דער מוטער און שטומערהייט ארויסגענומען פון אַ פּעקל פאַרבונדערע ספרים דאָס פאַרלאַנגטע מעשה־ביכל.

די טאָכטער האָט זיך גענומען לעזן דאָס פאָדערבלאַט:

דער רייכער בעטלער. ראָמאַן אין צוויי טייל.

דער טיטל איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ בעטלער זאָל זיין רייך? עס איז זייער טשעקאַווע. דאָ מוז זיין אַ געוואַלדיקע ליבע. עס מוז אָבער קאָסטן זייער טייער.

— צוויי גילדן... — האָט דער פּאַקנטרעגער אויסגעברומט...

— מאַמע, איך וועל קויפן... — האָט זיך שרהקע געבעטן...

— קויפן?... האַ? — האָט די מוטער שוין אויך באַקומען חשק. אָבער די סומע איז דאָך געווען צו גרויס און זי האָט זיך גיִסטאַרעט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק:

— עס איז אַפּנים אן אמתע מעשה?

— אמת, ווי גאָלד! — האָט דער פּאַקנטרעגער פאַרזיכערט.

— און אַז אן אמת, — האָט די מוטער שוואַך נאָכגעגעבן, — דאַרף עס קאָסטן אַזאַ פאַרמעגן?

מען האָט זיך גענומען דינגען. די מוטער האָט געהייסן געבן א פּערציקער, די טאָכטער האָט שוין געוואָלט געבן פון איר אייגענער געלט א פּערטעלע:

— מאַמע, איך גיב פון מיינע א פּערטעלע...

— דיינע, מיינע... וואָס מאַכט עס אויס? — האָט די מוטער זיך נאָך אַלץ געקווענקלט. — דער טאַטע וועט זיך בייזערן.

— דעם טאַטן וועלן מיר זאָגן, אַז עס קאָסט א גילדן...

— וועט ער אויך שרייען! — האָט די מוטער מורא געהאַט.

אָבער דער חשק צום מעשה־ביכל איז שוין ביי ביידן שטאַרקער געוואָרן, ווי די מורא פארן מאַן און טאַטן. עס איז געקויפט געוואָרן פאַר א פּערטעלע. נאָכן אָפּצאָלן האָט די מוטער ווידער געצווייפלט:

— עס איז אַפּנים אן אמתע מעשה? מיינע שונאים זאָלן אַזוי לעבן...

דער פּאַקנטרעגער האָט שוין דאָס פּערטעלע אריינגעלייגט טיף אין א ווייטער קעשענע. דאָך האָט ער די מוטער באַרואיקט:

— עס איז אן אמתע מעשה. איך נאר אייך נישט אָפּ...

די מעשה איז געווען אין צוויי טיילן. אין ערשטן טייל האָט זיך דערציילט פון איינעם א בעטלער און פון איינעם א מיליאָנער. דער בעטלער האָט זיך געווענדעט צו זיין משפחה נאָך הילף, האָבן אים די רייכע פון דער משפחה אַרויסגעוואָרפן פון הויז, די אָרעמע האָבן אים געגעבן עסן און טרינקען פון דעם לעצטן. דער מיליאָנער ווידער האָט געטאָן טובות. אין צווייטן טייל האָט זלאַטע און שרהקע דערפארן, אַז דער בעטלער איז דאָס געווען דער מיליאָנער און דער מיליאָנער איז

דאָס געווען דער בעטלער. ביידע זענען געווען איין מענטש און דער מענטש האָט זיך פארשטעלט דאָ פאר א בעטלער, און דאָ פאַר אַ מיליאָנער... דאָס האָט זיי אַזוי פאַרכאַפּט, אַז זיי פלעגן צווישן זיך אָפּט שמועסן:

— נו, מאַמע, קאָן מען שוין וויסן, ווער עס איז א בעטלער?

— מען קאָן טאַקע נישט... — פלעגט די מאַמע פילאָזאָפירן...

און אַז דאָס מעשה־ביכל איז שוין געווען איבער־געלעזן, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די איבעריקערעניש אין זייערע מוחות. געדאַכט האָט זיך זיי, אז יעדער פרעמדער אָרעמאַן, וואָס גייט אריין צו זיי נאָך א נדבה, איז א פארשטעלטער. אין דער אמתן מוז ער זיין א מיליאָנער.

— מאַמע, וואָס זאָל איך געבן דעם אָרעמאַן?...

— גיב אים א שטיקל ברויט...

— האַ?... ברויט? מאַמע... אפשר...

— טאָ גיב אים אַ קאָפּיקע...

— מאַמע, זאָל איך אים אפשר געבן א טעלער זופּ....

— אוודאי...

און נאָכדעם האָט די מאַמע און די טאָכטער געוואַרט, אַז עס זאָל צו זיי אַריין א מיליאָנער און זיך אָנרופן:

— דערפאַר וואָס איר האָט מיר געגעבן א שיינע נדבה און עסן, בין איך אייך געקומען צו באַלוינען. זייט וויסן, אַז איך בין געווען בלויז א פארשטעלטער... איך בין א מיליאָנער, אייער אָנקל... בין פאַרלוירן געגאַנגען, ווען איך בין געווען א קליין ייִנגעלע, אין האָב אוצרות מיט גאָלד און בין געקומען אייך איצט גליקלעך צו מאַכן...

און אזוי האָבן די צוויי לעזערינס אין יערן בעטלער געזען א מיליאָנער. ער איז בלויז א פארשטעלטער. ענדלעך וועט ער אראָפּוואַרפן זיינע בעטלערישע קליידער און וועט זיי זאָגן, אַז ער איז זייער אָנקל, וואָס איז אמאָל אלס ייִנגל פאַרלוירן געגאַנגען...

1916 יאָר.

ווען עסט חיים מלמד אַ בייגל?

צוויי פּרנסות האָט חיים געהאַט: ער האָט געקנעלט און בייגל געבאַקט, און אַ וווּנדערלעכע זאַך! — ער איז געווען אַן אָרעמאַן און האָט געזוכט אַ דריטע פּרנסה, נאָר צו קיין דריטער פּרנסה האָט ער שוין נישט געטויגט: אַ קול האָט ער אַפילו געהאַט אַ הייזעריקלעכן און האָט געקלונגען זייער האַרציק און צעבראָכן, און ימים־נוראים וואָלט ער געקאָנט דאַווענען פאַרן עמוד און כאַפּן דערפאַר עטלעכע רובל — האָט ער אָבער, נישט פאַר קיין ייִדן געהאַכט, געהאַט אַ קורצן אָטעם: רעדנדיק אַפילו, פלעגט ער זיך מוזן נאָך יעדן וואָרט אָפּרוען און כאַפּן דעם אָטעם. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ „פעלער" קאָן מען נישט האָבן קיין העזה צו שטעלן זיך ימים־נוראים פאַרן עמוד, ביי אַזעלכע לאַנגע שמונה עשרהס, וואָס מען דאַרף איבערהזרן וואָרט און וואָרט פאַרן עולם. דעם עולם גייט בכלל נישט אָן, צי חיים האָט אַ לאַנגן אָטעם צי אַ קורצן און ער פאַרלאַנגט פאַר די עטלעכע רובל, אַז דער ש"ץ זאָל פּאָרן ווייטער און ווייטער, נישט אָפּשטעלן זיך אויף אַ רגע... חזנות איז נישט מלמדות — אַ מלמד קאָן אַפילו קיין לונגען נישט האָבן, מאַכט אויך נישט אויס: מיט קליינע ייִנגלעך לערנען דאַרף מען קיין גבורה נישט האָבן, אָבער שטעלן זיך פאַר אַ ציבור, איז געווים נישט קיין קליינקייט — דאָ דאַרף מען האָבן אַ האַלדז, אַ האַרץ און מאַקע אַן אָטעם.

קיין לייכטערע פּרנסות, צי וואָס חיים וואָלט יאָ געטויגט, איז אין שטעטל נישט געווען. צו אַ קראָם פאַר זיין ווייב האָט חיים קיין „קאַפּיטאַל" נישט געהאַט. דער האַלבער פוד מעל, פון וועלכן חיים פלעגט אויסבאַקן אַלע טאָג בייגל פאַר דעם שטעטל, פלעגט אים אויך שווער אָנקומען, און דעריבער האָט זיך חיים געמוזט באַגנוגענען נאָר מיט די צוויי פּרנסות און לעבן מאַקע אין גרוים נויט...

די בייגל פלעגט חיים באַקן: ווינטער־צייט פאַרטאָג און זומער — ווי די זון פלעגט אויפגיין. זיין ווייב, עלקע, פלעגט דאָס טייג פאַרקנעטן,

די עלטערע טאָכטער, ביילע, פלעגט וועלגערן און מאכן קיילעכדיק. דאָס יינגערע מיידל, גרונע, פלעגט עס וואַרפן אין א הייסן טאָפּ וואסער, און פון טאָפּ פלעגט שוין חיים בכבודו ובעצמו אליין ארויסנעמען און זעצן אין אויוון. ווי מען זעט דאָ, האָט חיים גענומען פאַר זיך די שווערסטע מלאכה, נישט קוקנדיק, וואָס ער איז דער שוואכסטער געווען פון די איבעריקע. דער טעם דערפון איז א פשוטער: ערשטנס, איז דאָס זעצן אין אויוון אָנשטענדיקער, ווי קנעטן דאָס טייג, און דאָס איז נישט אזא בזיון פאַר א ייִדן א תלמיד חכם, ווי חיים איז: זעצן איז א מאנצבילשע אַרבעט. פסח אין „פּאָדריאַד" פון מצות זענען אלע זעצער מאַנצביל. אמת, עס טרעפן זיך אמאָל ווייבער אויך זעצעריגס, נאָר דאָס איז א זאך, וואָס גייט ארוים פון כלל, ווי, למשל, אלע דאָקטוירים זענען מאנצבילן, פונדעסטוועגן טרעפט אמאָל א „יידענע" אויך א דאָקטאָרקע... צווייטנס, האָט חיים גענומען די ארבעט פון זעצן צוליב דער ווארעמקייט. חיים איז געווען א ייד אָן א טראָפּן בלוט און אים איז שטענדיק קאַלט געווען. עס פלעגט טרעפן אמאָל, אין די גרויסע היצן פלעגט חיים קאָנען א זאָג טאָן צו די תלמידים: — מאכט צו, קינדערלעך, די טיר, מיר איז עפּעס מאָדנע קאַלט...

אָט די ווארעמקייט, איז חיימען נישט נאָר ווינטער, אפילו זומער אויך ליב געווען, און ער פלעגט מיט גרויס תענוג שטיין ביים אויוון, ווו דאָס פייער האָט אזוי פריינדלעך, אין מזרח-זייט פון אויוון, געפלאַקערט און באלויכטן די ציילן בייגל, וואָס חיים פלעגט ברייהש אויסזעצן אויפן „פּאָד".

חיים איז געווען א בייגל-בעקער, פלעגט אויסבאקן אלע טאָג ביז צוויי הונדערט גראָשענע בייגל און פונדעסטוועגן האָט ער אליין מיט דעם ווייב און קינדער זייער זעלטן א בייגל פארזוכט, און חיים פלעגט זייער אָפט זיך ווינטשן זיין א נגיד און עסן „אַן אמתן ריינעם בייגל"... „אַן אמתער ריינער בייגל" האָט ביי חיימען געהייסן יענער בייגל, וועלכן מען פארקויפט די באלעבאטים פונעם שטעטל פאַר א גראָשן: וואָס גייט ארוים פון אויוון ריין, טרוקן, און גלאנצט, ווי מיט א רויטלעכער פארב. אזא בייגל הייסט פארברוינט און ער איז טאַקע זייער געשמאַק — ער צעשייט זיך ממש אין מויל; ווען געט העלפט אויפעסן אזעלכע

5—6 בייגל, קאָן ווערן געזונט ווי א מויער... אזעלכע געראָטענע בייגל האָט חיים מיט זיינע בני בית זיך נישט פארגינען צו עסן. צו א שיינעם תכלית וואָלטן זיי געקומען, ווען יעדער פון זיי וואָלט אלע טאָג אויפגעגעסן אזעלכע עטלעכע גראָשענע בייגל!... דאָס זעכציקרובלדיקע קנעלונג פארן זמן, וואָס חיים האָט אין שטעטל, וואָלט אויך נישט געטראָגן, אפילו אז אלע באלעבאטים זאָלן איינצאָלן — בפרט אז א גוטע העלפט שכר-לימוד ווערט פארפאלן...

עסן פלעגט חיים, זיין ווייב און קינדער נאָר פון אזא סאָרט בייגל, מיט וועלכן עס פלעגט טרעפן א סיבה: אז עס פלעגט צוגעברענט ווערן א ביסל, אָדער אין אַש זיך איינריכטן, אָדער אויף דר'ערד פון דער לאָפּעטע אראָפּפאַלן און דערפון פארלירן זיין געהעריקע צורה. אזוינע מינים בייגל פלעגט אָבער טרעפן זייער זעלטן, ווייל חיים האָט זיך שטארק געהיט, אז קיין סיבות זאָלן זיך נישט טרעפן. צייטנווייז נאָר, ווען היימס יצר-הרע פלעגט זיך שטארק צעפלאקערן נאָך א שטיקל בייגל, פלעגט ער גאָט בעטן, אז עס זאָל זיך טרעפן עפּעס א סיבה, און נישט פארלאָזנדיק זיך אינגאנצן אויף גאָט, פלעגט ער „ברויכן" אייגענע מיטלען, אז א פּאָר בייגל זאָלן נישט ארויס גאנצע פון אויוון. לאָזן זיי בעצם ידו פארברענט ווערן, אזא העזה האָט חיים נישט געקאָנט האָבן; אליין קאליע מאכן — זאָל דער אויבערשטער אויסהיטן, דאָס איז א גרויסע טפּשות און א חטא... נאָר אָפּנארן זיך אליין און דאָס ווייב און די בייגל אפילו, דערויף האָט חיים יאָ א העזה געהאט, און אין אזעלכע מינוטן, ווען דער יצר-הרע פון א בייגל פלעגט זיך אויף אים מתגבר זיין, פלעגט ער זיך כלומרשט פארטראכטן, ווו צו נעמען מאָרגן געלט אויף האָלץ, נישט קוקן דערווייל אין אויוון, זיך פּלוצעם א כאַפּ טאָן צום אויוון מיט א געשריי:

— אי — אי — אי!...

— וואָס איז דאָרטן? — פרעגט דאָס ווייב דערשראָקן.

— אי — אי — אי! — שרייט אלץ חיים און הייבט אָן ארויסנעמען געשווינד די בייגל, צווישן וועלכע א פּאָר געפינען זיך אינגאנצן צוגעסמאליעט...

דאָס ווייב און די צוויי טעכטער באטראכטן די פּאָר בייגל און זיפצן:

— ווער וועט זיי שוין איצטער קויפן?

— א משוגענער סיידן... — זאָגט חיים כלומרשט פאַרטרויערט און אין האַרצן איז ער שטאַרק, שטאַרק צופריד: ער וועט היינט עסן א בייגל... ער וואַרט נאָר, אז עלקע זאָל וועגן דעם דערמאָנען, ער וויל נישט אַרויסטרעטן דער ערשטער — עס פּאַסט פאַר אים נישט. א ייד טאָר קיין „זולל וסובא“ נישט זיין....

און עלקע קוקט, קוקט אויף די פּאָר בייגל און זאָגט ענדלעך אַרוים:

— מען וועט שוין, ברוך השם, אליין מוזן אויפעסן — וואָס זאָל מען טאָן? געפּטרט א קאָפּיקע....

און נאָכן דאַוונען וואַשט זיך חיים מיט מער „פאַראַד“, ווי שטענדיק, זאָגט שאו ידיכם מיט א ניגון און מאַכט המוציא אויף א גאַנצן בייגל, כאָטש א פאַרברענטן.

און יענער טאָג איז ביי היימען א מין יום־טוב. און ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער יענעם טאָג מיט די תלמידים נאָר ביז מיטאָג געלערנט, ווי, למשל, ראש־חודש, ווען זיין עלקע קאָכט א „בעסערן וואַרמעס“...

1903

בולקעס

ביי פריידע, שלמה דעם שניי־הערס, איז מען אפילו ברויט אויך געווען זשעדנע, נאָר אַזוי ווי דאָס ברויט האָט זי אַליין געבאַקן און באַקן האָט זי נישט געקענט און עס איז שטענדיק ארויס אָדער טייג אָדער פאַרברענט און דאָס עצם מעל איז געווען שוואַרץ און זאַמדיק, האָבן זיך די זעקס קינדער, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, פאַר ברויט נישט געשלאָגן. אַ בולבע איז שוין געווען אַ זאַך, וואָס עס איז כדאי צו מאַכן אַ סקאַנדאַל. און אויך נישט פאַר אַלע מינים בולבעס. אויב די בולבע איז געווען פון אַ העכערן מין, וואָס הייסט סלאַנקע און איז געווען געשיילט און מיט זאַלץ געקאָכט, האָט זי זוכה געווען, אַז מען זאָל פאַר איר מקריב זיין עטלעכע „קניפּ", גראַפּן און דאָס גלייכן, טאָמער איז אָבער די בולבע געווען פון דעם נידעריקן מין, וואָס האָט געהייסן „מאַסקויקע", אַ מין וואַסערדיקע — פאַר אַזאַ פּרי האָט מען זיך נאָר אונטערגעשאָלטן און אויך נישט זייער הויך.

סקאַנדאַלן זענען ערשט פאָרגעקומען פרייטיק פרי ביי די בולקעס.

שטעלט זיך פאָר, אַז פריידע שלמהס האָט געבאַקן אויף שבת פיר פונט ווייצנס, האָט זי פון די פיר פונט מעל קודם־כל געמוזט האָבן דריי חלות אויף קידוש און די איבעריקע אויף בולקעס אויף פרייטיק. וואָלט טאַקע פריידע אויסן געווען די בולקעס נאָר אויף פרייטיק אַליין, וואָלט נאָך געווען ווי עס איז, דען די פיר פונט מעל פלעגן אייגנטלעך אויסער די דריי חלות, נאָך אַרויסגעבן פון זיך אכט־ניין בולקעס, אַז מען זאָל זיי האַרפן קויפן ביי דער בעקערין, וואָלטן זיי געקאָסט צו זעקסערלעך. איז אָבער פריידע שלמהס אַ גרויסע פאַרזאָרגערין, באַקן באַקט זי די בולקעס כלומרשט אויף פרייטיק, און מיינען מיינט זי אויפן מיטן דער וואָך... און טאַקע אויף דעם קומענדיקן שבת אַ קוגל מאַכן. פריידע שלמהס זאָגט, אַז אַ קוגל פון אַן אַלטער אָנגעווייקטער בולקע איז פאַר מלכים צו געבן — אַזאַ מאכל איז דאָס, אַ שאָד נאָר,

וואָס די בולקע דערלעבט נישט אַלט צו ווערן. ביז דינסטיק קאָן זי די פאַרבליבענע עשירות בשום אופן נישט אײַנהיטן און פון אונטער די הענט גנבעט מען זיי אַרויס און מען פרעסט זיי אויף — פרעסן זאָלן זיי די ווערעם! וואָרעם פריידע האָט דען — ווי זי קלאָגט זיך — קינדער? שדים האָט זי, פרעסער, זויפער, און „ער", שלמה אַליין, איז דען בעסער? ער איז אויך אַ גוטער טריפהנער האָלדז. זי האָט אים דען ווייניק מאָל געכאַפּט נאָך פאַרן דאַווענען — אַזאַ שנייערוק — קייענדיק בולקע. באַקאָם זאָל אים אַרויס!...

נאָר דאָס איז אָבער אַלץ געזאָגט בנוגע די בולקעס, וואָס בלײַבן אויפן מיטן וואָך, פרייטיק אָבער איז זי אַליין נישט קיין שטיפמאַמע און גיט יעדן קינד, לויט די יאָרן, צו שטיקלעך בולקע צום מילכיקן קרופּניק, וואָס זי קאָכט מאַקע לכבוד פרייטיק. אים, דעם שפּייזער, גיט זי אַ גאַנצע בולקע, נאָר וואָס קלעקט פאַר אים אַ בולקע? ווי אַ פערד אַ צוקערלעקעך, אַזוי זאָגט פריידע, נאָכדעם ווי ער שלינגט זי אײַן ביי די ערשטע פאָר לעפל קרופּניק און בעט נאָך אַ שטיקל. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס בעטן איז נאָר אויס געוווינהייט. פריידע ענטפערט אים אפילו נישט, אַזוי צעקאָכט איז זי. ס'טייטש! אַ מענטש זאָל זיך קיינמאָל נישט אָנעסן! נישט אַזוי גיך אָבער ווערט זי מוסכם מיט די קינדער, איבערהויפּט מיט די קלענערע. מען רייסט זי פון אַלע זייטן: מאַמעלע, נאָך אַ שטיקל: מאַמעלע, נאָך איין ביס, און נאָר דאָס יונגסטע זעקסיעריקע גאָלדעלע, וואָס קאָן נאָך קיין קוף נישט זאָגן, שפּרייט זיך אויס אויף דער ערד, פאַרוואַרפט דאָס קעפּל און שרייט אין איינע קולות:

— נאָך בולטע!

און פריידע ענטפערט איר צום גראַם:

— נאָך אַ סטולטע וועל איך דיר געבן. דאָס הייסט, נאָך אַ מכה.

און אַז דאָס קינד וויל אָבער פאָרט נאָך אַ בולטע — הויבט זיך די שטוב.

אַ טאָג פאַר פסח באַקט פריידע אויף דעם ערב־פּסחדיקן אָנבייסן די זעלבע פיר פונט ווייצנס: קיין חלות אויף שבת האַרף זי שוין אָבער נישט. עס גייען אַרויס אַ בולקעס 12—13. זי באַהאַלט עס ביז מאָרגן פרי און גיט קיינעם נישט אַ ביסן.

אין דער פרי, ערב־פּסח, וועקט זי די קינדער:

— שטייט אויף, ממזרים, די בולקעס עסן, באַלד פאַרברענט מען חמץ און מען וועט נישט טאָרן עסן.

די קינדער אָבער, אַלע פֿאַרהאָרעוועטע פֿון דעם גענעכטיקן שייערן און כשרן אויף פּסח, שטייען נישט אַזוי שנעל אויף און פֿריידע מוז נאָך אויסשיטן איר גאַנצן רעפּערטואַר קללות.

ענדלעך זענען שוין די קינדער אויפֿגעשטאַנען. שלמה קומט שוין פֿון בית־מדרש, ווו עס איז אַן ערב־פּסחדיקער סיום געווען און ער האָט געגומען האַרט א ביסל בראָנפֿן מיט פֿאַרבייסן. פֿריידע טרייבט:

— נו גיכער, לאָמיר שוין אָנבייסן די בולקעס מיט די מילך; באַלד דאַרף מען דאָך חמץ פֿאַרברענען...

— מיר ווילט זיך גאָרנישט עסן... כ'לעבן — ווינצלט זיך שלמה, האַלב־שיכּורלעך... כ'האָב געגומען אַ ביסל בראָנפֿן...

— מיר ווילט זיך נאָך אויך נישט עסן, אויף נאמנות! — קלאָגט זיך דאָס עלטערע מיידל, קוקנדיק אויף דער מוטער מיט די בולקעס.

— איך וויל נאָך אויך נישט... — זאָגט א קינד.

קורץ, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינער וויל אויף צולהכעיס נישט עסן. פֿריידעס אויפֿרעגונג איז נישט משער צו זיין.

— איר פֿרעסט, צי נישט? — ברענט זי און כעסט — וואָרעם איך וועל אייך מיט געוואַלד אַריינשטאָפּן.

שלמה גייט זיך וואַשן, נאָך אים די קינדער.

מען שטעלט זיך אַלע אַרום דער מולטער בולקעס, פֿריידע גיסט אָן יעדן צו גאַנצע גלאָז מילך און סמאַרעט זיך פֿריינדלעך צו זיין: זי דאַרף איצט זייער טובֿה.

— עסט, קינדערלעך.

הערנדיק אַזאַ ווייכקייט פֿון דער מאַמען, ווערן די קינדער געריַרט און עסן מיט געוואַלד א ביסן נאָך א ביסן. אָבער אַז די מילך איז גע־ענדיקט, בלייבט נאָך אין מולטער זעקס בולקעס.

פֿריידע קוקט אויף זיי פֿאַרצווייפֿלט.

— משומדים, עסט. זאָל איך אַרויסוואַרפֿן זעקס בולקעס?... פֿרעסט!

— כ'לעבן עס גייט נישט מער... — בעט זיך שלמה. — איך וואָלט דיר אוודאי צוליב געטאָן....

— נו, און איר? — ווענדט זי זיך צו די קינדער.

די בעסערע, מער געהאָרכזאַמע קינדער, וואָס ווילן צוליב טאָן דער מאַמען, נעמען נאָך צו ביסן, די ערגערע אָבער האַלטן אין איין טענהן:

— עס גייט נישט!...

עס העלפֿט ניט פֿריידעס נישט דאָס בעטן מיט גוטן, נישט דאָס שעלטן; און אַ פֿאַרצווייפֿלטע מוז זי אַ פֿיר בולקעס ארויפֿטראָגן אויפֿן בוידעם, ווו עס דערוואַרט זיי פֿאַרשימלונג און פֿאַרדאַרונג...

און זי שעלט פֿול מיט פֿאַרביטערונג:

— זאָל פֿון אייך ווערן, וואָס פֿון די בולקעס וועט איבער יום־טוב ווערן...

נאָר איר האַרץ גיסט זי ערשט אויס אַזייגער עלף, ווען די בולקעס זענען שוין אויפֿן בוידעם, דער חמץ פֿאַרבריטנט און קיין מצה טאָר מען נישט און עס איז אַ שאָד צו עסן — און אַט ערשט דאַן איז זיך מישב אַ קינד און מורמלט אַרײַם:

— עס ווילט זיך עסן...

און באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז אַלע ווילן עסן...

דאָ פֿעלן שוין פֿריידען קללות אויס, זי מוז קילן איר האַרץ מיט אַ קלאַפּ, און זי רייצט זיך:

— אויפֿן בוידעם ליגן פֿיר בולקעס...

און די קינדער הייבן אָן שטאַרק חרטה האָבן אויף זייערע זינד, וואָס זיי האָבן אין דער פֿרי נישט געגעסן, נאָר די תשובה איז שוין שפּעט. און שלמה אַליין, וועלכער האָט זיך שוין אויך גוט אויסגעהונגערט, גייט אַרום אַ האַלב פּסחדיקער און מורמלט:

— הייגט זיי אַ חכם און טרעף, אַז עס וועט זיך באַלד וועלן עסן...

און אַ הונגעריקער וואַרט ער אויפֿן סדר, וועלכער וועט נאָך ערשט העט־ווען זיין...

און אַ הונגעריקער נעמט ער אויף זיך, בלי נדר, אַז איבעראיאָר, וועט ער אויפֿעסן אַלע בולקעס, איבעראיאָר וועט ער פֿאַרן בוידעם נישט לאָזן קיין ביסן.

איבעראיאָר איז אָבער ווידער די זעלבע מעשה.

האָט שוין פֿריידע אַמאָל געפּרוווט באַקן נאָר דריי פֿונט, איז אויך גע־בליבן אַ דריי בולקעס. נישט אַנדערש ווי עמעצער האָט פֿאַרשאָלטן, נישט אַנדערש!....

.1904

די הייזער

יעדער באַלעבאָס אין שטעטל, וואָס האָט געהאַט עטלעכע רובל, האָט געזוכט געשעפֿט, אָבער לייזער־אליה איז געווען אַן אַנדער מין ייִד — ער האָט געהאַלטן פֿון הייזער.

— הייניקע געשעפֿטן זענען אַלע אין דר'ערד! — פֿלעגט לייזער־אליה זאָגן — בדלות קאָן מען ווערן, און הייזער איז אַלע מאָל געלט. טאָמער אַ שׂרפֿה, בין איך נישט קיין שוטה ווי אַנדערע און פֿאַרזיכער, קאָסט עטלעכע רובל!

און לייזער־אליה האָט זיך געהאַלטן שטענדיק אין בויען.

דער הויף זיינער איז געווען אַ גרויסער, און דער גאַנצער הויף איז געווען אָנגעבויט מיט שטיבלעך. זיבן שטיבלעך אויפֿן הויף, אויסער די שטוב צום גאַס, האָט לייזער־אליה פֿאַרמאָגט. גערופֿן די שטיבלעך האָט ער אויך הייזער.

— מיינע הייזער! — פֿלעגט ער אָפֿט רעדן וועגן זיי מיט גרויס גדלות.

ער אַליין האָט געוווינט אין דעם קלענסטן שטיבל אויפֿן הויף, באָטש ער איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער. ער האָט אָבער נישט געקאָנט פֿאַרנעמען קיין אַנדער דירה.

— די דירות איז מיין ברויט! — פֿלעגט ער זאָגן, ווען איינער פֿלעגט אים מאַכן דעם פֿאָרוווּרף, וואָס ער, אַ באַלעבאָס פֿון הייזער, וווינט אַליין אין אַזאַ ענגשאַפֿט.

און שכנים האָט ער געהאַט אַ סך. אין יעדן שטיבל אַ געזינדל, אַזוי אַז דער הויף זיינער איז געווען אַ גאַנץ פֿריילעכער.

— גאָר אויפֿן גרויסשטאָטיקן אופֿן! — פֿלעגט זאָגן אַמאָל אַן אַנדערער, וואָס האָט געוווּסט, וואָס אַ גרויסע שטאָט באַדייט. און לייזער־אליה פֿלעגט דעמלט מיט גדלות ענטפֿערן:

—ווען איך זאָל מיינע הייזער אריבערטראָגן אין אַ שטאָט, וואָלט איך שוין מיט אייך נישט גערעדט!

אָבער שטאַרק זאָרגן, וואָס זיינע הייזער געפינען זיך אין א קליין שטעטל, פלעגט ער נישט. מיט שכנים, גאָט צו דאַנקען, האָט ער קיין זאָרג נישט. מאַכט חתונה אַ באַלעבאָס אַ טאָכטער, קומט אים צו אַ שכן, און חתונות מאַכט מען אין שטעטל נישט זעלטן.

צום גליק גיט לייזער־אליה אויס זיינע קינדער אלץ אין פרעמדע שטעט, אזוי אז אויסער איין דירה פאַר זיך אַליין דאַרף ער נישט האָבן און קאָן אלע פאַרדינגען פרעמדע, ביי וועמען ער נעמט דירה־געלט.

— און וואָס מיינט איר — זאָגט ער אַמאָל — זאָל זיך מיין עלטערער טאָכטער, למשל, מאַכן אַ שידוך דאָ הי און זאָל זי דאַרפן האָבן אַ דירה, וועל איך איר דען אָפּגעבן אַ שטיבל? חלילה! עטלעכע רובל קאָן איך איר געבן, אָבער אַ שטיבל — ניין! דאָס איז מיין ברויט.

און זיין ברויט האָט לייזער־אליה געהיט, ואלע אין דער פרי פלעגט ער, נאָך פאַרן דאַווענען, ארויסגיין אויפן הויף, ארומקוקן די ווענט, די פריזבעס, די קוימענס, די גאַניקלעך, און טאָמער חלילה, בעט זיך אַ שטיקל רעמאָנטל, פלעגט ער נישט זשאַלעווען צו לאָזן זיך קאָסטן עט־לעכע גילדן און גלייך פאַרריכטן.

דערהויפּט האָט ער אַכטונג געגעבן אויף די אויוונס. אלע טאָג פלעגט ער פרעגן ביי די באַלעבאָסטעס:

— נו, ווי קאָכט אייער אויוון?

און באַקומענדיק אַמאָל אַן ענטפער מיט אַ האַלבן מויל, פלעגט ער גלייך אריינגיין, הייסן עפענען דאָס ברעטל פון אויוון, אריינגרוקן דעם קאָפּ אינעווייניק, און אויב ער פלעגט נאָר געפינען די קלענסטע פּגימה אין „פּאָד", צי ערגעץ אנדערש ווו, פלעגט שוין אין אַ שעה ארום שטיין ביי דעם ראָזיקן אויוון אַ ייד מיט אַ פאַרטעך, אַ מולער הייסט עס — און פלעגט שוין שמירן ווו מער דאַרף.

און לייזער־אליה איז געווען זיכער, אז דערפאַר וועט ער שכנים שטענדיק האָבן.

און ווער וויים, צי וואָלט טאַקע לייזער־אליה געהאַרפּט ווען עס איז זאָרגן וועגן שכנים, ווען נישט די פאַרשאָלטענע אמעריקע.

פון אמעריקע וויים מען שוין אין שטעטל לאַנג. נאָר ווער פלעגט אַמאָל פאָרן? אַ צעלאָזענער שניידער, וואָס האָט פיינט געהאַט דאָס ווייב און

פלעגט װעלן האָרטן לעבן מיט א טײטשקע, א רעכטער מענטש װעט דען פארשלאָגן דעם קאָפּ אזױ װײט?

לייזער=אליה פלעגט אלע מאָל פילן, װי דאָס הארץ װאָלט אים געזאָגט, אז פון אמעריקע װעט קײט גוטס אים נישט ארויסקומען, און װי עס האָט גאָר געפּאסט, פלעגט ער עס זידלען מיט די שטארקסטע װערטער.

— זאָגט מיר, איך בעט אײך — פלעגט ער טענהן אָפּט פאר זײנע שכנים — װעלכער רעכטער מענטש לאָזט זיך דאָס אװעק אין אזא העק װי אמעריקע איז, װו עס איז אפילו נישטאָ, װי מען זאָגט, קײן קיסר, אלץ מעג מען האָרטן, יעדערער טוט װאָס ער װיל, עס איז נישטאָ קײן מורא פאר אן עלטערן — גלאַט א הפקר=װעלט! און דערצו מוז מען װערן גאָר א בעל=מלאכה, װען נישט פגרט מען װי א הונט פאר הונגער...

די שכנים פלעגן אים אלע װי אײנער געבן גערעכט. נאָר לייזער=אליהן איז דאָס געװען װי װײניק, אים האָט זיך עפּעס געװאָלט ארויסנעמען א כתב, אז קײן אמעריקע זאָל קײנער פון זײ נישט פאָרן. עס פארשטײט זיך, אז אזוי װײט איז ער נישט געגאנגען. נאָר אמאָל פלעגט ער א זאָג טאָן:

— זאָל יענער ברעכן רוק און לענד, װער עס קלערט גאָר צו פאָרן אהין!

און נישט באקומענדיק דערויף קײן הסכמה פון די שכנים, פלעגט ער װי צערײצטער װערן און צוגעבן:

— אז איך װאָלט זײן א רב, װאָלט איך אויף אמעריקע געמאכט א חרם, עלעהיי װי אויף יענקל טרײפניאקס פלײש...

קײן חרם האָט אָבער דער רב נישט געמאַכט און אין אײן ליכטיקן פרימאָרגן, בשעת לייזער=אליה האָט אָפּגעשטעלט א יונגע שכנה און געפרעגט: „װי קאָכט דער אויװן“, האָט זי א שמײכל געטאָן און געענטפערט:

— דער אויװן קאָכט נישקשה, נאָר איך װעל זיך, אם ירצה השם, אינגיכן ארויסציען צו מײן טאַטן, װײל „מײנעם“ האָט זיך פארװאָלט קײן אמעריקע....

די שכנה איז געװען א קלײנע, א בלאַסע און א שװאכע. בשעת זי האָט גערעדט, האָט זי, דאַכט זיך, אין די הענט גאָרנישט געהאלטן, װײל זײ זענען בײ איר געלעגן צונויפגעלײגט רואיק אויפן ברוסט, נאָר לײ=

זער־אליה וואָלט שווערן, אַז דאָס ווייבל האָלט אַ דוביגע און קלאַפּט אים אין קאָפּ, און ווי אַ צעטומלטער איז ער אַריין אין זיין שטיבל.

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, לייזער־אליה? — האָט אים דאָס ווייב אַ פרעג געטאָן.

— באַלד בלייבט פּוסטעוועון אַ דירה! — האָט ער מיט רוגזה געענט־פערט, פּונקט ווי דאָס ווייב און, נישט קאָלומבוס, וואָלט אַנטדעקט אַמעריקע.

— וואָס איז?

— יענקעלען האָט זיך פאַרוואָלט אַמעריקע און זי ציט זיך אַריין צום טאַטן.

— נו, מילא... — האָט דאָס ווייב געטרייסט, וועסט קריגן אַן אַנ־דער שכן.

לייזער־אליהן איז אָבער נישט געגאַנגען אין שכן, אים איז געגאַנ־גען אין אַמעריקע.

— דו וועסט זען — האָט ער זיך פּלוצים, נישט קאָנענדיק זיך איינהאַלטן, אַרויסגעכאַפּט — דו וועסט זען, אַז דאָס אַמעריקע וועט אונדז אין דר'ערד לייגן...

— מיינע שונאים זאָלן ליגן אין דר'ערד! וואָס הייסט?

— אַז דו ביסט אַ יידענע, אַ בהמה! — האָט זיך לייזער־אליה גע־קאָכט. — היינט וואָס זאָל איך מיט דיר רעדן. דו ווייסט דען, וואָס אַמע־ריקע איז? דאָס איז דאָך אַ קליפּה... עס ציט! דו מיינסט, איך ווייס נישט. אַ זאַחאַזע איז דאָס, מען נעמט זיך אָן אייגע פון די אַנדערע... היינט פאַרט איינער אַוועק און מאָרגן דער אַנדערער שכן און איבער־מאָרגן דער דריטער און נאָכדעם וועסטו גריזשען די קלעצער פון די הייזער. פאַרשטייסט, די קלעצער... וואָרעם קיין דירה־געלט וועסטו נישט האָבן.

געזאָגט דאָס אַלץ האָט ער לכתחילה נאָר פון צערייצטקייט. ער האָט נישט געגלייבט, אַז די זאַך האַלט טאַקע אַזוי שמאָל, נאָר אַרויסזאָגנדיק דאָס אַלץ און נישט באַקומענדיק קיין אָפּשלאָגונג פון דעם ווייב, האָט ער זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע נביאות און ער האָט זיך בלוי־מרשט פאַרכאַפּט.

—קיין גרויסע יסורים האָב איך נישט... איך וועל קריגן שכנים... אָט זוכט בערעס איידעם אַ דירה! ער גייט אַראָפּ באַלד פון קעסט... איך מיין גלאַט, אַז אַמעריקע — איינגעבראָכן זאָל זי ווערן.

— הלוואי, רבונו של עולם! — האָט דאָס ווייב פרום צוגעוווּנטשן.
— כאָטש הרגע זי, וואָלט זי נישט געוווּסט, וואָס האָט זי צו אַמעריקע.

דער שכן איז אַוועקגעפאָרן. דאָס ווייבל האָט זיך אַרייַנגעקליבן צו איר טאַטן, און דאָס שטיבל האָט געפּוסטעוועט...

די ליידיקייט פון שטיבל בייטאָג, און זיינע פינצטערע שויבן בייַנאַכט האָבן לייזער־אליהן געשראָקן מיט אַ בייזער אומגליקלעכער נביאות... און ער פלעגט דעם קאָפּ אָפּקערן פון אים.

אָבער אויף די איבעריקע שטיבלעך האָט ער שוין אויך אויפגעהערט צו קוקן מיט אַזאַ באַזאָרגטקייט ווי אַמאָל. זעלטן ווען ער האָט געפרעגט ביי אַ באַלעבאָסטע: „ווי קאָכט דער אויוון?“ עפּעס האָט ער געקוקט אויף אַלע שכנים ווי אויף נישט היגע, ווי אויף געסט, וואָס וועלן הייַנט — מאָרגן אַוועקפאָרן.

און קיין טעות האָט לייזער־אליה נישט געהאַט. דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן וואָס ווייטער צו פאָרן אַלץ מער נאָך אַמעריקע... אויפן הויף האָבן זיך וואָס ווייטער מערער דירות אויסגעליידיקט און בייַנאַכט פלעגן צענדליקער פינצטערע שויבן פון די ליידיקע שטיבלעך אים שרעקן, ווי אויגן פון אַ מלאך־המות.

— נו, וואָס וועט איצטער זיין? — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַמאָל צום ווייב, אַז ער איז געבליבן מיט איין שכן אויפן הויף...

— אפשר וואָלטן מיר אויך געפאָרן... — האָט דאָס ווייב בלומרשט געלאַכט...

— וואָס לאַכסטו, וואָס? — האָט לייזער־אליה, ווי אַן אבל געענטפערט. — איך וואָלט הער ערשטער געפאָרן. נאָר מיט וואָס, אַז דאָס גאַנצע געלט ליגט אין די הייזער... און קויפן וועט זיי קיינער נישט... מען שמועסט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל צעפאָרט זיך.

און לייזער־אליה האָט זיך פאַרטראַכט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט געצופּט פון באָרד גראָע האָר איינע נאָך די אַנדערע... איינע נאָך די אַנדערע...

.1907

אָרעמעלייט

אויף די אָרעמעלייט, וואָס קומען יעדן טאָג צענדליקער נאָך א נדבה, האָט הנן דער תבואה־הענדלער שטענדיק געקוקט, ווי אויף א באַזונדערע אומה, כאָטש אויסער יידישע אָרעמעלייט פלעגן אין זיין שטיבל קיין אַנ־דערע נישט אריינקומען. זייער גאנצער הילוך, זייער האלטן זיך, זייערע אלע פּאָסטעמקעס האָבן געטראָגן א כאראקטער פון א פרעמד, ווייט פאָלק. א חידוש נאָר, וואָס רעדן זיי דווקא יידיש...

הנן איז נישט געווען קיין גוטהארציקער, אלנפאלס איז עס פון זיינע באַנעמונגען נישט געווען קענטיק. שטענדיק א פארטראָגענער, א בייזער, א צערייצטער פון שלעכטע, נישט געראָטענע מסחרים, פלעגט ער זיצן אין שטיבל, שוין אפילו אין די רואיקע מינוטן, ווי א ברוגזער אויף וועלט און מענטשן. אז עס פלעגט אריינקומען אן אָרעמאַן, פלעגט ער זיך בייז ווענדן צו איינעם פון די הויזיקע:

— גיב אים שוין א שטיקל ברויט און זאָל ער גיין.

און אז דער אָרעמאַן פלעגט געהערן צו דער אריסטאָקראטיע, וואָס גייען אָן טאָרבעס און נעמען בלויז מזומן, פלעגט ער ווערן אן אויפגע־קאָכטער.

— ער וויל נישט, ווי ער וויל זיך...

און נאכער פלעגט ער א צערייצטער מורמלען:

— ברויט איז זיי שלעכט, דווקא א גראָשן!...

אָפּוואָרטשענדיק א ווײַלע אויפן אריסטאָקראטישן אָרעמאַן, פלעגט גלייך א מסחר־מחשבה פארטרייבן דעם געדאנק וועגן אָרעמאַן און הנן פלעגט פארגעסן דאָס פאָרגעקומענע.

האָבן אָבער די לעצטע יאָרן הנס מסחרים אזוי שלעכט אָנגעהויבן צו גיין, אז צייטנווייז איז אים אַ שאָד געווען אן אָרעמאַן א שטיקל ברויט צו געבן. און וואונדערלעך: דווקא אין די שווערע צייטן האָט ער

געפילט, אַז יעדער אָרעמאַן ווערט אים נעענטער. על כל פנים האָט ער שוין זיכער געגלייבט, אַז די אַלע אָרעמעלייט זענען זיינע ברידער, גע־הערן צו דער אומה יידן...

און איינמאָל, ווען ביי חנגען איז קיין שפּייכלער און קיין קערנדל תבואה נישט געווען, אין שטוב קיין גראָשן געלט נישט און נאָר אַ האַלבער לאַבן שוואַרץ ברויט איז געלעגן אויפן נאַקעטן טיש, ווי אַ בייזער עדות אויף דעם ווילדן דלות, איז אַריין אַן אָרעמאַן, זיך געשטעלט ביי דער טיר און מיט אַ געבראָכענעם קול, שטיל און ווי שעמעוודיק אויסגע־ברומט:

— קאָנט איר עפּעס שענקען?

אַזאַ מין ווענדן זיך פון אַן אָרעמאַן איז אים געווען מאָדנע אומ־באַקאַנט, און די דאָזיקע נייע שאלה האָט אים עפּעס ווי געשראָקן און מיט געפּאַלנקייט האָט ער געענטפערט:

— אַ שטיקל ברויט, ר׳ייד, אויב איר ווילט.

— אַ שטיקל ברויט איז אויך גוט... — האָט דער אָרעמען שוין דרייסטער געענטפערט.

חנן האָט אים אַליין אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט. באַטראַכט אין האַנט די וואָג און האָט מישער געווען, אַז עס וועט זיין אוודאי אַ האַלב פונט. צופרידן האָט ער עס דערלאַנגט דעם אָרעמאַן צום טיר און עס איז געווען קענטיק, אַז דער אָרעמאַן וויל עפּעס רעדן. חנן האָט אָבער פאַר אַ שמועס מורא געהאַט, נישט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס, און האָט זיך אָפּגעקערט פון אים...

פון דעם טאָג אָן האָט זיך חנן שטאַרק גענומען פאַראינטערעסירן מיט אָרעמעלייט און פלעגט פון צייט צו צייט אַ מורמל טאָן, ווי פאַר זיך:

— יעדער ייד איז נישט באַוואָרנט פון גיין איבער די הייזער...

נאָך דעם דאָזיקן געדאַנק פלעגט ער זיך צעזיפצן און עס האָט אויסגעוויזן, אַז אין עצם איז דאָס נישט אַזוי שרעקלעך...

און וואָס טוט טאַקע אַ ייד — האָט זיך איינמאָל חנן פאַרטראַכט — אַז געשעפטן גייען אַוועק אין דר׳ערד און עס איז נישטאָ פון וואָ־נען צו לעבן?... טאָ וואָס טוט מען?

„מען גייט איבער די הייזער“! — האָט אים ווי אַ קלונג געטאָן אין די אויערן.

גראָד האָט זיך געעפֿנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען אַן אָרע־מאַן, אַ ייִד פֿון אַ יאָר זעכציק. חנן האָט אים געגוּ באַטראַכט און ער האָט באַמערקט, אַז דער אָרעמאַן טראָגט פּונקט אַזאַ קאַפּאָטע, ווי זיי־נע... איין קאָליר און איין שניט... ער האָט אַ שוידער געטאָן.

צו דעם דאָזיקן אָרעמאַן האָט אים עפּעס אַ צי געטאָן; קיין ברויט וועט ער אים נישט געבן: ער וויל אים נישט מבזה זיין — ער טראָגט אַזאַ קאַפּאָטע ווי זיינע... ער וועט אים געבן אַ גראָשן, וועלכער ליגט גראָד אויפֿן קוימען, אַ רעשט פֿון נעכטיקע „הליאַק", וואָס מען האָט געקויפֿט אויף וועטשערע.

אָפּגעגעבן דעם גראָשן מיט אַ ציטערדיקער האַנט, האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ שאלה:

— עפּעס אַ ווייטער ייִד?...

דער אָרעמאַן איז פֿון דער שאלה ווי געהויבענער געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, בנעימות אַ זיפֿץ געטאָן און געענטפֿערט:

— אַ קאָוונער...

—אַ קאָוונער? — האָט זיך חנן מאָדנע פֿאַרחידושט. — עפּעס גאָר נישט ווייט...

— צופֿוס גיין איז גאַנץ ווייט... — האָט דער אָרעמאַן געענט־פֿערט מיט אַ ווייכן שמייכעלע...

חנן האָט אים ווידער באַקוקט, געפֿונען, אַז די קאַפּאָטע איז פּונקט ווי זיינע, נאָר די קנעפּלעך זענען אַ ביסל גרעסערע, ווי ביי אים... האָט ער אַ הוסט געטאָן און ווייטער געפֿרעגט:

— שוין לאַנג, אַז איר זענט אין אַזאַ מעמד?..

— שוין שיינע עטלעכע יאָר... — האָט דער אָרעמאַן געענטפֿערט, און אין זיין ענטפֿער האָט געקלונגען אַ מין שטאָלץ...

— איר האָט אַ ווייב און קינדער? — האָט חנן ווייטער געפֿרעגט...

— עס איז דאָ אַ ווייב און קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, און מען וואַרט אויפֿן שפּייזער...

— וואָס זענט איר אַמאָל געווען?

„ער וועט געווים ענטפֿערן אַ תבואה־הענדלער" — האָט זיך חנן געשראָקן.

און נישט אומזיסט. דער אָרעמאַן האָט ווידער מיט שטאָלץ געענט־פערט:

— געהאנדלט מיט תבואה... געווען א סוחר...

איצט האָט שוין חנן געוווסט דעם גאנצן סוד, די צוקונפט האָט אים דערשיינט אַן א שלייער און ער איז ווי רואיקער געוואָרן...

.1907

געשלאָסן אַ געשעפֿט

אויף מאָרגן נאָך פּסח.

לייזער שטייט בײַ זײַן קליין שטיבל און קוקט אין דער וועלט אַרײַן. זײַן קוק איז אַ דערשראָקענער, אַ פֿאַרצווייפֿלטער. די ליבע זון, וואָס שײַנט מיט שטראַלן פֿון דער פֿולער האַנט, ווירקט נישט אויף אים. פֿאַרקערט, דער שײַנער ליכטיקער טאָג רייצט אים, לאַכט פֿון אים, מאַכט חוזק פֿון זײַן בלאַסן אײַנגעשרומפּענעם פּנים, פֿון זײַן קליין בערדל, וואָס האָט שוין צו פֿערציק יאָר פֿיל ווײַסע האָר, און דערהויפּט פֿון זײַן סורדוט, וואָס איז בלומרשט דער יום־טובדיקער און האָט סך־הכּל מיט צוויי לאַטעס און מיט איין רים ווייניקער, ווי דער וואָכנדיקער...

הײַנט, ווי וואָלט נאָך די זון געלאַכט, ווען זי וואָלט געוווּסט, וואָס בײַ אים „טוט זיך“ אין שטיבל, אין קעשענע... און אפֿשר וואָלט זי גאָר קיין האַרץ נישט האָבן האַן צו לאַכן. זי וואָלט זיך פֿאַר שרעק אַוודאי באַהאַלטן, און זי וואָלט דערמיט טאַקע אים אַ טובֿה געטאָן. זי וואָלט אים נישט אַזוי געשטאָכן מיט איר שטראַלן, זי וואָלט אים נישט אַזוי געוועקט צום לעבן, ווען אים איז געקומען ממש זיך אויסצוציִען אין גאַס און שטאַרבן.

עס איז אָבער גרינג צו רעדן — אויסצוציִען זיך אין גאַס און שטאַרבן. קיין שלעכטע זאַך וואָלט דאָס אפֿילו נישט געווען — אַ סוף — אַן עק, וויפֿל איז דער שיעור צו מוטשען זיך! אָבער וואָס טוט מען מיטן ווײַב און קינדער! אויסציִען זיך אין גאַס מיט 7 פֿאַרשוין, צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך אַ פּאָר עופֿעלעך, איז עפּעס אַ ביסל צו שרײַענדיק, ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ רעש עס וואָלט געוואָרן אויפֿן הימל פֿון אַזאַ מעשׂה, און אפֿשר אויף דער ערד אויך...

וואָס זשע טוט מען אָבער פֿאַרט? אויף הײַנט אפֿילו איז נאָך געבליבן פֿון פּסח עטלעכע מצות, אַ בים מצה־פֿאַרפֿל און אַ ביסל בולבע. אין דער פֿרי נאָך האָט ער געהערט, ווי זײַן גרונע האָט זיך געחשבונט

און באַשלאָסן צו קאָכן א טעפּל בולבע און פּאַרזופּן מיט מצה־פאַרפל. שלעכט איז דאָס אפילו נישט, כמעט א יום־טובדיקער „וואַרעמס“, אָבער דאָס איז דאָך נאָר אויף היינט, וואָס וועט ער אָבער טאָן מאָרגן?

די קשיה איז א האַרבע, א שווערע און איר שפּיץ איז מיט נאָדלען אָנגעשטעקט, און די נאָדלען שטעכן אין האַרץ, אין קאָפּ און אין אַלע גלידער. באַלד אָבער ווערט זי נאָך האַרבער, נאָך שווערער, נאָך שטעכנדיקער: וואָס וועט ער טאָן איבערמאָרגן און וואָס וועט ער טאָן א גאַנצן זומער, דעם לאַנגן, גרויסן זומער, אז קיין אַרבעט קען ער נישט, קיין קראָם האָט ער נישט און האַנדלען איז נישטאָ מיט וואָס און זומער איז נישטאָ וואָס צו האַנדלען — טויט!

און לייזער ווערט נישט אויף געלעכטער אין כעס און ברומט:

— אָ, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, דער זומער!...

און יענקל־כבן דער מלמד איז אויך נישט אין א באַזונדער גוטער שטימונג. די וואַרעמקייט איז אפילו צו זיין הוסט א שטיקל רפואה, אין א וואַרעמען טאָג הוסט זיך לייכטער, און דער עצם הוסט איז א ווייכער, אַזש אין דעם הוסטן אליין שטעקט א שטיקל תענוג, פונדעסטוועגן איז פּאָרט נישט גוט, מיט הוסט אליין קאָן מען נישט לעבן, מען מוז האָבן דערצו א קנעלונג, און זומער באַקומען א קנעלונג איז נאָך שווערער ווי ווינטער צו באַקומען די ליחה.

נאָר יענקל־חנן איז א ייִד א בריה. נישט אומזיסט לעבט ער שוין 50 יאָר אויף דער וועלט און הוסט שוין 35 יאָר. — און ער לאָזט זיך ארוים אין גאַס זוכן „קינדער“.

און זוכנדיק, קומט ער צו לייזערן. א גליקלעכע אידעע פליט אים דורך אין קאָפּ. סטייטש! לייזער האָט דאָך א ייִנגל, א חומשניק. ער וועט צו אים צושטיין, ער זאָל אים דאָס ייִנגל אָוועקגעבן. ער מוז אים אָוועקגעבן. פאַר גליק גיט ער א פּאָר מאָל א הוסט און גייט גלייך צו זיין קינפּטיקן שפּייזער, צו זיין „בעל־הבית“ צו לייזערן, און נאָכן „גוט־מאָרגן“ פרעגט ער:

— ווי געפעלט אייך הייַנטיקער טאָג?

— נישט קיין מיאוסער טאָג! — ענטפערט לייזער.

— דווקא א שיינער טאָג! — ענטפערט יענקל־חנן.

ער ווערט שטיל, גיט איידל א הוסט, מאַכט גאָר אַן אנדער מינע און שטייט צו גלייך צו דער זאַך.

— וואָס הערט זיך מיט אייער „בחורל“? האָט ער שוין א מלמד?

— האָבן האָט ער... — ענטפערט לייזער און וויל שמאָלין זיין — נאָר איך בין עפּעס נישט צופרידן.

— הייסט עס, האָט ער דאָך נישט — ווערט יענקל מלא שמחה.

— אזוי ווי גיישט! — איז זיך שוין לייזער האלב מודה.

— היינט וואָס זשע וואַרט איר? — ווערט שוין יענקל־חנן אינגאַנצן פריילעך, די האָפענונג צו באַקומען דעם תלמיד איז שוין כמעט ווי דערפילט. און ער הוסט זיך שוין פאַנאַנדער, ווי געהעריק איז, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלמד, וואָס האָט שוין באַלד זיין חדר פאַר פול.

ער פאַרגעסט דעם מקח, וויפל קינדער הזלט ער און ווי איז זיין שיטה אין לערנען. יענקל־חנן ענטפערט אזוי, אַז לייזער איז אינגאַנצן צופרידן, און נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת זאָגט ער אַרויס מיט אַ ברייט־קייט:

— מילא, ער וועט גיין צו אייך!

— און איר וועט זיין צופרידן — פאַרזיכערט יענקל־חנן און ווייגט שיעור נישט פאַר שמחה...

און אַז דער מלמד גייט אַ גליקלעכער אַוועק, ווערט לייזער אויך רואיקער און האלב שמייכלענדיק, האלב ווייגענדיק ברומט ער אַרויס:

— געשלאָסן אַ געשעפט...

1904

צווייַ שוועסטער

צו דער אָרעמער כיענען פלעגט די רייכע שוועסטער, זעלדע, זעלטן קומען; דערפאַר אָבער, אַז זי פלעגט שוין אַמאָל קומען, איז ביי דער אָרעמער כיענען אין שטוב קענטיק געוואָרן: די רייכע שוועסטער האָט שטענדיק עפּעס אַ מתנה געבראַכט, אַמאָל אַ שטיקל סיץ אויף אַ קליידל, אַמאָל אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע שיך פאַר די קינדער, אַמאָל אַן עסנוואַרג און אַמאָל אַ מזומן קערבל.

אַז זעלדע פלעגט קומען, פלעגט די אָרעמע כיענע פון אָנפאַנג צעטומלט ווערן. אויף איר געזיכט פלעגט זיך אויסגיסן אַ פרייד און אַ שרעק צוזאַמען, און די אויגן, די טיפע איינגעגראָבענע אויגן, האָבן דאַכט זיך, געלאַכט און געוויינט צוזאַמען...

— ס'אַ בזיונות אביסל? — פלעגט כיענע קוים צו זיך קומען.

— איך זע אויס, ווי דער שוואַרציאָר!

און כיענע פלעגט אַראָפּרוקן נידעריקער דאָס טיכל אויפן שטערן און אַ וויש טאָן מיט די הענט דאָס פנים און פלעגט בלייבן שטיין אָן ווערטער.

— פאַרוואָס בעטסטו נישט זיצן?... — פלעגט שוין די שוועסטער כיענען פון פאַרלעגנהייט ווען אַרויסנעמען...

— ווייס איך.. — פלעגט כיענע פאַרשולדיקט ענטפערן, וואַרפנדיק א בליק איבערן שטיבל — עס איז ברוך השם נישטאָ ווו — אַ הקדש...

— נייַן! גייַן! — פלעגט זעלדע ענטפערן. — איך האָב קיין צייט ניט, איך וועל באַלד גייַן. וואָס מאַכסטו עפּעס, כיענע?...

— מען מוטשעט זיך... וואָס זאָל מען מאַכן. „ער“ זיצט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און גיט נישט אַ קלאַפּ אַ פינגער אָן אַ פינגער...

דער מאַן פלעגט כעסדיק אַ ברום טאָן און גאָרנישט ענטפערן, און כיענע, קומענדיק שוין צו זיך, פלעגט אָנהייבן רעדן און רעדן, קלאָגן זיך און קלאָגן זיך, און זעלדע, די רייכע שוועסטער, פלעגט שטיין און

אויסהערן אויפמערקזאם אלע טענות, דרייענדיק די פרענדז פון איר מאנטל...

— נו, איך דאַרף שוין גיין! — פלעגט זעלדען ענדלעך נמאס ווערן אויסהערן ביענעס מעשיות. — נאַ, דאָס ווּעסטו האָבן פאַר די קינדער אויף א פּאָר העמדלעך... טייערע פרעז...

— וואָס? איך זאָל דיר דאַנקען? — פלעגט ביענע גערירט ווערן, צונעמענדיק די מתנה. — איך זאָג האַך, פריער גאָט, דערנאָך דו... עס איז, ברוך־השם...

ביי ביענען פלעגן זיך שטעלן טרערן אין די אויגן, צי פאַר פרייד פון דער מתנה, צי פאַר צער, וואָס זי האַרף נעמען... אַזעלכע זאַכן איז שווער צו וויסן... און זי פלעגט נישט וויסן מיט וואָס צו ענדיקן.

— פאַרט א שוועסטער — זי פאַרגעסט נישט! — פלעגט ביענע נאָך זעלדעס אוועקגאַנג זיך ווענדן צו די הויזיקע.

— א גרויל גאָר! — פלעגט דער „מאַן“ וועלוול נישט זיין צו־פרידן. — וויפל מיינסטו איז דאָס ווערט? ביי לייטן רייכע שוועסטער...

— ביי לייטן, ביי לייטן! — פלעגט ביענע איבערקרימען איר מאַן.

— דו האָסט ווען געזען „לייטן“, קבצן איינער?... דו דאַרפסט דאָך גע־מען אַ טאָרבע און גיין איבער די הייזער...

— שאַ, שריי נישט אזוי — פלעגט וועלוול אַראָפּפאַלן ביי זיך — וואָס האָב איך דיר אזוי געזאָגט... איך מיין גאָרנישט....

— אזוי, מיינסטו גאָרנישט — פלעגט ביענע זיך צעהיצן. — איך קאָן דיך, איך וויים, דו וואָלסט וועלן, אז זי זאָל דיר, וואָס זי האָט, אוועקגעבן, דו זאָלסט קאָנען א גאנצן טאָג שלאָפן...

און ביענע פלעגט נאָכדעם א שעה נאָכאנאַנד רעדן וועגן דער ריי־כער שוועסטער און דערציילן, אז זי איז אלע מאָל א גוטע געווען: בשעת זיי זענען נאָך מיידלעך געווען און ביידע געהאָרעוועט זיך ביים אָרעמען טאַטן, פלעגט זי איר אויך, וואָס זי האָט נאָר געהאט, אוועקגעבן...

— דערפאַר האָט איר טאקע גאָט געהאָלפן! — פלעגט זי אויס־לאָזן מיט א פרומען זיפץ. — גאָט זאָל איר געבן צען מאָל אזויפיל — זי איז דאָס ווערט...

און ביענע, וועלכער עס האָט זיך שטענדיק געדאכט, אז זי איז זיי־ער פיל שולדיק דער שוועסטער פאַר די פילע מתנות, וואָס זי גיט איר איבער, פלעגט כאָטש צאָלן מיט ברכות אונטער די אויגן, ווי זי וואָלט

װעלן גרינגער מאַכן די שװערע משא, װאָס ליגט זיך בײַ איר אױפֿן האַרצן נאָך יעדער באַקומענער מתּנה...

דאָך װאָלטן די ברכות אַלײן נישט געװען אימשטאַנד צו פֿאַר־גרינגערן ביענעס האַרץ. משטײגנס געזאָגט, װאָס פֿאַר אַ װערט האָבן אירע ברכות? איר מױל איז נישט אַזאַ געבענטשטער: אַ גאַנצן טאָג שעלט זי דעם מאַן, די קינדער און זיך אַלײן — און װער װײסט, צי איז גאָר איר מױל מסוגל צו אַ ברכה?

פֿאַרגרינגערן איר משא פֿון די באַקומענע מתּנות איז באַשטאַנען אין אַן אַנדער זאַך גאָר. די אָרעמע ביענע, װאָס האָט דערנערט במעט אַלײן דאָס גאַנצע געזינד דערמיט, װאָס זי פֿלעגט האַנדלען מיט גאַסי־קע „פֿױערטעס“, איז אױך אימשטאַנד געװען עפּעס צו שענקען אײן מאָל אין יאָר דער רײַכער שװעסטער. עס איז געװען אַ מתּנה אפֿשר נישט אַזאַ טײַערע, אָבער זײער אַן אָנגעלײגטע.

די מתּנה פֿלעגט זי איר שיקן אײן מאָל אין יאָר — אסתּר־תּענית — מאָן אױף המן־טאַש.

ביענע האָט געהאַט אין גאַס אַ פֿױערטע, מיט װעלכער זי האָט זײער גוט געלעבט. און די פֿױערטע, אַנדזיע, פֿלעגט איר אַלע אָסיען שענקען אַ האַלבן טאָפּ מאָן.

ביענע פֿלעגט דעם מאָן באַהאַלטן װײַט, װײַט אױפֿן בוידעם, כּדי די קינדערלעך, װאָס האָבן מאָן זײער ליב, זאָלן דערפֿון נישט דער־שמעקן. און מיט אַ קלאַפּעדיקן האַרצן פֿלעגט זי, אַרױפֿקריכנדיק אַמאָל אױפֿן בוידעם, קוקן אױפֿן זעקעלע מאָן און טראַכטן:

— אסתּר־תּענית!...

מער איז זי נישט אימשטאַנד געװען צו פֿאַרשטעלן זיך, דער גע־דאַנק פֿלעגט איר װי פֿאַרשיכורן, און גאָר שטראַלנדיק פֿלעגט זי אױסרעדן הויך:

— אסתּר־טענית!...

און אסתּר־תּענית אין דער פֿרי פֿלעגט זי לאָזן אַלע אַרבעט, אַרױפֿ־קריכן אױפֿן בוידעם, מיט ציטערנדע הענט אַראָפּנעמען דאָס זעקעלע מאָן און מיט אַן ערנסט באַזאָרגט פּנים פֿלעגט זי זיך אָנהײבן עסקן מיט די מאָן....

— אײַ, מאָן, מאָן! — פֿלעגן די קלײנע קינדער זיך צעזינגען און אױעקשטעלן זיך בײַם טיש מיט דאַרשטיקע אײגעלעך.

— אַוועקט, אַוועקט! — פלעגט כיענע פּאַרזיכטיק זיי אַוועק־טרייבן. דאָס איז פאַר דער מומע זעלדען. — משעפּעט גישט.

דערהערנדיק: „פאַר דער מומע זעלדען“, פלעגן די קינדער זיך איבערקוקן און אָפּטרעטן אויף א פּאָר טריט צוריק. בלויז דאָס ייִנגסטע, דאַר ייִנגעלע מיט גרויסע שוואַרצע אייגעלעך פלעגט זיך בעטן:

— מאַמע, וועל גישט נעמען, וועל נאָר קוקן... מיינע נאמנות... קוקן...

— נו, קוק, קיק, — פלעגט די מאַמע ווייכער ווערן...

דערזעענדיק, אַז די מאַמע איז מתיר צו קוקן, פלעגן זיך אַלע קינ־דער א שאָט טאָן צוריק צום טיש און באַטראַכטן די מאָן מיט גרויס הידוש און הרך־ארץ...

און כיענע פלעגט אָנהייבן מעסטן און מעסטן. איר געקנייטשטשטער שטערן פלעגט געקנייטשטער ווערן, די טיפע איינגעגראָבענע אויגן פלעגן נערוועז אומלויפן. זי האָט נישט געקאָנט באַשטימען, וויפל זאָל זי לאָזן פאַר זיך אליין: א האַלבע קוואָרט, צי א קוואַרטירל...

— וואָס זאָגסטו, וועלוול, עס איז נישט מיאוס צו שיקן איר נאָר אַנדערהאַלבן קוואָרט?

— וואָס פרעגסטו מיך? — פלעגט וועלוול זיך בלאָזן. — עס איז דאָך ד יי ן שוועסטער, ווייסטו דאָך בעסער פאַר מיר...

וועלוול האָט שוואַרצן מאָן ליבער געהאַט מער פאַר אַלע גוטע זאַכן, ליבער געהאַט אפילו ווי מערן־צימעס... און הלוואי וואָלט ער נאָר כאָטש א ביסעלע פאַרדינט, וואָלט ער געהייסן שיקן „איר“ א קוואָרט און פאַר זיך א קוואָרט, נאָר וואָס העלפט דאָס ליב האָבן? אַן אָרעמאַן טאָר גאָרנישט ליב האָבן...

און כיענע פלעגט זיך נאָך א לאַנגן ישוב־הדעת לאָזן זיך אַליין נאָר א קוואַרטירל און דאָס איבעריקע פלעגט זי פאַרבינדן פאַר זעלדען...

שווער איז דאָס צוגעגאַנגען מיטן אַוועקטראָגן. אייגנטלעך וואָלט כיענע זיך מחיה געווען, ווען זי וואָלט געקאָנט אַליין אַוועקטראָגן, ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט... נאָר כיענע האָט בשום אופן זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, וויאַזוי, וועט זי דאָס אריין און זאָגן: איך האָב דיר געבראַכט א מתנה... ניין, זי וועט עס נישט קאָנען אויסרעדן... זי וועט זיך צעטומלען און עס וועט זיין א חרפּה פאַרן שוואָגער...

און כיענע ווענדעט זיך צו די קינדער:

— נו, ווער וויל אַוועקטראָגן דער מומען זעלדען די מאָן?

— איך! — פלעגט איין קינד א שפרונג טאָן.

— איך! — פלעגט א צווייטס איבערשרייען דאָס ערשטע.

— איך — פלעגט א דריטס זיך איינשפאַרן...

נאָר כיענע פלעגט יעדעס קינד באַטראַכטן און געפינען חסרונות.

— ביי דיר איז צעריסענע הייזלעך. עס זעט זיך דאָס הוילע העמד... מיאוס פאַרן פעטער..

— ביי דיר איז א צעריסן קליידעלע...

— דו, כאַצקל, גייסט אפילו נישט שלעכט אָנגעטאָן, ערשט פאַר־אכטאָגן א פּאָר לאַטקעלעך געלייגט... איך האָב אָבער מורא, אז דו קאָנסט אויפן וועג אויפעסן... ביסט א נאַשער. געדענקסט, ווי דו האָסט זומער אויסגעזופּט א האַלבע גלאָז זויערמילך...

און כאַצקעלע, א ייִנגעלע פון צוועלף יאָר, הייבט זיך אָן שווערן מיט אַלערליי שבועות, מיט עולם הבא, מיט די ציצית, אז ער וועט אויפן זעקעלע אפילו נישט קוקן, נישט נאָר נישט עסן. איי די האַלבע גלאָז זויערמילך, האָט ער געמיינט, אז דאָס האָט מען אים געלאָזן אויף אָנבייסן...

און כיענע שיקט די מאָן מיט כאַצקעלען. זי קוקט אים גוט אַרום, פאַרשפּילעוועט אים די קנעפּלעך, שנייצט אים אויס דאָס נעזל און הייבט אים אָן עקזאַמינירן:

— וואָס וועסטו זאָגן?

— איך וועל זאָגן — הייבט אָן כאַצקעלע, און די אייגעלעך גלאַנצן, — איך וועל זאָגן: די מאַמע האָט אייך געשיקט שלח־מנות...

— משוגענער — דערשרעקט זיך די אָרעמע מוטער — און די איבעריקע קינדער צעלאַכן זיך — משוגענער, וואָס איז היינט פּאַר א שלח־מנות?... מאָרגן איז דאָך שלח־מנות. — איך וועל זאָגן: די מאַמע האָט אייך געשיקט א מתנה מאָן אויף המן־טאַשן...

— אָ, אזוי, אזוי — ווערט כיענע צופרידן... דו וועסט פריער זאָגן: גוט מאָרגן! שיין, הויך, גוט מאָרגן!... — גוט מאָרגן! — שרייט אויס כאַצקעלע. — און אַלע קינדער לאַכן זיך פאַנאַנדער.

— גוט! גוט! — קוועלט אָן כיענע ביי דעם וואָרט מתנה. — כאַצ־קעלע איז טאַקע א קלוגער...

און כאַצקעלע לויפט אַרויס מיטן זעקעלע מאָן, אין שטיבל ווערט שטיל. אַלע וואַרטן אויף עפּעס א גרויסער זאַך, אַלעמען דאַכט זיך, אז כאַצקעלע וועט קומען צוריק און וועט עפּעס ברענגען אַזא זאַך, וואָס איז

טייערער פאר אלץ, נאָך וואָס דאָס גאַנצע פּינצטערע אָרעמע שטיבל קאָן ליכטיק און רייך ווערן...

נאָר מער אָנגעשטרענגט ווארט כיענע אליין. עס איז דאָך אירע מאַן און איר שוועסטער... וואָס וועט זי זאָגן?... פּאַרוואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג?... דאָס האַרץ שפּרינגט איר שיר ניט אַרויס...

— שאַ, ער לויפט שוין צוריק! זאָגט אָן אַ קינד וואָס קוקט די גאַנצע צייט אין פענצטער.

און כאַצקעלע לויפט אַריין אַ פרײלעכער אין שטוב...

— נו, שטעלט אויס כיענע אויף אים אירע אויגן.

— איך בין אַריין...

— דער פעטער געווען אין דער היים? — שלאָגט כיענע איבער.

— ניין! — האַקט כאַצקעלע אָפּ פרײלעך.

כיענע גיט אַ זיפץ און טרייבט ווייטער: נו, דערצייל.

— איך בין אַריין, פרעגט מיך די דינסט: וועמען דאַרפסטו, יינגעלע? זאָג איך: איך דאַרף די מומע זעלדען...

— גוט געזאָגט! — שיינען כיענעס אויגן פאַר גליק, וואָס איר אָרעם יינגל איז אַזאַ יחסן...

— די מומע זעלדע איז אַרויס — דערציילט כאַצקעלע ווייטער — באַלד וועט זי אַריין, זאָגט די דינסט — וואַרט. און באַלד איז אַריין די מומע. „גוט מאָרגן!“ — האָב איך געזאָגט.

— הויך? — פרעגט כיענע.

— הויך, אויפן קול, זאָל איך אַזוי געזונט זיין — שווערט כאַצקעלע — גוט מאָרגן — די מאַמע האָט אייך געשיקט מאָן אויף המן־טאַשן...

— פאַרוואָס האָסטו ניט געזאָגט: אַ מתנה?... — פרעגט די מאַמע ווי באַליידיקט.

— אוי, איך האָב זיך פאַרגעסן... אוי — אוי! — האָט כאַצקעלע הרטה און קראַצט זיך אין פאה.

— נאַרישע יידענע! — ברומט וועלוול. — עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ מתנה, ממילא. וואָס דאַרף מען נאָך אויסרעדן. אוודאי, אַז דו שיקסט איר מאָן, איז דאָס אַ מתנה... „זי“ פאַרשטייט דען ניט?....

און כיענע גיט אין הארצן וועלוולען געדעכט און א באַרואיקטע פרעגט זי ווייטער:

— נו, נו! וואָס האָט זי געזאָגט?

— זי האָט צוגענומען און עפּעס געשמייכלט...

— עס האָט איר הנאה געטאָן! — קוועלט כיענע...

— און האָט אַריינגעשאָטן אין א גרויסער זילבערנער שיסל און געזאָגט: טייערע מאַן...

— שייך טייערע... באַגייסטערט זיך כיענע — גאָלד! היינטיקס יאָר איז גאָרנישט צו קריגן אזא מאַן...

— באַדאַנק דער מאַמען! — האָט זי געזאָגט — דערציילט ווייטער כאַצקעלע — און זאָג איר, אז איך בעט איר, זי זאָל קומען מאָרגן צו דער סעודה...

— אַ שוועסטער איז א שוועסטער! — זיפצט צופרידן כיענע, קערט זיך אום צום פענצטער און ווישט די אויגן פאַר פרייד...

* *
*

אזוי האָט זיך עס פיל יאָרן געצויגן. דאָס זעקעלע שוואַרצע מאָן האָט כיענע געמוטיקט, געגעבן שטאַלץ: זי, די אָרעמע, דערשלאָגענע פרוי, איז אויך אימשטאַנד צו שענקען, און וועמען? איר רייכער שוועסטער... פאַר די אָפּטע מתנות, וואָס זי נעמט פון איר, קערט זי איר אום כאָטש איין מאָל אין יאָר א מתנה...

און כיענע איז גליקלעך דערמיט געווען.

נאָר די אָרעמע פרוי האָט דאָס גליק פּלוצים פאַרלוירן און זי האָט דערפילט, אז איר וועלט איז שוין פאַרשפּילט, זי האָט שוין נישט אויף וואָס צו האָפן — איר שוועסטער, וואָס לעבט און איז רייך, איז פאַר איר אָפּגעשטאָרבן.

עס איז געווען אסתר-תענית. די אָרעמע כיענע האָט, ווי אַלע מאָל, מיט א קלאַפּנדיק האַרץ פאַר פרייד, דאָס זעקעלע שוואַרצע מאָן אַראָפּ-גענומען פון בוידעם, געמאָסטן און געמאָסטן, געקלערט און געקלערט, וויפל זי זאָל פאַר זיך לאָזן: א האַלבע קוואָרט, צי א קוואַרטירל און קוים

מיט דער הילף פון די צענדליקער קנייטשן אויפן שטערן, האָט זי באַשלאָסן, ווי אַלע יאָר, אַז פאַר זיך וועט זיין גענוג אַ קוואַרטירל — און האָט עס אוועקגעשיקט מיט ברוכקען, ווייל כאַצקל איז גראָד דאָס יאָר געגאַנגען אָן שטיוועלער און ברוכקען האָט אָפּגעגאַלטן... די אַלטע שטיוועלער, וואָס די מומע האָט געשאָנקען, זענען פונקט געווען אויף זיין „פּוס".

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ווי אַלע יאָר און נאָך מער ווי אַלע יאָר, ווייל כיענע האָט שטאַרק, אַז אַ האַרץ „זאָגט" — האָט זי דערוואַרט זיין קומען, וואָס פאַר אַ בשורה וועט ער ברענגען, וואָס האָט די שוועסטער געזאָגט?....

און אָט איז אַריין ברוך מיטן זעקל מאָן צוריק... אַ דערשלאָגענער, פאַרשעמטער, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט און נישט געקאָנט אַ וואָרט אויסרעדן...

— וואָס ביסטו נישט געגאַנגען? — האָט כיענע בייז געפרעגט.

— איך בין שוין געווען... — האָט ברוכקע קוים געענטפערט.

— נישטאָ זי אין דער היים? — האָט כיענע ווייטער געפרעגט....

— אין דער היים איז זי...

— נו?... — האָט כיענע אויסגעשטעלט די אויגן...

— זי זאָגט, אַז זי האָט שוין!

— וואָס, ביסטו משוגע? רעד! — איז כיענע ווי צעמישט צוגעגאַנגען נאָענט צו אים און אָנגעהויבן אים צו טרייסלען...

— וואָס ווילסטו? — האָט זיך דאָס יינגל פאַנאַנדערגעוויינט. — וואָס בין איך שולדיק, אַז „זי" האָט שוין?...

— פון וואַנען? וואָס? ווי איז מיר! וואָס טוט זיך דאָ היינט מיט מיר? פון וואַנען האָט זי?...

— איך בין אַריין — דערציילט ברוכקע פאַרוויינט — זאָג איך. די מאַמע האָט אייך געשיקט מאָן... זאָגט זי: איך האָב שוין... איך האָב גאָר פאַרגעסן, דאָס די מאַמע שיקט מיר אַלע יאָר. איך האָב נעכטן געקויפט ביי זלאַטע דער אַלמנה אַ גאַנצן האַלבן טאָפּ פאַר אַ האַלבן רובל... נעם עס צוריק, דער מאַמען וועט עס צונוצקומען... — האָט די מומע געזאָגט.

— זי האָט שוין! — האָט כיענע אויסגעשריען.

און אין שטיבל איז שטיל געוואָרן, ווי עמעצער וואָלט עפּעס אָנגעזאָגט זייער אַ טרויעריקע בשורה, וואָס רויבט אַוועק די לעצטע האָפענונג, וואָס לעשט אויס יעדן שטראַל...

און אַ גאַנצן פּורים האָט דאָס שטיבעלע געטרויערט, ווי מען וואָלט דאָ „שבעה“ געזעסן, ווי מען וואָלט אַ געשטאָרבענעם באַוויינט.

געשטאָרבן איז פאַר כיענען די רייכע שוועסטער...

1902

די נאַשערין

דער אָנבייסן איז ביי שיינדלען נישט געווען קיין זעטיקער. אָפּקאָכן א טעפּל קאַרטאָפל, האָט זי קיין צייט נישט געהאַט, זי איז געווען פאַרנומען מיט די וועש, וואָס זי האָט געבטן געוואַשן און אין דער פרי געדאַרפט אויפהענגען צו טריקענען. זי האָט אפילו דעם אויוון נישט געהייצט און אויף מיטאָג נישט געקאָכט קיין ביסל געקעכטס. אז עס איז געקומען א זייגער איינס, האָט חיים, דער מאַן, וואָס איז כלומרשט א הענדלער, א זאָג געטאָן נישט גאַנץ דרייסט:

— דו ווייסט שיינדל... מיר ציט עפּעס אין האַרצן...

— שוין? אזוי גיך? — האָט זיך שיינדל אָנגעכאַפּט. — ווי לאַנג, דוכט זיך, האָט מען אָנבייסן געגעסן, איך וויים נישט, צי עס איז פאַראַן פיר שעה....

— וואָס רעדסטו נאַרעלע, עס וועט זיין געזונטע פיר שעה, אויב נישט טאַקע גאַנצע פינפטהאַלבן... — האָט חיים זיך געסטאַרעט צו רעדן וואָס ווייכער און האָט גענומען רעכענען אין דער שטיל, טאָמער איז נאָך טאַקע קיין פיר שעה נישטאָ, זאָל זי כאָטש נישט הערן.

— אָנבייסן האָבן מיר געגעסן פאַר צען, איצטער איז נאָך איינס... הייסט דאָרט איז געווען פאַר צען און איצט איז נאָך איינס...

דער חשבון האָט אים אויפגעמונטערט און ער האָט שוין כמעט ווי מיט העזה אַרויסגערעדט:

— ס'איז שוין דאָ שיינע פיר שעה, טאַקע באַלד די פינפטהאַלבן...

— און אז צען שעה, וואָס זאָל איך דיר געבן? זאָל איך אזוי וויסן פון בייז... — האָט שיינדל באַזאָרגט גערעדט — אין שטוב איז אחוץ ברויט דאָך נישטאָ.... אויף וועטשערע וועל איך עפּעס קאָכן...

אפשר א הערינגל... — האָט חיים ווי דערשראָקן פאָרגעלייגט.

— נאָך א גייעס — האָט זיך שיינדל געקרימט — וואָס איז היינט פאר א מין „קאַזאַטשינע“! הערינג איז איצט פלאַם פייער, אכט גראָשן א הערינג, א ברעקל...

— נו, פונדעסטוועגן איז א הערינג אויף מיטאָג נישט שלעכט... שיק נאָך א הערינג, — האָט חיים, קענען זיין גאַטור, זיך געהאלטן פעסט אין זיין אידעע.

— איך וויל אויך עסן! — האָט די עלטערע, זעכצניעריקע טאָכ־טער זיך אָנגערופן פון א ווינקל, וווּ זי איז געזעסן און שטיל געארבעט.

— און איך „שטארב“ אויך עסן! — האָט זיך אָנגערופן די צוועלפיעריקע גרונע, וואָס איז געזעסן ביים פענצטער און די גאַנצע צייט געקוקט אין גאַס.

— אַ הונגער איז אויף זיי אָנגעפאלן! — איז שיינדל אין כעס גע־וואָרן. — פארוואָס ווילט זיך מיר נאָך נישט עסן. דאַכט זיך, איך בין אויך אזא מענטש, ווי איר.

— דו עסט טאַקע גאָרנישט... — האָט חיים ווייך גערעדט. — ביסט טאַקע א שוטה... נארעלע, די וועלט איז אויך א וועלט.

— פון וואַנען, פארדינער מיינער, זאָל איך דאָס אלץ נעמען? — האָט זי פארדריסלעך געפרעגט. — וואָס איך רייס נישט אָפּ פון זיך, דאָס האָב איך נישט.

— גאָט וועט העלפן, נישקשה — האָט חיים גענומען טרייסטן — שיק נאָך א הערינגל, שיק! — איז ער אלץ ווייטער מער מוטיק געוואָרן.

— נו, גיי גרונע, אין קרעמל און נעם א הערינג... — האָט זיך שיינדל, נאָך א ישוב־הדעת, געווענדט צו דער יינגערער טאָכטער. וועסט „איר“ זאָגן, אז מיטן נעכטיקן פעפער וועט זיין איינגעם 27 גראָשן.

דאָס מיידל איז מיט שמחה ארויסגעלאָפן פון שטוב...

— נאָר א גוטן! — האָט שיינדל איר נאָכגעשריגן.

— מיט רויגן! — האָט אויך חיים פון זיין זייט צוגעשריען.

נאָר דאָס איז געווען ווי א קול אין דער מדבר. די שליחטע איז שוין מיט איר שליחות ווייט געווען...

באלד איז גרונע געקומען צו לויפן פארפלאטערט און פארסאפעט, אָבער א פריילעכע, מיט א הערינג, איינגעוויקלט נאָר אין דער מיט אין א שטיקל פאַפיר.

— ווייז, ווייז — האָט שיינדל אומגעדולדיק ארויסגענומען אים פון איר האַנט, און באַטראַכטנדיק אים פון אַלע זייטן, האָט זי זיך פאַרקרימט און געזאָגט:

— אַ הערינג — אַ ברעטל... אַז מען שיקט אַ „גלאָמפּ".

— ווייז נאָר — איז שוין אויך חיים בכבודו ובעצמו צוגעגאַנגען צום הערינג... אָבער שיינדל, אָן אַ באַזונדער סיבה און אַן אויפגערעגטע, האָט אים אָוועקגעטריבן:

— גיי, גיי וועסט שוין זען פּאַרטיקערהייט... — דאָך האָט חיים שוין באַוויזן דעם הערינג אָנצוקוקן און האָט מיט סלינע אין מויל, וואָס די מראה אליין פון הערינג האָט ביי אים ארויסגערופן, גוטהאַרציק געזאָגט:

— ניין מיר דאַכט, אַז דאָס הערינגל איז דווקא נישט קיין שלעכטער.. אַ פעטינקער הערינג...

— אָט אַזוי ווי דו ביסט פעט! — האָט שיינדל געמורמלט, כאָטש אין האַרצן איז זי אַליין געווען צופרידן פון הערינג.

באַלד זענען אַריינגעלאָפן די דריי קלענערע קינדער פון הויף, ווו זיי האָבן געשפּילט, און האָבן זיך פריילעך צעזונגען:

— אַ הערינג! אַ הערינג!

— מיר אַ שטיקל!

— מיר דעם עק!

— מיר דעם „קאָפּ"...

— זעט אביסל, ווי זיי זענען באַפאַלן, ווי די קאַזאַקן — האָט שיינדל זיי אָפּגעשטופּט — לאָזט מיך איך פריער „מאַכן".

— דו וואָלסט אים געמאַכט מיט אַ „ציבעלע" — האָט חיים פאַרגעלייגט.

— עס האַרף ביי מיר זיין ערגעץ אַ ציבעלע — האָט שיינדל געענטפערט און גענומען זוכן אויף דער גראַטקע, ווו זי געדענקט אויף זיכער, די ציבעלע איז נאָך נעכטן אין דער פרי געלעגן.

די ציבעלע איז אָבער, ווי אין דר'ערד אַריין!

— ווו איז די ציבעלע? — האָט זיך שיינדל געווענדט צו דער עלטערער טאָכטער.

— איך ווייס נישט, איך האָב נישט געזען.

— ד י ר זאָל איך נישט זען! — האָט זיך שײנדל צעקאָכט. — קײן זאך זעט זי נישט... גרונע, אפשר װײסטו — האָט זי זיך געװענדט צו גרונען.

די קלײנע גרונע האָט, אָנשטאָט צו ענטפערן, זיך שטארק פאנאנ־דערגעלאכט, נאָר אין געלעכטער האָט זיך געהערט פארצװײפלונג און טרערן...

— אי, זי לאַכט! זי לאַכט! זי האָט אויפגעגעסן! — האָט זי דער געלעכטער ארויסגעגעבן.

— אַ ליגן — האָט זי רויט װערנדיק זיך געלײקנט.

— זי האָט אויפגעגעסן! — האָט די עלטערע טאָכטער געמסרט.

— מען דערקענט אין איר פנים.

— זאָג, װו איז די ציבעלע? — האָט די מאמע אויסגעשטעלט פארבלוטיקטע אויגן...

— איך האָב נעכטן אויפגעגעסן מיט ברויט — האָט גרונע א דער־שראָקענע זיך פארענטפערט.

— זאָל אויף דיר קומען א טויט! — איז אויף איר שײנדל ארויפ־געפאלן מיט די הארע פויסטן. — משומדתטע, װי נאשט מען דאָס אויף אײנע אלײן א גאנצע ציבעלע?!

— דאָס איז אַן אַקט אין דער װעלט און איז װערט, אז מען זאָל זי אויף שטיקער צעשנײדן — אַזאַ נאשערין! — האָט חיים פון זײן זײט צוגעלײגט.

און באלד, אלס פאָטער און דערציער, האָט ער ארויסגעגעבן א פסק:

— מען זאָל איר קײן ברעקל הערינג נישט געבן.

דעם פסק האָט ער אויך באגרינדעט:

— נישקשה, מיט א ציבעלע קאָן מען זײן זאט אָן הערינג.

און כאָטש חיים האָט נישט אזא דעה אין שטוב, דאָך איז דער פסק־דין דערפילט געװאָרן — עס האָט נישט געהאָלפן דער נאשערקעס גע־װײן.

— אין רחמים בדין! — האָט חיים זיך געשטארקט דאָס הארץ, װען אירע טרערן האָבן אויף אים אָנגעהויבן שטארק צו װירקן און דער הע־רינג איז שוין געװען אויפגעגעסן...

1909

לייכטער

די פּאָר האַלב־זילבערנע לייכטער, וואָס פּנחס האָט באַקומען צי דער חתונה אַלס דרשה־געשאַנק פון אַן אַלטער מומע, זענען ביז אַ צען יאָר נאָך דער חתונה אָפּגעהיט געוואָרן אויפן שענסטן אופן. אויב מען האָט געדאַרפט „פּאַרזעצן“ אין ענגע צייטן און סיי פּנחס, סיי זיין ווייבעלע האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס מען זאָל אַוועקטראָגן צו לייבע דעם וואָכערניק, איז דער גורל אויף די לייכטער קיינמאָל נישט אויסגעפאַלן. נישט דערלעבן וועט לייבע דער וואָכערניק צו האָבן די זכיה, אַז מען זאָל אים אַוועקטראָגן די לייכטער! אַ קישן איז אַפּילו אויך אַ שאָד און דערצו נאָך איז פון אַ קישן די בזיונות גרעסער: ווי מען זאָל זיך נישט קליגלען און איינוויקלען זי אַזוי, עס זאָל אויסזען ווי אַ געווייגלער פּעקל, דערקענט מען גלייך, אַז עס איז אַ קישן. אַוודאי איז גלייכער דער יום־טובדיקער אויבער־בגד. ווען לייבע דער וואָכערניק וואָלט נישט געווען אַזאַ מבין אויף סחורה און וואָלט דעם בגד נישט אָפּגעשאַצט אין צוועלף גילדן.

ווער רעדט נאָך, אַז פּנחס האָט דעם דאָזיקן יום־טובדיקן בגד גענומען נוצן צייטנווייז אויף אין דער וואָכן און דער אויבערשלאַק איז אַ ביסל אָפּגעבלאַקירט געוואָרן, האָט שוין לייבע דער וואָכערניק מער ווי אַ קערבל אויף אים נישט געוואָלט באָרגן. ער וואָלט אויך דאָס קערבל נישט געבאָרגט, ווען ער וואָלט געזען דאָס קיילעכדיקע קליין לאַטקעלע, וואָס דער דאָזיקער יום־טובדיקער בגד האָט פאַרמאָגט. צום גליק איז אָבער לייבע געווען אַ קורצזיכטיקער און האָט דאָס קונציק געלייגטע לאַטקעלע נישט דערזען.

אָבער אין אַ באַלעבאַטישקייט געפינט זיך נאָך גאָט צו דאַנקען וואָס צו פאַרזעצן. אַ מעשענער סאַמאָוואַר איז אויך עפּעס ווערט. אַז מען שייערט אים אויס, גלאַנצט ער ווי גאָלד, און ביי לייבע דעם וואָכערניק צעשפּילט זיך אַזוי דער יצר־הרע צו אים, אַז ער באָרגט אויף אים אַזש

אנדערהאלבן קערבלעך, נישט קוקנדיק וואָס צווישן די פיל משכנות, וואָס ער פאַרמאָגט, זענען דאָ אוודאי ביי א צען סאַמאָוואַרן.

מיט איין וואָרט — צו די לייכטער איז דאָס אומגליק א לאַנגע צייט נישט דערגאַנגען. ערשטנס, איז נאָך די נויט נישט געווען קיינמאָל אַזוי גרויס. אמת, אין די ערשטע צען יאָר נאָך דער חתונה האָט שוין פּנחס פאַרמאָגט ביי א זעקס קינדערלעך. צום גליק אָבער זענען די פיר עלטע־רע געווען מיידלעך און אין הדר האָט מען זיי נישט באַדאַרפט שיקן. די יינגלעך זענען נאָך געווען קליין: דאָס מוזיניקל איז אַלט געווען סך־הכל צוויי יאָר, און דאָס אַנדערע יינגעלע פיר יאָר. דערצו האָט נאָך פּנחס געהאַט שטיצע פון זיין שווער, ביי וועלכן ער האָט געמאָנט ביי א פופציק רובל, וואָס אים איז געקומען צום נדן, און דער שווער פלעגט פון צייט צו צייט צוואַרפן א פּאָר רובל, נישט אַזוי אויפן חוב פוגעם נדן, וועלכן דער שווער האָט געלייקנט, נאָר צוליב דער טאָכטער, וואָס האָט געהאַט פון פּנחסן אויסגעריסענע יאָרן, און ער האָט איר אַלץ פאַרגעוואָרפן, אַז איר טאַטע האָט אים אָנגעזעצט!

עס זענען אָבער פאַרגאַנגען נאָך עטלעכע יאָר, דער שווער איז, כאָטש נאָך נישט געשטאָרבן, אָבער ער איז אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז ער איז געווען טויט לעבעדיקערהייט. פאָדערן ביי אים דעם אַלטן חוב, וואָס עס קומט אים פון די פופציק רובל נדן, איז אַן אוממעגלעכע זאַך... פּנחס האָט שוין געדאַנקט גאָט, אַז דער שווער לאָזט אים צורו. פאַרזעצן איז שוין נישט געווען וואָס. דער סאַמאָוואַר איז שוין אויך ביי לייבען געבליבן און ווערליק ער באַריימט זיך, האָט ער אים שוין פאַרקויפט, ווייל פּנחס האָט צו לאַנג אים נישט אויסגעלייזט און „פּאָ זאַקאָנו“ האָט ער געהאַט רעכט צו פאַרקויפן.

לייבע האָט אים נישט פאַרקויפט, ער וויל נאָר אַזוי צוריק אים נישט אָפּגעבן, ווייל דער סאַמאָוואַר איז א מציאה א פינף רובל און געבאָרגט האָט ער אויף אים בלויז אַנדערהאַלבן רובל. אָבער פּנחס האָט אפילו נישט געפּרוווט פּראָטעסטירן, ווייל נישט נאָר ער האָט דעם סאַמאָוואַר נישט געקאָנט אויסלייזן, נאָר ער האָט געדאַרפט אָנקו־מען ווידער צו לייבען מיט נייע משכנות. הלוואי וואָלט נאָר געווען וואָס צו פאַרזעצן!

דער יום־טובדיקער בגד איז שוין פאַר דער צייט געוואָרן נישט נאָר וואָכעדיק, נאָר איינגאַנצן צעריסן אַזוי, אַז איינדערוואָכן אים טראָגן איז שוין אויך נישט געווען קיין גרויס כבוד... בלייבן נאָך די קישנס, אין צוויי,

די אמתע פּוכאָווע, ליגן שוין טאקע ביים וואָכערניק, און פאר די אנדערע צוויי שטעלט זיך איין גנעלע: זי זאָגט, אז מער לאָזט זי נישט פארזעצן קיין בעטגעוואנט.

— וואָס זשע וועסטו פארזעצן, חכמה מיינע? — האָט איינמאָל פּנחס איר אַ פרעג געטאָן, ווען אין שטוב האָט שוין געפעלט נישט נאָר אויף שבת, נאָר אויף אַ געבעקס ברויט.

— ווייס איך וואָס? — האָט גנעלע געקנייטשט דעם אזוי אויך גע־קנייטשטן שטערן. — פון מיינעטוועגן וואָלט איך פארזעצט די נשמה מיינע...

— די נשמה דיינע דארף לייבע נישט... — האָט פּנחס נאָך געהאַט מוט צו וויצלען זיך (פון דער נאַטור איז פּנחס טאקע געווען אַ וויצלער!).

— נו, טאָ פארזעץ דעם טלית און תפילין! — האָט גנעלע מיט גאַל געזאָגט.

— וויבאלד אז שוין יאָ אזוי ווייט, איז דאָך גלייכער די לייכטער... — האָט פּנחס דיפּלאָמאַטיש אָנגעדייטעט, און נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער דערקלערט דעם שכל:

— דעם טלית און תפילין, פארשטייט זיך, מוז איך האָבן אלע טאָג און די לייכטער דארפסט דאָך האָבן בלויז איינמאָל אַ וואָך... און אז מען וויל, בענטשט מען ליכט אויף ציגל...

גנעלע האָט געוואָלט אויסזידלען אים פאר דעם דאָזיקן העזהדיקן פאָרשלאָג, אָבער אָנשטאָט זידלען, האָט זי זיך צעוויינט.

— טאָמער האָב איך נאָך פיר שטיקלעך לייכטער, ווילסטו דאָס אויך אוועקטראָגן צו „אים“, צום גזלן.

פּנחס, בטבע אַ ווייכהארציקער מענטש, האָט קיין טרערן נישט גע־קאָנט פארטראָגן און ער האָט באשלאָסן מער די לייכטער נישט צו דער־מאָנען.

אָבער אז די נויט איז אין אַ פאַר וואָכן ארום אויסגעוואקסן, אז זי האָט שוין ענג געמאכט דאָס גאנצע שטיבל און מען איז שיר נישט דערשטיקט געוואָרן, איז פּנחס, אזוי זיצנדיק און טראכטנדיק וואָס צו פארזעצן אויסער די לייכטער און טלית און תפילין — פּלוצים באלויכטן געוואָרן פון אַ גרויסער אידעע.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, זיך דורכגעגאנגען איבערן שטוב, האָט פון גרויס אויפרעגונג ארויפגעטראָטן אויף אַ הענטעלע פון אַ קינד, וואָס איז ארומגעקראָכן אויף דער פאָדלאָגע, און נישט נעמענ־

דיק אין אכט האָט געווין פֿון קינד, האָט ער זיין אידעע הויך אויפֿן קול געמאָלדן אין שטוב:

ער האָט אָנגעהויבן מיט א קליינער הקדמה.

— געלע, דו ווייסט גאַרנישט טרעפֿן, וואָס פֿאַר א פּלאַן איך האָב.

— רייגע פּלעגנער! — האָט געלע אפּיקורסיש געמורמלט.

— דו ווייסט הערן, ווייסטו זיך כאַפּן פֿאַרן קאָפּ.

— פֿאַרן קאָפּ כאַפּ איך מיך שוין — האָט געלע געזיפֿצט — ער ווערט מיר סיי־ווי־סיי צעפּלאַצט...

— ווייסט זען, געלע, ווי גוט עס וועט זיין...

— נו, נו, לאָמיך שוין הערן! — איז געלע אליין געוואָרן אומגע־דולדיק.

— טאָ הער מיט קאָפּ! — האָט פּנחס זי אויפֿמערקזאַם געמאַכט. — איך וועל טאַקע לייבע דעם גזלן אָוועקטראָגן צו פֿאַרזעצן די לייכטער. אי וואָס? פּריוויטיק ווייסטו דאַרפֿן בענטשן ליכט און אויף ציגל בענטשן ווילסטו נישט, וועל איך אים פּריוויטיק פֿאַרנאַכט אָוועקטראָגן דעם טלית און תפֿילין און אויסלייזן צוריק די לייכטער. שבת האָרף מען דאָך נישט קיין תפֿילין, אי וואָס א טלית אויף שבת אין דער פֿרי? וועל איך, פֿאַר־שטייסטו מיך, שבת דאַווענען ותיקין און וועל „כאַפּן" דיין טאַטנס טלית — פֿאַרשטייסטו דעם פּלאַן!...

געלע האָט יאָ פֿאַרשטאַנען און נישט פֿאַרשטאַנען, און ענדלעך האָט זי זיך אָפּגערופֿן:

— נו, און זונטיק?

— זונטיק, בהמה דו, טראָג איך אָוועק צוריק די לייכטער און לייז אויס דעם טלית און תפֿילין...

— ביז וואַנען זשע וועט זיך עס ציען אזא מעשה? — האָט געלע שוין נאָכגיביק א פֿרעג געטאָן.

— ביז וואַנען גאָט וועט העלפֿן. — האָט פּנחס זיך געפּרוווט צו־הנפֿהנען צו געלען און צו גאָט, וואָס ער האָט פֿאַר ביידע מורא געהאַט...

אָבער געלע האָט זיך געכאַפּט, אז וויאַזוי קאָן גאָט העלפֿן, אז מען פֿאַרזעצט לייכטער און א טלית.

— מיר האַכט דווקא פֿאַרקערט, אז ער קאָן נאָך שטראָפֿן... — האָט זי זיך צעזיפֿט: מען האַנדלט מיט זיינע הייליקע זאַכן.

אָבער דאָ איז שוין פּנחס אָוועק א ביסל אויף אן אפּיקורסישן דרך און האָט ווי פֿאַר זיך א מורמל געטאָן:

— עס, שטראָפֿן... מערער שטראָפֿן קאָן ער שוין נישט... און עס איז געבליבן ביי פּנחסן אוועקצוטראָגן גלייך די לייכטער...

ער האָט זיי איינגעוויקלט אין א ווייס סערוועטל, און מיט א געבראָכן געמיט איז ער ארויס פֿון שטוב, לאָזנדיק געלען א ווייגענדיקע.

דעם גאַנצן וועג האָט ער געמאכט פּלענער, ווי אזוי צו האנדלען מיטן וואָכערניק, צי זאָל ער אים דערציילן, אז ער האָט בדעה זיי פֿריי־טיק אויסצולייזן, אָדער דערווייל מאכן א שוויג.

לייבע דער וואָכערניק, א הויכער מאָגערער ייד, מיט האלב־פֿאַר־מאכטע אויגן, האָט באטראכט די לייכטער, זיי אָפּגעוויגן, און זיי אָפּ־געשאצט אין זעקס רובל; און אזוי ווי ער באָרגט נאָר א דריטהלק, וואָס עס איז ווערט, האָט ער אויסגערעכנט מיט דעם שטיקל בלייפעדער, וואָס ער האָט אַדאַנק איר קורצקייט קוים איינגעהאלטן צווישן די פֿינגער, אז ער באָרגט דערויף צוויי רובל; און אזוי ווי ער וויים שוין פֿון פֿריער, אז זיי וועלן ליגן א יאָר זיכער, נעמט ער שוין אראָפּ די צוויי קאָפּיקעס א וואָך פּראָצענט... און אזוי ווי דאָס יאָר דאַרף זיין אן עיבור־יאָר, הייסט עס זעקס און פֿופֿציק וואָכן — רעכנט ער אראָפּ שוין זעקס און פֿופֿציק מאָל צוויי:

— וויפֿל איז זעקס און פֿופֿציק מאָל צוויי — האָט לייבע פֿאַר־זשמורעט די קליינע אייגעלעך — האָבן מיר א קימא לן... א קימא לן... א רובל מיט צוועלף — בלייבט איבער — האָבן מיר א קימא לן... א קי־מא לן... אכט און אכציק קאָפּיקעס, האָט ער ענדלעך אויסגעחשבנט, און ווישנדיק זיך דעם שוויים, האָט ער וויבהארציק צוגעגעבן:

— הייסט עס, ר' פּנחס, באקומט איר אכט און אכציק קאָפּיקעס...

אָבער באַפֿנדיק זיך, אז ער איז שוין צו גוטהארציק, איז ער גלייך געוואָרן שטרענגער און האָט זיך אָנגערופֿן:

— איך בין אָבער אייך מתרה, ר' פּנחס, אז מער ווי א יאָר זאָלט איר עס נישט לאָזן ליגן, וואָרעם וועט נישט, וועט זיין מיט די לייכטער אזוי ווי מיטן סאַמאָוואַר...

פּנחס איז געשטאנען און געציטערט ווי א בלאַט. דאָס קופּקעלע קופּער־געלט, האלב אין פֿארזשאווערטע מטבעות, וואָס לייבע דער וואָ־כערניק האָט מיט ציטערנדיקע הענט פֿאַר אים אויסגעלייגט, האָט אים אָנגעקוקט ווי מיט חוזק און דראָונג.

די לייכטער, אויסגעשייערטע און פֿינקלענדיקע, זענען געשטאַנען קעגנאיבער, אויפֿן טיש און האָבן זיך געבעטן צוריק. דאָס האָט דער וואָ־

בערגיק גלייך באמערקט און ער האָט זיי, אַלע פיר געבונדן און אַוועקגעלייגט זיי אונטן אין אַזאַ מין קאַסטן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן ארון...

מיט גרויס שרעק האָט פנחס צוגענומען דאָס קופּקעלע געלט, איין מטבע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און איר קלאַנג איז געווען אַזוי דומפּיק און שווער.

פנחס האָט זיך איינגעבויגן, די מטבע אויפגעהויבן און מיט אַ זיפץ זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אויפן גאַס האָט ער זיך אָבער באַטראַכט, אַז אַהיימגיין טאָר ער נישט. ער מוז פריער אַריבערגיין צום שווער און זען באַזאָרגן דעם טלית אויף שבת ותיקין.

אָבער דער גאַנצער פּלאַן, וואָס האָט אים פריער אַזוי באַגייסטערט, האָט ביי אים פאַרלוירן זיין רייץ. ערשטנס, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער שווער דאַוונט אליין ותיקין און, צווייטנס, האָט פנחס זיך געכאַפּט, אַז לייבע דער וואָכערניק וועט נישט וועלן הלוואן די לייכטער אויפן טלית און תפילין.

און פאַר זיינע אויגן האָט שוין געשוועבט דער ערשטער פּריוויטיקצונאַכטס, אויפן טיש ליגן פיר ציגל, אויף די ציגל ברענען פיר ליכט און געלע שטייט איבער זיי אַ פאַרוויינטע און באַטריבטע...

און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט וואַקלדיקע טריט, נישט ווויסנדיק אליין וווהין: צום שווער אָדער אַהיים צו געלען... און אפשר גאָר צוריק צו לייבען — אָפּנעמען די פיר האַלב זילבערנע לייכטער, אויב יענער וועט גאָר געבן...

ער איז דאָך אַן אמתער גזלן...

1915

הײמישע מענטשן

די גרויסע סוכּה

דאָס קלענסטע שטיבל אין גאַס איז געווען ברוכס. דאָס דאָזיקע שטיבעלע האָט געהאַט מער ענלעכקייט צו א כאַטקע אין אַ דאָרף, איידער צו א שטעטלשן בנין, נאָר דער האָך מיט צעפוילטע שינדלען איז געווען אַן עדות, אז דאָס שטיבעלע איז א שטעטלש און די מזוזה ביים טיר — אז עס איז אַ ייִדישע.

דאָס שטיבעלע א געווייניק האָט קיינע צימערן נישט געהאַט. די עלטערע טאָכטער האָט אפילו אמאָל געפּרוווט די צווייטע העלפט פון שטיבעלע, וואָס איז געווען אָפּגעצוימט מיט א הילצערנעם נישט געפאַרבטן אלמער, א נאָמען געבן „די פינצטערע קאַמער“, דאָס האָט זיך איר אָבער נישט איינגעגעבן. פינצטער איז אפילו אין דער אנדערער העלפט געווען גענוג, אָבער קיין איינדרוק פון א „קאַמער“ האָט דאָס נישט געמאַכט. צוויי מאָל האָט זי עס מיט דעם דאָזיקן נאָמען אָנגערופן, אָבער, אז די אלע הויזיקע האָבן איר נישט אונטערגעהאַלטן, האָט זי אליין אויך אויפגעהערט צו גלויבן אין דער ריכטיקייט פון נאָמען, און זי האָט צוגלייך מיט אלע הויזיקע אָנגערופן די צווייטע העלפט — „דער פינצטערער ווינקל“...

עס פאַרשטייט זיך, אז אן אלמער אין אזא ענגן שטיבל איז נישט אזא אָנגעלייגטער גאַסט. הויך און שטאָלץ און קאַלטבלוטיק איז ער געשטאַנען אינמיטן שטיבעלע און האָט זיך נישט געלאָזן א קער טאָן דעם לעבעדיקן מענטשן... דער אלמער איז אָבער געווען א ירושה פון ברוכס עלטערן, און מען האָט זיך מיט אים געמוזט האַלטן, בעטנדיק אויף אים אלע טאָג אין האַרצן א מפּלה...

אָבער נאָך מער אָפּקומעניש איז געווען דער אויוון. אָט דער אכזר האָט פאַרכאַפּט כמעט דריי חלקים פון שטיבל. דער אלמער איז זייגער גאָר א נאָענטער שכן געווען, נאָר שטאַרק ליב איינע די אנדערע האָבן זיי זיך נישט געהאַט: זיי האָבן ביידע זיך שטענדיק בייז אָנגעקוקט.

סיידן ערב פסח, ווען צביה, די באַלעבאָסטע פון שטיבעלע, פלעגט דעם פאָרנט פון אויוון אָפּקאַלכן, דאַן פלעגט ער עפּעס אָנהייבן א ביסל ווי פריינדלעכער קוקן אויף זיין שכן...

ווי קומט אין אַזאַ קליין שטיבעלע אַזא גרויסער אויוון, ווייסן אפילו נישט זייגע באַלעבאַטים. דאָס שטיבעלע שטייט שוין אוודאי הונדערטער יאָרן. ווער ווייס, וואָס פאר א משוגעים פאַרצייטן זענען געווען, וואָס פאר א מיין זיי האָבן דערמיט געהאַט. זיי, די באַלעבאַטים, האָבן דאָס שטיבל נישט געקויפט. גלייך נאָך ברוכס חתונה האָט דער פאָטער אים אריינגעזעצט אהער, און אָט אַזוי זיצט ער שוין עטלעכע צענדליק יאָר. צו דערגיין די געשיכטע פון דעם שטיבעלע האָט ער קיין צייט נישט, ער האָט בילכערע זאַכן: ברוך איז א ייד, וואָס האָט א ווייב מיט א סך קינדער און מיט ווייניק פרנסה...

בכן איז איינס פון די ערשטע אומגליקן אין ברוכס הויזגעזינד די ענגשאַפט. ברוכס ווייב, צביה, איז אפילו א בריה א יידענע, די עלטערע טאָכטער האָט נאָך איר אריבערגעשטיגן, און אָט די צוויי בריות ארבעטן גענוג, כדי צו מאַכן עפּעס אָרדענונג, גערוימקייט אין שטיבעלע. אָבער וויפל זיי זאָלן נישט ארבעטן, העלפט עס נישט. אָט איז נאָך אָנגעבייסן; די מוטער און טאָכטער האָבן דאָס געזונט אוועקגעלייגט אויפצורוימען, מאַכן א שטיקעלע דורכגאַנג צום טיש. עס גדויערט אָבער נישט קיין צען מינוט, עס פאַלט עפּעס אראָפּ אויף דער ערד, עפּעס נישט פּאָרזיכטיק אוועקגעשטעלט, עטוואָס די באַנק א דריי געטאָן, און אין שטיבל קאָן מען שוין ווידער נישט דורכגיין, כאָטש נעם און שפּרינג! וואָרעם אויסער דער אלמער און אויוון האָבן זיך נאָך, פאַרשטייט זיך ממילא, געפונען אין שטוב צוויי בעטן, א טיש און צוויי לאַנגע בענק, פון וועלכע איינע, די לענגערע, האָט מיט אירע שפּיצן געלעכערט די ווענט; און קלענערע כלי־בית.

— האָט אונדז דיין טאַטע א ירושה געלאָזן! — פלעגט צביה נישט איינמאָל „שטעכן“ איר ברוכן, ווען די ענגשאַפט איז געווען נישט צו דערטראָגן, למשל, ביים אויסבעטן די בעטן, ביים חלה באַקן, טשאָלנט רוקן און נאָך אַזוינע צייטן פון הו־האַ.

ברוך פלעגט איר קיינמאָל נישט ענטפערן, וואָרעם ער אליין איז אָט מיט דער דאָזיקער ירושה אויך נישט געווען צופרידן. כאָטש צייטנווייז פלעגט ער טראַכטן: פונדעסטוועגן פאָרט אן אייגענער ווינקל...

אויסער וואָס די באַלעבאַטים פון שטיבעלע האָבן געליטן פון דער ענגשאַפט פיזיש, האָבן זיי אויך גייסטיק געליטן, און מען קאָן זאָגן, אז די גייסטיקע ליידן זענען פיל גרעסערע געווען...

אמת, ברוך איז געווען אַן אָרעמער ייד, אָבער דאָך איז ער געווען א באַלעבאָס, געשטאַמט פון שיינעם יחוס, איצע זלאַטעס, למשל, איז געווען זיינער גאָר א נאָענטער קרוב, און איצע זלאַטעס איז א ייד אַן עושר... אויסער דעם דאָזיקן קרוב, האָט ער געהאַט נאָך פיל קרובים: צביה איז אויך נישט געווען חלילה קיין עלנטע, אויך נישט פון א שטיין געבוירן. פון ביידע צדדים האָבן זיך אָנגעקליבן מומעס, פעטערס, שוואָ-גערקינדער, שני בשלישי א היפש ביסל. און אָט טאַקע צוליב דער דאָזיקער משפחה האָט ברוך מיט זיין צביה מיט דער עלטערער טאָכטער געהאַט נישט זעלטן שפיכות דמים.

עס טרעפט זיך, און נישט זעלטן, אז צביה ווערט געלעגן מיט א יינגל. עס פארשטייט זיך, אז עס איז א שמחה, זאָל זיין אפילו — דאָס דריטע יינגל. אין שטיבעלע איז טאַקע ענג, אָבער די ערשטע וואָך ליגט דאָס ניי-געבוירענע קינד נעבן דער קימפעטאָרין און פארנעמט ווייניק פלאַץ, שפּעטער, אז עס הארף האָבן א וויגעלע, איז אויך נישט קיין בייז. צביה האָט אלע קינדער אויסגעהאָדעוועט אין הענג-וויגעלעך, וואָס דאָס פארנעמט גאָר א פלאַץ אין דער לופטן, עלעהיי א צווייטער גאָרן... אָבער דעם ברית מאַכן איז נישטאָ ווו, אין ברוכס שטיבעלע קאָן זיך נישט אפילו דער נויטיקער מנין פאַטויפען און, ווי געזאָגט, ברוך מיט צביהן זענען בעל-משפחה און רופן מוז מען יעדן.

און דאָ הייבן זיך אָן די שפיכות המים. די רייכערע מומעס און פעט-טערס, וואָס זענען די גאַנצע „שיינדל“, קומען ערשט נאָכן ברית און אויך נישט אַלע צוזאַמען, נאָר פאַרוויין, און ברוך מוז זיך פאר יעדן פאר-ענטפערן, וואָס עס איז אזוי ענג, און וואַרפט פארצווייפלטע בליקן אויף די ווענט, ווי ער וואָלט זיי בעטן: ווערט עפּעס ברייטער, גזלנים!...

אָבער נאָך גרעסער זענען די שפיכות המים ביי יעדן יום-טוב, ווען די קרובים, ווי דער מנהג איז, לאָדן איין איינע די אַנדערע אויף „כיבוד“. זאָלסט זיך אָקאָרשט נישט לאָזן בעטן אויף ברכה! — קלאַפּט אים אין שול א יעדערער קרוב אין פלייצע נאָכן יום-טובדיקן דאַווענען. — למען השם מיט צביהן און מיט די קינדערלעך. הערסט, ברוך?

ברוך הערט, ווי דען? ער וועט נישט גיין און אָנמאכן א ברוגז?... אוודאי קומט ער צו יעדערן מיט זיין גאַנצן געזינד. מען מאכט ברכה,

מען ווינטשט לחיים, און נאָכן כיבוד, ווען ער דאַרף צו זיך רופן, לויט דעם מנהג אין שטעטל, דינט אים נישט די צונג ארויסצורעדן זיין איינלאַדונג, און ער שטאַמלט קוים ארויס:

— איצטער וואָלט מען געדאַרפט צו מיר גיין...

— אי"ה, אז דו וועסט בויען א גרעסערע שטוב... גאָט וועט העלפן...

באַקומענדיק אזא ענטפער, וויל ער צוריק ענטפערן: וואָס איז? אין א גוט לעבן איז נישט ענג. — וואָס קאָן זיין אין גרונט א קליגערער ענט-פער?... אָבער דער ענטפער בלייבט ביי אים ווי אין האַלדז, און ברוך קאָן אים בשום אופן נישט ארויסרעדן, כאָטש נעם און שלעפּ אים ארויס פון האַרטן מיט די הענט...

און פאַרגעסנדיק צו באַדאַנקען „פאַר אַלעס גוטן", ווי דער דרך-ארץ איז, גייט ער ארויס פון קרוב, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך דאָס געזינד, און אים דאַכט זיך, אז נישט פון „כיבוד" גייט ער, נאָר פון א מאַלצייט, וואָס א גביר האָט געמאַכט פאַר אָרעמעלייט.

און דאָס פּנים פלאַמט אים פאַר חרפּה, און מיטן דאַזיקן געפיל גייט ער אוועק צו א צווייטן קרוב, א דריטן, א פערטן. וואָס דען? נישט גיין און אָנמאַכן א ברוגז?...

אָבער יעדן יום-טוב צו גיין אויף „כיבוד" און צו זיך די „משפּחה" נישט איינלאַדן, וואָלט ברוך נישט געקאָנט פועלן ביי זיך פאַר קיין פאַל. אזוי געפאַלן זיין וואָלט שוין אפילו ברוך, דער אָרעמער אין דער משפּחה, נישט געקאָנט.

פּסח, שבועות, חנוכה אויף לאַטקעס, פּורים צו דער סעודה, קאָן ער טאַקע צוריק צו זיך אויף כיבוד נישט רופן: זיין שטיבעלע קאָן אזא גרויסן עולם נישט אויפנעמען. דערפאַר אָבער איז דאָך דאָ נאָך א יום-טוב — סוכות. סוכות לאַכט ברוך פון דער גאַנצער וועלט!

ברוכס שטיבעלע איז טאַקע דאָס קלענסטע אין גאַס, אָבער דער הויף איז דער גרעסטער. „פּלאַץ" איז אין שטעטל נישט קיין גרויסע מציאה, דער עיקר איז דאָס בויען, און ווען ברוך איז נישט ביכולת אויס-צובויען א גרויס הויז אויף זיין גרויסן הויף, קאָן ער אָבער דערפאַר אַוועקשטעלן סוכות אזא סוכה, וואָס זאָל זיין די גרעסטע פון אַלע סוכות. ווען א גאַנץ יאָר לעבט ברוך מיט זיין הויזגעזינד אין ענגשאַפט, וויל ער כאָטש לעבן אין רחבות זיבן טעג אין יאָר. א חיי-שעה איז אויך א לעבן,

בפרט זיבן טעג — א קליינקייט זיבן טעג אין גערוימקייט, הייסט דאָס נישט פארשעמט ווערן פאר דער משפחה!...

און גלייך נאָך יום־כיפור נעמט זיך ברוך בויען זיין פּאַלאַץ — די סוכה. קודם־כל שיקט ער ארויף זיין עלטערן בחורל אויפן בוידעם, ווו עס ליגן א פיר־פינף ברעטלעך, אויך ירושה נאָך פון זיין טאַטן. עס פאַר־שטייט זיך, אז די עטלעכע ברעטלעך וואָלטן אפילו „אויף א צאָן נישט געקלעקט" אויף אַ געוויינלעכער סוכה, בפרט אויף אַזאַ גרויסער, זוי ברוך נעמט זיך פאָר צו מאכן. מען דאַרף אָבער נישט פארגעסן, אז ברוך איז א גרויסער „עקאָנאָם", די סוכה בויט ער נישט איינמיטן הויף, ער זאָל דאַרפן האָבן פיר גאנצע ווענט, נאָר ער שטעלט זי צו צום וואנט פון שטיבל. די סוכה דאַרף דאָך אָבער זיין גרעסער פאר זיין שטיבל, שטוקעוועט ער מאקע צו צום וואנט די עטלעכע ברעטער, וועלכע גרייכן ביז דעם שכנס גאָרטן, וואָס האָט צום גליק א פּארקאַן פון ברעטער. האָט שוין ברוך צוויי ווענט, כמעט פארטיקע, בלייבן אים נאָך אָנדערהאַלבן, נעמט ברוך אראָפּ די דריי ווינטער־פענצטער פון בוידעם, די צוויי טיר־לעך פון אַלמער, דאָס איבעריקע באָרגט ער צו ביי די שכנים, וועלכע „גייען אריין אין זיין לאגע" און באָרגן אים פון דאָס לעצטע, און די סוכה האָט שוין פערטהאלבן ווענט און הלל אויף א טיר. די טיר איז שוין נישט פון ברעטער, נאָר פון קאָלדרע און דווקא פון צוויי קאָלדרעס, ווייל א גרויסע סוכה מוז האָבן א גרויסע טיר, און איין קאָלדרע קלעקט נישט...

אז דער בנין פון דער סוכה ווערט פארטיק און קיין מאנצבילשע אר־בעט דאַרף זי שוין נישט, נעמען זיך צו איר ערשט די ווייבער — צביה מיט דער עלטערער טאָכטער. זיי קערן זי גוט אויס, שמירן אויס מיט גלען וזאמד און מען טראָגט ארויס די גאנצע מעבל פון שטיבל, ד.ה., דעם טיש מיט צוויי בענק און די צוויי טאבורעטן אין סוכה אריין. דאָס שטיבל בלייבט פוסט, פילט זיך ווי באלײדיקט, און די פיר ווענט מורמלען דאכט זיך: גרויסע יחסנים!... אָבער וועמען פון הויזגעזינד ליגט איצט אין קאָפּ דאָס שטיבל, ווען אויפן הויף שטייט אזא גרויסע סוכה! אלע לאבן איצט פון שטיבעלע און ווילן פארגעסן, אז נאָך סוכות וועט מען צוריק צו דעם מוזן אָנקומען און עס וועט זיך געגוג דעמלט גוקט זיין מיט דער ענגשאפט.

ווער געדענקט אין א גליקלעכער צייט, וואָס שפּעטער וועט זיין?...

איצט אָבער איז די סוכה די איינציקע דירה פון הויזגעזינד, און דאָס שטיבל דינט אלס קיך...

— אַ קיך — זאָגט צביה איראָניש — איז אַ גאַנץ גרויסע...

דאָס שטיבעלע הערט און ווערט נעבעך צעפּלאַצט און די פיר ווענט קלערן: וואַרט, וואַרט, מיר וועלן זיך מיט אייך אָפּרעכענען!...

ווער הערט זיי אָבער איצט? די גרויסע סוכה איז דערווייל די יכסנטע. די משפּחה וועט טאָקע אויף כּיבוד אהער קומען און נישט אין שטיבעלע.

און ווירקלעך, דעם אנדערן טאָג יום־טוב פאררופט ברוך אויף „ברכה" דאָס שיינדל פון זיין משפּחה.

— איר וועט אָנקוקן אַ סוכה! — זאָגט ער מיט אַ שטאָלצן שמייכל: — אַ סוכה — אַ פעלד! אַ רחבות!...

— אהא! — ענטפערט אים ווער פון זיין משפּחה. — סוכות ביסטו דאָך טאַקע אַ קיסר....

און די משפּחה גייט צו ברוכן אויף ברכה, ברוך נעמט אויף מיט כּל הכיבודים, וואָס זיין צביה האָט פאַרן לעצטן גראָשן אָנגעגרייט, און ער שטייט הינטער זיי און באַדינט זיי מיט אַ שטראַלנדיק פּנים, און קאָן זיך נישט איינהאַלטן און מוז כאָטש צו איינעם פון די קרובים אַ זאָג טאָן:

— מיר דאַכט זיך, אַז מיין סוכה איז אַ גרעסערע פון אייערער...

דער „מיר דאַרכט" איז נאָר פון איידלקייט וועגן. ברוך איז זיכער, אַז זיין סוכה איז די גרעסטע אין שטאָט.

און גרויס איז זיין שמחה, ווען דער רייכסטער קרוב זיינער ענט־פערט אים מיט אַ מין געפאַלנקייט:

— מיין סוכה איז אַ ברעקל... זיך נישטאָ וווּ אַ קער צו טאָן...

אָט דעם ענטפער געדענקט ברוך אַ גאַנץ יאָר, און דער ענטפער גיט אים מוט און העזה צו גיין די איבעריקע יום־טובים צו זיין משפּחה אויף כּיבוד: נישקשה, סוכות באַצאָלט ער זיי כּפל־כּפלים....

1904

דער אורח

זעליק דער מולער, צי ער האָט אַרבעט, צי נישט, גייט שטענדיק פאַרשמירט אין ליים, און נישט נאָר די בגדים, אויב מען קאָן זיי אַזוי אָנרופן, נאָר אויך דאָס גאַנצע פּנים איז ביי אים דערין אויסגעשמירט, און אַז מען קוקט זיך אין אים איין, האַלט זיך, אַז ער איז אינגאַנצן אַ ליימענער.

זעליק האָט ווינטער קיין אַרבעט נישט, זעלטן ווען ער קריגט אַ שטיקל אַרבעט ביים בעקער, און דאָס אויך נאָר אויף אַ האַלבע שעה, און דאָך איז ער ווינטער אַזוי אויסגעשמירט ווי זומער, ווען ער האָט פיל אַרבעט. עפּעס דאַכט זיך, אַז דער ליים איז אויף אים פאַרטריקנט געוואָרן און עס איז שוין גאָר קיין סגולה נישטאָ אים אַראָפּצוּוואַשן.

זעליק קאָן יעדער דערקענען פאַר אַ האַלב וויאָרסט. זיין גאַנצער הילוך, זיינע איינגעבויגענע פּלייצע, פון די מולטערס ליים, וואָס ער האָט אין זיין לעבן איבערגעטראָגן, שיידן אים אָפּ פון אַלע אַנדערע יידן און שטעטל און ער וואַרפט זיך שטענדיק אין די אויגן. אין אַ גרויס געלויף אין גאַס, ביי יעדער רעדל, אַפילו אין בית־מדרש, ווען אַ באַרימטער מגיד „זאָגט“ און די אָנזיכטיקסטע באַלעבאַטים פאַרלירן זיך צווישן גרויסן עולם, זעט מען נאָר איין זעליקן, און יעדערער, אויב ער טראָגט נאָר אַ שטיקל רעכטן בגד, היט זיך פון זעליקן, ער זאָל, חלילה, זיין בגד אין ליים נישט פאַרשמירן.

נאָר פּורים, אַז דער עולם הייבט זיך אָן צו קאַלבן, קאָן מען זעליקן סיידן פאַרבייטן מיט דעם צווייטן קאַלבער חיים „האָזש“, וועלכער איז אין איין הייך מיט זעליקן. זעליקס קליידער באַדעקן זיך דאַן אינגאַנצן אין ווייסע קייקעלעך, און דאָס היטל, וואָס האָט אין מיטן אַ ריס, איז דורכאויס פאַרקאַלכט, אַזוי אַז דער ריס זעט זיך נישט און מען קאָן דעריבער מיינען, אַז זעליק דער מולער טראָגט אַ גאַנץ היטל.

און וואָס אַ טאָג נעענטער צו פּסח, ווערט זעליק אַלץ ווייסער און

ווייסער, און אָנהייב ניסן, אַז די לבנה איז נאָך נישטאָ און די פינצטער־ניש אין שטעטל איז זייער גרויס, באַנגענענדיק זעליקן, דערפרייט מען זיך ממש: פאַר דער שיין פון זיין ווייסקייט קאָן מען זען ווי דורכצו־קריכן די בלאָטע, וואָס שפילט זיך אין שטעטל אָנהייב ניסן פאַנאַנדער, אַז מען קאָן אין דער פינצטער דערטרונקען ווערן.

און פון פורים ביז ניסן וואַרפט זיך זעליק יעדערן אין די אויגן. ער איז דער איינציקער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין אויסזען, און ווען אין שטעטל וואָלט, למשל, קיין מאָדע, אָדער בעסער געזאָגט קיין „מנהג" נישט געווען דאָס קאַלכן זיך, און אַזאַ אָפּגעווייסטער ווי זעליק וואָלט אַהין אריינגעפאַלן, וואָלט מען נאָך אים געווים נאָכגעלאָפן, ווי מען לויפט נאָך בערל דעם משוגענעם, אַזוי אָבער קוקט מען אויף זעליקס אויסזען, ווי אויף אַ געוויינלעכער זאַך. יעדער שטעטלדיקער ייד, אפילו אַ יינגל, פאַרשטייט, וויבאַלד זעליק איז אַ מולער און אַ קאַלכער, מוז ער אַזוי אויסזען, ווי דען אַנדערש?...

פאַרשווונדן פון דער סצענע ווערט זעליק ערב־פּסח. נישטאָ זעליקן! און ווען מען וואָלט אים ווי נויטיק געהאַרפּט האָבן, וואָלט מען אים בשום אופן נישט געפונען, ווייל אויף דער אַרבעט נעמט מען אים שטענדיק פון גאַס; ווו זעליק וווינט, ווייסן נאָר יחידי סגולה, אַ פּאָר שכנים, און דער שמש פון בית־מדרש.

נאָר זעליק האָט זיין אַרבעט אָפּגעטאָן ביז ערב־פּסח, און קיינער דאַרף אים נישט, און ערב־פּסח מאַכט זיך זעליק פּסחדיק, און פּסחדיק מאַכן זיך דאַרף ביי זעליקן געדויערן זייער לאַנג. נישט גרינג איז אַראָפּ־צוּוואַרפן אַזויפיל ליים און אַזויפיל קאַלך פון פּנים, פון דעם גאַנצן גוף. נאָר זעליק רייניקט זיך, ער גייט אין באָד און וואַשט זיך דאָרט זייער לאַנג, כאָטש עס איז זייער ענג. קומענדיק פון באָד, רייניקט ער אויס זיינע שטיוול, אָנווייקנדיק פריער זיי גוט אין וואַסער. שפּעטער אַביסל הויבט ער אָן זיך איבערטאָן. פאַרטיק ווערט ער קוים, ווען מען גייט שוין דאַווענען, און דאָס ווייב זיינס, די ביינאַכטיקע מלכּה, טרייבט אים: „גיי שוין, זעליק, אין שול, ביסט שוין ריין".

נאָר זעליקן גלייבט זיך עפּעס נישט. אים דאַכט זיך, אַז דער שפּיין נאָך איז אין קאַלך, אַז היינט איז דער גאַנצער יום־טובדיקער סורדוט אין ווייסע פלעקן, כאָטש ער האָט אין סורדוט קיינמאָל נישט געאַרבעט, און ער זעט זיך נאָכאַמאָל אַרום, ביז ער איבערצייגט זיך, אַז ער זעט שוין אויס ווי „אַ מענטש".

אין בית=מדרש קומט ער צו דער מנחהדיקער שמונה=עשרה, און ער זעצט זיך אוועק אויף דער באנק הינטער דער בימה. דאָס איז די איינציקע באנק, וואָס איז א קהלשע און וו „שטעט“ זענען נישט קיין פאַרדונגענע...

די עטלעכע ייִדן, וואָס האַווענען ביי דער באַנק, קוקן אויף אים, קוקן און ווילן עפּעס פרעגן. זעליק קוקט אויף זיי אויך. ער דערקענט זיי יעדערן, ער האָט כמעט ביי יעדערן די שטוב געקאַלכט...

ער וויל זיי עפּעס זאָגן, נאָר ער האַלט זיך איין, נישט האָבנדיק אייגנטלעך וואָס.

— שלום=עליכם! פון וואַנען איז א ייִד?...

ביים הערן „שלום=עליכם“ קומט שוין זעליק צו זיך און מיט א גע[illegible]ייכטערל נעמט ער זיי ארויס פון טעות.

— איר דערקענט מיך נישט? — שטעלט ער אָן זיינע אויגן.

— ניין — הערט ער אַן ענטפער, און באַלד א פראַגע: „ווער זענט איר דען?“

— א געלעכטער, כ'לעבן... איך האָב דאָך ביי אייך די שטוב געקאַלכט... זעליק דער מולער...

— טפו, מיינע שונאים! — שפּייט דער ערשטער אויס נאָך דער דערקלערונג. — וואָס עס קאָנען זיך טרעפן געשיכטעס! איך האָב געמיינט, אז דאָס איז ווער ווייסט ווער, ערשט זעליק דער מולער גאָר.

און די ייִדן ביי דער באַנק, שמועסן וועגן זייער טעות, נישט קוקנדיק שוין מער אויף אים. זעליקן פאַרדריסט, וואָס ער האָט אָט די נאַרישע בעל=גאווהדיקע באַלעבאַטים אויסגעזאָגט זיין יחוס.

— אַ קרענק זיי אין די ביינער — טראַכט ער אין הארצן. ניעביי וואָלטן די „יאָלדן“ געמיינט, אז איך בין טאַקע ווער ווייסט ווער!

נאָר יעדעס יאָר קאָן זעליק זיך נישט איינהאַלטן און זאָגט אויס זיין יחוס...

1902

שותפים

אליה יונהס הייזל איז געווען ווי א סך הייזלעך אין שטעטל: א הילצערנס, א קליינס, און דער דאך איז געווען געדעקט מיט שינדלען. די פענצטער זענען נאך קלענער געווען ווי די פענצטער פון די שטעטלשע הייזלעך. אדאנק די קליינע פענצטער מיט די קליינטשיקע שייבעלעך האט דאס הייזל אויסגעזען ווי א גוייש, להבדיל.

און דאך האט מען דאס הייזל גערופן: דאס גאלדענע הייזל.

און א סך באלעבאטים פלעגן זיך מיטן דאזיקן הייזל בענטשן!

— נישט קיין הייזל איז דאס — א שפע! פלעגן די באלעבאטים אונטערזיפצן.

— ווען איך פארמאג אזא הייזעלע, וואלט איך שוין נישט געהאט וואס צו זארגן! — פלעגט א מער בעל־מקנא צוהעלפן.

— א קלייניקייט! דאס לעצטע הייזל אין אזא געגנט!

און אט דערין טאקע איז באשטאנען די מזל ברכה פון הייזל: דאס לעצטע אין גאס! און נאך וואס פאר א גאס. די רייכסטע דערפער ליגן צעזייט און צעשפרייט אין דער דאזיקער געגנט. דערפער לרוב, און די פויערים פון די דאזיקע דערפער זענען עפעס נישט אבי וועלכע. אמתע בעלי־גופים, מיט פעלדער און פי און הינער און פיש. יא מיט פיש, ווייל אין יענער געגנט געפינען זיך טייכן, און די טייכן פארמאגן די בעסטע פיש!

און וווהין פאלן אריין די תבואות, די קעלבער, די הינער, די אייער, די פרוקענע יאגדעס, די שוועמלעך און די פיש, וואס די פויערים פירן אין שטעטל אריין?

צו אליה יונהס. זיין שטיבל איז דאס לעצטע אין גאס און דאס ערשטע ביים אריינפאר אין שטעטל.

א קלייניקייט אזא ברכה!

אזוי האבן געמיינט די שטעטלשע בעלי־מקנאס.

אין אמתן אבער איז אליה יונהס גליק נישט אזוי גרויס געווען.

אמת, דאָס שטיבל איז געווען א גאָלדענעם, ווי זיי האָבן עס גערופן, אָבער הינטער אליה יונהם הייזל איז געווען נאָך א הייזל, די זעלבע גרייס ווי זיינס, און דער שפייכלער, וואָס דאָס שטיבל האָט געהאַט, איז געווען נאָך א גרעסערער.

דאָס דאָזיקע „הייזל" האָט אויך געהאַנדלט. אָבער אזוי ווי דאָס איז געווען נישט דאָס לעצטע, נאָר דאָס צווייטע, האָט עס נישט געהאַט אזא נאָמען, ווי דאָס גאָלדענע.

עס איז אויך א ברכה. אָבער ווי קומט דאָס צום לעצטן הייזל אין גאַס, צו אליה יונהם!

אין דער אמתן אָבער האָט דאָס צווייטע הייזל געמאַכט בעסערע געשעפטן.

ערשטנס, איז איר באַלעבאָס, וועלוול לייבעס, געווען א פּראָסטער געזונטער ייד און דערצו האָט ער געהאַט א בנאָק, יענקעלע, וועלכער האָט געקאָנט א פור מיט געוואַלט ברענגען צו זייער שפייכלער.

אליה יונהם איז געווען דער היפּוך, א ייד א חלוש, א שטיקל תּלמוד־חכם, און גענומען האָט ער דעם פּויער מער מיט גמרא־ווערטלעך, וואָס ער פלעגט ווי עס איז מסביר זיין אויף גוייש, איידער מיט כּוח.

קיין זין ווידער האָט ער נישט געהאַט; אנשטאָט זין האָט ער פאַרמאָגט דריי טעכטער, זענען צוויי געווען שוין אויסגעגעבן אין אנדערע שטעטלעך, און די יינגסטע טאָכטער, ביילקע, איז געווען א צו איידל מיידל, אז זי זאָל העלפן דעם טאַטן שלעפּן די פורן, ווי וועלוולס בנאָק, יענקעלע....

אזוי פלעגן די בעסטע פּויערים מיט זייערע תבואות און אנדערע סחורות אריינפאָלן צו וועלוול לייבעס. צו אליה יונהם פלעגן בלויז אָנקומען די עלטערע פּויערים, וועלכע האָבן געהאַלטן פון אים און האָבן אים פשוט נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

אָבער וועלוול לייבעס אויגן זענען צו גרויסע געווען. און אפילו די דאָזיקע פּויערים, ביי וועלכע אליה יונהם האָט תמיד אָפּגעהאַנדלט די סחורות, האָט ער אויך געוואָלט אַוועקנעמען.

פשוט מיט געוואַלט.

ער נעמט דאָס פערד פאַרן צוים, דער בנאָק — פאַר די לייצעס, און מען שלעפּט דעם וואָגן צו זיך.

אליה יונהם רופט צו הילף זיין טאָכטער:

— ביילקע, וואָס שטייסטו?

און ביילקע, אַן אויסגעפּוצטע, מיט צוויי שיין פאַרפלאָכטענע צעפּ, שטייט ווי א בת מלכּה און ווייסט נישט, וואָס זי זאָל אָנהייבן צו טאָן. איר יונג מיידלש האַרץ ווערט אויפגערעגט און זי פאַלט אַן, איידל, אויף וועלוולס בנאָק:

— פע, יענקעלע! עס איז נישט שיין! פון אונדזער הויז נעמסטו צו א פור.

וועלוולס בנאָק אָבער ווערט נישט נתפּעל, ער שטעלט אויף איר אויס זיינע צוויי גרויסע גראָע אויגן, נעמט די הענט אין די באָקעס און רייצט זיך:

— וואָס זאָגט איר צו דער פּריצטע! — און צעלאַכט זיך אויפן קול.

ביילקע ווערט נאָך מער אויפגערעגט, אָבער זידלען זיך וועט זי נישט. זי וועט פאַר אזא גראָבן יונג איר מויל נישט אומריין מאַכן.

און זי קערט זיך אָפּ מיט כעס און קוקט שוין נישט מער אין זיין זייט.

דערפאַר האָט איר גאָט געהאָלפן און עס איז אָנגעפאָרן א פור פול מיט זעק, און צווישן די זעק ליגט א קאַלב, און פון פאָרנט און פון הינטן פון וואָגן זעען אָנגעשטעלט קערבלעך מיט כּל טוב: פיש, אייער, הינער און טרוקענע שוועמלעך.

די פור געהער צום אַלטן אַנטאָש; ער וועט וועלוולען זיין סחורה נישט פאַרקויפן, אפילו ווען ער גיט אים צוויי מאָל טייערער. דאָס איז א פּויער מיט א כאַראַקטער. פריינדשאַפט שטייט ביי אים העכער ווי געלט.

וועלוול און זיין בנאָק וויסן עס, אָבער דערזעענדיק די פור מיט כּל טוב, קאָן דאָך יענקעלע נישט ביישטיין דעם נסיון און ער פרוווט אָנצו־ מאַכן א בייז לעבן צווישן אַנטאָשן און אליה יונהס:

— ער וועט דיך אויסנאַרן, דער אַלטער!

אָבער דער פּויער שמייכלט גוטמוטיק און ענטפערט:

— איך וויים, אָבער איך וויל, ער זאָל אין מיר פאַרדינען, ער איז א גוטער ייד דער אליה, און זיין טעכטערל איז אן אמתע פאַניענקע...

ווערט נאָך יענקעלע בייזער. ער רימט זיין ערגסטן שונא — בייל־ קען... ער שפּייט אויס און לאָזט זיך נאָך אַנדערע פורן, שרייענדיק:

— האַי, לודזי, אהער, צו מיר, דער אַלטער וועט אייך אויסנאַרן, זיין טעכטערל וועט אייך בדלות שטעלן.

און שרייענדיק, קוקט ער זיך אום צו ביילקען און שטעלט איר אויס א צונג...

ביילקען קומט אריין פאר באליידיקונג דאס בלוט אין פנים, אבער דאס מאכט נאך איר שענער און בליענדיקער. דער אלטער אנטאש גיט איר א גלעט איבערן קאפ און זאגט:

— האדי כלאפעץ! שעלמא!

איינמאל איז דער זעלבער אנטאש אנגעפארן מיט א פולגעפאקטער פור. אויסער תבואות, א קאלב, הינער, אייער און פיש, האט די פור פארמאגט א פולן זאק מיט וואל...

אז וועלוול האט דערזען, ווי דער אלטער פויער פארט צו צו אליה יונהם הייזל, האט ער זיך א לאז געטאן צום וואגן, און אנטאפנדיק אין זאק די וואל, איז ער פארברענט געווארן פאר קנאה. ער האט ווילד אויס־געשריגן צום בנאק:

— יענקל, דער ערל האט וואל...

דערהערט וואל, א סחורה, וואס איז נישט אזוי בנמצא און וואס איז כלו ריווח, האט יענקל מיטן פאטער באשלאסן מיט די בליקן, אז די וואל מוזן זיי אפקויפן...

— פארקויפט די וואל אונדז! — האט זיך וועלוול געבעטן.

— די קריגסט פינף רובל א פוד! — האט יענקלע פון זיין זייט צוגערופן.

— באט נישט אן אזוי פיל! — האט וועלוול זיין זון אריינגעשוש־קעט...

באלד איז ארויסגעגאנגען פון שפייכלער אליה מיט ביילקען.

— הזיען דאברי, אנטאש! — האבן זיי אים ביידע באגריסט, נישט קימערנדיק זיך וועגן די צוויי קאנקורענטן.

ביילקע איז צוגעגאנגען צום וואגן און גלייך אנגעטאפט די וואל.

— האסט היינט וואל אויך געבראכט, אנטאש! — האט זי זיך נאך פריינדלעכער געווענדט, און צוגעווארפן פון דער זייט א טראציקן בליק צו יענקלען, ווי געזאגט:

— זעסטו, אפילו וואל... און דו ווער צעפלאצט.

יענקל האט עס דערפילט. זיין צארן, וואס האט געברענט אינעווי־ניק, איז ארויס אין א פלאם:

— די וואל וועל איך צונעמען, אז די וועלט וועט זיך עקן..

— אדרבא, נעם! — האָט זיך ביילקע געריצט. — קריגסט א מע־דאל, אויב ער פארקויפט דיר...

איז שוין וועלוול אויך אַן אָנגעצונדענער געוואָרן:

וואָס מיינסטו, דו ביסט ביי אַנטאָשן א בת יחידה, אָדער דו האָסט אים א כישוף אָנגעטאָן?

די לעצטע פראַזע האָט ער געזאָגט אויף גוייש, כדי אָנצושרעקן דעם אַלטן פויער.

דער פויער האָט אָבער גוטמוטיק געשמייכלט, האָט געריבן דעם שטערן, געהויבן די שווערע מיץ פון קאָפּ און קוקנדיק דאָ אויף ביילקען, דאָ אויף יענקלען און נאָכדעם אויף אליה יוהנס און וועלוולען, האָט ער פּלוצים אויסגעשריען: באַגייסטערט פון א גליקלעכן איינפאַל:

— מענטשן! ברידער! וואָס מיר איז איינגעפאַלן....

און ווערנדיק ווי פארכליניעט פון דעם איינפאַל. האָט ער קוים אויס־געררעדט:

— איך שענק אייך, ביילקען און יענקלען, דעם זאק וואָל און ווערט התן־כלה.

ביילקע האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, יענקל האָט זיך א ברוגזער אָפּגעקערט אין א זייט, אליה יונהס און וועלוול האָבן זיך מאָדנע אי־בערגעקוקט, ווי געזאָגט: וואָס א גוי קאָן איינפאַלן...

* * *

אויב דער שידוך איז גלייך אויפן אָרט נישט געשלאָסן געוואָרן, האָט אָבער דער פויער אויסגעפירט, אז דער זאק וואָל איז געקויפט גע־וואָרן בשותפות.

אויף מאָרגן איז יענקל אריין צו אליה יונהס וועגן צעטיילן זיך.

אליה יונהס איז אָבער אין שטוב נישט געווען. ביילקע איז געזעסן ביים טיש און געטאָן עפּעס א הויזיקע אַרבעט.

דערזעענדיק יענקלען האָט זי זיך צעשמייכלט.

— איך בין געקומען צעטיילן זיך מיטן וואָל! — האָט ער א ברוג־זער אויסגעברומט.

— איז וואָס ביסטו ברוגז! — האָט ביילקע פרייער געשמייכלט און אים אריינגעקוקט גלייך אין די אויגן.

— יענקל איז פון דער פראַגע געוואָרן דרייסטער, האָט אויפגע־הויבן די אויגן און דאָס ערשטע מאָל דערזען ביילקען נישט ווי א קאָנ־קורענטקע, נאָר ווי א שיין מיידל.

„אך, סאַראַ שיינקייט זי איז!“ האָט ער שיר נישט אויסגעשריגן. ער איז געוואָרן פריילעך און דרייסט.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען נעענטער און איר אַ קיצל געטאָן אין אַפּענעם האַלדז, ווי ער איז געווינט געווען צו טאָן עס מיט אַ מאַנכער שיקסע...

ביילקע איז אָבער קיין שיקסע נישט געווען. זי האָט אים אָפּגע־שטופּט מיט אַ מאָרנעם הנדל און באַפעלנד אויסגערופן:

— אָן די הענט, יענקל!...

יענקל איז ביי זיך ווידער אַראָפּגעפאַלן, געקוקט אויף ביילקעס הנעוודיקן פּנים און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן איר.

— איז וואָס זשע ווילסטו, יענקל! — איז ביילקע צוריק פריינדלעך געוואָרן און האָט אים שוין קענטיק דעם קיצל אין גאַנצן מוחל געווען.

— די וואָל צעטיילן זיך! — האָט ער גראָב, ווי אין כעס, אויסגע־רופן.

— די וואָל צעטיילן זיך! — האָט ביילקע איבערגעקרימט זיין גראָבן טאָן. — אָט אַזוי רעדט מען מיט אַ „באַרישניע“, הא, יענקל!

דערוויל איז אָנגעקומען אליה יונהס..

דערזעענדיק יענקלען מיט זיין טאָבער אליין, איז ער ווי מבולבל געוואָרן און האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, געקוקט און געווונקען צו בייל־קען, ווי ביים עסן, פאַר דער „המוציא“...

ביילקע האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק און האָט דערקלערט:

— ער איז געקומען צעטיילן זיך מיט דער וואָל...

און האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז יענקל איז אַ פאַרשעמטער, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, אַרויסגעלאָפן פון שטוב...

אין אַ פּאָר טעג איז ער אָבער ווידער געקומען, און ווידער איז אליה יוהנס נישט געווען אין שטוב.

— וואָס וועט זיין מיטן וואָל?

— וועלכע ציג? — האָט זיך ביילקע געוויצלט...

— וואָס מיינסטו, איך וועל דיר לאָזן די וואָל?! — האָט ער זיך געבייזערט און גערעדט אויף זיין גראָבן קול...

— אָט גיי שוין, גיי — האָט זי אים כלומרשט געטריבן, אָבער באַלד האָט זי אויף אים אויפגעהויבן אירע אויגן און זיך ליב צע־שמייכלט.

— וועסט אפשר, יענקל, טרינקען אַ גלאָז טיי?...

— לאָמיר זיך פריער צעטיילן מיט דער וואָל! — האָט ער אויס־געפּראַלט, און זיך אוועקגעזעצט.

— אָט אַזוי, זיי אַ מענטש! — האָט ביילקע געלאַכט און איז צום אים נאָענט צוגעגאַנגען.

יענקל איז ווידער דרייסט געוואָרן. ער האָט זיך שוין מכין געווען מיטן מיטלסטן פינגער צו איר אָפענעם קלאָרן האַלדז...

— זיי נישט קיין גראָבער יונג! — האָט זי אויף אים אָנגעשריגן.

ער האָט זיך פאַר איר געשריי דערשראָקן, איז אויפגעשטאַנען און האָט בייז אויסגעברומט:

— לאָמיר צעטיילן די וואָל!...

— וועסט צייט האָבן איבעראַכטאָג...

דער קינפּטיקער מאַרקטאָג איז אַריבער בשלום. יענקל האָט שוין מער קיין פורן פון אליה יונהם הייזל נישט געשלעפּט. דער טאַטע אַליין, וועלוול, האָט אויך שטילער געדופן די גויים.

נאָכן מאַרק איז ווידער יענקל אַריין צו אליה יונהם...

דעמלט איז שוין אליה יונהם געווען אין שטוב.

— וואָס וועסטו זאָגן גוטס, יענקעלע? זיץ!

— ער וויל זיך צעטיילן די וואָל! — האָט ביילקע געמאָלדן פאַר יענקלען און האָט אויסגעשאָכן מיט אַ הילכיקן געלעכטער...

— איז וואָס פאַר אַ געלעכטער! — האָט אליהו יונהם געשמייכלט.

— אוודאי צעטיילן זיך... גייט, קינדערלעך און צעטיילט זיך.

זיי זענען אַריין דורך דער הויזטיר אין שפּייכלער. דער זאַק וואָל איז געלעגן אַן אָפּגעבונדענער.

— דאָ פעלט! — האָט יענקל אויסגעשריען.

— ביסט אַ נאַר! — האָט ביילקע אים גוטמוטיק געטאַדלט. — ווילסט זיך טאַקע צעטיילן.

— אוודאי — האָט ער אויסגערעדט און געקוקט אויף ביילקעס ווייסן האַלדז....

— אָבער דאָ פעלט טאַקע שוין אַ ביסל — האָט ביילקע געשמייכלט.

— וויאַזוי? — האָט יענקל געפאָרשט.

— איך האָב אויסגעשפּינען אַ ביסל...

— האָסט נישט געהאַט קיין פּראָווע... עס איז שותּפותשע...

— איך האָב אויסגעשטריקט אַ פּאָר הענטשקעס — האָט זי זיך ווידער געריצט.

— האָסט נישט געהאַט קיין פּראָווע! — האָט ער זיך געבייזערט. — עס איז שותּפותשע.

— אַ פּאָר הענטשקעס! וואָלסט זען, מיט פינגער.

— וועלן זיין די הענטשקעס אויך אויף שותּפות — האָט יענקל פאַרגעשלאָגן.

— ביסט אַ נאַר! — האָטביילקע זיך גוטמוטיק געבייזערט. — עס איז פאַר אַ זייער גרויסער האַנט.

— נו, מיין האַנט איז אַ גרויסע! — האָט יענקל מיט שמחה אויס־געשטעלט זיין האַנט...

— איז האָס טאַקע פאַר דיר... האָט ביילקע זיך צעלאַכט און איז אַרויסגעלאָפן פון שפּייכלער צוריק אין שטוב אַריין.

יענקל נאָך איר.

אליה יונהס איז שוין ווידער אַרויס. ביילקע איז געבליבן מיט יענקלען אין הויז.

זי האָט אים דערלאַנגט די הענטשקעס:

— מעסט אָן!

ער האָט מיט אַ שטראַלנדיק געזיכט גענומען אַרויפציען אויף זיינע גרויסע הענט די פּאָר הענטשקעס...

— דו ווייסט, ביילקע — האָט ער פּלוצים, באַגייסטערט פון אַן אידעע, אויסגערופן:

— וואָס?

— מיר וועלן זיין איצט שותּפים אויף שטענדיק...

— געווים! — האָט ביילקע מסכּים געווען.

און אויף אונדזער חתונה וועלן מיר איינלאַדן אַנטאָשן...

— נישט אַנדערש! — האָט זיך ביילקע צעלאַכט. — מיר וועלן אים זעצן אויבנאָן...

1915

די דריי טאָקטן

.1

ביז צוואַנציק יאָר איז חיים געווען אַ סטאָליער. געאַרבעט האָט ער ביי זיין באַלעבאָס ראובן־יאָסלען פינף יאָר, און קיין גרויסער מייסטער איז פון אים נישט אַרויסגעקומען. ער האָט געאַרבעט שטיל, פּאַמעלעך און אַלץ אַזוינע אַרבעטן, וואָס האָבן נישט געהאַט אין פלוג קיין גרויסע ווערט. אַ גאַנצן טיש, אַ טאַבורעט, אַ בעט האָט ער קיינמאָל נישט אויסגעאַרבעט, ער האָט נאָר געאַרבעט צו דער האַנט: אַ פּיסל, אַ ווענטל, אַ ברעטל אָפּגעהובלט. און אַז די גאַנצע זאַך פלעגט פאַרטיק ווערן, פלעגט חיים האָרט זיין אַרבעט נישט דערקענען, נישט געפינען. פאַרענדיקן זיין אַרבעט פלעגט אַ צווייטער פועל, אָדער דער באַלעבאָס. און חיים האָט קיינמאָל נישט געהאַט דאָס פאַרגעניגן און דעם שטאָלץ, וואָס אַ מייסטער האָט, ווען ער באַטראַכט זיין געענדיקט ווערק. זיין אַרבעט פלעגט פאַרשלונגען ווערן אין אַנדערע, און כאָטש ער האָט אין וואַרשטאַט אַ נוץ געבראַכט, דאָך האָט זיך אים שטענדיק געדאַכט, אַז זיין ראָל איז זייער אַ קליינע און ער טוט מיט זיין אַרבעט גאָרנישט אויף, זי ווערט פאַרפאַלן נישט באַמערקטערהייט.

און דעריבער האָט חיים זיך נישט געפילט פאַר אַ סטאָליער אין פולן זין פון וואָרט און האָט די אַרבעט נישט ליב געהאַט, און אַז מע האָט אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט אויפן אײן און צוואַנציקסטן יאָר, האָט ער אַפילו אין „פריסוטסטווע" נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ סטאָליער, כדי ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען אין „פלאָטניע", ווו ער וואָלט ווידער געדאַרפט שפילן די נישט־וויכטיקע ראָל אין דער אַרבעט און זיין, ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן.

אַז ער איז אָנגעקומען אין דער דריטער ראָטע און אַז אין אַ פאָר וואָכן אַרום האָט דער פעלדפעבל, אַריינגייענדיק אין קאַזאַרמע, געפרעגט:

„ווער איז אַ סטאָליער?“ איז חיים רויט און בלאַס געוואָרן און האָט שוואַך אויסגערופן, נישט קאָנענדיק זיך איינהאַלטן:

— איך!

דאַן האָט דער פעלדפעבל אים אַרויסגערופן פאָרויס און אים געזאָגט:

— וועסט האָבן אויף עטלעכע טעג אַרבעט, דער ראָטנער האָט גע־הייסן מאַכן נייע ברעטלעך אויף די „נאַרעס“, ווו יעדן סאָלדאַטס נאָמען זאָל זיין אויפגעשריבן. פאַרשטייסט?

חיים האָט אַ קוק געטאָן אויף די אַלטע ברעטלעך, וואָס זענען געווען צוגעשלאָגן אין דער הייך אויף די „נאַרעס“ און האָט געפונען, אַז די אַרבעט איז זייער אַ גרינגע און אַז ער וועט עס מאַכן.

אין דריי טעג זענען אַלע ברעטלעך פאַרטיק געוואָרן, און חיים האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געהאַט דעם נחת צו זען זיינע אַן אַרבעט, וואָס האָט אַליין פאַר זיך אַ ווערט, צו וועלכער קיין אַנדערער האָט זיך נישט צוגעשטעקט. און ער איז געווען צופרידן, כאָטש קיין געלט האָט ער דערפאַר נישט געקומען און האָט אפילו קיין דאַנק נישט באַקומען. נאָר וואָס דאַרף ער האָבן דאָס געלט און דעם דאַנק? ער האָט דאָס גע־צאָלט און דעם דאַנק אַלע וויילע, ווען ער גייט פאַרביי די געלעגערס און זעט, ווי אויבן אין דער הויך פינקלט דאָס ווייסע ברעטל, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט. אַ שאַד נאָר, וואָס אויך אין דער דאָזיקער אַרבעט זיינער האָט זיך עמעצער אַריינגעמישט, דער ראָטנער שרייבער האָט מיט שוואַר־צע טינט יעדעס ברעטל פאַרשריבן מיט אַ נאָמען און פאַמיליע און אַ נו־מער. נאָר וואָס זאָל ער טאָן, אַז קיין שרייבער איז ער נישט — אי אַ סטאָ־ליער, אי אַ שרייבער קאָן אַ מענטש נישט זיין... געשריבן האָט אָבער דער שרייבער אויף זיינע ברעטלעך, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט. דאָס איז גענוג פאַר אים.

מער קיין אַרבעט האָט זיך אָבער דעם גאַנצן ערשטן ווינטער פון זיין דינסט נישט געמאַכט, און חיים, גלייך מיט אַלע „גאָוואָבראַנצעס“, האָט זיך געלערנט מאַרשירן, לויפן, צילן מיט דער ביקס און נאָך אַזעלכע זאַכן, און אַז זיין „צייט“ פלעגט קומען, פלעגט ער דאַרפן גיין אין קיך שיילן קאַרטאָפל, טראָגן וואַסער און זעגן האָלץ, און ער האָט שוין כמעט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ סטאָליער געווען, נאָר די ברעטלעך איבער די געלעגערס פלעגן עס אים דערמאָנען, דעם פריערדיקן נחת אָבער האָט ער שוין נישט געפילט.

דער פּעלדפעבל האָט אַלץ נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט אין ראָטע אַ יידל אַ סטאָליער, און אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח האָט ער אים געשיקט מיט אַ קאָמאַנדע סאָלדאַטן מאַכן פּאַלאַטקעס פאַרן לאַגער.

אַ גליקלעכער, אַ שטאָלצער איז חיים אַוועק מיט דער קאָמאַנדע אין לאַגער. דער עלטערער פון דער קאָמאַנדע, אַן אַלטער קריסטלעכער סאָלדאַט פון טווערער גובערניע, אַ געלער, מיט גרויסע וואָנסן, זייער אַ שטרענגער, האָט געפירט די קאָמאַנדע אין דער בעסטער אָרדענונג און, דערזעענדיק פון ווייטן אַן אָפיציר, פלעגט ער זיך מיט מער שטרענגקייט נעמען צו יעדן באַזונדער. חיימען אָבער האָט ער געאָרגישט געזאָגט. חיים האָט עס באַמערקט און האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זיך געפילט, אַז ער שטייט העכער פון אַן אַנדערן און ער האָט פאַר זיך אַליין באַקומען רעספּעקט...

קומענדיק אָבער אין לאַגער אויפן אָרט, איז חיימס גדולה אין גאַנצן אַראָפּ. דאָרט האָט שוין געאַרבעט די גאַנצע פּלאָטניע פון פּאָלק, און חיים האָט דאָ ווידער געשפּילט די אַמאָליקע ראָל ווי ביי ראובן־יאָסלען זיין באַלעבאָס. ער האָט נאָר צוגעהאָלפן קלייניקייטן, און אַז די פּאַלאַטקעס זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט ער ווידער זיין אַרבעט נישט דערקענט, זי איז פאַרשלונגען געוואָרן אין דער אַרבעט פון די אַנדערע סטאָליערס, פון די בעסערע, פון די עלטערע, און ער איז געוואָרן דער זעלבער אומבאַמערקטער חיים, ווי געווען, גלאַט אַ חיים, וואָס איז אַמאָל אַ גאָרנישט, אַ פּועל ביי ראובן־יאָסלען געווען און היינט אַ גאָרנישט אין פּאָלק.

און חיים איז אומעטיק געוואָרן.

.2

עס איז שוין געווען ערב מאַנעווורעס. אין די פּאַלאַטקעס האָט מען זיך געגרייט צו דעם לאַנגן שווערן וועג. חיים איז געשטאַנען ביי זיין פּאַלאַטקע און האָט געריניקט די ביקס, וועלכער ער פלעגט אַלע ווײַלע אויפהייבן, אויסציען אין דער ברייט, אָנשטעלן קעגן איין אויג, דאָס צווייטע אויג פאַרזשמורענדיק און אַרײַנקוקן אינעווייניק, צי עס איז שוין גענוג צו רייניקן. פּלוצעם האָט ער דערהערט, ווי די דניעוואַלנע, וואָס שטייען יעדער ביי זיין פּאַלאַטקע, גיבן איבער איינער דעם אַנדערן:

— אַרויסשיקן אַלע יונגע סאָלדאַטן אויפן מיטן פּאָלק!

חיים אלס יונגער סאָלדאַט האָט זיך פֿון די דניעוואַלנעס געשרייען דערשראָקן, „ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ באַפֿעל עס איז דאָ?“

— גיכער אויפֿן מיטן פּאָלק! — האָט אים דער דיזשורני געטריבן.

חיים האָט אינדערגיך צוזאַמענגעלייגט די ביקס, וועלכע ער האָט געהאַט פֿאַנאַנדערגענומען, אויסגעשמירט אַלע מעטאַלענע ערטער מיט פֿעטס, אײַנגעשטעלט אין דער „פּיראַמידע“, אָנגעטאָן אַ קלאָמערשטיק ריין העמדל, וואָס ער האָט אַליין געכטן ביים טייך אויסגעוואַשן, און האָט זיך געשטעלט ביי דער „ליניע“, וו עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן די קאָמאַנדע פֿון די יונגע סאָלדאַטן און מע האָט דערוויל געשמועסט אינדערשטיל.

פֿון שמועס האָט חיים געכאַפּט, אַז מע וועט אויסקלייבן תּלמידים פֿאַר דער מוזיקאַנטן־קאָמאַנדע.

זיין שרעק איז אינגאַנצן אַראָפּ. פֿאַרקערט, ער האָט זיך נאָך דער־פֿרייט, ער וועט צערייבן אַ פּאָר שעה צייט. קיין מוזיקאַנט וועט ער דאָך נישט זיין. ער ווייסט אפילו נישט, וואָס מוזיק איז, ער קאָן אפילו קיין קלאַנג נישט אַרויסלאָזן. ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן אפילו קיין זונג נישט געטאָן. ווי קומט ער דערצו? דער קאַפּעלמייסטער וועט אויף אים אפילו זיך נישט אומקוקן: אַ קליינער, אַ דאַרער; אַ מוזיקאַנט דאַרף זיין אַ געזונטער, אַ שיינער, אַ הויכער!

באַלד זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע יונגע סאָלדאַטן. אַן אונ־טעראָפֿיציר האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— זיך אויסשטעלן! שאַגאָם מאַרש!

און די קאָמאַנדע האָט זיך געלאָזט גיין, אויפֿהייבנדיק אַ געדיכטן שטויב.

צוקומענדיק צום מיטן פּאָלק, האָט חיים דערזען דעם קאַפּעל־מייסטער שטיין מיטן עלטסטן מוזיקאַנט. דער לעצטער האָט געהאַלטן אַ פּאַפּיר אין האַנט.

דער קאַפּעלמייסטער, אַ הויכער דאַרער דייטש מיט ברילן אויף דער שמאָלער נאָז, האָט געהייסן, זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אין איין שורה. ער האָט זיך געשטעלט פֿאָרויס און מיט אַ פֿידל אין דער האַנט האָט ער אָנגעהויבן יעדן איינציקן עקזאַמינירן.

אַז ער איז געקומען צו חיימען, וועלכער איז געווען דער צענטער פֿון שורה, האָט חיימען זיך געדאַכט, אַז די פֿיס און די הענט זענען נישט זיינע און די צונג איז אין מויל פֿאַרשטאַרט געבליבן.

— דו זינגסט? — האָט דער קאַפּעלמייסטער אים געפרעגט.

— ניין, וואַשע בלאַגאָראָדיע! — איז חיים קוים אימשטאַנד געווען צו ענטפערן.

דער קאַפּעלמייסטער האָט אים אַ טאַפּ געטאָן די ליפּן און האָט זיך ערנסט אויף זיי פאַרקוקט.

— גוטע ליפּן — האָט ער זיך געווענדעט צום עלטסטן מוזיקאַנט מיט דעם פּאַפּיר אין דער האַנט.

דער עלטסטער איז מסכים געווען.

חיים האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט. ער איז שוין 21 יאָר אַלט און ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט, אַז ער האָט גוטע ליפּן. ער איז רואיקער געוואָרן און האָט געהאַפּט אויף עפּעס גליקלעכס.

דער קאַפּעלמייסטער האָט אַ פּיר געטאָן מיטן סמיק איבערן פידל און האָט געהייסן חיימען נעמען דעם זעלבן טאָן. אָנפאַנגס האָט חיים עס נישט פאַרשטאַנען, נאָר אַז דער קאַפּעלמייסטער האָט אים דייטלעך דערקלערט, וואָס ער מיינט, האָט חיים דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געזונגען גלייך ווי די פידל האָט געשפּילט.

— ווי רופט מען דיך? — האָט חיים דערהערט אַן ערנסטע פראַגע.

— חיים קוגעל! — האָט ער הויך אויסגעשריגן און איז רויט געוואָרן.

— פאַרשרייבט! — האָט זיך דער קאַפּעלמייסטער געווענדעט צום עלטסטן. יענער האָט עס גלייך אויסגעפירט.

— ביסט אַ מוזיקאַנט! — האָט אַ יידישער יונגער סאָלדאַט אַריינגעשושקעט חיימען אין אויער מיט קנאה.

חיימען האָט זיך עס נישט געגלייבט. אים, חיימען, זאָל טרעפן אַזאַ גליק?... און אפשר איז די וועלט משוגע געוואָרן? און אפשר איז ער אַליין משוגע געוואָרן?...

קומענדיק צוריק אין פּאַלאַטקע, האָבן אים די יידישע סאָלדאַטן אָפּגעגעבן „מזל־טוב!“ און די קריסטלעכע האָבן דאָס זעלבע אויף זייער אופן אויסגעדריקט:

— וואָט, אַ רוח אין דיין מאַמען! — דאַרפסט געבן אַהער!

און דערביי האָבן זיי מיט די גראָבע פינגער געפּויקט איבער זייערע העלדזער, און חיימען האָט זייער ווי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס ער קאָן זיי נישט געבן קיין ביסל בראָנפן.

ער האָט זיי אָבער צוגעזאָגט, אַז ווי ער באַקומט די „זשאַלאָוואַ־גיע" — 45 קאָפּ., קויפט ער אַ האַלב פּלעשעלע.

— גו, גוט! — האָבן די סאָלדאַטן געענטפערט: חיים קוגעל מאַ־לאַדיעץ!...

.3

דער אינסטרומענט, וואָס מען האָט חיימען געגעבן, האָט געהייסן וואַלדהאָרן. אין דער קאָמאַנדע האָט ער געהייסן וואַלטאָרנע, און חיימען איז עס די ערשטע צייט געווען שווער אויסצורעדן און ער האָט נישט גוט געוווסט, ווי זיין אינסטרומענט הייסט. אַז ער האָט געשריבן די ערשטע מעג פון דער מוזיקאַנטישער קאָמאַנדע אַ בריוו זיין איינציקן ברודער — אַ שוסטער אין מינסק, — און ער האָט געוואָלט אים אויפשרייבן אויף ריכטיק, ווי זיין אינסטרומענט הייסט, האָט ער עטלע־כע מאָל איבערגעפרעגט ביי די עלטערע מוזיקאַנטן. דאָס אויסזען פון דעם אינסטרומענט איז חיימען געווען געפעלן: די פיל אויסגעדרייטע מאַשינגדעלעך, די קלאַפּנס און דער קליינער מונדשטיק האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ צופרידענעם שמייכל. נישט געפעלן איז אים נאָר געווען דער טאָן פון אינסטרומענט, אָדער ווי ביי אים האָט עס געהייסן: דער בלאָז. דער בלאָז איז אַ שוואַכער, אַ שטילער און נישט קיין שיינער. חיים האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי וואָס דאַרף מען אין אָרקעסטער אַזאַ אינסטרומענט. אויסשפּילן אויף אים אַליין קאָן מען גאָרנישט, אַזוי זאָגן די מוזאקאַנטן. דער דאָזיקער אינסטרומענט שפּילט נאָר „סעקונ־דע", ד"ה — האָט מען אים דערקלערט, אַז ער האָט תמעוואַטע אויס־געשטעלט די אויגן — עס־טאַ־טאַ, עס־טאַ־טאַ!...

חיים האָט געשפּירט, אַז אין דער מוזיקאַנטן־קאָמאַנדע וועט ער שוין אויך קיין ראָל נישט שפּילן. און ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין אַלטן באַלעבאָס ראובן־יאָסל, אין זיין אַרבעט מיט אים, און ער איז נאָך אומעטיקער געוואָרן.

.4

די ערשטע צוויי חדשים האָט חיים געבלאָזן די גאַמעס, וועלכע זיין „לערער", לייבע צאַרפין, וואָס האָט שוין געדינט דאָס לעצטע יאָר, האָט אים אָנגעשריבן מיט זיין ווילדן נאָטן־כתב, און אים געוויזן די

ערשטע צייט, ווי אַזוי צו בלאָזן. די ערשטע דריי נאָטן האָט חיים ווי־עס־איז גענומען. ביי דער פערטער אָבער איז חיים שטיין געבליבן. גענומען האָט ער זי אפילו יאָ גענומען, אָבער פאַלש. „דו פאַלסט נישט אויפן טאָן!“ — האָט אים דער לערער דערקלערט. און די נאָטע האָט חיימען אויסגעוויזן, ווי אַ באַרג, וואָס איז זייער משופּעדיק און וואָס אַרויפגייענדיק אויף אים פאַלט מען און מע צעברעכט די ציינער. און די נאָטע האָט אים די ערשטע צוויי חדשים געשראָקן און פאַרפאָלגט און האָט זיך פאַר זיינע אויגן געטראָגן. אין אויער געקלונגען. אויפן וואָר און אין חלום.

אויסער זיין לערער צאַרפינען, וועלכער איז געווען מער סוחר ווי מוזיקאַנט, וויל ער האָט זוגמיק געהאַנדלט אויפן מאַרק, — אויסער צאַרפינען פלעגט אמאָל צוגיין צו חיימען דער עלטסטער מוזיקאַנט, אויף וועלכן מע האָט געזאָגט, אַז ער קאָן שפּילן אויף אַלע אינסטרו־מענטן אין דער וועלט.... חיים, דערזעענדיק נעבן זיך דעם עלטסטן, פלעגט זיך אי דערשרעקן, אי דערפרייען זיך. דערשרעקן פלעגט ער זיך פאַרן עלטסטנס בייזן און שטרענגן בליק, פאַר זיינע בייז פאַרדרייטע וואָנסן. און דערפרייען פלעגט ער זיך, ווי עס דערפרייט זיך אַ חולה, ווען ער געפינט זיך נאָענט פון א דאָקטאָר, אין וועלכן ער גלייבט, אַז ער קאָן פון טויט לעבעדיק מאַכן.

אומזיסט איז אָבער געווען די שרעק און די פרייד. דער עלטסטער האָט נאָר אויפן קוק אויסגעזען בייז און שטרענג; און וואָס אָנבאַלאַנגט דער פרייד, וואָס ער קאָן אים לעבעדיק מאַכן, אַז ער, חיים, זאָל קאָ־נען די פערטע נאָטע און די העכערע נאָטן נעמען, איז זיך אויך צערו־נען... דערהערנדיק, ווי חיים נעמט די נאָטן, האָט דער עלטסטער אָנ־געשטרענגט די ביידע אויערן, זיך פאַרקרימט פון פאַלשן טאָן און, אויסרעדנדיק: — „פאַהאַני אינסטרומענט!“ — איז ער אַוועקגעגאַנגען צו אַ צווייטן שילער, איבערלאָזנדיק חיימען אַז אַראָפּגעפאַלענעם און אַ פאַרצווייפלטן...

5

עס איז איבערגעגאַנגען אַ יאָר. חיים האָט שוין אויסער „מאָליטווע“ און „באָזשע צאַריאַ כראַני“, געשפּילט עטלעכע מאַרשן. די העכערע נאָטן פון פיר און ווייטער האָט ער „גענומען“ אָבער מיט מאַטערניש,

און צאַרפין, זיין לערער, זיצנדיק נעבן אים אין אָרקעסטער, פלעגט אים נישט איין מאָל אַ קלאַפּ טאָן פאַרן פּוס, ער זאָל בעסער שווייגן.
„אַז איך וועל זיך אויסדינגען און אַוועקגיין אַהיים — פלעגט אים צאַר־פּין אַריינשושקען אין אויער — וועסטו מעגן נעמען, איצטער זיץ און שווייג!“
און חיים האָט געשוויגן, נאָר ווען ער האָט אפילו געשפּילט, האָט זיך אים אויך געדאַכט, אַז ער שווייגט. ער האָט נאָר געהערט, ווי דער טראָמפּייט קנאַקט, דער באַריטאָן רוישט, די באַס שיסן, דער פּויק דונערט, דער קלאַרנעט און פלייט הילכן, — נאָר דער וואַלדהאָרן זיי־נער און אפילו זיין חברס שווייגן. און מע הערט זיי גאָרנישט. און ער האָט מקנא געווען די איבעריקע מוזיקאַנטן, וואָס שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל אין אָרקעסטער, און ער גאָרנישט.
ער האָט זיך אַמאָל געפּרוווט אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר צאַפּריגען:
— אונדזער אינסטרומענט הערט מען גאָרנישט — ווי מיט אים, אַזוי אָן אים.
— ביסטו בדלות! — האָט צארפין, וואָס האָט שוין געהאַט נאָר אַ חודש צו ענדיקן די דינסט און האָט מער געטראַכט פון די היימישע געשעפטן איידער פון מוזיק, געלאַכט: — מע דאַרף זען ענדיקן דעם חודש, נישט „אָנרייסן זיך“, און נאָכדעם נעם איך דעם וואַלדהאָרן אין זאַג ברוך שפּטרני. אַן עסק האָב איך מיט דער „מוזיק“.
חיים האָט אים מיטן מויל נאָכגעגעבן, פאָרט זיין לערער און אַן אַלטער סאָלדאַט דערצו; אין האַרצן אָבער האָט ער אַנדערש געטראַכט, און ער האָט מקנא געווען די איבעריקע מוזיקאַנטן, וואָס זיצן מיט אינ־סטרומענטן, וואָס ליאַרמען, שרייען און פאַרנעמען אַן אָרט אין אָרקעס־טער, און ער מיט זיין אינסטרומענט ווערט פאַרטומלט אין זייערע הויכע שטאַרקע טענער און בלייבט אומבאַמערקט...

.6

די אַלטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט דאָס לעצטע יאָר, זענען ענדלעך אַהיים געפאָרן, און די קאָמאַנדע איז ווייניקער געוואָרן מיט פינף מוזיקאַנטן. געשפּילט אָבער האָט מען נאָר איינעם פון זיי, דעם באַ־ריטאָניסט, און אויף זיין אָרט האָט מען געדונגען אַ ציווילנעם מוזי־קאַנט, ביז דער צווייטער באַריטאָניסט, וואָס איז נאָך געבליבן דינען,

וועט זיין אימשטאַנד אַליין צו שפּילן. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם פליוטיסט און קלאַרנעטיסט, וואָס זענען אויך אַהיימגעגאַנגען, האָט מען געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף די צוויי איבערגעבליבענע, וועלכע זענען גע־ווען זייער פעיק. נאָר איין חיים, וועלכער איז געבליבן דער איינציקער אויף וואַלדהאָרן, איז אַליין געבליבן דער זעלבער אומבאַמערקטער, ווי פריער, ווען זיין לערער צאַרפין איז נאָך געווען! דער עלטסטער נאָר האָט איראָניש אַ קוק געטאָן אויף אים און חוזק געמאַכט.

— נו, קוגעל, איצטער וועסטו ביי אונדז זיין אַ סאָליסט...

געזאָגט האָט עס דער עלטסטער, ווען דער אָרקעסטער איז געזעסן גרייט צו שפּילן אַ נייעם מאַרש, וועלכן מע האָט פאָנאַנדערגעלייגט ביי יעדן טישל. — דער עולם האָט זיך אומגעקוקט אויף חיימען און יעדער האָט געשמייכלט אויף זיין שטייגער. חיימען האָט דאָס לאַכן פאַרדראָסן און הנאה געטאָן. מען מאַכט פון זיין שפּילן טאַקע חוזק, אָבער דאָך ווייסט מען, אַז ער עקזיסטירט. ער האָט נאָר געוואַרט, וואָס וועט דער קאַפּעלמייסטער זאָגן. דער קאַפּעלמייסטער איז אָבער געווען פאַרטאָן מיטן נייעם באַריטאָניסט, וועלכן ער האָט עפּעס דערקלערט אין מאַרש, און האָט אין שמועס וועגן קוגלען קיין אָנטייל נישט גענומען.

באַלד האָט דער קאַפּעלמייסטער גענומען „סטראָיען" די אינסטרו־מענטן. ביי איטלעכע אינסטרומענטן האָט ער דעם „בע" געביטן, ביי אַנ־דערע דעם „צע". חיים האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויף זיין ריי. נאָר אומזיסט האָט ער געוואַרט. ביים „טראָמבאָן" האָט זיך דאָס „סטראָיען" געענדיקט, און דער מאַרש האָט זיך אָנגעהויבן. חיים האָט דאָן דערשפּירט זיין קליינקייט.

דער אָנהייב מאַרש איז געווען רוישנד און שטאַרק; געשפּילט האָבן אַלע אינסטרומענטן. חיים האָט געפּילט, ווי זיינע טענער ווערן פאַרלוירן אין דעם ווילדן, געזונטן און אָנגעגעמען ליאַרעם. ער האָט געפּרוווט האַלטן דעם מונדשטוק בלויז אין מויל און גאָר נישט בלאָזן, און ער האָט קיין שום ענדערונגען נישט באַמערקט. די זעלבע שטאַר־קייט, דאָס זעלבע רוישן — ווי מיט אים, אַזוי אָן אים. און ער האָט ווידער גענומען בלאָזן, סטאַרענדיק זיך וואָס שטאַרקער, אפשר וועט זיין שפּילן דערגרייכן צום קאַפּעלמייסטערס אויער און ער וועט אים שעצן, ווי די איבעריקע מוזיקאַנטן, וואָס שפּילן די ערשטע שטימע. אומזיסט אָבער!

אָבער נאָך דעם אָפּשפּילן דעם ערשטן האַלבן מאַרש איז עפּעס געשען אַ מאָדנע זאַך. צוקומענדיק צום צווייטן האַלבן מאַרש, וואָס הייסט „טריאָ“, איז דער גאַנצער אָרקעסטער שטיל געבליבן און חיים האָט די גאַנצע דריי טאַקטן אַליין געשפּילט.

דער עולם מוזיקאַנטן האָט צום אָנהייב פאַרוווּנדערט געקוקט אויף חיימען, און באַלד זיך פאָנאַנדערגעלאַכט. חיים אַליין איז צעטומלט געוואָרן און האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען...

ענדלעך האָט דער קאַפּעלמייסטער, וואָס האָט פריער דעם מאַרש נישט איבערגעקוקט, געזאָגט צו חיימען:

— דו האָסט דאָ דריי טאַקטן סאָלאָ — זע זשע, נו!...

ער האָט אויפגעהויבן דאָס טאַקט-שטעקל און גלייך, דאָס ערשטע מאָל זינט חיים שפּילט, זיך געווענדעט צו אים.

צו חיימס גליק זענען די דריי טאַקטן באַשטאַנען פון די נידעריקע נאָטן און געווען זייער איינפאַך, און ער האָט זיי כשורה אָפּגעשפּילט, נאָר דער טאָן האָט פאַר שרעק געציטערט, און דער קאַפּעלמייסטער האָט געקאָמאַנדעוועט:

— ריינער, ריינער, סאָליסט מיינער.

די מוזיקאַנטן האָבן געלאַכט, נאָר חיים, וועלכער האָט שוין צייט געהאַט פאַרצושטעלן זיך אין קאָפּ דאָס גליק, וואָס אים האָט אומדערוואַרט געטראָפן, האָט דאָס לאַכן נישט געהערט. ער האָט נאָר טיף אַריינגערוקט די אויגן אין די נאָטן, פעסטער צוגעקוועטשט דעם מונדשטיק צו די ליפּן און גערופן פון דאָרט די טענער מיט זיין לעצטער ענערגיע, מיטן לעצטן קוראַזש.

.7

דער מאַרש, ווו חיים האָט די דריי טאַקטן געהאַט אַלס סאָלאָ, איז געווען א געראָטענער. די אָפיצירן און אפילו דעם פּולקאָווניק אין קלוב, ווו די מוזיקאַנטן האָבן איין מאָל אין וואָך געשפּילט, איז דער מאַרש זייער געפעלן געווען, מען האָט אים אָפט געשפּילט, און חיים האָט גאַנצע טעג געלערנט די סאָלאָ, זי זאָל וואָס ריינער, וואָס גלאַטער אַרויסקומען.

— אָבער גענוג דיר שוין! — פלעגט אים יעדער דיזשורנע שטראָפן פאַר זיין איבעריקער התמדה: דו קענסט דאָך שוין!

נאָר חיים, וועלכער איז, זינט ער האָט די דריי טאַקטן באַקומען, שטאָלצער געוואָרן, פלעגט ענטפערן:

— צו גוט איז קיין שיעור נישטאָ. אַ סאָלאָ דאַרף מען שפּילן וואָס ריינער. איך בלייב דאָך איינער אַליין, אַלע האָבן פּויזע, נאָר איך איינער שפּיל, איך איינער אַליין.

איינמאָל, אַז חיים האָט זיך אומגעטראָגן מיטן אינסטרומענט און געשפּילט פאַר זיך די דריי טאַקטן, האָט דער צווייטער טרומייטער, אַ יונג סאָלדאַטל, וואָס דער פּאַלק האָט אים דערצויגן און פאַר אַ מוזיקאַנט געמאַכט, נישט געקאָנט פאַרטראָגן חיימס רוישן, און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— וואָס טוסטו מיר, אַז איך שפּיל אויך די דריי טאַקטן אין אָרקעסטער?

חיים איז בלאַס געוואָרן, האָט פאַר שרעק אין אָנהייב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, נאָר באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט און קוים אַרויסגעזאָגט:

— ווי הייסט, דו וועסט שפּילן? דו האָסט דאָך דריי פּויזעס.

— איך לאַך פון די פּויזעס — האָט דאָס יונגע מוזיקאַנטל העזהדיק געענטפערט: אַז איך וויל שפּיל איך זיי, איך ווייס וועלכע נאָטן: עס, גע...

און רעדנדיק דאָס, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט זיין טרומייט, וואָס איז געהאָנגען צווישן די איבעריקע אינסטרומענטן, און האָט אַ קנאַק געטאָן די דריי טאַקטן — חיימס דריי איינציקע טאַקטן...

— מאָלאָדיעץ, איוואַנאָוו! — האָט דער דיזשורנע געלויבט: אויף אַ טרומייט איז דאָס טאַקע שענער ווי אויף „וואַלטאָרנע“.

— היינט שפּיל איך עס! — האָט זיך איוואַנאָוו אויף אַן אמת צעקאָכט.

חיים איז געבליבן שטיין מיטן אינסטרומענט אין דער האַנט און האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט מאַכט.

איוואַנאָוו האָט דערשפּירט חיימס שרעק און דאָס האָט אים נאָך מער אויפגעמונטערט.

— כאַ־כאַ־כאַ; — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט — קוגעל וועט היינט זיין אויס סאָליסט...

— נו, הער אויף! — האָט זיך חיים גענומען בעטן — ווייניק סאָלאָס האָסטו!

— זע, ווי ער האָט מורא! — איז איוואַנאָוו ערנסטער געוואָרן! — וואָס ווילסטו מיר געבן, איך זאָל נישט שפּילן?

חיים האָט נישט געוווּסט, מיט וואָס קויפט מען אים אונטער. ער האָט לאַנג געטראַכט און נישט געפונען. ער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט. ענדלעך האָט ער מיט אַ געפאַלענעם קול אַרויסגערעדט:

— איך וועל דיר רייניקן אַלע שבת דיין טרומייט.

איוואַנאָוו האָט זיך פאַרטראַכט. ער איז געווען זייער פויל, און דאָס איז אים געפעלן געוואָרן: שבת נאָך מיטאָג־עסן וועט ער קאָנען גלייך אַוועקגיין אין שטאָט הוליען.

— אָבער געדענק — ריין ווי גאָלד! — האָט איוואַנאָוו אויסגע־שטעלט אויף הייםען זיינע צוויי גרויסע, גרויע אויגן.

— בעסער פאַר מיין אייגענער וואַלטאָרנע — האָט חיים פאַרזיכערט.

— וואָס איז דיין וואַלטאָרנע. — האָט איוואַנאָוו חוזק געמאַכט: — איר איז געגוג אַ ריב, מיין טרומייט דאַרף פינקלען! טרומייט רעכנט זיך ערשטע שטים, פאַרשטייסט?

און חיים איז געבליבן דער איינציקער סאָליסט פון די דריי טאַקטן, נאָר דעם פריערדיקן חן האָבן זיי ביי אים פאַרלוירן. דער שטאָלץ און די גדולה, וואָס ער האָט געהאַט אין דער רגע, ווען ער האָט זיי גע־שפּילט, איז בטל געוואָרן אין דער קנעכטשאַפט, אין וועלכער ער האָט זיך יעדן שבת געפונען אַ שעה נאָכאַנאַנד, פוצנדיק איוואַנאָווס טרומייט.

דער פּרוש

אין שטעטלשן בית=מדרש איז שוין נאָך מעריב. דער קאַרגער אונטער=שמש, אַ הויכער, אויסגעדאַרטער ייד מיט אַ שוואַרץ, שפּיציק בערדל, האָט שוין די לאָמפּן, וואָס האָבן געברענט איבערן בימה, אויסגעלאָשן. ער האָט נאָר איבערגעלאָזן ברענען איין לאָמפּ, אָבער אויך מיט אַ שטאַרק אַרונטערגעדרייטן קנויט. „נאַפט איז טייער!“ — האָט ער בייז געמורמלט, לעשנדיק אַ לאָמפּ נאָך אַ לאָמפּ...

די עטלעכע איבערגעבליבענע, וואָס זענען געווען תושבים אין בית=מדרש, האָבן אַפילו מתרעם געווען אויפן דעספּאָטישן אונטער=שמש, וואָס לאָזט זיי זיצן האַלב אין דער פינצטער, אָבער אַזוי ווי לערנען האָבן זיי זיך געפּוילט, האָבן זיי קיין העזה נישט געהאַט זייער פּראָטעסט הויך אויסצודריקן. אויסער דעם, האָבן זיי געוווסט, אַז דער אונטער=שמש טוט עס נישט, אייגנטלעך, מיט זיין אייגענער מאַכט. שפּאָרן די נאַפט איז אַ שטרענגער פּאַרזאָג פון אויבער=שמש, און דער שמש אַליין האָט דעם פּאַרזאָג אַזש פון גבאי.

און צוריק גערעדט איז די האַלב=טונקעלע באַלייכטונג זייער גוט צוגעפּאַסט צו די שטימונגען פון די איבערגעבליבענע אין בית=מדרש. עס איז אַ פּאָר וואָכן נאָך סוכות. דרויסן שפּריצט אַ קאַלטער רעגן און די טראָפּנס פאַלן אויף די שויבן און קלאַפּן מאָנאָטאָן, טריב און שווערמוטיק קוקן אַראָפּ די געזיכטער פון משה ואהרן, וועלכע זענען אויסגעקריצט פון האָלץ אויפן עמוד. אַפילו דער לעמפּערט אינמיטן אויפן זעלבן עמוד אין וועלכן דער שטעטלשער שניצער האָט געוואָלט אַריינלייגן וואָס מער לעבן און פלינקייט, הויערט אַ מידער צווישן משה ואהרן און עס דאַכט זיך, אַז ער דרעמלט און חלומט פון לבנון=וואַלד, פון וואַנען ער שטאַמט...

דערצו דער שוואַרצער פּרוכת, וואָס די שטעטלשע גבירטע האָט געשענקט, וואָס איז געמאַכט פון אַ שטיק איבערגעבליבענער סחורה פון אירער אַ קלייד, ווייעט אָן אויפן גרויסן, אַלטן בית=מדרש אַ טיפן טרויער

און בענקשאַפט, און די שאָטנס אויף די ווענט, וואָס בילדן זיך פון די עטלעכע איבערגעבליבענע אין בית־מדרש, קוקן אויס אזוי ווי אָנגעקומענע מתים פון שטעטלשן בית־עולם.

די איבערגעבליבענע אין בית־מדרש באַשטייען פון פינף מענטשן אויסערן אונטער־שמש. צוויי פון זיי זענען ישיבה־בחורים, וואָס לערנען שוין דאָ א פאָר יאָר און האָבן שוין בדעה אוועקפאָרן אין א רייכער שטעטל, נאָר עס פעלט זיי די נייטיקע ענערגיע דערצו. איינער פון די צוויי, „דער זעלווער", איז א בחור פון א יאָר צוואַנציק מיט א לאַנגן, דינעם האלדז, ביי דער גאָמבע — א פילגאָרנדיקער גאָרגל, וואָס באַוועגט זיך רירעוודיק ביי יעדן וואָרט, וואָס גייט ארויס פון זיין ברייטן מויל. דער צווייטער איז דער „דאַלהינעווער", מיט א יאָר ייִנגער, אָבער זען זעט ער אויס פיל עלטער פארן זעלווער, ווייל ער האַלט נישט שטאַרק פון וואשן האָס פנים, וואָס איז באוואָקסן, נישט נאָך די יאָרן נאָך, מיט א געדיכט בערדל. נישט קוקנדיק, וואָס זייער אויסזען איז גאנץ פארשידן, לעבט דאָך דער זעלווער מיטן דאַלהינעווער בשלום. זיי באָרגן זיך אויס צו שטיקלעך צוקער איינער דעם אנדערן און רייכערן ביידע בשותפות, כאָטש דער זעלווער איז א שטארקערער רויכערער... דערפאר אָבער שטימען זיי ביידע נישט איין אין זייערע מיינונגען איבער עולם־הבא. דער זעלווער זאָגט, אז עולם־הבא איז טאקע דאָ, אָבער נישט ווי מען שטעלט זיך פאָר אזוי מגושמדיק; שור הבר און לויתן זענען בלויז א משל... עולם־הבא איז נאָר, ווי דער רמב"ם וויל האָבן, פארן גייסט. דער גייסט דערהייבט זיך ביזן זיבעטן הימל. דער דאַלהינעווער אָבער, וועלכער איז א סך פראקטישער, האלט, אז עולם־הבא איז אויך פארן גוף, און דער שור הבר און לויתן איז נישט קיין משל, נאָר א ממשותדיקע זאך... און אז דער קאמף וועגן דער האָזיקער פראגע צעברענט זיך שטארק ביי זיי, פארדרייכערן זיי א שותפותדיקן פאפיראָס און זיי גלייכן זיך ענגדלעך אויס.

דער דריטער תושב פון בית־מדרש איז דער פרוש. ער איז א ייִד פון א יאָר עטלעכע און פערציק. זיין געדיכטע באָרד איז שוין אין עטלעכע ערטער דורכגעפלאָכטן מיט זילבערנע האָר. א פרוש איז ער געוואָרן נישט פון פרומקייט, נאָר פון פרייקייט וועגן. אזוי האָט ער אַמאָל זיך מודה געווען טאקע פארן דאַלהינעווער.

— אַ מענטש — האָט דער פרוש אים דעמלט געגעבן צו פארשטיין — דארף נישט האָבן קיין יאָך... א מענטש דארף פילן יעדע מינוט, אז ער לעבט, און דאָס קאָן מען נאָר פילן, אז מען איז פריי פון יאָך פון

פרנסה... איך בין צום שכל געקומען צו דרייסיק יאָר, און עס פּאַרדריסט מיך זייער אויף די עטלעכע יאָר, וואָס איך האָב זיך געמאַכט נאַריש און געהאַלטן א קראָם... נישט נאָר פון מיינע קליידער, נאָר אויך פון מיין נשמה האָט געשמעקט דעמלט מיט הערינג און נאַפט.

דעם דאַלהיגעווער איז די דאָזיקע דערקלערונג נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן.

— ...וואָס הייסט? — האָט ער געפרעגט. — אז די אַלע מענטשן וואָלטן אזוי געוואָלט לעבן פריי, וואָלט האָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט...

— נו, איז וואָס... שוטה?... — האָט דער פרוש געלאַכט. — ווער זאָגט דיר, אז די וועלט דאַרף א קיום האָבן?...

ביי דעם ענטפער איז דער דאַלהיגעווער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן: וואָס הייסט? ס'טייטש?... די וועלט! עס איז אזא שיינע וועלט!...

— אָבער אויסטענהן זיך מיטן פרוש האָט ער קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט: דער פרוש איז געווען צו באַהאַוונט אין חכמת חצוניות און ער פלעגט „ברענגען" גאַנצע בלעטער פון אריסטאָ און פלאַטאָן, פון וועלכע דער דאַלהיגעווער האָט קיין השגה נישט געהאַט...

אַזאַ טיפער שמועס פלעגט דעם דאַלהיגעווער קאָסטן א פּאַפּיראָס־טאַבאַק, ווייל דער פרוש, כאָטש נישט קיין שטענדיקער רויכערער, פעלגט אָבער נאָך אזא שאַרפן וויכוח מוזן פאַררייכערן...

דער דאַלהיגעווער פלעגט דעמלט צורופן דעם זעלווער, ביי וועלכן דער טאַבאַק האָט זיך שטענדיק געפונען, און פלעגט זאָגן:

— זיי מכבד דעם פרוש מיט א פּאַפּיראָס.

דרייענדיק דעם פּאַפּיראָס, האָט דער פרוש גוטמוטיק געפילאָסאָפירט:

— די וועלט, זאָגט איר, וועט קיין קיום נישט האָבן... יאָ, טאַקע אמת... נו, וואָס איז? זאָל זי קיין קיום נישט האָבן!.... איר מיינט, קינ־דערלעך, אז דאָס איז די ערשטע וועלט... עס זענען שוין געווען טויזנטער וועלטן... קוקט אריין אין זייערע ספרים. נישקשה, זיי וויסן אויך עפּעס... כי־כי־כי זיי וויסן מער פאַר אונזער רב...

די פרייע געדאַנקען האָבן די צוויי ישיבה־בחורים געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ, אָבער פאַרמסרט דעם פרוש האָבן זיי דאָך קיינמאָל נישט: עפּעס האָבן זיי געפילט צו דעם האַלב־גרויען פרוש א געפיל פון רחמנות און פלעגן אים פון צייט צו צייט מכבד זיין מיט א געבאַקטער קאַרטאָפל, א גלעזל טיי און מיט א פּאַפּיראָס...

דער פערטער פון די תושבים אין בית־מדרש איז געווען יאנקל דער הונט. דאָס איז געווען א בחורל פון א יאָר אַכצן, וואָס האָט זיך פאַרוואלגערט אין שטעטל שוין עטלעכע יאָר און מען ווייסט נישט, ווער זיין טאטע און מאמע איז און פון וואנען ער קומט. זייענדיק א גרויסער פוילער, געפינט ער זיך שטענדיק אין בית־מדרש, ווו ער האָט אויסגעפועלט די באנק נעבן טיר צו שלאָפן.

צו די עטלעכע תושבים אין בית־מדרש קומען א זייגער אכט—ניין אין אָוונט נאָך זייטיקע מענטשן. עס גייט אריין חיים דער מלמד, וואָס האָט פארלאָרן זיין קנעלונג און קוקט אוים דער יאוש אליין.

אריינקומענדיק, שטעלט ער זיך אוועק נעבן בימה, בלייבט שטיין א ווייל פארטראכט. נאָך דעם דערמאנט ער זיך עפעס, גייט צו צום אונטער־שמש און בעט א שמעק־טאַבאַק. דער אונטער־שמש קוקט אים אָן קרום, אָבער דאָך גיט ער אים. חיים מלמד גיט א שטאַרקן שמעק, צעניסט זיך און דערמונטערנדיק זיך, גייט ער אוועק ווייטער, אויבן אָן, ווו דער זעלווער, דער דאַלהיינעווער און דער פרוש זיצן אין א ווינקל און שמועסן.

אזייגער זיבן קומט אריין כיענע די אלמנה מיט איר קויש עפל... כיענע די אלמנה איז די איינציקע פרוי, וואָס האָט די פריווילעגיע צו קומען פראנק און פריי אין בית־מדרש מיט איר סחורה. אריינגייענדיק, בלייבט זי שטיין פון פאָרנט, באטראכט דעם ליידיקן בית־מדרש און הייבט אָן שמייכלען צו זיך אליין: „שטיינס געזאָגט“, טראכט זי, „וואָס פאר א גליקן זי קאָן דאָ כאַפּן“... זי גייט צו צום אויוון, גיט אים א שמיר מיט די הענט, און דערפילנדיק די קעלט, וואָס ווייעט פון די ווייסע קאכל, רוקט זי זיך אָפּ אַן אנטוישטע און שמייכלט ווידער:

— מען זאָל זיך אפילו אין בית־מדרש נישט קענען אָנוואַרעמען...
עס גייט צו דער אונטער־שמש.

— וואָס איז די מעשה, וואָס דער אויוון איז ביי דיר קאלט? — ווענדט זי זיך צו אים פאמיליאר.

— אדרבא — ווילט זיך דער אונטער־שמש — פארוואָס זאָלסטו טאַקע נישט שענקען א וואָגן האָלץ?... נישקשה, מען זאָגט, אז דו האָסט געלט...

— אוודאי האָב איך געלט... וואָס דען? — ווילט זיך צוריק די אלמנה...

דער אונטער־שמש, אויך אן אלמן, גיט זיך לוסטיק א קראַץ אין פאָטילניצע און זאָגט:

— דער שוואַרציאַר ווייסט דיך... ווען איך ווייס, אַז יאָ, וואָלט איך זיך צו דיר געשדכנט...

— וואָס, דו גיסט עפּעס צו לייזן?

— אַז ביי דיר איז זייער טייער...

— נעם... דיר וועל איך לאָזן ביליקער...

דער אונטער־שמש גייט צו צום קאָשיק, קלייבט אויס דריי צעפּוילטע עפּעלעך און פרעגט:

— וואָס למשל, וועסטו הייסן באַצאָלן דערפאַר?...

— העין אַ ביסל... — ענטפערט די אלמנה — די גרעסטע עפּל האָט ער אויסגעקליבן... כ'מיין... צוליב דיר — אַ קאָפּיקע.

— ביי דיר איז אַן אמתע אַפּטייק! — דינגט זיך דער אונטער־שמש...

— אַזוינע דריי עפּעלעך אַ קאָפּיקע... און אַ גראָשן וועסטו נישט נעמען?...

— איך קען נישט, בנאמנות... — שווערט זיך די יידענע.

— נו, ווי דו ווילסט זיך... — וויל אַרייַנלייגן דער אונטער־שמש די עפּעלעך צוריק...

די יידענע דערלייגט אים נאָך אַ קליין עפּעלע:

— נאַ, האָסטו פיר....

— וועסט דערלייגן אַ פינפטן! — שמייכלט ער.

די אלמנה זוכט אַ קליין עפּעלע, געפינט און גיט עס דעם אונטער־שמש...

— ביסט אַ באַרייסערין! — קלאָגט ער זיך און צאָלט ענדלעך אָפּ.

דער זעלווער, דערזעענדיק פון ווייטן די יידענע מיט די עפּל, איז ווי אויפגעריכט געוואָרן און האָט עס געמאָלדן דעם דאָלהינעווער.

— דאָלהינעווער, די עפּל זענען דאָ!

— עס איז אַ גרויסע הוצאה... מורמלט דער דאָלהינעווער.

— וואָס איז שייך?... — שפּאַרט זיך דער זעלווער. — מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש...

— נו, מילא, קויף... איך שטיי צו צו אַ חלק...

דער פּרוש האָט אַ שטילן זיפץ געטאָן און איז צוגעגאַנגען צו דער יידענע.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגן און זיך באַגעגנט מיט אירע... זי האָט זיי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן....

נאָך דעם ווי דער זעלווער האָט איינגעהאַנדלט צען עפּעלעך פאַר גאַנצע צוויי קאָפּיקעס, איז ער אַוועק מיט זיי צום דאָלהינעווער.

דער פּרוש איז געבליבן אויג אויף אויג מיט דער אלמנה.

— אזוי שפּעט... — האָט ער א מורמל געטאָן.

— וואָס זאָל מען טאָן? — האָט זי שטיל געענטפערט. — מען וויל לייזן...

— יאָ... — האָט דער פּרוש געמורמלט און האָט זי שוין דרייסטער אָנגעקוקט, — לייזן... איך פאַרשטיי...

ער האָט אינסטינקטיוו אויפגעהויבן די אויגן צו דער ווייבערישער שול אינדערהייך.

— אינדערהייך איז פינצטער... — האָט ער ווי סתם אין דער וועלט אריין א מורמל געטאָן.

— וואָס זאָגט איר?... — האָט זי אים געפרעגט.

— איך מיין, אין דער ווייבערישער שול, אויבן, איז גאָר פינצטער...

— האָט דער פּרוש געשטאַמלט.

— אנטשולדיקט וואָס זאָגט איר דאָס?... — האָט די אלמנה זיך גע־וואונדערט.

— אָט, איך מיין גלאַט... מען קאַרגט... אויך דאָרט האָט געדאַרפט ברענען א לעמפּל... שטענדיק איז דאָרט בייַנאַכט פינצטער.

ער האָט זיך אומגעקוקט. דער אונטער־שמש איז געזעסן ווייט אין א ווינקל און געקייט די עפּעלעך. דער זעלווער מיטן דאַלהינעוואָר האָבן זיך אויך פאַררוקט אין א ווינקל און האָבן זיך געטיילט מיט דער סחורה. היים דער מלמד האָט שוין אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף א סטענדער, שטאַרק געכראַפּעט. יאַנקל דער הונט איז ערגעץ ארוים.

דער פּרוש איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אָרט, געקוקט אויף דער אלמנה און געטראַכט:

— און פאַרוואָס טאַקע נישט?...

די אלמנה האָט עפּעס דערפילט. זי האָט שעמעוודיק אראָפּגעלאָזט דאָס טיכל נידעריקער איבערן קאָפּ און זיך געקליבן ארויסצוגיין...

— איר גייט שוין?... — האָט דער פּרוש א שטאַמל געטאָן.

— וואָס זאָל מען טאָן?... מען מוז גיין...

— וויט?...

— יאָ, אַזש נעבן בית־עולם...

— אַ שאָד, אַ שאָד! — האָט ער געזיפצט. — אזא מהלך...

ער האָט ווידער געהויבן די אויגן צו דער ווייבערישער שול, ווו די

קליינע פענצטערלעך האָבן געקוקט ווי שוואַרצע אויגן און גערופן צו עפּעס שווער זינדיקס...

— א גוטע נאַכט! — האָט די אלמנה אויסגערופן און איז אַרוים מיטן קאָשיק.

דער פּרוש האָט לאַנג איר נאָכגעקוקט, און אַז די אלמנה איז שוין ווייט געווען, האָט ער זיך מיט א זיפץ צוריק אומגעקערט צו די צוויי ישיבה־בחורים און זיך אָנגערופן:

— און וואָס מיינט איר, איז אויסן די יידענע, וואָס זי קומט אהער?...

— זי וויל לייזן... — האָט דער דאַלהינעווער געענטפערט.

— און איך בין זי חושד אין עפּעס אַנדערש... — האָט דער פּרוש מאָדנע געשמייכלט.

— זי זאָל עפּעס וועלן גנבענען, מיינט איר? — האָט דער דאַלהינ־ עווער געפרעגט בתמימות.

— ווער ווייסט?... — האָט דער פּרוש געענטפערט און האָט זיך גלייך אָפּגעהאַקט.

און מיט די ווערטער איז ער אָפּגעגאַנגען אויף עטלעכע טריט צוריק, נאָך דעם צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך איינגעגראָבן מיט די אויגן צו יענער זייט, וווּ דער שטעטלשער בית־עולם געפינט זיך...

דער דאַלהינעווער מיטן זעלווער האָבן אים צוגעטראָגן אַן עפּעלע:

— עסט, פּרוש...

ער האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער, ווי דערוואַכט פון א חלום, און זיך אָנגערופן:

— א יישר...

אויפעסנדיק דעם עפּל, איז ער ווי באַרואיקט געוואָרן און איז אויפ־ געלייגט געוואָרן צום רואיקן דענקען:

— מיר האָבן אַמאָל גערעדט וועגן קיום פון דער וועלט... — האָט ער אָנגעהויבן אָפּוווישנדיק די וואָנצעס, וואָס זענען אים נאַס געוואָרן פון דעם געפרוירענעם עפּעלע — דער קיום פון דער וועלט איז א גרויסער סוד... און נישט נאָר פון דער וועלט... פון יעדן מענטשן... יעדער מענטש איז א וועלט און זיין לעבן איז א סוד... אנו, פּרוווט טרעפן...

ער האָט זיי אָנגעקוקט און גוטמוטיק זיך צעלאַכט.

חיים דער מלמד האָט פון שטענדער אַרוים זיך שטאַרק צעכראַפּעט.

— סאַראַ מין כראַפּען א ביסל... — האָט דער זעלווער גערעדט.

טשעפּעט אים נישט! — האָט דער פּרוש גוטהאַרציק געבעטן.

— גליקלעך איז דער מענטש, וואָס שלאָפט... איך וועל זיך מאַכע אויך אַ ביסל צושפּאַרן. איך בין עפּעס זייער מיד...

ביי די ווערטער איז ער אַוועק צו אַ ווינקלדיקער באַנק, אויסגעטאָן דעם ראָק, אונטערגעלייגט צוקאָפּנס און זיך אויסגעצויגן אין דער לענג פון דער באַנק.

אין עטלעכע מינוט איז ער איינגעשלאָפן און געזען אין חלום די יידענע מיט די עפּל. ער האָט פון חלום געשטרעקט די הענט און אָנגעכאַפּט דעם שטעקן וואָס איז געשטאַנען נעבן זיין צוקאָפּנס...

דער שטענדער האָט זיך געשאָקלט הין און צוריק, האָט אָבער גלייך באַקומען זיין גלייכגעוויכט און איז געבליבן שטיין, אַרומגענומען פון שלאָפנדיקן פּרוש...

(1912)

אין סאָד

אברהם דער מלמד האָט, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעקנעלט עטלעכע יאָר און געקריגן א ברוסט־פּעלער, אָנגעהויבן האַנדלען מיט פרוכטסעדער. מיט זיין נייעם עסק איז ער זייער צופרידן געווען. זיין גאַנץ לעבן האָט ער טאַקע געזוכט אזא געשעפט, ווו ער זאָל נישט דאַרפן האָבן צו טאָן מיט א סך מענטשן, צו וועלכע ער האָט זייער ווייניק צוטרוי געהאַט און מיט וועלכע ער האָט זיך שלעכט געפילט. מענטשן האָבן א מאָדנע טבע — פלעגט ער טראַכטן — זיי וואָלטן נאָר געקענט! אַלץ וואָלטן זיי אויסדערציילט, אַלץ וואָלטן זיי אויסגעפרעגט און אַלץ וואָלטן זיי פאַרענטפערט... אז ער איז נאָך א ישיבה־בחור געווען, פלעגט ער שטענדיק אויסקלייבן אן אָרט אין א ווינקל ערגעץ, ער זאָל קיינעם און קיינער זאָל אים נישט זען, און אויף א שטילן ניגון פלעגט ער ברומען דעם שיעור, און זיין שטיל־לערנען פלעגט אים דערמאָנען יענע חורבה, וואָס ר׳ יוסי האָט אין וועג געפונען, ווו עס האָט זיך געהערט א ברומען, ווי פון א טויב, אויף דעם גלות. און דעמלט פלעגט זיך אים וועלן אוועקשוועבן אין יענער חורבה ערגעץ, אין דער מדבר, און ברומען דאָרטן, ווי א טויב און קיינער, קיינער זאָל אים נישט איבערשלאָגן, אפילו דער בת־קול אויך נישט. נאָר זיין פאַנטאַזיע פלעגט גלייך צעשלאָגן ווערן פון א האַרבער קשיא, וואָס א חבר, א ישיבה־בחור, פלעגט אים קומען פרעגן, דרייענדיק מיטן פינגער און שרייענדיק אויף א הויכן גמרא־ניגון.

אין א סאָד אָבער, וואָס אברהם פלעגט דאָס רוב דינגען אין עק גאַס, ביי די גויים, פלעגט ער מיט קיינעם נישט האַרפן איבעריק רעדן. קיין גרויסן קאַפּיטאַל האָט אברהם נישט געהאַט און מער ווי פאַר דרייסיק רובל פלעגט ער קיין סאָד נישט קאָנען דינגען. עס פאַרשטייט זיך, אז אזא סאָד איז נישט גרויס געווען, פלעגט נאָר פאַרמאָגן א צוואָנציק עפּל־ביימער, עטלעכע באַרן־ביימער און אמאָל אויך א קאַרשן־בוים. באַזעצן זיך אין סאָד פלעגט אברהם גלייך נאָך שבועות, כאָטש דעמלט

איז נאָך צו פרי געווען, די פּרוכטן האָבן זיך נאָך אפילו נישט „פאַר־בונדן“, פאַר גנבים איז נאָך נישט געווען וואָס צו היטן; נאָר אברהם האָט שוין נישט געקאָנט איינזיצן אין זיין שטיבעלע, ווו דאָס ווייב שרייט, די קינדער וויינען, און עס איז א שטענדיקער יאַריד. וואָס דאַרף ער עס האָבן? ער וויל בלייבן אליין מיט זיינע מחשבות, דמיונות און שטי־לע ניגונים, וואָס וועבן זיך שטענדיק ביי אים אינעווייניק און ווערן דאַרטן שיר נישט דערשטיקט... גלייך נאָך שבועות איז טאקע נאָך פרי צו גיין אין סאַד, נאָר אברהמען גייט עס נישט אָן. עס ציט אים אהין צו די שטילע ביימער, וואָס קאָנען אזויפיל טראכטן, אזויפיל הערן און אזוי־פיל סודות איינהאלטן אין זיך.

און אברהם ציט זיך איבער אין סאַד. ער נעמט מיט דעם טלית־און־תפילין, א סידור מיט תהילים און מעמדות, די גמרות ברכות און חולין, וואָס ער פאַרמאָגט אליין, עטלעכע ספרים פון די לעצטע גאונים, ספורי ירושלים, נעמט מיט זיין ווינטערדיקן וואטאָווען בגד, א קישעלע, בינדט עס איין אין א פּעקל, גיט א קוש די מזוזה, זאָגט אונטער דער נאָז א גוטן טאָג און גייט אוועק אין סאַד.

אז ער קומט צו צום סאַד, הייבט אים אָן דאָס הארץ מעבטיק צו קלאַפּן פאַר פרייד, ער האָט אָבער א שטיקל עיכוב גלייך אריינצוגיין. אויפן הויף, וועלכן מען דאַרף דורכגיין, ליגט א הונט. שפּעטער, אז ער וועט מיט אים באַקענט ווערן, וועט ער אים אפילו אין סאַד אריינגעמען, נאָר דאָס ערשטע מאָל איז א שטיקל סכנה — מיט א הונט מוז מען גוט באַקענט זיין, ווען נישט בילט ער, און פאַרן בילן האָט אברהם ער־גער מורא, ווי פאַרן בייסן: עס הילכט אין די אויערן!

און אברהם וואַרט, ביזוואַנען דער באַלעבאָס פון סאַד גייט ארויס און פירט אים דורך.

— שוין געקומען! — וואונדערט זיך דער באַלעבאָס און לאַכט אונ־טער...

—וואָס דען? — גיט אברהם א מורמל ווי פאַרשעמט, פּילנדיק טאקע, אז עס איז נאָך פרי.

— וואָס וועסטו טאָן? — פרעגט שוין ערנסטער דער באַלעבאָס: עס איז נאָך קיין ביידל נישטאָ. די פּאַראַיאַריקע איז שוין איינגעפאַלן.

— נישקשה, נישקשה! — בעט זיך אברהם — עס וועט זיין גוט.

— נו, אז דיר ווילט זיך, גיי — דריקט מיט די פּלייצעס דער גוי און לאָזט אים אריין אין סאַד.

אברהם לייגט גלייך אוועק דאָס פּעקל אויף דער ערד, ציט זיך אויס אליין אויפן גרינעם גראָז און מורמלט שטיל:

— אָט דאָ איז טאַקע גוט!

און ער ווערט גלייך אַנטשוויגן און הערט זיך צו צום שטילן גערויש פון די ביימער. אים דאכט זיך, אז די ביימער וואונדערן זיך אויך אויף זיין פרי קומען און מיט בעטנדע בליקן קוקט ער זיי אָן, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— ביימער, איר אויך? איך האָב אנדערש נישט געקאָנט... עס האָט מיך געצויגן...

און באלד דאכט זיך אים שוין טאקע, אז די ביימער פארשטייען שוין אלץ און זיי ברומען צו אים.

— גוט! ביסט אן אָנגעלייגטער גאַסט!

און אברהם פילט זיך שוין ווי א היימישער אין סאָד. ער הייבט זיך אויף פון דער ערד, גייט צו צו יעדן בוים באזונדער, ווי ער וואָלט זיך וועלן באקענען און נעמט זיך באטראכטן דאָס ביידל, וואָס שטייט אינמיטן סאָד. א ביסל איז עס טאקע איינגעפאלן, נאָר אברהמען געפעלט עס נאָך בעסער. אברהם האָט נישט איבעריק ליב א נייע זאך, א שטארקע. עפּעס איז אים נעענטער, אָנגענעמער א בנין, וואָס זעט אויס, ווי א חורבה. אזא חורבה אינעווייניק איז פול מיט סודות, מיט טענער, מיט ניגונים. דאָרט ווינט זיך אינדערשטיל, דאָרט בענקט די נשמה, און ווייל עפּעס, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, נישט קיין אָרט, נישט קיין צייט...

און אברהם קריכט ארונטער אין דעם איינגעפאלענעם ביידל, ווו עס איז פינצטערלעך און שמעקט מיט ריחות פון אן אנדער וועלט. ער קנייטשט זיך דאָרט איין, ווי א קנויל, און ער באהאלט זיך פון דער גאנצער וועלט...

פון דער וועלט אָבער זיך באהאלטן איז אברהמען נישט אזוי גרינג. די ערשטע צייט קאָן ער עס לייכטער. איידער די פרוכטן ווערן צייטיק, דארף ער קיינעם נישט און קיינער דארף אים נישט. ברענגט אים א קינד אמאָל עפּעס עסן, רעדט ער מיט אים א פּאָר ווערטער, פרעגט וואָס הערט זיך אין דער היים, וואָס מאכט די מאמע, און ער איז יוצא. בלייבט נאָך פרייטיקצונאכטס און שבת פרי, ווען ער מוז אהיימגיין, אָבער דאָס קומט זיך אים איבער. נאָכן טשאָלנט איז ער ווידער אין סאָד. לייגט זיך אוועק אונטער א בוים און קוקט אריין אין „ספּורי ירושלים" און ווערט ביי די פאנטאסטישע געשיכטעס אנטשלאָפן, און אים חלומט זיך דער

כותל מערבי, דער מוטער רחלס קבר, די מערת המכפלה און נאָך אזוי הייליקע, שטילע ערטער, וואָס אין זייער לופט שוועבן אלטע מעשיות, וואָס ווערן אזוי שיין איבערגעגעבן אויף אזא גרינגן לשון קודש אין בכורי ירושלים...

אז די פירות ווערן אָבער צייטיק און די ביימער הייבן זיך אָן צו ברעכן אונטער זייער שווערער משא, מוז אברהם, נישט ווילנדיק, פארלאָזן זיין רואיקע וועלט און ווערן א סוחר. ווי דער ערשטער ווינט צעשפּילט זיך אין סאָד און פארוואַרפט די ערד פון סאָד מיט עפּל און בארן, לאָזט זיך אברהם זיי אויפקלייבן, צעלייגט זיי אין עטלעכע קופּעס, סאָרטירט זיי און ווארפט אויף די מארק-ווייבער מיט די גרויסע „מיילער“, וואָס צעשטערן אים די רואיקייט און שטילקייט פון זיין גן-עדן.

שבת וואָלט ער שוין אָפּגערוט, איז אָבער דער מסחר פון עפּל אין די סעדער אויך אום שבת שטארק אנטוויקלט, אמת, אויף באָרג, עס איז אין שטעטל אזא מנהג, און אברהם קאָן אים נישט אָפּשאפן... עס קומען צו גיין באלעבאטישע בחורים, באלעבאטישע מיידלעך און אין סאָד ווערט א מין התונה: מע זינגט, מע לאַכט, מע רעדט, מע פּלוידערט, און אברהם מוז אלץ אויסהערן, אלץ פארטראָגן און ווארטן אויף דער נאכט, ווען ער וועט זיך קאָנען ווידער באהאלטן אין בײדל און קיינעם נישט אָנזען, אויסער די ביימער; קיינעם נישט הערן, אויסער דעם ווינט, אמאָל דעם רעגן און דעם דונער.

נאָך ערגער איז אָבער אָסיען-צייט, ווען אלע פּירות ווערן שוין איבערצייטיק און מער קאָן ער שוין אין סאָד נישט בלייבן. מיט א קלעמענדיקן הארצן זעגנט ער זיך מיט די ביימער, מיטן ביידל, וווּ ער האָט אזויפיל רואיקע, שטילע מינוטן געהאט, פירט איבער די עפּל אויף דעם באַלעבאָס פור אין א שפייכלערל, וועלכן ער האלט אין ארענדע, זיצט ער האלט סעדער, פאר צען גילדן א חודש, און ציט זיך איבער צוריק אין גאַס אריין.

דרויסן איז דעמלט בלאָטיק און רעגנדיק, שטעטלשע יידן שלעפּן זיך אום קראנק און דערשלאָגן, הוסטן און קרעכצן. אברהם קוקט זיך אום מיט שטארע אויגן און דערקענט נישט די וועלט.

— גישט גוט! — מורמלט ער — מיאוס! — שפייט ער — ווו טוט מען זיך אהין?

און א גאנצן אָסיען און א שטיק אין ווינטער שלעפט זיך אברהם אום מיטן קויש עפל אויף דער האנט און מיט א בענקשאפט אין הארץ, און ווארט אויפן ליבן זומער, ווען ער וועט קאָנען צוריק זיך באהאלטן אין סאָד, פארשטעקן זיך אין ביידעלע און בלייבן מיט זיך אליין, נישט אָנקוקן די שטעטלשע בלאָטע, די פארכמארעטע יידן און נישט הערן דעם וואָכעדיקן טומל.

1903

ווייבערישע שרעק

איינגעשלאָפֿן איז כיענע מיט א ווײלן איינפאל: מאָרגן וועט זי, אם־ירצה־השם, קאָכן אויף מיטאָג ארבעס מיט קארטאָפל, עס וועט זיין א „נײַס" און איר ליבע וועט הנאה האָבן.

אז אין קליין שטיבעלע האָט דער בלאסער טאָג קוים אריינגעקוקט, האָט זיך שוין כיענע אויפגעכאפט. זי האָט אָפגעגאָסן נעגל־וואסער, אָפגעזאָגט „ברכה", זיך דערמאנט אין דעם „ווײלן איינפאל", וואָס איז איר פארן שלאָף איינגעפאלן, און האָט זיך גענומען צום ביסל ארבעס, וואָס האָט זיך געפונען גרייט אין איר באלעבאטישקייט.

די קינדער און ליבע זענען נאָך פעסט געשלאָפֿן. אין שטיבל איז שטיל געווען. נאָר דער האָן, וואָס כיענע האָט אים געהאלטן אויף יום־כיפור, האָט אלע פינף מינוט פון קאטוך ארויסגעקרייט זיין קוקעריקו און האָט געשטערט די שטילקייט.

כיענע האָט אויסגעשאָטן אויף א קליין טישטעכל, וואָס האָט פארדעקט א האלב טיש, די ארבעס פון פאפיר, האָט אָפגעשארט פון דעם גרויסן קופקעלע א קליין קופקעלע און האָט זיך גענומען איבערקלייבן. די ווערעמדיקע האָט זי געוואָרפן אין א גלאָז און די ריינע צין טעלער. יעדעס קופקעלע האָט זי דריי מאָל איבערגעזען, עס זאָל, חלילה, קיין ווערעמדיקע ארבעס נישט בלייבן און זי זאָל דערמיט יענע וועלט נישט פארשפילן, ווייל א ווערעמדיקער ארבעס איז צען מאָל טריף ווי חזיר. אזוי האָט איר די מאמע אמאָל געלערנט, ווען זי איז נאָך א מיידל געווען.

אז זי האָט איבערגעקליבן א העלפט פון די ארבעס, האָט איר אין די אויגן אָנגעהויבן צו פינטלען. די ארבעס האָט ווי א נעפל פארדעקט, און דאָס קלייבן איז איר שווער געוואָרן. יעדן ווערעמדיקן ארבעס האָט זי מער אָנגעטאפט מיט די הענט, איידער אָנגעקוקט מיט די אויגן.

— עפעס איז מיר טונקל אין די אויגן! — האָט זי זיך דערשראָקן

און זי איז נישט געווען זיכער מיט יעדן אַרבעס, וואָס זי האָט געוואָרפן אין טעלער אַריין פאַר אַ ריינעם.

לכתחילה האָט זי באַומרואיקט דער געדאַנק, אַז זי נעמט אַזאַ זינד אויף זיך: נישט דערזעענדיק, קען זי, חלילה, אַריינוואַרפן ווערעמ־דיקע אַרבעס אַנשטאָט ריינע. באַלד איז אָבער צו דער שרעק נאָך אַ גרעסערע צוגעוואַקסן: זי איז ערשט אַלט ביי אַ יאָר אַכט און דרייסיק און די אויגן זענען איר שוין אַזוי טונקל.

זי האָט זיך דערמאַנט, אַז די לעצטע צייט, ווען זי לייענט שבת ביי־טאָג דעם טייטש־חומש און צעוויינט זיך ביי די אומעטיקע ערטער, פאַר־ציען זיך איר אַלע אותיות, ווי מיט אַ שלייער, און מיט גרויס מאַטער־ניש קומט איר אָן נאָך דעם ווייטער צו לייענען.

— אויסגעוויינט די אויגן פאַר דער צייט! צו אַכט און דרייסיק יאָר! — האָט זי געזיפצט, זיצנדיק מיט אַ געבויגענעם קאָפּ ביי דעם קופּקעלע אַרבעס.

און כיענע האָט זיך דערמאַנט, אַז איר גאַנץ לעבן איז אַוועק אין טרערן. מיידלוויז האָט זי געוויינט ביי יעדער פּאָר שיך, ביי יעדן קליידל, וואָס דער אָרעמער טאַטע האָט איר געדאַרפט מאַכן; כלהוויז האָט זי געוויינט ביי יעדער עקשנות פון חתן, וואָס האָט אַלץ געסטראַשעט אָפּשיקן די תנאים, אויב מע וועט אים נישט געבן דאָס און יענץ; אונטער דער חופּה שטייענדיק האָט זי געוויינט, דערמאַנענדיק זיך, מיט וועמען זי פאַרבינדט זיך; נאָך דער חתונה האָט זי געוויינט, ווען לייבע האָט אויף איר דעם ערשטן ברוגז געטאָן, היינט ווער קען ציילן די טרערן ביים טראָגן, ביים האָבן, ביי די קינדערס קראַנקע וויגעלעך... ביי די יונגע קברימלעך, וואָס זי פלעגט אַלע תשעה באב באַזוכן.

— אַ היפּש ביסל טרערן! — מאַכט זי אַ סך־הכל און זיפצט.

נאָר באַלד דערמאַנט זי זיך, אַז עס איז נאָך נישט גאָר. נישט ווייניק טרערן האָט זי ביים טייטש־חומש געלאָזן: ביי עקדת־יצחק, ביי מכירת יוסף, ביי פרעהס גזירה אַריינצוּוואַרפן די יינגלעך אין טייך, ביים חורבן פון בית־המקדש... דער גאַנצער טייטש־חומש איז געל....

נאָר געלער פון אַלע זענען די בלעטער פון דער פּרשה „ויצא“, ווי עס דערציילט זיך מיט רחל און לאהן, ווי יעקב אבינו האָט רחלען ליבער געהאַט פאַר לאהן, ווייל לאה האָט געהאַט שוואַכע אויגן, זי האָט זיי אויסגעוויינט מיידלוויז, מורא האָבנדיק, אַז עשו הרשע זאָל נישט זיין איר מאַן, ווי זי האָט ברוח הקודש געזען.

— דאָס האַרץ האָט מיר דעמאָלט געזאָגט! — לויפט דורך אין ביענעס קאָפּ דערמאַנענדיק זיך די טרערן, וואָס זי האָט אויף לאַהס מזל פאַרגאָסן.

און ביענען האָט זיך איצט געדאַכט, אַז לייבע וועט זי פון היינט אָן נאָך מער פיינט האָבן (מה־דאַך יעקב אבינו, אזא צדיק!...) ער וועט נאָך מער ברומען און נאָך אָפטער חוזק מאַכן: „יפיפיה". און ווער ווייס: אפשר וועט ער זי נאָך אַמאָל אַ רוף טאָן „בליגדרע"?

דער לעצטער געדאַנק האָט זי אַ שטאָך געטאָן. זי האָט זיך גע־סטאַרעט אים צו פאַרטרייבן און האָט אָנגעווענדט אַלע פעיקייטן פון די אויגן איבערצוקלייבן ריין דעם רעשט אַרבעס.

— עס איז נאָך פינצטערלעך, זע איך נישט אזוי גוט! — האָט זי זיך געטרייסט.

זי האָט אָבער, אַ קוק געטאָן אין פענצטער און האָט דערזען, אַז אויף דער גאַס איז שוין גוט ליכטיק, און די טרייסט איז איר פאַרשוווּנדן.

אין אַ שעה אַרום זענען שוין אַלע אין שטוב אויפגעשטאַנען. די על־טערע טאָכטער, יענטל, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און גענומען זיך העלפן דער מאַמען, וועלכע האָט שוין דעם אויוון איינגעהייצט.

— מאַמע, וואָס זאָל איך טאָן? — האָט יענטל געפרעגט.

ביענע האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע פיר ווינקעלער, ווי זי וואָלט אַ סוד וועלן זאָגן. און אַז זי האָט דערזען אויף זיכער, אַז לייבע איז שוין נישטאָ, האָט זי שטיל און שוואַך, ווי זי וואָלט ערשט פון אַ קרענק אויפגעשטאַנען, געענטפערט:

— זע איבער, מיין גאָלד, די אַרבעס.

— דו האָסט נאָך נישט איבערגעקליבן, האַ, מאַמע?

— איך האָב אפילו יאָ איבערגעקליבן, אָבער אַ קשיא אויף אַ מע־שה — טאָמער האָב איך געלאָזן ווערעמדיקע. די אויגן, מיין קינד, די־נען מיר שוין נישט. מע קען זיך נאָך, חלילה מיט טרפות אָנעסן — אַ ווע־רעמדיקער אַרבעס איז טריף, ווי חזיר...

יענטל האָט זיך געזעצט ביים טיש איבערצוזוכן נאָך אַ מאָל די אַר־בעס און האָט אַלע ווײַלע אָנגעזאָגט דער מאַמען ווי מיט אַ שמחה:

— אָט איז אַ ווערעמדיקער... אָט איז נאָך איינער!... אוי, וויפל ווע־רעמדיקע אַרבעס דו האָסט מאַמע, געלאָזן! וואָס איז דאָס עפּעס?

די פראגע האָט כיענען געשניטן ווי מיט א טעמפּן מעסער איבערן הארצן און זי האָט געענטפערט ווי מיט גאַל:

— איך זע שוין נישט!

— יענטל האָט אויסגעשטעלט דערשראָקן די אויגן און האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

— דער טאטע וועט מיך גטן!... — האָט זי צוגעגעבן מיט א געמאכטן שמייכל.

— אי, רעד נישט, מאמע! — האָט די טאָכטער זיך שמערצלעך פארקרימט.

— וואָס איז, נארעלע, עס טרעפט נישט?... — האָט כיענע, אליין נישט ווּיסנדיק פארוואָס, אלץ געשראָקן איר קינד — דער טאטע איז נאָך א יונגערמאן און איך בין שוין אַן אלטע ייִדענע, איך זע שוין נישט...

—געוואלד, גענוג מאמע! — האָט זיך יענטל צעשריגן ווי מיט כעס און האָט קוים זיך איינגעהאלטן נישט פונאנדערצוּוויינען זיך...

* * *

כיענעס אויגן זענען וואָס א וואָך אלץ טונקעלער געוואָרן און איר שרעק איז אלץ גרעסער געוואָרן. עפּעס האָט זיך איר געדאכט, אז לייבע וועט צו איר וואָס א טאָג קעלטער, קוקט נישט אין איר זייט, און ווי ער עסט אָפּ, גייט ער אוועק אין מארק.

אויסער איר שרעק פארן מאן, האָט זי געליטן שבת אין שול ביים דאווענען און איבערהויפּט ביי די תחינות. מילא, די תחינה ביים „אויסגעמען“ האָט זי שוין געקאָנט אויף אויסנווייניק, אז עס פלעגט, אָבער, קומען א שבת־מברכים און מען פלעגט דארפן לייענען די תחינה פאר ראש־חודש־בענטשן, פלעגט זי מיט קנאה קוקן אויף די ווייבלעך אין אירע יאָרן, וואָס זיצן ווי די שררהטעס מיט די תחינות אין די הענט און לייענען ווי א וואסער און וויינען. זי פלעגט דאַן די תחינה צוטראָגן וואָס נעענטער צו די אויגן, באמיען זיך נישט צו וויינען (כאָטש, מישטיינס געזאָגט, וואָס פאר א טעם א תחינה האָט אָן טרערן — אלצאיינס ווי א חתונה אָן כלי־זמר...), נאָר דאָס האָט איר וויניק געהאָלפן; די אותיות פלעגן זיך ווי צוזאמענגיסן און זי פלעגט קוים א וואָרט דערזען, אויסער די גרעסערע ווערטער, וואָס שטייען פון אָנהייב ביי יעדן „רבונו־שלעולם“. נאָר די גרעסערע ווערטער זענען לשון־קודש. זיי זענען טאקע מער

הייליק, די מצווה, וואָס מען האָט פון זיי, איז נאָך אפשר אויף יענער וועלט גרעסער, דאָך זענען זיי איר עפּעס פרעמד, זי פאַרשטייט זיי נישט... אירע ווערטעלעך, וואָס זענען געדרוקט מיט קליינע אותיותלעך ווי פערעלעך, וועלכע רעדן צו איר האַרץ און זענען איר אַזוי נאָענט און ליב — אָט די אותיותלעך ווילן איר מער נישט דינען, ווי זיי וואָלטן ברוגז אויף איר געוואָרן, און ווי זי הייבט זיי אָן צו „זאָגן", הייבן זיי אָן צו שפּרינגען און באַהאַלטן זיך אונטער אַ שוואַרצן שלייער...

— מיט וואָס האָב איך אַזוי פאַרזינדיקט ביי דיר, רבונו־של־עולם? וויינט כיענע אין דער שטיל, זיצנדיק אין שול ביי דער תחינה — וואָס האָסטו מיך אַזוי יונג געשטראָפט, טאַטע זיסער?...

און שבת ביי טאָג איז איר איינציקער פאַרגעניגן און טרייסט, וואָס זי פלעג געניסן פון טייטש־חומש, אויך אָפּגענומען געוואָרן. זי פלעגט אפילו אָפּזיצן ביי אים די זעלבע צייט, וואָס אַלעמאָל, זי האָט מורא גע־האַט, אַז לייבע זאָל נישט קיין חשד וואַרפן אויף אירע אויגן, אויב זי וועט גאָרנישט לייענען. נאָר אַנשטאָט וואָס אַלעמאָל פלעגט זי לייענען און וויינען צוזאַמען, פלעגט זי היינט וויינען אַליין אויף איר פריצייטיקן וועלקן, און לייבע פלעגט נישט איין מאָל ברומען, טשובענדיק זיך פון שלאָף נאָכן שבתדיקן טשאָלנט:

— וואָס האָט זי זיך האַרט צעיאַכמערט, מיין צדקניות?...

„אַלטע יידענע!" — פלעגט כיענע אָפּקלינגען אין די אויערן און זי פלעגט שטילער ווערן...

* * *

איר „פעלער" האָט זי איינמאָל אין שול שבת פאַרטרויט דער רבי־צין, אַ יידענע, וואָס האָט אויסגעזען געעלטערט פאַר דער צייט. מיט אַ געקנייטשט פּנים, מיט שוואַרצע גוטע אויגן, וועלכע האָבן פרום און טרויעריק געקוקט פון אונטער די שפּאַקולן, וואָס זי האָט געטראָגן ביי די תחינות, ווי זיי וואָלטן אויסגעדריקט עפּעס אַ בענקשאַפט, אַ ציעניש צו אַנדערע וועלטן.

— וואָס טוט מען, רביצין? — האָט זיך כיענע געווענדט צו איר בשעת קריאת־התורה — איך זע שוין נישט ווי צו לייענען.

— איז וואָס, מיין טאָכטער, האָט זי די רביצין געטרייסט — קויף אַ פּאָר שפּאַקולן ווי מיינע...

כיענע האָט אַ ציטער געטאָן.

— עס קאָסט סך־הכל א גילדן און עס עפענען זיך די אויגן! — האָט די רביצין ווייטער געזאָגט. באמערקנדיק כיענעס פארלעגנהייט.

— איך בין רביצין, ערשט אַכט און דרייסיק יאָר אַלט! — האָט כיענע שוואַך ארויסגערעדט — איך שעם זיך...

— איך גלייב דיר מיין טאָכטער, איך האָב זיך אַמאָל אויך געשעמט... נאָר וואָס זאָג איך אַמאָל? ערשט צוויי יאָר, אז איך טראָג זיי... אוודאי שעמט מען זיך לכתחילה, וואָס זאָל מען אָבער טאָן? — מעסט אָן אויף טשעקאוועס מיינע שפּאַקולן, דאַכט זיך, זיי וועלן זיין גוט אויף דיר.

און די רביצין האָט ארויסגענומען פון איר דינער נאָז די שפּאַקולן און האָט מיט א ליבלעכן שמייכל אָנגעטאָן זיי אויף כיענעס נאָז...

כיענען האָבן זיך געביטן די פארבן, דאָ איז זי רויט און דאָ בלייך געוואָרן, ווי עס טרעפט מיט א יונג מיידל, ווען זי מעסט אָן א מאַנסבילשע היטל...

— נו, פּרוּוו אין זיי אביסעלע לייענען דאָ אין מיין תחינה.

די רביצין האָט איר אונטערגעטראָגן די תחינה און כיענע האָט מיט א קלאַפּנדיק האַרץ אריינגעקוקט.

— נו? — האָט די רביצין געפרעגט ווי א דאָקטאָר — זעסט?

— שייך, איך זע! — האָט כיענע געענטפערט פריילעך — עס איז מיר ליכטיק אין די אויגן געוואָרן, פּונקט ווי א חודש נאָך דער חתונה...

„רבונו־של־עולם" — האָט כיענע אָנגעהויבן לייענען — „האר פון אלע וועלטן, דערפיל דעם באַגער פון מיין האַרץ צו גוטן און טו אויסציען מיין רצון און מאַך צייגן אויף אונדז איין געמיט פון קלוגקייט און פאַרשטאַנד און עס זאָל מקוים ווערן אויף אונדז דער פּסוק: „ונחה עליון און עס וועט אויף אים רוען א געמיט פון גאָט און א געמיט פון חכמה"...

— דאָ לייענסטו אַלע שבת, ביסטו געניט — האָט די רביצין איבערגעשלאָגן — פונדאנען איז נאָך קיין ראיה נישט, אז דו זעסט אין די שפּאַקולן. נאַ, לייען אָט דאָ אין דער תחינה, עס איז א שפּאָגל־נייע תחינה, דו האָסט זי נאָך קיין איין מאָל נישט געהאט.

די רביצין האָט פארריכט אויף כיענעס נאָז ד שפּאַקולן, געמאַכט איך א באַמערקונג, אז מע דארף זיי טראָגן העכער. כיענע האָט קרענקלעד א שמייכל געטאָן און האָט זיך אָנגעהויבן לאָזן עקזאמינירן אין דער שפּאָגל נייער תחינה:

רבונו־של־עולם, האַר פון אַלע וועלטן, וואָס דו ביסט דער באַשע־פער פון מענטשן און האָסט אים באַשאַפן אַ גוף מיט אַ נשמה, דער גוף איז עפר מן האדמה...״

— שטויב פון דער ערד... — האָט די רביצין אונטערגעכאַפּט, ווי אַ דורשטיקער כאַפּט די קוואַרט פון אַ צווייטנס האַנט, ווען יענער האַלט אין טרינקען...

„שטויב פון דער ערד״ — האָט כיענע פאַרגעזעצט, אַריינגייענדיק אַלץ מער אין אַ טרויעריקן תחינה־ניגון — „און די נשמה איז געקומען געוואָרן פון דיין הייליקן כסא הכבוד, און ווען דער מענטש שטאַרבט, שיידן זיי זיך פונאַנדער, יעדערער גייט אַוועק צו זיין אָרט, דעם גוף לייגט מען אין קבר...״

— וואָס דען? — האָט די רביצין איבערגעשלאָגן — אַוודאי אין קבר! מען האַלט נישט דעם זינדיקן גוף...

„דעם גוף לייגט מען אַריין אין קבר און ער ווערט פאַרפוילט און ער ווערט אומגעקערט צו דער ערד...״

— נו, געגוג! — האָט די רביצין איבערגעשלאָגן — זעסטו, וויאַזוי די לייענסט אין שפּאַקולן!

— שייך איך זע, ממש ווי ניי געבוירן — האָט כיענע זיך אַנטציקט — ווי אַ חודש נאָך דער חתונה.

— אַז וועסטו קויפן, אים ירצה השם, נאָך שבת אַ פּאָר שפּאַקולן, וועלן זיך עפענען דיינע אויגן.

כיענע האָט זיך טרויעריק פאַרטראַכט. פּילנדיק אויף דער נאָז די שפּאַקולן, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זעט אויס אַלט און מיאוס... און איר האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי זיצט שבת בייטאָג ביים טייטש־חומש, די שפּאַקולן אויף דער נאָז און זי לייענט. לייבע שטייט אויף פון שלאָף, גייט צו צום טיש, קרימט זיך בייז, קוקנדיק אויף איר, און מורמלט:

— אַלטע באַבע!

זי וועט זיך נישט קענען איינהאַלטן: „דיר נישט געפעלן״ — וועט זי אים ענטפערן — „קענסט מיך גטן, אַז דו ווילסט״.

— כאָטש מאָרגן! — וועט זיך לייבע אָנכאַפּן מיט שמחה.

און לייבע וועט האַלטן וואָרט, וועט זי שלעפּן צום רב אויף מאָרגן און וועט זי אין אַ האַלבער שעה אָפּגטן (וויפל געדויערט עס דען?...) קיין כתובה וועט ער איר נישט געבן — ער האָט נישט וואָס, וועט זי

אויף מאָרגן נאָכן גט ווערן אזא אומגליקלעכע, ווי באשע די עגונה, וואָס דער מאַן האָט אוועקגעוואָרפן און זי גייט אום אין אלע באלעבאטישע הייזער און בעט מיט טרערן, מע זאָל איר געבן גרעט וואשן, געזאַנג פליקן, דייזשעם קנעטן...

כיענען האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען. זי האָט ארייננעקוקט דורך די פענצטערלעך אין דער מאנסבילשער שול. לייבע איז געשטאנען נעבן זיין „שטאט“, דעם טלית פארוואָרפן פראנטיש איבער די אַקסלען, האָט געגלעט צופרידן דאָס קליינע, שווארצע בערדל און האָט זיך געשמייכלט.

— נאָך גאָר א יונגערמאַן — האָט זי, קוקנדיק אויף אים, געטראכט — ער וועט נאָך נעמען א מיידל...

דער געדאנק האָט איר אַ קלאפּ געגעבן... זי האָט געשווינד, ווי עס וואָלט א דונער געטאָן, זיך אָפּגערוקט פון די פענצטערלעך. ,

— נאַט אייך די שפּאקולן! — האָט זי זיך געווענדעט צו דער רביצין און אראָפּגעריסן געשווינד פון נאָז די שפּאקולן, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך ראטעווען פון א גרויסער סכנה, וואָס איר שטייט פאָר.

— נו, וועסט, אם־ירצה־השם, קויפן שפּאקולן מאָרגן, הא? — האָט די רביצין באזאָרגט געפרעגט.

— ניין, רביצין, עס וועט איבערגיין... — האָט כיענע געשטאַמלט פאר שרעק — איך בין ערשט אלט אכט און דרייסיק יאָר, עס איז נאָך פרי... מיינער זעט נאָך גאַנץ גוט... איך וועל ביי א דאָקטאָר א פרעג טאָן... מע זאָגט, עס איז פאראן צו אויגן אזא וואסער... עס ווילט זיך, טייערע רביצין, נישט ווערן יונגערהייט קיין באבע, עס ווילט זיך נישט...

כיענע האָט זיך אָפּגעהאקט, ווי זי וואָלט א גרויסע נארישקייט ארויסגערעדט.

די רביצין האָט אויף איר אויסגעשטעלט די אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזיפצט:

— אוי, זינדיקע ווייבער!

1901

פארלאָרן דאָס קול

אין קלעמענקער גרויסן בית=המדרש איז שוין געווען צו ענדע דער וואָכנדיקער דאַוונען. דער שטעטלישער חזן, וואָס זינגט יעדע תפילה, אפילו ביחידות, און בלייבט דעריבער שפּעטער, האָט שוין צוזאמענגעלייגט דעם טלית און האָט אונטערגעברומט מיט א ניגון דעם „יום". די עטלעכע לעצטע ווערטער פון „יום" האָט ער אויסגעלאָזט הזנ׳יש הויך: „הוא ינהגנו על מות"...

אין דעם לעצטן וואָרט „מות" האָט ער, ווי זיין שטייגער איז, געוואָלט מאַכן א קונץ: ארויפכאפּן זיך גאָר אויף דער הויכער אָקטאַווע, נאָכדעם אראָפּלאָזן זיך נידעריק און טאַקע באלד ווידער צוריק אין דער הויך, עס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן: א טאָן האָט זיך פארטשעפּעט אין האלדז און עס איז ארויס נישט „דאָס".

ער האָט זיך דערשראָקן, און דערשראָקענערהייט האָט ער זיך אומגעקוקט, צי שטייט נישט ווער נאָענט נעבן אים; אז ער האָט נעבן זיך דערזען דעם אלטן הענעך, איז זיין שרעק קלענער געוואָרן: ער האָט געוווּסט, אז הענעך איז טויב.

גייענדיק אהיים מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם, האָט אים דער נישט געראָטענער „מות" אין די אויערן געקלונגען און עס האָט אים געמאכט טרויעריק.

— צו אלדי שווארציאָר! — האָט ער געמורמלט. — דאָס האָט נאָך ביז אהער ביי מיר קיינמאָל נישט געטראָפן.

ער האָט זיך אָבער באלד דערמאנט, אז פאר צוויי וואָכן „שבת=מברכים", בעת ער האָט מיט די משוררים אין בית=מדרש פארן עמוד געדאַוונט, האָט אים כמעט דאָס אייגענע געטראָפן ביים „שמע ישראל" אין דער קדושה, ווען ער האָט אליין זיך צעזונגען „הוא אלהינו". צום גליק האָט דאָס קיינער נישט באַמערקט. אלנפאלס האָט מיט אים דער „כאָס" דערפון נישט גערעדט.

און די דערינגערונג אין פאַרצווייוואָכנדיקן נישט געראָטענעם „שמע ישראל“ און דעם היינטיקן „על מות“ ביהידות האָבן זיך צוזאַמענגעמישט און האָבן זיך אַוועקגעלייגט ווי אַ שווערער שטיין אויפן האַרץ.
נאָר גראָד איז די גאַס פול געווען מיט מענטשן, און ער האָט זיך גע־
אים האָט זיך געוואָלט גייענדיק פּרוון נעמען נאָכאַמאָל דעם טאָן,
נאָר גראָד איז די גאַס פול געווען מיט מענטשן, און ער האָט זיך גע־
שטאַרקט איינצוהאַלטן זיך, ביז ער וועט אַהיימקומען. ער האָט אָנגע־
הויבן מאַכן, נישט נאָך זיין געוווינהייט, גיכע טריט, און עס האָט אויסגע־
זען, ווי ער אַנטלויפט פאַר עמעצן.

אַז ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער שטיל, אָן אַ גוטמאָרגן, אַוועקגע־
לייגט דעם טלית, און אָפּרוענדיק זיך אַ ביסל פון גיכן גאַנג, האָט ער זיך גענומען צו זינגען.

הוא ינהגנו על מות!

— שוין, האָסט קיין צייט נישט! דער טאָג איז דיר קליין! — האָט זיך די חזנטע צעבייזערט. — עס גרילצט אַזוי אויך אין די אויערן.

— ווי הייסט, עס גרילצט? — האָט דער חזן דערשראָקן אויפגע־
שטעלט די אויגן. — איך נעם אַ טאָן און דו זאָגסט, עס גרילצט. וואָס הייסט — עס גרילצט?...

ער האָט אויף איר געקוקט מיט תחנונים, זיינע בליקן האָבן שטום גערעדט: האָב רחמנות! זאָג נישט, אַז עס גרילצט, וואָרעם אויב עס גרילצט, בין איך אומגליקלעך, עקט זיך מיין לעבן!... נאָר די חזנטע איז געווען צופיל פאַרטאָן און צעטראָגן וועגן אָנבייסן, אַז זי זאָל קאָנען מיט־
פילן און פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך מיט איר חזן, און זי האָט זיך נאָך מער צעשריען:

— אַוודאי גרילצט! וואָס דען? איך ווער פאַרטויבט; מילא, אַז דו זינגסט נאָך צוזאַמען מיט די זינגער, מוז איך אויסשטיין, אָבער איצטער אַליין... וואָס?...

דער חזן איז געוואָרן בלאַס, ווי קרייד, ער האָט קוים אויסגערעדט:

— גרונע, וואָס ביסטו משוגע? וואָס רעדסטו?

— וואָס טוט זיך היינט מיט אים? — איז שוין גרונע פון געדולד אַרויס. — גענוג דיר שוין צו מאַכן זיך נאַריש. גיי וואַש זיך עסן.

עסן האָט זיך דעם חזן נישט געוואָלט, נאָר ער האָט זיך באַטראַכט, אַז צוליב אַ רפואה מוז ער עסן: נישט עסן, וועט נאָך ערגער זיין, און ער האָט זיך געוואַשן.

די „המוציא“ האָט ער געמאכט הויך און הזניש אויסגעזונגען און געקוקט אויף דעם ווייב, צי באמערקט זי ווידער עפּעס נישט, נאָר דע־רויף האָט שוין דאָס ווייב גאָרנישט געזאָגט, און דאָס האָט דעם חזן בארויקט.

— מיר דאכט זיך נאָר, מיר דאכט זיך נאָר... — האָט ער זיך גע־טרייסט, ס'איז ווערט א שפּיי! נישט אזוי גיך פארלירט מען דעם קול!

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אז ער איז שוין אלט פערציק יאָר, און ביים חזן מאיר ליעדער האָט עס געטראָפן פּונקט אין דעם זעלביקן עלטער...

דאָס איז געווען גענוג, ער זאָל זיך ווידער אָנהייבן צו שרעקן.

ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך טיף פארטראכט, און באלד האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און א שטארקן געשריי געגעבן:

— גרונע!

— שאַ, וואָס איז? וואָס שרייסטו, ווי נישט מיט דיין קול? — האָט גרונע, צולויפנדיק, זיך געבייזערט.

— אוי, לאָז מיך לעבן — האָט זיך דער חזן געבעטן. — וואָס רעדסטו „נישט מיט מיין קול“ — מיט וועמענס קול רעד איך דען?... הא... וואָס ווילסטו פון מיר?... —

אין זיין קול האָבן זיך ווי טרערן געהערט.

— דו ביסט היינט טאַקע משוגע, טשעפּעסט זיך צו... נו, וואָס וויל־סטו? — האָט גרונע זיך געבייזערט.

— קאָך מיר אָפּ א פּאָר שיטערע אייער — האָט דער חזן שטיל געבעטן.

— גאַ דיר א נייעם יום טוב! — האָט זי זיך ווידער צעשריען. — אין מיטן מיטוואָך — אייער! דארפסט דען שבת „דאַווענען“? עס איז איצטער אזא יקרות — א פינפער אן איי.

— גרונע! — האָט דער חזן געפאָדערט. — עס מעג זיין א רובל אַן איי, צוויי רובל, פינף רובל, הונדערט רובל, הערסט! קאָך מיר אָפּ צוויי שיטערע אייער און רעד נישט!

— ביסט דאָך טאַקע א גרויסער פּאַרדינער! — האָט זיך גרונע געקרימט.

— דו מיינסט שוין טאַקע, אז אויס!... — האָט דער חזן זיך גע־שטארקט. — ניין, גרונע!...

ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אז ער וויים גאָבנישט אויף געווים, א גליד שלאָגט נאָך, עס קאָן זיין, אז אים דאַכט זיך נאָר, עס איז אפשר נאָר אָן איינבילדעניש, אָבער ער האָט דאָס מורא געהאַט צו אויסרעדן און גרונע האָט נישט פארשטאנען, וואָס ער שטאמלט, זי האָט גע־קוועטשט מיט די פלייצעס:

— מיינע שונאים!...

זי איז אוועקגעגאנגען אָפּקאָכן אייער. דער חזן האָט דערהוייל זיך צעזונגען. ער האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו יעדן טאָן, ווי ער וואָלט זיך אליין עקזאמינירט; ווען ער איז נישט געווען אימשטאנד צו באַקומען די הויכע אָקטאווע, האָט ער זיך פארצווייפלט צעשריען:

— גרונע, דערלאַנג גיכער די אייער!....

אין די אייער האָט דער חזן איצטער געזען זיין איינציקע רעטונג...

די חזנטע האָט אים מיט א ברוגז־פנים צוגעטראָגן די צוויי אייער און האָט בייז ארויסגעברומט:

— נא, אייערלעך ווילט זיך אים... מען דאַרט און מען קווארט...

דער חזן האָט פאר איר געוואָלט אויסגיסן זיין הארץ, זאָל זי נישט מיינען, אז ער מיינט טאַקע די אייער, ער האָט איר געוואָלט זאָגן: גרו־נע, איך בין דאַכט זיך, פארביי!... ער האָט זיך אָבער געשטארקט און זיך איינגעהאלטן.

„טאָמער דאַכט זיך מיר נאָר" — האָט ער געטראַכט.

און ער האָט זיך אָן ווערטער גענומען טרינקען די אייער, ווי א רפואה.

אויסטרינקענדיק די אייער, האָט ער געפרווט מאַכן א פּאָר קונצי־קע חזנישע „שטייגערס". אים האָט זיך עס איינגעגעבן, און ער איז פרייליכער געוואָרן.

נישקשה, גאָט לעבט! — האָט ער געטראַכט. — נישט אזוי גיך פארליר איך מיין קול... מאַלע וואָס „מאיר ליעדער", ער איז געווען א שיכור... איך טרינק נישט, אויף א ברית נאָר א ביסל וויין!...

עס האָט זיך אים געוויזן אפעטיט און ער האָט געשלונגען א ביסן נאָך א ביסן.

נאָך זיין פריילעכקייט האָט לאַנג נישט געדויערט. דער פריערדיקער נישט געראָטענער „מות" האָט אים אין די אויערן א קלונג געטאָן, און די „מרה שחורה" האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

די מורא צו פארלירן דעם קול האָט דעם חזן זיין גאנץ לעבן געמוטשעט. זיין איינציקע זאָרג, זיין איינציקער רעיון איז געווען: וואָס וועט דאָס זיין, ווען ער וועט ווען עס איז דעם קול פארלירן? אים האָט דאָס שוין אפילו אמאָל געטראָפן, ער איז דעמלט געווען אלט זיבעצן יאָר און האָט געהאט א טענאָר־שטים און האָט פלוצים זי פארלאָרן. נאָר דעמלט האָט דאָס אים נישט געארט. פארקערט, עס האָט נאָך אים הנאה געטאָן, ער האָט געוווסט, אז דאָס בייט זיך זיין שטים און ער וועט אין א האלב יאָר ארום באקומען א באריטאָן, אויף וואָס ער האָט מיט אומגעדולד געהאָפט. אז ער האָט באקומען דעם באריטאָן, האָט ער געוווסט, אז אויב ער וועט אים פארלירן, איז שוין פארפאלן, קיין אנדער שטים קריגט ער נישט. און ער האָט דעריבער שטארק דעם קול געהיט, ווער רעדט, אז ער איז געוואָרן א „באַלעבעסל“ און האָט אָנגענומען קלעמענקער חזנות, האָט ער נישט צוגעלאָזט צום „האלדז“, אז א ווינטל זאָל א בלאָז טאָן; אין די גרעסטע היצן איז ער געגאנגען פארבונדן מיט א פאטשיילע. אייגנטלעך האָט ער דעם קול נישט געהיט פאר די קלעמענקער באלעבאטים. ער איז געווען זיכער, אז ווען ער וועט אפילו אינגאנצן דעם קול פארלירן, וועלן אים די קלעמענקער באלעבאטים פון חזנות נישט אָפּזאָגן. זיינע שכירות וועט ער אלע מאָל האָבן, ווייל סיווייסיי טראָגט מען אים די שכירות אין שטוב נישט אריין, נאָר ער מוז אלע פרייטיק גיין פון שטוב צו שטוב אליין מאָנען, און קלעמענקער יידן זענען ווייכהארציק, זיי זאָגן קיינעם נישט אָפּ, ווער עס שטרעקט נאָר אויס די האנט. דעם קול האָט ער געהיט און געשראָקן זיך פאר פארלירן אים, נאָר אויס ליבע צום זינגען. פון די קלעמענקער באלעבאטים האָט דער חזן שטארק געהאלטן. אזוינע יידן זענען אין דער גאנצער וועלט נישטאָ, נאָר אין הלכות „נגינה“ זענען זיי גרויסע עמי־הארצים, ממש בהמות, זיי האָבן קיין שום געפיל נישט, און ווען ער פלעגט מאכן פארן עמוד דאווענענדיק, קונציקע שטייגערס, רייסן זיך אויף דער העכסטער אָקטאַווע, איז דאָס נאָר געווען פאר זיך. ער האָט אליין דערפון גרויס הנאה געהאט, אויך פאר די 8 זינגער זיינע, אין וועלכע ער האָט די גאנצע וועלט געזען. די זינגער זענען אים געווען איינגעבאקן טיף אין הארצן. און ווען א זינגער פלעגט אים זאָגן: „אַי, חזן! אַי, זינגט איר!“ פלעגט ער זיין אויף דער העכסטער מדרגה פון גליק.

די אלע זינגער זענען געווען אָנגעפאָרענע פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך, און זייערע אלע שמועסן און מעשיות האָבן זיך נאָר גע־

דרייט און געוויקלט אויף חזנים און נגינה. די מעשיות און לעגענדן זענען געווען דעם חזנס „זוהר“. ער פלעגט זיך נאָך יעדער מעשה שטארק פארטראכטן און פלעגט ארויסלאָזן א טיפן זיסן זיפץ:

— א קלייניקייט נגינה! — א שפּילכעלע צו זאָגן — א געפיל!...

און איצטער, ווען דער חזן האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פארן קול, האָט זיך אים אלץ געדאכט, אז די זינגער זענען גאָר אנדערע — שלעכטע! זיי מוזן פון אים, אונטער די אויגן, לאַכן... און ער האָט זיך אָנגעהויבן היטן פאר זיי, נישט צו נעמען פאר זיי א הויכן טאָן, זיי זאָלן נישט דערקענען — און ער האָט דערפון נאָך מער געליטן.

און וואָס וועלן זאָגן די ארומיקע חזנים? דער געדאַנק האָט דעם חזן נאָך מער געמוטשעט. ער האָט געוווסט, אז ער האָט געהאט א שם ביי די ארומיקע חזנים, מען האָט אים פון שטארק געהאלטן, וועגן זיין קול האָט מען פיל גערעדט. אים פלעגט זיך מאָלן פאר די אויגן, ווי עס שטייט א קופּקעלע חזנים און רעדן שטיל און שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ; דאָס באדויערן זיי אים.

— נעבעך, נעבעך, איר האָט געהערט, דער קלעמענקער חזן...

ביי דעם געדאַנק פלעגט ער זיך אינגאנצן פארלירן.

„און אפשר דאַכט זיך מיר נאָר!“ — פלעגט ער זיך אין אזוינע שרעקלעכע מינוטן אָנהייבן טרייסטן און ער פלעגט גלייך אָנהייבן זינגען, פּרוּוון זיך נעמען די העכסטע נאָטן. ער האָט אָבער פון שרעק פארלאָרן האָס געהער און ער האָט נישט געקאָנט זיך משער זיין, צי איז ביי אים דער קול ווי געהעריק, צי נישט.

אין פארלויף פון צוויי וואָכן איז זיין פּנים געוואָרן בלאס און מאָגער, די אויגן טיף איינגעגראָבן, און ער האָט געפילט, אז אים גייען אויס די כוחות.

— וואָס איז מיט אייך, חזן? — האָט אים אין דער צייט א זינגער א פרעג געטאָן.

— הא, וואָס איז מיט מיר? — האָט זיך דער חזן דערשראָקן, מיינענדיק, אז מען איז שוין דערגאנגען. — וואָס זאָגסטו איז מיט מיר? דו ווייסט דען עפּעס, האַ?...

— ניין איך ווייס נישט, דעריבער פרעג איך דאָס אייך: וואָס זענט איר אזוי צערודערט?

— צערודערט, זאָגסט, צערודערט, מער נישט ווי צערודערט, הא? מער נישט?!...

— דער חזן מוז „קלערן“ וועגן א גרויסאַרטיקן יום־נוראימדיקן שטיק — האָבן די זינגער זיך משער געווען.

עס איז פאַרגאַנגען נאָך א חודש, און דעם חזן האָט די שרעק אַליין נישט אָפּגעלאָזן. עס איז אים נמאס געוואָרן דאָס לעבן.

וואָלט ער שוין ווייסן, אז ער האָט געווים דעם קול פאַרלאָרן, וואָלט ער זיך אפשר בארואיקט. פאַרפאַלן! א מענטש קאָן אייביק נישט לעבן (פאַרלירן דעם קול און שטאַרבן איז ביים חזן אלצאיינס געווען), נאָר די ספקות, דאָס וואַרפן זיך צווישן יאָ און ניין, דאָס בלאָנדזשען אין „עולם־התהו“, דאָס אַליין האָט דעם חזן ביטער געמאַכט דאָס לעבן.

איינמאָל, א דאָנערשטיק פאַר שבת מברכים, האָט דער חזן באַשלאָסן צו דערגיין דעם אמת — ער קאָן שוין מער נישט פאַרטראָגן.

עס איז געווען פאַרנאַכט, דאָס ווייב איז אוועק אין יאַטקע נאָך פלייש, און די משוררים זענען זיך צעגאַנגען, עס איז נאָר געבליבן דער חזן מיטן עלטסטן זינגער — יאָסל באַס.

דער חזן האָט אויף אים געקוקט, געעפנט דאָס מויל און צוריק פאַרמאַכט, עס איז אים געווען שווער ארויסצורעדן דאָס, וואָס ער וויל. ענדלעך האָט ער נישט אויסגעהאַלטן:

— יאָסל!

— וואָס איז, חזן?

— זאָג מיר, דו ביסט אַן ערלעכער מאַן?

יאָסל האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף דעם חזן און האָט געפרעגט:

— וואָס עפּעס הייַנט פרעגט איר מיך, חזן?

— ברודער, יאָסל! — האָט זיך דער חזן שיר נישט פאַנאַנדערגעוויינט — ברודער, יאָסל...

ער האָט מער א וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן.

— חזן, וואָס איז מיט אייך?

— ברודער, יאָסל! זיי אַן ערלעכער מאַן און זאָג מיר דעם אמת, דעם אמת...

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איז מיט אייך, חזן!

— זאָג מיר דעם אמת, דו באַמערקסט אין מיר עפּעס א פאַרענדערונג?

— זייער! — האָט יאָסל געענטפערט, קוקנדיק ווי דער חזן איז בלייך און דאַר. — זייער א גרויסע פאַרענדערונג...

— איצטער זע איך, אז דו ביסט אן ערלעכער מאַן, זאָגסט זיעם אמת אין די אויגן, ווייסט, ווי לאַנג דאָס איז שוין?

— דאָס וועט שוין זיין באַלד א חודש — האָט דער זינגער געענט־פערט.

— יאָ, ברודער, א חודש, א חודש. איך האָב אָבער געפילט...

דער חזן האָט אָפּגעווישט דעם שוויס, וואָס האָט באדעקט זיין שטערן און האָט ווייטער געזאָגט:

— און ווי רעכנסטו, יאָסל, שוין מאַקע פארלאָרן אויף אלע מאָל?

— וואָס פארלאָרן? — האָט יאָסל געפרעגט, אָנהייבנדיק צו פאר־שטיין גאָר עפּעס אנדערש.

— נו, וואָס פרעגסטו גאָר?... הא?... וואָס קאָן איך פארלירן? געלט! קיין געלט האָב איך נישט — איך מיין, פארשטייט זיך, דעם קול.

דאָ האָט שוין יאָסל אַלץ פארשטאַנען, ער איז געווען צופיל זינגער, ער זאָל האָבן נישט פארשטיין. מיט רחמנותדיקע בליקן האָט ער געקוקט אויפן חזן, און האָט געפרעגט:

— געוויס?

— וואָס געוויס?! — האָט זיך דער חזן דערמונטערט. — עס קאָן זיין, אז נישט געוויס? אדרבא, אדרבא, הלוואי זאָל דאָס מאַקע זיין א טעות.

יאָסל האָט געקוקט אויפן חזן, און ווי א דאָקטאָר באַגייט זיך מיט זיינעם א חולה, איז ער זיך מיט אים באַגאַנגען:

— נעמט „האָ“! — האָט ער געקאָמאַנדעוועט.

דער חזן האָט געהאָרכזאם, ווי א שילער, געצויגן „דאָ“.

— ציט, ציט! פיר פערטל — ציט — האָט יאָסל געקאָמאַנדעוועט, איינהערנדיק זיך מיט אויפמערקזאַמקייט.

דער חזן האָט געצויגן.

— איצטער, זייט מוחל, נעמט „רע“!

דער חזן האָט געצויגן: רע־רע־רע! דער זינגער האָט זיך אָפּגע־שטעלט. טיף פארטראַכט און האָט באַלד מיט א טרויעריקן טאָן ארויס־געזאָגט:

— עס איז נישט „דאָס“... פארלאָרן!...

— טאַקע אויף אייביק? — האָט דער חזן אויסגעשטעלט די צוויי דערשראָקענע אויגן.

— וואָס רעז, א ייִנגעלע זענט איר, נאָכאמאָל ווערט איר רעז באַ-
קומען א שטים?! אין אייערע יאָרן איז שוין פארפאלן!

דער חזן האָט פארבראָכן מיט די הענט, א וואָרף געטאָן זיך צום טיש, און אריינלייגנדיק דעם קאָפּ אין די הענט, האָט ער זיך צעוויינט, ווי אַ קינד.

אויף מאָרגן האָט דאָס גאַנצע שטעטל שוין געוווסט פון דעם אומ-
גליק, אז דער חזן האָט פארלאָרן דעם קול.

— אויך א געשעפט! — האָט יעקב דער שענקער, א פיינער באַלע-
באָס, געמאכט עס צו קלייניגעלט. — וועט ער „שבת מברכים“ ווייניקער האלטן דעם עולם מיט זיין זינגעכץ — בעט ביי מיר א ביטערע ציבעלע פארן גאַנצן קול...

1901

ביים דאַווענען

מיכל בערעס איז א רייכער באַלעבאָס מיט א שיינעם נאָמען אין זיין שטעטל, מיט א שיין הויז און מיט נאָך א שענערן גאָרטן.

דעם גאָרטן האָט ער פאַרפלאַנצט מיט פופצן יאָר צוריק, ווען זיינע געשעפטן זענען גלענצנד אוועק. די ערשטע יאָרן, אז די ביימעלעך זענען נאָך יונג געווען, פלעגן זיי אים שטאַרק רייצן. „ארײנגעלייגט א שטיק געלד און גאָרנישט! וואַרט ביז וואַנען מען וועט עפּעס פון זיי א נחת דערלעבן, קאָנען אן עפּל צו א באַרנע אָפּרייסן!“ צינד אָבער, אז די ביימעלעך זענען ביימער געוואָרן און זענען געווען אָנגעזעצט מיט רויטע עפּל, מיט פולע באַרנעס, האָט מיכל שטאַרק נחת געקליבן פון זיין גאָרטן און איז שטאָלץ געווען מיט זיין אונטערנעמונג.

„וועמען וואָלט דאָ אין שטעטל איינגעפאַלן צו האָבן אן אייגענעם גאָרטן — פלעגט ער מיט שטאָלץ טראַכטן — זיי ווייסן דען עפּעס?“

אין איינעם א הייסן זומער=פרימאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען זעקס אזייגער אין דער פרי. ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל=וואסער, ארויפגעכאַפּט אויף זיך דעם שלאָפראָק און איז אַרויס אין גאָרטן. עס איז געווען ענדע תמוז, די זון האָט העללעך געפלאַקערט און באַשאָטן מיט גאָלדענע שטראַלן די צווייגן, די פייגעלעך האָבן פריילעך און אויפגעלעבט געטשיריקעט, באַהאַלטנדיק זיך ערגעץ צווישן די געדיכטע צווייגן, ווי זיי וואָלטן מורא האָבן צו דערזען א מענטשלעכע געשטאַלט... פון דער מילדער וואַרעמקייט, וואָס די שטראַלן האָבן געגאָסן, פון די פייערלעכע פייגל=געזאַנגען, און דערהויפּט פון זיין אייגנס — דעם גאָרטן, איז ר' מיכלען געוואָרן זייער פריילעך אין זיין סוחרישן הארצן, די נשמה זיינע האָט זיך עפּעס ווי א הייב געטאָן, און ער האָט אָנגעהויבן אונטערזינגען א יום=נוראימדיקן ניגונדל.

און אונטערזינגענדיק דאָס ניגונדל מיט א פריילעך געמיט, איז ער פּאַוואָליע אומגעגאַנגען איבער די שמאָלע וועגעלעך פון גאָרטן און האָט

באטראכט דיביימער, וואָס האָבן זיך געבויגן אונטער דער שווערער משא פון די פרוכט, וואָס איז אויף זיי געהאָנגען, און עס האָט זיך גע־דאכט, אז די ביימער בעטן זיך רחמים: נעם אראָפּ פון אונדז די פרוכט, וואָס זענען מיר מחויב צו טראָגן זיי אויף זיך, מיר האָבן שוין קיין כוח נישט!...

— אַ געראָטן יאָר! — האָט מיכל געגרעדט צו זיך אליין, באַ־טראכטנדיק מיט מבינישע בליקן יעדעס צווייגעלע באזונדער. — עס זאָל נאָר, רבונו של עולם, קיין ווינט נישט זיין!

דער געדאנק וועגן ווינטן הערשרעקט אים, ער ווערט א ביסל צערו־דערט. נאָר די זון, ווארעמט אים וואָס ווייטער אַלץ מילדער, דערלאָזט אים נישט צו אריינלאָזן זיך אין טרויעריקע געדאנקען און זיין פריילעכע לויגע קומט ווידער צו אים.

ער גייט אום איבערן גאָרטן און איז זיך מיישב צו דאווענען דערווייל פון „פּאָרנט“.

ער הייבט אָן די ברכות צו זאָגן און איז מכוון יעדעס וואָרט.

„אלו דברים שאין להם שיעור. הפאה והבכורים“...

דאָס דערמאנט אים אין ארץ־ישראל. דאָרטן פלעגט מען „על־פּי־דין“ מוזן געבן די אָרעמעלייט און די כוהנים פאה און בכורים און מעשר... וויאזוי איז עס צוגעגאנגען, קאָן ער זיך איצט נישט דערמאנען, ער האָט שוין לאנג קיין משניות אין האנט נישט גענומען. „א שאָד! — טראכט ער. — מען דארף דורכקוקן נאָכאמאָל זרעים... פון פּרות, דאכט זיך, האָט מען גאָרנישט געדארפט געבן... און אפשר יאָ...“

ער מעסט אָפּ מיט די אויגן די פרוכט פון זיין גאָרטן און וויל משער זיין: פיל וואָלט אָנגעקומען די כוהנים צי די אָרעמעלייט, ווען דער דין וואָלט דאָ אין חוץ־לארץ אויך געהערשט.

די רעכענונג קומט ביי אים אוים גאָר א גרויסע, אז „מעשר“ א צענטחלק — וואָלט אויסגעקומען זיכער א פוד צען.

„א היפש געשעפט וואָלט געווען“! — קלערט ער איראָניש, אים דאכט זיך אָבער, אז גאָט, דער „יודע מחשבות“, וויים, וואָס ער טראכט אין הארצן, און קאָן אים דערפאר שטראָפן מיט א שטורעם־ווינט, און ער מורמלט ווי פאר גאָט ארוים:

— אז דער דין וואָלט געווען געזאָגט אויף הוין=לאריז, וואָלט איך אוודאי געגעבן! ווי הען?

אז ער בארואיקט זיך א ביסל פון גאַטס שטראָף און בלייבט צופרידן, וואָס מען הארף קיין מעשר נישט געבן, ווערט ער ווידער פריילעך, און זינגענדיק האָס פריערדיקע ניגונדל, גייט ער אום איבערן גאָרטן און באטראכט יעדן בוים באזונדער.

צוקומענדיק צו הדעם ווינקל פּאַרקאַן, וואָס צוימט אָפּ די ביימער פון גאַס, דערשרעקט ער זיך, ער האָט גאָר ביז אהער נישט באמערקט, וואָס פאר א שאָדן ער קאָן האָבן. טייל עכע ביימער, די בעסטע ביימער, וואקסן אריבער דעם פּאַרקאַן און שטייען אין א גרויסער סכנה. אז מען זאָל זיך פון גאס אוועקשטעלן אויפן שפּיץ פּארקאַן און איינבייגן די צווייגן, קאָן מען לייכט רייסן עפּל. ער ווערט שוין שרעקלעך אויפגעבראכט, זיין פאַנטאַזיע מאָלט אים שוין אוים א בילד, וויאזוי אַן אָפּגעריסענער מיאוסער גאסניונג שטייט אויפן שפּיץ פּאַרקאַן, בייגט די צווייגן צו זיך און פרעסט עפּל...

— א רוח אין אים — שרייט ער אוים כמעט ווי אויפן קול, גלייך ווי ער וואָלט שוין הדעם גנב געזען. זיין פריילעכע לוינע פארשווינדט, ער הערט אויף צו זינגען, לאָזט דאָס דאַווענען „פון פּאָרנט“, ווי ער וואָלט א וויכטיקערע תפילה געפונען, און הייבט אָן צוטראכטן צו דעם אומגליק א מיטל.

„מען הארף איבערשטעלן דעם פּארקאַן, העכער מאַכן אים“, — מאכט ער פּלענער. באלד אָבער בלייבט ער אומצופרידן דערמיט: „עס וועט קאָסטן א מטמון מיט געלט!“

און קלערנדיק און זוכנדיק א מיטל, וויאזוי צו פארהיטן די עטלעכע ביימער פון גאַסניונגען און פון גנבים, אז זיי זאָלן נישט קאָנען צוקומען צו זיינע עפּל, דערמאנט ער זיך, אז אמאָל, גייענדיק הינטערן שטעטל צווישן די גויאישע גערטנער, האָט ער באמערקט, ווי דאָס רוב זענען דאָרט די פּאַרקאַנעם פון די גערטנער אָנגעשלאָגן מיט צוויעקעס, מיט די שפּיצן ארויף. לכתחילה האָט ער דעמלט גערעכנט, אז דאָס שלאָגן אָן די גויאישע ווייבער אויף צו הענגען און צו טריקענען וועש, אז ער האָט אָבער געפרעגט ביי אן אלטן „בעל=הגוף“, צוליב וואָס זענען די פּאַרקאַנעם אָנגעשלאָגן מיט צוויעקעס, האָט אים יענער געענטפערט:

— קאַב זלאָדעאי ניע קראלי: גנבים זאָלן נישט גנבענען...

ער דערמאנט זיך איצט, אז דער „בעל=הגוף“ האָט אים דערציילט

דערצו א געשיכטע, וויאזוי איינער האָט אין א פינצטערער נאכט גע־וואָלט אריינקריכן אין גאָרטן עפּל צו גנבענען, האָט ער אזוי צעבלוטיקט די הענט און געבליבן הענגען אויף די צוויַעקעס, אז ער האָט געמאכט א געוואלד, מען זאָל אים קומען ראטעווען. עס פארשטייט זיך, אז מען האָט אים געראטעוועט מיט קולאקעס און אוועקגעפירט אין פּאָליציע.

מיכלען איז דער איינפאל דעמולט שטארק געפעלן געוואָרן, נאָר דעמולט זענען נאָך זיינע ביימער „ערלה“ געווען, און ער האָט זיך מיטן מיטל שטארק אינטערעסירט, איצט אָבער האָט דער מיטל אים די אויגן געעפנט.

אים האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, וויאזוי א שמוציקער גנב הענגט אויפן פּארקאַן מיט פארבלוטיקטע הענט און שרייט: „אוי, ראַטעוועט!...“

— רעכט אויף דיר, קריך נישט גנבענען! — האָט מיכל גערעדט פאר זיך, גלייך ווי דער גנב וואָלט שוין געהאָנגען אויף די צוויַעקעס...

און ער באשליסט זיך, אז נאָכן דאווענען קויפט ער צוויַעקעס און שלאָגט אָן דעם גאַנצן פּארקאַן מיט די שפּיצן ארויף.

— די צוויַעקעס זאָלן זיין וואָס שפּיציקער!... — מורמלט ער מיט נקמה־געפיל.

ער מעסט אוים מיט די אויגן די גרויס פון פּארקאַן און איז משער, אז עס וועט אוועקגיין אוודאי פאר א רובל צוויַעקעס...

„מילא, פארפאַלן — טראכט ער זיך — וואָס רעדן? לאָזן זיי פרעסן מיינע עפּל? א תכלית!“

און מיכל בארואיקט זיך און נעמט זיך ווידער דאַווענען פון פאָרנט, ער האָט פארגעסן, ווו ער האלט און הייבט אָן אויפדאָסניי, ווי ער וואָלט געטראכט: זאָל, רבונו של עולם, בעסער מיינס איבערגיין!...

און קומענדיק צו „הפּאה והבכורים“, דערמאַנט ער זיך ווידער אין ארץ־ישראל, אָן דעם משניות און ער איז דאַכט זיך צופרידן, וואָס ער וווינט אין חוץ לארץ און אים איז פארשפּאָרט צו געבן „מעשר“...

ער הערשרעקט זיך ווידער פאר זיינע מחשבות און הייבט אויף די אויגן, צי קוקט אויף אים נישט גאָט...

— ותלמוד תורה כנגד כולם! — ענדיקט ער מיט א התלהבותדיקן ניגון.

— דער עיקר איז תורה — מאַכט ער א פשרה, און איז שטארק צופרידן, וואָס אלע מצוות זענען קעגן תורה לערנען א שפּיי.

— מען דארף איבערקוקן „זרעים“ נאָכאמאָל — באשליסט ער פעסט — מען דארף זען, וואָס טוט זיך דאָרטן מכוח מעשר און בכורים.

און ער בלייבט צופרידן מיט זיין גוטן רצון און פארטיפט זיך אין פרומע געדאנקען, ביז ער קומט צום געדאנק, אז נאָכן דאווענען, אי״ה, דארף מען אָנשלאָגן דעם פאַרקאַן מיט צוויעקעס מיט די שפּיצן ארויף.

— אַ פיינע המצאה, כ׳לעבן... — האָט ער געשמייכלט און ווייטער געדאווענט...

1900

זאָל שטיין, ווי געשטאַנען

זעלדע גרשונס, א מיידל פון א יאָר 19, האָט אָפּגערעדט מיט די גאַסיקע הברטעס אירע, אז היינטיקן שבת זאָל מען זיך אויפקלייבן טאַנצן ביי איר, ווייל ביי גרונע ישראלס, וווּ מען פלעגט אלע מאָל טאַנצן, קאָן מען שוין איצט נישט. זייער גרויסע שטוב האָט מען איבערגעצוימט אויף צוויי און פון איין האַלבער האָט מען געמאכט א שניטקראָם. די איבעריקע הברטעס וווינען אין קליינע הייזלעך, און עס וועט נישט זיין ווו א קער צו טאָן זיך. אמת, ביי זעלדען איז אויך נישט איבעריק גרויס, נאָר זעלדע האָט צוגעזאָגט, אז זי וועט אזוי צוקלייבן, אז עס וועט זיין גענוג אָרט אפילו פאר אן אַכטפּאָריקן קאַדריל.

אַז זי איז געקומען אהיים, איז דער טאַטע שוין נישט געווען. ער איז אַוועק אין מארק. אין שטוב איז נאָר געווען חייקע, די יינגערע שוועסטער, א פערצניאָריק מיידל, און די מוטער.

— מאמע! היינטיקן שבת וועט מען ביי אונדז טאַנצן — האָט זעלדע געמאָלדן ארייננייענדיק — דו וועסט נישט שרייען?

די מוטער, א יידענע פון עטלעכע און פערציק יאָר, מיט גוטע פייכטע אויגן, האָט א שמייכל געטאָן:

— וואָס עפּעס שרייען. דער טאַטע זאָל נאָר אין דער היים נישט זיין, טאַנצט אייך געזונטערהייט!

— דער טאַטע וועט אוועקגיין אין שול הערן דעם מגיד — האָט זעלדע פארזיכערט — וועלן מיר דערמלט טאַנצן. ער זוימט זיך עטלעכע שעה.

— גוט! — גוט! — האָט די מוטער איינגעשטימט.

זעלדע האָט גענומען באַטראַכטן די שטוב, ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן אריינגעקומען און איר פּנים האָט זיך פארקניטשט.

— איך האָב מורא, אז עס וועט זיין ענגלעך א ביסל — האָט זי ענדלעך ארויסגעזאָגט.

— איך האָב אויך מורא! — האָט די מוטער מיטגעשטימט. — ווו וועט איר זיך דאָ אויסדרייען די „לאַנסע“.

— די לאַנסע, ווי די לאַנסע — האָט זעלדע געענטפערט. — „האַלב וועג“ — וועט געווים ענג זיין.

זי האָט זיך פאַרטראַכט.

—וויסטו גאָר וואָס, מאַמע — איז זעלדען איינגעפאַלן אַן אידעע און אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן לויכטן, ווי זי וואָלט געפונען אַ סגולה צו אַ שווערן ווייטיק — איך וועל איבערשטעלן די בעטן נעבן אויוון, דעם קאָמאָד נעבן די בעטן און דעם קופערט...

— דעם קופערט צווישן די בעטן — האָט די מאַמע געהאָלפן דער טאָכטער מאַכן דעם פּלאַן.

— יע.... — האָט די טאָכטער זיך פאַרטיפט אין איר פּלאַן.

— וועט זיין אַ ליידיקע שטוב... גאַנץ גוט...

— דו וועסט מיר העלפן, מאַמע?

— אָך, כאָטש שוין.

און די מוטער מיט דער טאָכטער מיט דער יינגערער שוועסטער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אין אַ האַלבע שעה איז עס געוואָרן פאַרטיק.

— אוי, וואָס פאַר אַ גוטקייט! — איז חייקע נתפּעל געוואָרן.

— גרויסאַרטיק! — האָט זעלדע צוגעשטימט מיט פריילעכע אויגן.

—שענער ווי פריער — האָט די מוטער איר מיינונג געזאָגט.

— אַ שטוב ווי אַ פעלד! — האָט זעלדע ווייטער גערעדט.

— מען וועט קאָנען מאַנצן אַ זעכצנפאַבריקן קאַדריל — האָט די יינגערע שוועסטער געפאַנטאַזירט.

— און אַן אַכטפאַבריקער איז דיר ווייניק?

— עס רעדט זיך אַזוי! — האָט חייקע זיך פאַרענטפערט.

און די צוויי שוועסטער מיט דער מוטער האָבן אָנגעקוואָלן פון דער נייס.

— אָבער זע, אַ מאָדנע זאַך! — האָט זעלדע אָנגעהויבן פילאָזאָפירן. — פאַרוואָס האָבן מיר זיך נישט געכאַפּט שוין לאַנג איבערצושטעלן, עס איז דאָך ליכטיק אין די אויגן געוואָרן.

— עס איז אַלע מאָל אַזוי, טאָכטער — איז די מוטער אין אַ מוסר־השכל־טאָן אַריינגעפאַלן. — צו אַ גוטער זאַך כאַפּט מען זיך שפּעט...

געקומען פון גאַס אין שטוב אַריין, האָט גרשון אויסגעשטעלט די אויגן און נישט געקאָנט ווייטער אַ טריט מאַכן.

— וואָס איז דאָס?

— וואָס „וואָס איז דאָס"? — האָט זעלדע דערשראָקן געפרעגט.

— וואָס איז דאָס? — צי איך האָב פאַרבלאָנדזשעט? — איז ער שוין געקומען אַ ביסל צו זיך און האָט אָנגעהויבן רעדן מיט זיין לשון „סגיא נהור".

— וואָס איז דען? — האָט די מוטער געפרעגט, אויך נישט אָן שרעק.

—ווו איז דער קאָמאָד און ווו איז דער קופערט, און ווו זענען די בעטן? עפעס זע איך זיי נישט? איך בין שוין אפשר בלינד געוואָרן.

— אָט שטייען זיי דאָך... מיר האָבן איבערגעשטעלט — האָט זעל־דע ווי פאַרשולדיקט געענטפערט.

— אַלמאַי? — האָט ער געפרעגט, כלומרשט קאַלטבלוטיק.

— עס איז שענער — האָט זיך די קליינע הייקע אַריינגעמישט.

— עס איז גערוימער — האָט זעלדע פאַרריכט.

— זיי וועלן דאָ שבת — טאַנ...

— נאָר זעלדע האָט אַ ווינק געטאָן צו הער מאַמען, און יענע איז אַנטשוויגן געוואָרן...

— שענער, גערוימער... נייעסן גאָר! — האָט זיך דער פּאַטריאַרך צעהיצט. — פאַר מיר איז שיין און גערוים, ווי עס איז פריער געווען — נייעסן גאָר אויפטאָן! נאָך וואָס פעלט אייך? שוין שטעלט איבער צוריק אויף די אַלטע ערטער!... זאָל שטיין, ווי עס איז געשטאַנען, איר הערט...

— וואָס אַרט דיר, אַז אַזוי — האָט זיך די מאַמע געפּרוּווט משתדל זיין.

— רעד נישט! — האָט ער זיך צעהיצט. איך וויל נישט קיין נייעסן! זאָל שטיין, ווי עס איז געשטאַנען...

טעכטער

.1

טעכטער סתם זענען א קללה פון גאָט בפרט אזוינע טעכטער, ווי לייבע דעם שניידערס.

און אין וועמען האָבן זיי זיך „איינגעגעבן“, קאָן לייבע מיט זיין שניידערישן שכל נישט משיג זיין. ער אליין איז דאָך נישט שייך — א ייִד, וואָס האָט קיינמאָל א פליג אויף דער וואנט נישט פארטשעפּעט, און ווען נישט די אלטע ניימאַשין, אויף וועלכער ער פלעגט אמאָל אָפּשטעפּן א נאָט, וואָלט מען קיינמאָל אים נישט געהערט.

די מאַשין איז טאַקע אן אלטע שרייערין, נאָר וואָס איז ער שולדיק? ער האָט זי דען אויסגעטראכט?

נאָר צוליב דער מאַשין וואָלט אין שטוב די רו זעלטן געשטערט געוואָרן. לייבע איז פון יענעם סאָרט שניידער, וואָס האָבן ארבעט איינמאָל אין א שמיטה, און דאָס ביסל ארבעט, וואָס ער באקומט, איז אויך מער האנט־ארבעט, ווי מאשין־אַרבעט; נישט אלע לאטעס לאָזן זיך שטעפּן, און אפילו אז ער באקומט א נייעם בגד ביי א רייכן בעל־הגוף, איז דאָס געוואנט אזוי דיק, אז די מאַשין וועט עס קיינמאָל נישט בייקומען; ער קאָן נאָך די נאָדל צעברעכן, און קויפן א נייע מאַשין־נאָדל איז נישט פאר לייבעס מצב.

אָבער אין פארגלייך מיט דעם טומל, וואָס זייַנע דריי טעכטער מאכן אין שטוב, איז די ניימאַשין, ווען אפילו זי אַרבעט, ווי א פלייט קעגן צען באראבאנעס...

און דער טומל הייבט זיך אָן אין דער פרי, ווי זיי הייבן זיך אויף פון די בעטן. די ערשטע הייבט זיך אויף לאה, וואָס האָט א צונאָמען „די קאַץ“, דערפאר וואָס אין א שטוב־געשלעג דראַפּעט זי זיך מיט די נעגל און לאָזט וויכטיקע סימנים אויף די צוויי שוועסטערס פּנימער. אז

לאה, די ייִנגערע, הייבט זיך אויף, פֿאַרדריסט איר, וואָס כאַשע, אָדער מיט איר צונאָמען „דער מענה=לשון“, ליגט נאָך; גייט זי צו צו איר און שלעפּט זי פֿאַר די צעפּ. כאַפּט זיך אויף יענטע, די עלטערע, מיטן צונאָמען די „פּאַרזעסענע“ (כאָטש זי איז נאָך נישט אַזוי אַלט). אין איין העמד און מיט צעפּודלטע האָר, וואַרפֿט זי זיך אַרויף אויף די צוויי שוועסטער. זי וויל הייסט עס, א שלום=מאַכן. און דער שלום קומט ערשט, ווען די „קאַץ“ צעדראַפּעט בײדע פּנימער ביז בלוט און זי אַליין באַקומט טרוקענע קלעפּ־ מיט די הענט אָדער מיט די שטעקנס, וואָס געפֿינען זיך אין שטוב גראָד לרוב.

דער שלום געדויערט אָבער נישט לאַנג. באַלד הייבט זיך אָן א מחלוקת וועגן בולבעס שיילן. די „פּאַרזעסענע“ הייסט, אַז דער „מענה=לשון“ זאָל שיילן דער „מענה=לשון“ הייסט, די „קאַץ“ זאָל שיילן, און די „קאַץ“ זאָגט:

— זאָלט איר אַזוי ביידע דערלעבן גיין צו דער חופּה, ווי איר וועט עס דערלעבן, אַז איך וועל שיילן.

— ביז זיי נעמען זיך אַלע שיילן. די פּשרה מאַכט די מאַמע; כאָטש קיין גרויסע דעה האָט זי ביי זיי נישט, נאָר זיי דערזעען, אַז באַלד הייצט זיך אוים דאָס אייוועלע, און זיי וועלן בלייבן הונגעריק.

און פֿאַר הונגער ציטערן די דריי שוועסטער מער, ווי פֿאַר דראַפּעניש, קללות און קלעפּ...

און אַזוי גייט אַריבער דער גאַנצער טאָג, און אַזוי איז דער מאָרגן, דער איבערמאָרגן, דער פֿרייטיק, דער שבת.

און לייבע, וואָס הערט אַלע טעג בין מנחה למעריב „עין יעקב“ און איז דערפֿאַר נישט קיין עם=הארץ, זיפֿצט אויף לשון=קודש:

— צרת הבת! צרת הבת!...

און די מאַמע, גרונע, א ייִדענע פֿון טייטש=חומש, זיפֿצט אויף עברי=טייטש:

— א פֿאַרשאָלטענער בויך ביי מיר געווען...

.2

אַז עס איז דאָ א גן=עדן אויף יענער וועלט, גלייבט לייבע זיכער ווי גאָלד. שייך א גן=עדן! צי וועט ער ווען עס איז גרייכן אַהין, ווייס ער נישט. „עין יעקב“ הערט ער אפֿילו אַלע טאָג. וועגן תהילים שמועסט

מען דאַרף נישט — אַלע טאָג א יום, שבת — דעם גאַנצן, און ראש־השנה — זעקס מאָל הין און צוריק! נאָר ווער ווייס, צי דאָס אַליין קלעקט! מען דאַרף האָבן נאָך מעשים טובים — האָט ער זיי? גאָט ווייס!

אָבער אַז עס איז דאָ א גן־עדן אויף דער וועלט, ווייס לייבע נאָך זיכערער; ער פילט אים, ער זעט אים, ער האָט אים א חודש אין יאָר. וויאַזוי? — הערט א מעשה!

קיין „טאַלענט" האָט ער נישט געקאָנט אויסלערנען די טעכטער; שגיאות־דערויי איז אין שטעטל אין דר'ערד. אין א קראָם אָפּגעבן וואָלט אוודאי גוט געווען, נאָר זיינע טעכטער האָבן א שם פאַר צעלאָזענע, ווילדע, און קיין באַלעבאַטישער קרעמער וואָלט זיי נישט גענומען.

אָבער אייגם — וועלגערן האָבן זיי געקענט.

זיי לייבע איז אָרעם געווען, האָט ער דאָך „אויף שבת" ווי עס איז „געקריגן", און אַלע דאַנערשטיק פלעגט מען ביי אים אין שטוב וועלגערן א בלאַט לאָקשן, און אַדאַנק אָט דעם בלאַט לאָקשן האָט לייבע זוכה געווען צו געניסן דעם גן־עדן אויף דער וועלט.

וועלגערינס זענען זיינע טעכטער איינע אין א מדינה, און פאַר אַזוינע געראָטענע וועלגערינס איז דאָס שטעטל צו קליין; זיי דאַרפן א כרך, וווּ זייער אַרבעט פאַרשטייט מען און ווו זייער אַרבעט ווערט גוט באַצאָלט.

און גלייך אויף מאָרגן נאָך פורים לאָזן זיך די דריי שוועסטער אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט אַריין וועלגערן מצה.

און דאָ הייבט זיך אָן פאַר לייבען דער גן־עדן...

ער בלייבט איינער אַליין אין שטוב. אפילו דאָס ווייב איז אויך נישטאָ אין דער היים; זי קנעט אין א פאָדריאַד אין שטעטל גופא.

און לייבע זיצט ביי דעם ביסל גוישע אַרבעט, וואָס ער האָט אויף זייער „פסח" באַקומען, און טראַכט: ווי גוט איז אויף דער וועלט, אַז מען האָט נישט קיין ווייב און קיין דריי טעכטער.

א גן־עדן, א גן־עדן!

.3

א צוויי טאָג פאַר פסח קומען די טעכטער צוריק. הערנדיק זייערע שטימען נאָך אויף די וועגנס, בלייבט לייבע דערשראָקן. אויס גן־עדן! דער גיהנום איז געקומען.

ער איז זיך אָבער טועה. עס לאָזן זיך אריין די דריי שוועסטער, פריילעכע, ליבלעכע און גוטע, שראַגנדיק יעדע אין די הענט צו טעקלער.

לייבע דערקענט זיי, דאַכט זיך, נישט: זענען דאָס זיינע טעכטער?

— נו, וואָס מאכסטו, טאַטע — רופט זיך אָן מיט א ליבן שמייכל „די קאַץ“.

די פראַגע איז אזוי אומדערוואַרטעט וויך, אזוי בנעימותדיק, אז לייבע פאַרשעמט זיך, און א טרער שטעלט זיך אים אין אויג.

— יענטע! — רופט זיך אָן ווידער „די קאַץ“. — די פסחדיקע שמאַלץ האָסטו אראָפּגעטראָגן?

— יאָ! — ענטפערט יענטע.

ווער איז דאָס די יענטע? — פאַרקלערט זיך לייבע.

א גאַנץ יאָר הערט ער נישט דעם נאָמען.

— אַהאַ, דערמאַנט ער זיך, דאָס איז די „פאַרזעסענע“!

— כאַשע, לאָמיר אויספּאַקן די טוקעווע שמאַלץ! — רופט זיך אָן יענטע.

ווער איז די כאַשע? — פאַרקלערט זיך לייבע.

— אהא! — דערמאַנט ער זיך. — דאָס איז דער „מענה־לשון“.

לייבע וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער גענומען אַלע דריי טעכטער, צוגעטשפּריקן זיי אין זיינע שוואַכע אָרעמס און קושן זיי.

אין א שעה ארום נעמט יעדע טאָכטער ארויס איר פאַרמעגן.

בייגאַכט קומט אויך די מאַמע פון פּאָדריאַד אָן אָפּגעראַכנטע.

מען באַחשבונט דעם אייגנס — איבער פערציק רובל.

— עס וועט זיין א פסח כיד המלכות! — זאָגט די מוטער.

די טעכטער זיצן מיט דרך־ארץ און שווייגן.

— איך האָב אויך עפּעס פאַרדינט! — זאָגט לייבע ארוים מיט א שוואַכן קול און קראַצט אוים פון בייטעלע צען גילדן.

— און א רובל קומט מיר נאָך פון סטעפּאַנען פאַר דעם קאַפּטאַן ס'איז גוט געלט! — גיט ער צו.

— גבירים! — לאַכט לאה.

— יענטע! — רופט זיך אָן כאַשע. — לאָמיר, מיין גאָלד, זיך נעמען צו וואַשן אויף פסח.

— נו־נו! — שטימט איין יענטע.

— איך וועל אייך אויך העלפן! — זאָגט לאה.

און די דריי שוועסטער נעמען זיך ראַמען די שטוב און דערציילן מעשיות פון דער גרויסער שטאָט און קוועלן אָן...
און לייבע קוקט, הערט און פארשטייט גאָרנישט...

4.

פּסח מאַכט מען ביי לייבען פון דער פולער האַנט.
די טעכטער זענען זאַט און באַקליידעט, גייען זיי ארויס דעם ערשטן טאָג נאָכן גוטן מיטאָג אַלע דריי שפּאַצירן.
— ווער זענען דאָס די דריי מיידלעך? — פרעגט איינע פון א קופּ־קעלע ווייבער, דערזעענדיק זיי אין גאַס.
— דאָס זענען דאָך לייבעס „מיילער“.
— וואָס זאָגט מען צו זיי? — וואונדערט זיך די ערשטע.
— כ'האָב גאָר זיי נישט דערקענט!
— זיי האָבן זיך אין פּאָדריאַד אויסגעאיידלט! — לאַכט אן אנדע־רע יידענע.
— זיי האָבן פּסח וואָס צו עסן, זענען זיי שטיל! — לאַכט נאָך איינע.
— אַלץ קומט פון אָרעמקייט! — זיפצט נאָך א יידענע.
און די שוועסטער זענען שוין היגטערן שטעטל, זיצן אויפן גרינעם גראָז, דערמאָנען זיך די שיינע, גרויסע שטאָט און שמועסן ווי דריי טיי־בעלעך.

אזוי געדויערט ביז נאָך פּסח.
אָבער מיט דעם ערשטן פאַרדאַרטן שטיקל חמץ, וואָס מען טראָגט אראָפּ פון בוידעם צוריק, קומען די קללות און קריג צו לייבען ווידער אין שטוב אריין.
און „די קאַץ“ און דער „מענה־לשון“ און די „פּאַרזעסענע“ קאָנען זיך ווידער נישט צעטיילן, און מען שעלט זיך און מען דראַפּעט זיך...
און לייבע זיפצט ווידער אויף לשון־קודש:
— אוי, צרת הבת!...

אַ פּסחדיקער טאַטע

יעדער באַלעבאָס אין שטעטל האָט זיך געוווּנטשן צו האָבן אַזאַ „שטעלע“, ווי מענדל טאַמאַרקין. ערשטנס, איז דאָס אַ בכבודיקע שטעלע: אַ „שאָפער“ אין אַ וואַלד, צווייטנס, איז זיין באַלעבאָס נישט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער בערע ראַפּאָפּאָרט — אַ ייד, וואָס פאַרמאָגט איבער אַ מיליאָן, ס'הייסט, מען קאָן דען וויסן, וויפל אַזאַ גביר פאַרמאָגט? אַז די באַלעבאַטים פון דעם שטעטל זענען באַזונדערס גוט אויפגעלייגט, ווי למשל, אין אַ יום־טוב, קאָנען זיי זיך פאַרגינען און דערלייגן אים נאָך אַ מיליאָן. אָט ממש איינס־צוויי, און בערע ראַפּאָפּאָרט פאַרמאָגט שוין צוויי מיליאָן. און עס טרעפט, אַז אַן עקשן אַ באַלעבאָס שטעלט זיך איין און וויל נישט אַנדערש, אַז בערע ראַפּאָפּאָרט זאָל פאַרמאָגן דריי מיליאָן.

— איר וועט ביי מיר נישט אוועקנעמען! — טענהט איינגעשפּאַרט דער עקשן. — איך ווייס פון אַ זיכער אָרט, אַז בערע ראַפּאָפּאָרט פאַרמאָגט איבער דריי מיליאָן.

נאָר נישט אין דער עשירות פון בערע ראַפּאָפּאָרט באַשטייט דאָס גליק צו זיין ביי אים אַ מענטש. בערע סוטינער, למשל, פאַרמאָגט אַרום זיבן — אַכט מיליאָן און אפשר מיט אַ סמיטשיק, און האַנדלט אויך מיט וועלדער און פונדעסטוועגן איז ביים דאָזיקן בערע סוטינער צו דינען דווקא נישט קיין גרויסער יחוס. אַ מענטש האַלט זיך ביי אים נישט מער ווי אַ האַלב יאָר, ער איז יעדן ייִדן חושד אין גנבה... און די שכירות, וואָס ער צאָלט, איז אויך גאָרנישט מעשה־גביר...

בערע ראַפּאָפּאָרט אָבער איז אַ ייד אַ בן־תורה און באַהאַנדלט זיינע מענטשן ווי חברים. אַזוי דערציילט מען וועגן אים. וואָס איז שייך צו די שכירות צאָלט ער יעדן איינעם לויט דער ערלעכקייט און לויט די קינדער, וואָס דער „מענטש“ פאַרמאָגט. אויף יעדן ניי־געבוירן קינד איז בערע ראַפּאָפּאָרט מוסיף אַ פּאָר רובל די וואָך, און אַז דעם „מענטשן“

קומט אויס חתונה צו מאכן א טאָכטער, גיט בערע ראַפּאָפּאָרט דעם נדן... אזא קבלה האָט ער שוין פון זיין טאַטן וואָלף ראַפּאָפּאָרט, און וואָלף ראַפּאָפּאָרט שטאַמט פון דעם גרויסן צדיק ר' משה ראַפּאָפּאָרט... פון אַזוינע שמועסט מען נישט...

און נאָך בעסער פון אלע זיינע מעגטשן באַהאַנדלט ער טאַקע מענדל טאַמאַרקינען. ערשטנס, איז מענדל א גרויסער בעל־חשבון, עס איז א סברא, אז ער קען אַזש ביז אריבער תשבורות... דערצו איז ער באַהאַוונט אין „חכמת המדידה". מיטן אויג מעסט ער אויס, וויפל „טפחים" א בוים האלט די דיק און וויפל די הייך. דערצו איז א סברא, אז מענדל טאַמאַרקין איז ראַפּאָפּאָרטס א שטיקל קרוב... אויף זיכער ווייסט מען נישט, נאָר שמועסן שמועסט מען יאָ...

אָנגעקומען צו ראַפּאָפּאָרטן איז וואָלף איז טאַמאַרקין א יאָר נאָך דער חתונה. נאָכדעם ווי זיין ווייב זעלדע איז אויפגעשטאַנען פון ערשטן קימפעט מיט דעם ערשטן קינד — א מיידעלע... דאָס גאַנצע שטעטל איז דעמלט געגאַנגען כּאַהאָראָם: א קלייניקייט — אזא שטעלע...

זעלדע אליין איז אפילו די ערשטע צייט נישט געווען באַזונדערס צו־ פרידן, דען אויסער וואָס מענדל איז א גרעאָטענער, איז ער טאַקע א פּאַרשוין א מאַן. זיינע אויגן שוואַרץ ווי די נאַכט, די האָר פון פּעד און זיין פּנים קלאָר און קיילעכדיק... אויף די ליפּן ליגט שטענדיק א גוט, זיס שמייכעלע... עס איז איר געווען שווער צו שיידן זיך מיט אים...

אָבער מענדל האָט איר געשריבן די ערשטע צייט אזוינע שיינע בריוולעך, אז עס איז שוין כּדאַי געווען צו ליידן פון דער צעשיידונג... מיטן מויל וואָלט ער אזוינס איר קיינמאָל נישט געזאָגט... אין יעדן בריוו האָט ער זי געטרייסט, אז אויף פּסח קומט ער צו פאָרן. ער וואָלט געקומען פריער, אויף אַן אנדער יום־טוב, אָבער דער סוחר ראַפּאָפּאָרט לאָזט אים נישט אַפּ... ער איז זיין רעכטע האַנט געוואָרן...

מיט דער גרעסטער אומגעדולד האָט די יונגע זעלדע געוואַרט אויף דעם ערשטן יום־טוב.

ענדלעך איז געקומען פּסח און מיט דעם יום־טוב — איר מאַן מענדל...

נאָכן ערשטן שלום־עליכם (צעקושן האָט מען זיך נישט געקאָנט, ווייל א שכנה איז גראָד געווען אין הויז) האָט זעלדע א ביסל שעמעוו־ דיק — וואָס האָט איר אָבער צוגעגעבן מער חן — אָנגעגומען מענדלען פאַר דער האַנט, אים צוגעפירט צום וויגעלע, וואָס איז געשטאַנען אין

ווינקל פון שלאָפצימער, און אים אָנגעוויזן אויפן יאָריקן קינד, וואָס איז געלעגן און זיך געשפילט מיט די קליינע, צונויפגעלייגטע פויסטלעך.

מענדל האָט עס אָנגעקוקט מיט א ליבן שמייכעלע, גענומען עס אויף די הענט און לאַכנדיק געזאָגט:

— איך הערקען עס גאָרנישט... אוועקפאָרנדיק איז עס געווען אַלט איינגאנצן א מאָנאַט... ווי רופט מען זי... איך האָב שוין פארגעסן...

— גיטלקע הייסט זי... — האָט די מוטער מיט שטראַלנדיקע אויגן געענטפערט... — אַך, יאָ, גיטלקע... נאָך דיין באָבען, האכט זיך...

— יאָ, האָט זעלדע מיט גרוים הין צוגעגעבן.

דער יום־טוב איז אוועק אין איילעניש. מענדל, וועלכער איז געווען א גאנץ גרויסער בעל־משפחה, איז א גאנצן יום־טוב געווען פארנומען מיט גיין צוגאסט און אויפנעמען געסט... זעלדען האָט עס זייער פארדראָסן, אָבער זי האָט גישט געהאט קיין העזה אים אָפצוהאלטן, און אזוי איז מענדל געווען אַ גאנצן יום־טוב מער פאר לייטן, ווי פאר איר און פארן קינד...

מוצאי־יום־טוב האָט זיך שוין מענדל געפאַקט אין וועג.

זעלדע איז געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזטע הענט און געזיפצט.

— שוין פאָרסטו אוועק?

— יאָ, מיין גאָלד... דער סוחר האָט מיר אָנגעזאָגט, אז גלייך נאָך יום־טוב זאָל איך צוריקקומען אין וואלד, עס איז דאָ א סך, א סך אר־בעט...

אין עטלעכע מאָנאַט ארום איז זעלדע טראָגנדיק געוואָרן...

די שכנות פון גאס האָבן געקוקט אויף איר און האָבן געשמייכלט...

— דער מאַן איז נישטאָ און זי, פונדעסטוועגן...

— וואָס הייסט — האָט באמערקט א צווייטע שכנה — ער איז דאָך יום־טוב געווען אין דער היים, געהערט אביסל?...

זעלדע האָט געוווסט, אז מען רעדט וועגן איר נישט קיין שלעכטס, אז מענדל איז יום־טוב געווען אין דער היים, האָט דאָך דאָס גאנצע שטעטל געוווסט, פונדעסטוועגן איז איר „די לאָגע" געווען ווי אומבאַ־קוועם, און זי האָט זיך געשעמט צו ווייזן אין גאס...

געהאָפט האָט זי אָבער, אז ווען זי וועט געלעגן ווערן, וועט ער קו־מען. עס וועט אפילו אויסקומען פאַר יום־טוב, אָבער ער וועט מוזן קו־מען... און טאָמער א ברית?...

צום שלימזל אָבער איז דאָס צווייטע קינד אויך געבוירן געוואָרן א מיידל... זעלדע האָט אים געלאָזט טעלעגראַפירן...

ער האָט געענטפערט צוריק מיט א טעלעגראַמע, אז ער ווינטשט איר א מזל־טוב און ער האָט איר ארויסגעשיקט געלט.

און נאָכדעם האָט ער איר געשריבן א לאַנגן און א הייסן בריוו, און געטרייסט איר, אז אויף פּסח קומט ער צו פאָרן.

קומענדיק אויף יום־טוב, האָט מענדל שוין געטראָפן צוויי קינדער... דאָס ערשטע, גיטלקע, איז שוין ארומגעגאַנגען. אז ער האָט זי אָבער דאָס ערשטע מאָל גענומען אויף די הענט, האָט זיך דאָס קינד דער־שראָקן פאר זיין שווארצער באָרד און גרויסע שווארצע אויגן... זי האָט ארויסגעלאָזט א שרעקלעכן געוויין, און מענדל האָט זי געמוזט אָפּלאָזן צוריק מיט א זיפץ...

דאָס צווייטע קינד איז שוין געווען אַלט ביי פינף וואָכן... זעלדע האָט מענדלען פארזיכערט, אז עס לאַכט שוין. מענדל האָט אָבער נישט גע־וואָלט גלויבן. ער האָט געוואָלט עס זען מיט זיינע אייגענע אויגן... זעלדע האָט דאָס קינד געקיצלט, געשמוטשערט צו איר אויפן קינדערשן לשון: אומזיסט אָבער, דאָס פינפוואָכיקע מיידעלע איז געווען שטרענג ערנסט און קיין שום שמייכל האָט זיך נישט באַוויזן אויף אירע ליפּעלעך...

— זי וועט שוין שמייכלען... — האָט מענדל זעלדען געטרייסט...

— ניין — האָט זעלדען באַנק געטאָן — עס איז א פארדראָסיקע זאך, אָט דאָ נישט לאַנג האָט זי ביי מיר געשמייכלט... איצטער דווקא נישט...

— נו, קיין בייז נישט — האָט מענדל זי ווידער בארואיקט — איך גלייב דיר...

און ער איז באַלד ארויס אין צווייטן צימער.

אזוי האָבן זיך געצויגן יאָרן. מענדל, אַחאַנק זיין וויכטיקער שטע־לע, וואָס ער האָט פארטראָטן אין וואלד ביים סוחר ראַפּאָפּאָרט, האָט מער ווי איינמאָל אין יאָר אהיים נישט געקאָנט קומען, אויסער דאָס איינציקע מאָל, ווען זעלדע האָט געבוירן א יינגעלע, נאָכדעם ווי זי האָט שוין געבוירן פיר מיידעלעך...

דעמאָל איז ער געקומען בלויז צום ברית און האָט זיך שטאַרק משמח געווען און איז אָבער באַלד צוריק אוועקגעפאָרן.

די איבעריקע קינדער זענען ביי איר אָבער אלץ מיידלעך געבוירן געוואָרן... און צו די מיידלעכס געבורט פלעגט מענדל יוצא זיין מיט א „מזל־טוב" דורך א טעלעגראמע...

אויף אזא אופן איז אין פארלויף פון צוואנציק יאָר מענדל געווען אַ טאַטע פון דרייצן קינדער....

באקומענדיק א הוספה פון סוחר פאר יעדן ניי־געבוירן קינד, איז מענדלס געהאלט געוואקסן אין די הונדערטער...

— אויב אזוי — האָבן די אָרעמע באַלעבאַטים געשמועסט צווישן זיך — איז שוין כדאי צו קינדלען... א קלייניקייט, אז גאָר פאר יעדן קינד באַצאָלט מען...

זעלדע איז אָבער נישט געווען באזונדערס צופרידן... מענדל קען גאָרנישט די קינדער... ער איז א יום־טובדיקער מאַן און א פסחדיקער טאַטע... קומט צו פאָרן אויף יום־טוב, און צעקושנדיק זיך פריער מיט איר, גאָסדעם מיט די קינדער, וואָס דאָס עלטסטע איז שוין ביי די נײַנצן יאָר, הויבט ער זיך אָן צו טומלען אין די נעמען...

— נו, וואָס מאכסטו, באַסקעלע? — פרעגט ער דאָס 12־יעריקע מיידעלע.

דאָס מיידעלע לאָזט אראָפּ די אייגעלעך און שווייגט.

— פארוואָס זשע שווייגסטו, באסקעלע? — נעמט ער זי אָן פארן בעקעלע.

—איך בין נישט באַסקע — ענטפערט דאָס קינד נאָך מער פאר־שעמט.

— ווער זשע דען ביסטו? — פרעגט ער צעטומלט.

— איך בין טעמע... טעמע רופט מען מיך...

— אַך, יאָ, איך האָב מיך טאַקע טועה געווען... — פארענטפערט זיך מענדל — אזוי, ביסטו טעמעלע, הייסט עס... וו זשע איז באסקעלע?

עס לויפט צו א צווייט מיידעלע, ייִנגער מיט א יאָר, און פאלט צו צום טאַטנס קני.

— איך בין באסקעלע... מיך רופט מען באַסקעלע...

— יאָ, יאָ, איך דערמאָן זיך...

זעלדע שטייט דערביי און ווישט זיך די אויגן:

— אַ טאַטע, שטיינס געזאָגט, ווייס נישט אפילו, ווי אזוי מען רופט זײַנע קינדער...

מענדל ווערט געריט, נעמט זי אָן גוטמוטיק פֿאַר דער האַנט און ענטפֿערט:

— וואָס זשע קאָן מען מאַכן, מיין זעלדעלע... אבי דיין נאָמען ווייס איך...

און דער יום־טובדיקער מאַן צעקושט זיך מיט זיין ווייב.

די קינדער קוקן אָן די סצענע פֿאַרוווּנדערט:

— אַ פֿרעמדער ייִד קושט זייער מאַמע...

און זיי צעלויפֿן זיך פֿאַרשעמט אין די ווינקעלעך...

1912

חתן־כלה־בריוו

חיים איז ענדלעך געוואָרן אַ חתן.

ער איז זייער צופֿרידן. — „אַ סוף, זאָגט ער — געפּטרט אַן עסק, עס איז מיר נמאס געוואָרן אַרומצושלעפּן זיך אָנקוקן כּלות!“ צוויי יאָר איז ער זעלטן אין דער היים געווען, ער איז מער געלעגן אין בויד בײַ יענקל באַלעגאָלע, וועלכער פֿלעגט אים פֿירן אין פֿיל אַרומיקע שטעטלעך, ווו לייבל דער שדכן פֿלעגט נאָר אָנשמעקן אַ שטיקל כּלה... איצטער וועט ער זיך ערשט אָפּרוען!

דער שידוך איז אים אפֿילו נישט גאָר אינגאַנצן געפֿעלן: עס איז צו ווייניק געלט — דרײַ הונדערט רובל. אמת, די כּלה איז אַ „מענטש“, וועט טויגן צו אַ געשעפֿט, און דאָס איז דער עיקר...

„קיין מיאוסע, דאַכט זיך, איז זי נישט“. — טראַכט ער, און ער וויל פֿאָרשטעלן איר געשטאַלט פֿאַר זיך אַליין, ווי ער וואָלט זי וועלן נאָכאַמאָל זען, נאָר עס גייט נישט אַרויס בולט; ער געדענקט עפּעס נישט, וואָס פֿאַר אַ פּנים זי האָט, ער האָט זי טאַקע גאָר ווייניק אָנגעקוקט. דאָס ערשטע מאָל ביים „קנין“ איז מיט אים מער געזעסן און גערעדט דער מחותן אַליין. האָט אים געוואָלט נעענטער באַטראַכטן און איבערהויפּט אָנטאַפּן אים, צי איז ער קיין עם־הארץ נישט, ווייל ער האָט אַלץ געוואָרפֿן פּסוקים און נאָך יעדן פּסוק פֿלעגט ער טיף אין די אויגן אים אַרײַנקוקן, ווי ער וואָלט געפֿרעגט: פֿאַרשטייסט, חתן־לעב, פּירוש המלות? בײַ די תּנאים ווידער, איז נאָך ווייניקער צייט געווען צו רעדן מיט דער כּלה און אָנצוקוקן זי ווי עס געהער צו זײַן. דאָס דינגען זיך וועגן נדן, וועגן מתּנות און וועגן „גאַרדעראָבע“ האָט צוגענומען די גאַנצע נאַכט. עס איז אים קוים געבליבן אייניקע מינוטן לײַדיקע צייט דורכצוגיין זיך מיט „איר“ אין גאַס, ווו עס איז געווען זייער פֿינצטער. דאָך, אַז ער שטרענגט אָן שטאַרק זײַן כּוח הדמיון, שטעלט זי זיך פֿאַר אים

פאַר און זי קומט ארויס „א גאַנץ שיינע“. ער געדענקט נאָר נישט וואָסערע אויגן זי האָט.

ער זידלט זיך אליין: ווי זע איך דאָס נישט אירע אויגן! א קליינינקייט אויגן!...

„האָכט זיך שווארצע“ — פּרוּווט ער צו טרעפן. ער דערמאָנט זיך אָבער, אז ביים מחותן, איר טאַטן, זענען גרויע (אָ, דעם מחותנס אויגן האָט ער נאָך צופיל געזען!), מסתמא איז ביי איר אויך אזעלכע. ער וואָלט שוין וועלן, עס זאָל שוין וואָס גיכער קומען די צייט, אויף וועלכע מען האָט אָפּגעלייגט די חתונה.

„אָ, — דעמלט טראַכט ער, וועל איך זי ריכטיק אָנקוקן, איך וועל זען אפילו, וועלכע ברעמען זי האָט!“

און וואָס מער ער טראַכט וועגן איר, אלץ מער ווערט ער צופרידן פון דעם שידוך.

— אַ גאַנץ גוטער שידוך — לויבט ער פאַר זיך אליין — בעסערס וואָלט איך נישט געפונען, אז איך וואָלט זוכן נאָך דריי יאָר...

ער הייבט אָן צו בענקען, עס פאַרוווילט זיך אים רעדן מיט דער כלה.

און אז עס גייט איבער די ערשטע וואָך נאָך די תנאים, באַשליסט ער זיך צו שרייבן איר א בריוו.

זיי האָבן זיך טאַקע פאַרשפּראָכן ביז דער חתונה זיך דורכצושרייבן, און דער רעיון וועגן בריוו באַהערשט אים אינגאַנצן, אָבער עס איז פאַר אים אַ שווערע אויפגאַבע: שרייבן אפילו קען ער גאָר גוט, זיין „האַנטשריפט“ איז גאָר א פיינע. זיין טאַטע פלעגט זיך שטענדיק באַרימען מיט זיין הײמס שרייבן: „איר זעט א כתב! — פלעגט ער אָפט אָנווייזן אויפן זוגס שטיקל אָנגעשריבענעם פּאַפּיר — איר זעט אותיות — געדרוקט! אמת — פלעגט דער טאַטע אויסלאָזן מיט גדלות — ער האָט מיך גענוג געקאָסט: דריי „זמנים“ איז ער געגאַנגען צו משה טשערטאַק — דער בעסטער לערער!...“

וואָס העלפט עס אָבער: כתב אליין איז וויניק, מען דאַרף האָבן ווערטער — אַ „געדאַנק“. צו א כלה שרייבן קאָן מען דאָך נישט שרייבן, ווי צו א קרעמער א צעטעלע: „ידידי, שיקט מיר צען פונט קמח לבן“... מען דאַרף דאָך וויסן, וואָס צו שרייבן, דער שדכן און דער טאַטע האָבן אים אָנגעגעבן פאַר א ווילגעלערנטן: „וואָס ווייסט איר, וואָס פאַר א „קענער“ דאָס איז!“ — האָט דער שדכן געלויבט פאַרן מחותן. „א קלייניקייט! — האָט דער טאַטע אונטערגעהאָלפן — מיין חיים שרייבט אוים=

געצייכנט זיינע ברית גייען קיין אַמעריקע"... און וואָס צו שרייבן ווייסט חיים נישט.

דאָך פּרוווט ער זיך. ער זעצט זיך אוועק שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן שוין, און הייבט אָן צו שרייבן:

„צו מיין טייערסטע כלה"...

ער שמעלט זיך אָפּ און שפּייט אויס: פוי, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שרייבן — „צו"! — אַ מיידל שרייבט אַזוי.

„כלה" געפעלט אים אויך נישט.

אַהאַנק וואָס ער האָט אַמאָל געלעזן שמרם ראָמאַנען, דערמאַנט ער זיך, אַז כלה קאָן מען פאַרבייטן אויף „ברויטע". מיט דעם ניי־געפונענעם וואָרט איז ער העכסט צופרידן.

וואָס איז אָבער די פּעולה, אַז ער ווייסט נישט, ווי צו טיטולירן. „טייערסטע", ווייסט ער זיכער, איז נישט שיין. נאָך אַ סך קלערע־ניש, נאָך אַ סך אומגיין איבערן צימער, קנייטשנדיק דעם שטערן, צו־מאַכנדיק די אויגן און ברומענדיק „ברויטע, ברויטע, ברויטע" — גע־לינגט אים צו דערמאַנען זיך אַ גאַנצע פראַזע. ער זעצט זיך באַרואיקט אַוועק און שרייבט:

„אדעל געבוירענע און האָכגעשעצטע ברויטע".

ער לעזט עס דורך און עס געפעלט אים: — אמתע דייטשישע ווער־טער. ער הייבט אָן ווייטער צו קלערן, נאָר קיין ניי וואָרט קומט אים נישט ארויף אויפן געדאַנק, ווי ער וואָלט אין אַ פרעמדער שפּראַך גע־דאַרפט שרייבן.

פונדעסטוועגן שרייבט ער צו נאָך אַ גאַנצע שורה: „אין אָנפאַנג קום איך אייך צו בענאַכריכטען, אַז איך בין פאָלקאָם געזונד, ניעבע גאָט דאָס בעמליבע פון איהגען צו בעקאָממען".

ער הייבט עס אָן איבערצולעזן. די ווערטער געפעלן אים, כמעט אַלע דייטשישע, נאָר צו אַ כלה שרייבט מען נישט אַזוי: אַזוי שרייבן ווייבער צו מאַנען, קינדער צו עלטערן, אָבער נישט חתנים צו כלות...

ער פאַרמעקט עס מיט צוויי גראָבע שטריכן. נעמט אַ צווייטן בויגן פּאַפּיר און הייבט אָן ווייטער צו טראַכטן. עס פליען אים דורך אין מוח אַלערליי ווערטער, אַלערליי רעיונות, דאָך דער רעיון, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות צו אַ כלה, פעלט אים.

עס פּלאַצט אים ענדלעך די געדולד, ער גיט מיט אַ כעס אַ וואָרף די פעדער.

— וואָס גייסטו נישט שלאָפֿן, חיים? — פֿרעגט דער טאַטע הוסט־
דיק אין בעט.

— שלאָף, שלאָף, נישט דיין דאגה! — ענטפֿערט חיים צערייצט.

— ער איז אין כעס, וואָס דער טאַטע האָט אים נישט געגעבן לערנען
נאָך צו א בעסערן לערער.

— שלעכט! — ברומט ער מיט פֿאַרדראָס. — איך וועל קיין בריוו
נישט אָנשרייבן — איך ווייס אפֿילו נישט, ווי אזוי מען הייבט אָן.

— אפשר עמעצן בעטן? — לויפֿט אים דורך אין מוח.

מיט גרויס שמחה פֿאַלט ער ארויף אויפֿן פּלאַן. איצט איז זיין מוח
איינגאַנצן פֿאַרנומען מיט דער פֿראַגע: וועמען בעט מען?...

— גריינפֿעלד! גרינפֿעלד! — שרייט ער כמעט אויס.

— וויאַזוי האָב איך דאָס פֿאַרגעסן אין גרינפֿעלדן, איך וואָלט דאָך
פֿאַרשפּאָרט דעם קאָפּ צו ברעכן!

גרינפֿעלד איז א יונגער לערער. א פֿריילעכער יונג, שפּילט מיט באַ־
לעבאַטישע טעכטער אין „ליבעס", לייענט א סך ראָמאַנען און שרייבט
אמאָל אין בלאַט וועגן א „שרפֿה"...

אויף מאָרגן גייט חיים אוועק צו אים.

— עס איז מיאוס צו דערציילן — קלאָגט זיך, כלומרשט שמייֵ־
כלענדיק, חיים פֿאַר אים — איך דאַרף אָנשרייבן צו דער כלה א בריוו
און איך האָב עפּעס נישט קיין רעכטן געדאַנק.

— נישקשה! — טרייסט אים דער לערער, ווי א דאָקטאָר זיין פּאַ־
ציענט. — דאָס איז חלילה נישט קיין סכנה, דאָס טרעפֿט אָפֿט ביי חת־
נים. אָט האָב איך יענע וואָך אויך פֿאַר א חתן אָנגעשריבן א בריוו, ער
גענומט דריי טוֹיזנט רובל נדן...

— וואָס וועט איר פֿאָרט שרייבן? — האָט חיים נייגעריק גע־
פֿרעגט.

— דאָס וועט איר שוין הערן! — האָט גרינפֿעלד מיט גדלות גע־
ענטפֿערט. ער איז צוגעגאַנגען צום טישקעסטל, ארויסגענומען פּאַפּיר
און א נייע פֿעדער און ער איז שוין געווען גרייט צו שרייבן.

— זאָגט מיר נאָר, ווי הייסט די כלה? — האָט ער געפֿרעגט מיט
א טאָן פֿון א דאָקטאָר, וואָס ווענדט זיך צו א חולה, ער זאָל באַווייזן די
צונג.

— רייזעלע — האָט חיים שעמעוודיק געענטפֿערט.

— ראָזע! — האָט פֿאַרריכט גרינפֿעלד. — אָך, זייער גוט, זייער גוט! אַזאַ נאָמען גיט שמאָך צום שרייבן. א נאָמען אין אַ בריוו צו א כלה איז נישט קיין קליינקייט, דאָס איז דער הויפּט־העלד אין א ראָמאַן, איר פֿאַרשטייט?

היים האָט אפילו אמאָל געלעזן ראָמאַנען, נאָר די לעצטע צוויי יאָר, זייענדיק פֿאַרדרייט מיט שידוכים, זענען אים ארוים די גאַנצע ראָ־מאַנען פֿון קאָפּ. דאָך האָט ער געענטפֿערט:

— איך פֿאַרשטיי.

גרינפֿעלד האָט אָנגעהויבן צו שרייבן און אין א האַלבע שעה ארום איז געווען פֿאַרטיק א לאַנגער בריוו.

גרינפֿעלד האָט דעם בריוו הויך געלייענט פֿאַר היימען און יעדעס דייטשישע וואָרט האָט ער שטאַרק צוגעדריקט, ווי ער וואָלט וועלן געבן אָנצוהערעניש, אַז אַזוינע דייטשישע ווערטער קאָסטן נישט ביליק... היים האָט עס געפֿילט, און ער האָט די גאַנצע צייט, בשעת גרינפֿעלד האָט דעם בריוו געלעזן, געהאַלטן די האַנט אין טאַש, ווו דאָס געלט איז געלעגן.

— „מאָנד" איז, דאַכט זיך, דער הימל אויף דייטש? — האָט היים געפֿרעגט, ווען גרינפֿעלד האָט געענדיקט לעזן דעם בריוו.

— ניין! מאָנד איז די לבֿנה! — האָט גרינפֿעלד דערקלערט. — אין יעדן בריוו צו א כלה מוז זיין מאָנד.

— עס איז א דין צי א מנהג? — האָט היים כלומרשט געלאַכט.

ער האָט אים באַצאָלט פֿאַר דעם בריוו און איז געשווינד ארוים.

אַז ער האָט דעם בריוו ביינאַכט איבערגעשריבן מיט זיין אייגענער האַנט, האָט ער אים פֿאַרגעלעזן פֿאַר דעם טאַטן און דער מאַמען. דער טאַטע האָט מיט גרויס מבֿינות געלויבט די דייטשישע ווערטער און האָט זיך געוווּנדערט, ווו האָט עס זיין היים זיך אויסגעלערנט. די מאַמע האָט זיך געקרימט און געמורמלט:

— אַזאַ בריוו, אַזאַ בריוו! געדאַרפֿט נעמען פֿינף הונדערט רובל נדן!... נישקשה, זיי וואָלטן געגעבן, די חזירים!...

1902

שכר־לימוד

— טאַטע, דער רבי האָט געבעטן געלט! — האָט שלומקע אויסגע־שאָסן, אריינקומענדיק פארנאַכט אהיים פון חדר.

— ווייטער געלט! — האָט הנן זיך שמערצלעך פארקרימט. — ווי לאַנג האָב איך מיט דיר געשיקט דריי רובל!

— ער האָט געזאָגט, אז עס איז שוין באלד סוף הזמן און דו האָסט ערשט אָנגעגעבן זיבן רובל, נאָך אכט רובל קומט. ער דארף האָבן! — האָט שלומקע שוין בייזלעך געענדיקט, קראַצנדיק זיך אין קעפל.

— שאַ, נאָר בייזער זיך נישט, מיין תכשיט — האָט הנן נערוועז געזאָגט, דערמאַנענדיק זיך, אז עס איז שוין טאַקע לאַנג צייט צו שיקן געלט.

ער איז אנטשוויגן געוואָרן און האָט מיט יאוש געצופט דאָס בערדל, ווי ער וואָלט פרעגן ביים אים: „וואָס זאָגסטו, מיין בערדל, צו אזא אומגליק"...

נישט דערוואַרטנדיק פון בערדל קיין שום עצה, האָט ער גענומען פירן מיט דער האַנט איבערן גאַנצן פנים, און אז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט ער געהויבן פון קאָפּ די היטל, ארויף און אראָפּ, דאָ אינ־גאַנצן עס אראָפּגענומען און אין האַנט צוגעהאַלטן, דאָ ווידער עס אָנ־געטאָן, און איבערהערנדיק דאָס עטלעכע מאָל, איז דער וואָלקן פון זיין צעקנייטשט פנים ווי העלער געוואָרן, אין די אויגן האָט עפּעס זיך א פייערל באוויזן און ער האָט שוין גוטמוטיקער ארויסגעזאָגט, נישט קוקנדיק קיינעם אין די אויגן:

— מען דארף מאָרגן פארקויפן דאָס פעקל זוימען!...

— וועסטו מאָרגן געבן געלט? — האָט שלומקע געפרעגט, דער־הערנדיק, אז דער טאַטע וועט מאָרגן פארקויפן דעם פעקל זוימען.

— איבערמאָרגן, מיין זון!

— איבערמאָרגן! איבערמאָרגן! — האָט זיך שלומקע געוואָרפן,

פאַרשטעלנדיק זיך אין זיין דמיון, וויאַזוי ער וועט מאָרגן דאַרפן אַריין אין חדר און קוקן דעם רבין גלייך אין פּנים אַריין און זאָגן אים, „נישטאָ“...

— שטיל! — האָט חנן ווייך זיך געבייזערט. — איך זאָג דיר אי־בערמאָרגן, איז איבערמאָרגן — געזאָגט איז געזאָגט!...

— אינדערמאמתן, וואָס מאכסטו אזוינע העוויות! — האָט זיך שוין די מאמע אריינגעמישט. — עס ברענט דאָך נישט! דער טאַטע זאָגט איבערמאָרגן איז איבערמאָרגן.

שלומקע האָט זיך מיישב געווען, אַז עס איז טאַקע נישט קיין אומ־גליק, האָט זיך גלייך פאַרגעסן אין דעם און געבעטן וועטשערע.

— אַלץ ווילסטו — האָט די מאמע האַלב ערנסט און האַלב שמיי־כלענדיק גערעדט — אַ געלט פאַרן רבין, אַ וועטשערע, ניעבאַ וואָלסטו פאַרדינען...

— איך בין דאָך נאָך אַ קליינער! — האָט שלומקע זיך פאַרענט־פערט...

— אַ שיינער קליינער — 12 יאָר אַ בחור! — האָט די מוטער גע־זיפצט גלאַט אין דער וועלט אריין.

אויף מאָרגן פרי נאָכן דאַווענען האָט חנן געעפנט דעם שפּייכלער, וואָס האָט זיך געפונען אויפן הויף, און האָט באַטראַכט דאָס פּעקל זוי־מען, וואָס איז געלעגן רואיק אין אַ ווינקל פון גרויסן זאַסיעק. די איבע־ריקע צוויי זאַסיעקעס זענען געווען ליידיק און האָבן מיט אומעט און מיט פאָרוואורף געקוקט אויף חננען, וואָס ער האָט אין זיי שוין אַזוי לאַנג נישט אַריינגעשאָטן קיין תבואה.

חנן האָט אריינגערוקט אין זאַסיעק די האַנט, אַרויסגענומען אַ הויפן זוימען און האָט געטראַכט אויפן קול:

— שיינער זוימען — ער וועט אוודאי האָבן 7 מאָס!

ער האָט געפירט מיט איין פינגער פון דער לינקער האַנט אויפן ביסל זוימען, וואָס האָט זיך געפונען אין דער רעכטער האַנט, און האָט ווייטער געטראַכט:

ער קאָסט אָבער שיינע געלט! טייערע מקחים געצאָלט, פרווו אָבער, וויז דאָס דעם סוחר לעווינען, וועט ער פאַרקרימען די נאָז און זאָגן: ס'איז שוואַכע סחורה, און ער וועט דיר אָפּשניידן נאָז און אויערן; אַ קליי־ניקייט — אַ יין סוחר... — האָט ער זיך צעזיפצט.

און חנן מאכט א חשבון, אז דאָס פּעקל זוימען קאָסט אים דירבשגיטלעך צו זיבן גילדן א פּוד; אז דער סוחר זאָל אפילו געבן צו 7 מיט צען, קאָן ער האָבן פון הונדערט פּוד הונדערט צענגערלעך — פינף רובל, איז פּראָצענט פון געלט שוין אָנגעוואקסן אוודאי צוויי רובל, בלייבט אים רייגער ריווח דריי רובל.

חנן זיפצט און טראכט עצות, וויאזוי פארדינט מען פון דעם פּעקל זוימען כאָטש צען רובל.

און ער צופּט דאָס בערדל, רייבט דאָס פּנים, מישט דעם זוימען און הייבט די אויגן צום בוידעם פון שפּייכלער...

אויפן בוידעם איז יאָ דאָ א מיטל, ווי צו פארדינען: דאָרטן ליגן דריי זעקלעך מיט „זעליא“, עס קאָסט סך־הכל צו גילדן א פּוד, דאָס זאָל מען ארייננשיטן, נאָכדעם, ווי דער סוחר וועט דאָס פּעקל זוימען אָנקוקן, א דריי פיר פּוד, קאָן זיין עטלעכע רובל ריווח...

עס איז אָבער „אָבמאַן“, גנבה, חנן וויל זיין אן ערלעכער סוחר, חנן האָט מורא פאר גאָט און פאר זיך אליין...

פאר זיך אליין מער ווי פאר גאָט... נאָך אזא מעשה, וועט אים גאָט אפשר מוחל זיין, גאָט ווייסט האָך, אז ער איז נישט שולדיק — די נויט, זי טוט עס. אָבער ער, חנן, איז א שלעכטער, ער וועט זיך אזעלכע מעשיות קיינמאָל נישט מוחל זיין און נאָכדעם עסט ער שטענדיק זיך אליין:

„וואָס האָסטו דאָס געטאָן, חנן, הא? שיין אזוי, גוט אזוי, ערלעך אזוי?... באַרעכן זיך, חנן!“...

און חנן הערט אויף צו קוקן אויפן בוידעם, ווו די זעקלעך מיט די פסולת ליגן און באַשליסט צו האַנדלען ערלעך...

— ערלעך, ערלעך, ערלעך! — שרייט ער אויס און פארשליסט דעם שפּייכלער און גייט רופן דעם סוחר...

דער סוחר לעווין, א הויכער ייד, מיט א רויט פּנים, מיט קליינע שווארצע אייגעלעך, פארקאַטשעט די אַרבל און לאָזט זיך אראָפּ גרונטעווען אין ווינקל פון זאַסיעק.

— עס איז 7־מאָסיקער! נישטאָ גאָר וואָס צו שמועסן! — קאָן זיך חנן נישט איינהאַלטן און לויבט זיין סחורה, נאָך איידער דער סוחר באטראכט עס אליין.

דעם סוחר פאַרדריסט, וואָס הנן, אזא קליין ווערימל, זאָגט אים פריער, איידער ער אליין האָט נאָך באַטראַכט, וויפל מאָס דער זוימען האָט, און ער זאָגט ארויס קאַלט:

— באַלד וועלן מיר אליין זען, וויפל מאָס ער האָט!

הנגען קלאַפּט דאָס הארץ פון שרעק, מאָמער געפינט דער סוחר, אז דער זוימען איז בישט זיבן מאָס. — עס איז דאָך א גזלן א ייד — טראַכט ער, און ער פרוווט זיך ווירקן אויפן סוחרס מבינות מיט א גוט וואָרט:

— אייך פאַניע לעווין, דאַרף מען שוין בישט זאָגן, איר ווייסט, פאַניע לעווין, אליין — איך וואָלט עס פאַרמאָגט איצט א צענטהלק, וואָס איר האָט שוין איבערגעשיקט זוימען קיין קעניגסבערג...

— יאָ, ברודער, מעגסט זיך עס ווינטשן! — זאָגט לעווין מיט גדלות, גרונטעווענדיק זיך אלץ אין די זוימען. — וואָס וואָלסטו אָבער געטאָן מיט אזויפיל געלט?

— כע... כע... כע... — לאַכט ביטערלעך הנן. — איך וואָלט שוין געוווסט וואָס צו טאָן... איך וואָלט געהאנדלט, ווי איר, „אויף קעניגס-בערג“...

— דער זוימען האָט מער נישט ווי פינף מיט א האַלבע מאָס — העכסטנס זעקס! האָט פלוצים לעווין ארויסגעזאָגט זיין מיינונג.

הנגס געמאַכטער שמייכל, וואָס איז געלעגן די גאַנצע צייט אויף די ליפּן, איז פארשוונדן; קוים שטייענדיק אויף די פיס, האָט ער ארויסגערעדט:

— וואָס רעדט איר, פאַניע לעווין?

— אָט דאָס וואָס דו הערסט! — האָט דער סוחר קאַלט געענט-פערט.

— איז וויפל, הייסט עס, גיט איר? — האָט הנן מיט א געקלעמטן קול געפרעגט.

— צו 98 קאָפּיקעס — דאָס איז הויך געצאָלט. זוימען איז איצט געפאַלן — האָט לעווין רואיק ארויסגעזאָגט.

— פאַניע לעווין, איר פארלאַנגט, איך זאָל נאָך צולייגן?... — האָט זיך הנן געבעטן און בשעת-מעשה האָט זיך אים געוואָלט אויס-שרייען: „אָ, דו גראָבער גזלן!“ און ארייננשטעכן אים א מעסער...

— איך קאָן אוודאי נישט צולייגן! — האָט לעווין טרוקן געענט־פערט און געוואָלט ארויסגיין.

— זייט עפעס מוסיף! — האָט זיך חנן געבעטן און אין זיין קול האָט זיך ווי טרערן געהערט.

לעווין איז צוגעגאנגען נאָכאמאָל צום זאסיעק, פארקאַטשעט נאָכ־אמאָל די ארבל פון זיין שווארצן ראָק, זיך געלאָזט גרונטעווען, און ארויסגערעדט:

— מילא, דו האָסט נאָך צוויי קאָפּיקעס, גלייך צו רובל — די טשעפּעסט זיך צו, ביסטו ווי א פעך...

— מער גיט איר טאַקע נישט?

לעווין האָט געמאכט א מינע, ווי ער איז אין כעס, און האָט נישט געענטפערט. חנן האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מינע. וואָס וועט ער אים טאָן, אז ער וועט דערפאר גאָרנישט וועלן קויפן ביי אים? און א קוק טוענדיק אויפן בוידעם, ווו די זעקלעך פסולת זענען געלעגן, האָט חנן, ווי מיט א געמאכטן כוח, ארויסגעריסן פון מויל:

— מילא, פאַר אייך. ווען וועט איר עס צונעמען?

— פיר דעם זייגער שיק איך דעם „מענטשן“ מיט פורן.

— גוט! — האָט חנן מסכים געווען און געקוקט מיט שרעק אויפן בוידעם. דער סוחר האָט שוין געוואָלט אוועקגיין און האָט געוואָרפן זיינע שווארצע אייגעלעך איבערן שפייכלער.

— נאָר דו שיט מיר נישט אריין קיין „פסולת“, ווי איר חברה הענדלער האָט ליב... — האָט ער געוואָרנט.

חנן איז בלייך געוואָרן, און כדי דער סוחר זאָל עס נישט פארשטיין, האָט ער גענומען זיך שווערן:

— אַך, זאָל מיך גאָט אויסהיטן פון אזעלכע זאַכן, וואָס רעדט איר? נאָר הנגנן האָט זיך געדאכט, אז דער סוחר פארשטייט זיינע געדאנקען, און כדי דער סוחר זאָל אויף אים קיין חשד אפילו נישט האָבן, האָט זיך ביי אים ארויסגעריסן פון מויל:

— איר קאָנט אייך נעמען ביז פיר דעם זייגער דעם שליסל פון שפייכלער...

— יאָ, דאָס וואָלט טאַקע נישט געשאדט — איז לעווינען געפעלן געוואָרן דער פּלאַן — אז ערלעכער מאַן ביסטו יאָ, נאָר האנדלשאפט, ווייסט דאָך...

— מיטן גרעסטן כבוד, מיטן גרעסטן כבוד! — האָט חנן געשריגן, ווי פארצווייפלט פאר הרטה, וואָס ער האָט אזא זאך פאָרגעלייגט. דאָס פּנים האָט אים געברענט, אין די שלייפן געקלאַפּט, און מיט גרויס מאַטערניש איז אים געלונגען זיך איינצוהאלטן, נישט אויסצושרייען:

— קוילע! קוילע! קוילע!...

מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער פאַרשלאָסן די טיר, ארויסגענומען דעם שליסל און מיט א שמייכעלע, וואָס האָט געקאָנט שטעכן אין זיבעטן ריפּ, האָט ער זיך געווענדעט צו לעווינען:

— אָט האָט איר אייך דעם שליסל!...

— גוט, גוט! — האָט לעווין צופרידן אויסגערופן, באהאלטנדיק דעם שליסל טיף אין קעשענע.

— נאָר שפּעטיקט זיך נישט, פּאַניע לעווין — האָט חנן כמעט ווי געוויינט — מען הארף אמאָל עפּעס האָבן אין שפּייכלער. נאָר לעווין איז שוין ווייט געווען, און חנן האָט זיך אליין געזידלט:

— אוי, דו תרח, תרח! וואָס האָסטו דאָ געטאָן, דו וועסט דאָך איצטער בדלות ווערן... ווו וועסטו נעמען שכר־למוד?...

און חנן האָט פאַרבראָכן די הענט, די אויגן מיט פונקען געשאָטן. ער איז אזוי געבליבן שטיין ביים שפּייכלער און אָנגעהויבן זוכן אן אָרט, ווו אריינצוגיין צוריק!... נאָר דער שפּייכלער איז געווען פאַרמאַכט פון אלע זייטן, אויסער א קליין, לאנג, שמאָל פענצטערל, אָן אַ שייבל... חנן האָט געקוקט אויפן פענצטערל, געקוקט, געפּרוווט מעסטן, צי וועט ער קאָנען אריינגיין, נאָר אומזיסט, ווי נישט אויסגעדאַרט ער איז געווען, איז ער פאַרט פאר דעם פענצטערל צו דיק געווען.

צוויי אזייגער איז געקומען שלומקע פון חדר.

— נו, טאַטע, וועסט געבן געלט מאָרגן דעם רבין?

חנן האָט נישט געענטפערט. ער האָט אויסגעשטעלט די אויגן, און שטאַרק פאַרטראַכט האָט ער געקוקט אויף שלומקען.

— וואָס קוקסטו אזוי אויף מיר, טאַטע? — האָט שלומקע געלאַכט.

שלומקע האָט זיך פאַרשעמט און האָט אראָפּגערוקט דאָס היטעלע, און נישט קוקנדיק אויפן טאַטן, האָט ער ווייטער געפרעגט:

— זאָג, וועסט געבן?

— שלומקע! ווילסט זיין א כוואַט? — האָט חנן אָנשטאָט צו ענטפערן געפרעגט.

— וואָס איז?

— קום אויפֿן הויף, איך וועל דיר עפּעס זאָגן.

א נייגעריקער איז שלומקע ארויסגעגאנגען נאָכן טאַטן אויפֿן הויף.

— וואָס טאטע?

חנן האָט אים צוגעפירט צום שפּייכלער, און אָנווייזנדיק אויפֿן פענצטערל, וואָס איז נישט הויך געווען, האָט ער געפרעגט:

— דו וועסט קאָנען דורכקריכן דורכן פענצטערל?

— אויך מיר אַ פאַראַדע! — האָט שלומקע גערעדט אויפֿן ייִנגלשן לשון, דערהערנדיק אז דער טאטע אליין הייסט אים „שטיפן“ א ביסל.

— טאָ קריך, מיין גאָלד, אריין — האָט חנן גערעדט און האָט זיך געשעמט פאר זיין ייִנגעלע און פאר זיך אליין — און קריך נאָכדעם ארויף אויפֿן בוידעם... דאָרטן ליגן זעק מיט זעליא... ווייסט דאָך.

— איך ווייס, איך ווייס... וואָס מען שיט אין זוימען! איך האָב אמאָל געזען! — האָט שלומהקע פריילעך פון זיין געניטקייט אויסגעשריגן.

— שאַ, שריי נישט, גאַריש ייִנגל! — האָט זיך חנן געבייזערט. — קריך ארויף אויף דעם בוידעם, בינד אָפּ א זאק און שיט אריין אין דעם זאסיעק זוימען, אָבער מען דאַרף נאָכדעם גוט אויסמישן... וועסט קאָנען?

— יאָ, יאָ! — האָט זיך שלומקע אָנגעכאַפּט, איך מיש אַלעמאָל מיטן שופעל.

— נו, קריך! נאָר פאמעלעך...

שלומקע האָט זיך אָנגעהאָנגען אויפֿן פענצטערל און געשווינד, ווי א קאַץ, איז ער פארשוואונדן דורכן פענצטערל אין שפּייכלער אריין.

חנן איז געשטאנען מיטן פנים צו דער גאַס און געהיט. דאָס האַרץ האָט אים געקלאפּט און פאר די אויגן איז אים געשטאנען לעווין מיטן שליסל אין האנט...

— נו, וואָס הערט זיך? — איז ער צוגעגאנגען צום פענצטערל אין פינף מינוט ארום.

— איך מיש! — האָט שלומקע פריילעך אויסגעשריגן. — צוויי זעק האָב איך אריינגעשאָטן.

חנן איז לכתחילה א פארציטערטער געוואָרן און האָט שטילערהייט אין פענצטערל אריינגעשריגן:

— גזלן! איך וועל דיך הרגענען! האָסט געפּטרט דעם זוימען.

— איך מיש אוים גוט! — האָט שלומקע געשריגן. עס וועט נישט זיין קענטיק.

— נו, א ייִנגעלע! — האָט חנן געטראכט און א געפיל פון ווייטיק

און פאַרגעניגן האָט אים דורכגענומען. — מילא צוויי זעק איז צוויי זעק! — האָט ער זיך באַרואיקט, איצטער וועט אפשר זיין פּרנסה... וואָס זאָל מען טאָן?....

— שוין טאַטע! — האָט שלומקע אין 10 מינוט אַרום אויסגעשריגן דירכן פענצטערל.

— גוט אויסגעמישט?

— גוט!

א פאַרשוויצטער איז שלומקע אַרויסגעקראָכן, זיינע שטענדיק בלייכע דאַרע בעקלעך, זענען געווען רויט, די אייגעלעך האָבן געגלאַנצט, און איינגאַנצן שיינענדיק פאַר גליק, וואָס דער טאַטע האָט אים געטרויט אַזאַ אַרבעט, האָט ער פון קעשענע אַרויסגענומען א פּראָבקעלע זוימען און געוויזן דעם טאַטן:

— גוט? האָט ער געפרעגט א צופרידענער.

— כאַפּט אים דער מייוול! — עס וועט זיין גוט... דער גזלן... ער געטרויט נישט... דעם שליסל נעמט ער צו, ער איז אַליין א גנב...

שלומקע האָט געקוקט אויפן טאַטן און נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער איז אַזוי צעטראָגן.

— נו , מאָרגן וועסטו געבן געלט פאַרן רבין?... — האָט ער געפרעגט.

— ווי דען מיין זון! — האָט דער טאַטע זיכער געענטפערט, 5 רובל גיב איך דיר מאָרגן...

און ווירקלעך איז אויף מאָרגן שלומקע געפלויגן מיט א נייער 5-רובלדיקע אין חדר אַריין. דער רבי האָט אים א קניפּ געטאָן אין באַק און געזאָגט: א שיינער בחור. שלומקען האָט זיך פאַר שמחה געוואָלט דערציילן נעכטיקע בריהשאַפט זיינע, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער טאַטע האָט אים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל למען השם קיינעם, קיינעם נישט דערציילן.

און שלומקע האָט זיך גענומען לערנען גאָטס תורה, האַלטנדיק דעם נעכטיקן סוד טיף אין זיין קליין יונג הערצעלע, וואָס האָט אים שטאַרק געדריקט.

אַנדערש אָבער האָט דער סוד געדריקט זיין טאַטן חנן...

1902

די לעצטע געסט

בערע גימפּלס איז אַ געוועזענער באַלעבאָס, וואָס האָט שוין לאַנג מיט דער פאַרהאָרעוועטער, פאַרטאַראַראַמטער וועלט געקוויטירט די חשבונות. ער איז שטענדיק געווען אַ בית־מדרש־ייד; אהיים פלעגט ער בלויז קומען עסן און שלאָפן — שלאָפן. די אייגענע היים איז אים שטענדיק ענג געווען. עפּעס דרייט זיך דאָרט אַרום אַ יידענע, וואָס איז אין אַ געוויסן זין געווען אַמאָל זיין ווייב, אָבער וואָס גייט אים לחלוטין גישט אָן. דאָס אמתע לעבן איז אין בית־מדרש. און נאָך דעם ווי ער האָט זיינע קינדער אויסגעגעבן אין וווייטע שטעט איז אים זיין אייגענע היים נאָך פרעמדער געוואָרן. שפּעטער איז אויך די ווייב אים געשטאָרבן און ער איז אינגאַנצן געבליבן לעבן אין בית־מדרש.

דער בית־מדרש איז געוואָרן זיין היים.

מיט זיין היים איז ער געווען צופרידן און גליקלעך. דער בית־מדרש איז גרויס, ספרים — וויפל דאָס האַרץ גלוסט! אויף די באַנק, וועלכע ער האָט אויסגעקליבן צו שלאָפן, איז געווען גענוג ברייט פאַר זיין מאָגערן, אויסגעדאַרטן גוף.

מער פון אַלץ אָבער איז ער געווען גליקלעך מיט דער שטענדיקער פרייליכקייט אין בית־מדרש. ווינטער, פאַרטאָג, ווען אין אַלע הייזער איז פינצטער און אין דרויסן איז אַזוי מרה־שחורהדיק שטיל, איז שוין אין בית־מדרש ליכטיק און באַלעבאַט. עס איז שוין דאָ העם רבם זון, דער מתמיד, וואָס הוידעט זיך איבערן שטענדער מיט דער אָפענער גמרא און דאָס קולכל קלינגט ווי אַ גלאָק. אויך דער אַלטער משה, דער קרעמער, וואָס קומט דאַווענען ותיקין, איז ביי בערע גימפּלס אַן אָנגעלייגטער גאַסט. משה דער קרעמער איז אפילו אַ ייד, אַ שווייגער, אָבער ער שווייגט אַזוי פריילעך, רייבט די הענט און קוקט זיך אַלע ווײַלע איבער מיט בערע גימפּלס, און ביידע זעען אויס ווי צוויי פאַרליבטע, וואָס האָבן שוין גישט איבער וואָס צו רעדן, דערפאַר איז אָבער דאָ ווענן וואָס צו טראַכטן... ביַּל־

קומט אָן וועלוול דער בעקער מיט א גוט שמייכעלע אויפֿן לוסטיקן פּנים און מיט א וויצעלע, וואָס בערע גימפּלס האָט שוין פיל מאָל געהערט, אָבער איז אים שטענדיק ניי און אָנגעלייגט.

אויך העניעך דער שוסטער, וועלכער איז פון די ערשטע, וואָס קומען אין בית־מדרש צו ותיקין, איז ביי בערען א חשובער ייד. וואָרעם אז בערע גימפּלס טראכט זיך גוט אריין אין דעם ענין, איז ר' יוחנן אויך געווען א שוסטער, בפרט אז העניעך אליין איז שוין לאנג אוים שוסטער און דעם וואַרשטאַט פירן איצט גאָר זיינע בנים... העניעך אליין האָט זיך גאָר גענומען צו תהילים און צו א גרינגערן פּרקל משניות....

די און די אנדערע עלטלעכע יידן, וואָס קומען די ערשטע אין בית־מדרש אריין, זענען געווען בערע גימפּלס געסט. בערען האָט זיך געדאַכט, אז דאָס קומען זיי צו אים, און ער האָט געהאַלטן פאר זיין חוב צו זיין מכניס־אורח און יעדן אויפנעמען מיט א פריינדלעכן פּנים, בסבר פּנים יפות! מיט די בארעדעוודיקע צו שמועסן, מיט די שווייגנדיקע צו שווייגן און מיט אבלים — אזוינע זענען אויך געווען — צו פילאָסאָפירן וועגן העכערע ענינים, וואָס זענען ווייט פון געוויינלעכע שמועסן.

נאָך ותיקין צעגייען זיך די דאָזיקע יידן און עס קומען שוין אָן גאָר אנדערע האַוונער, די אמתע באַלעבאַטים. מיט זיי איז בערע גימפּלס אוודאי און אוודאי געקניפּט און געבונדן. דאָס זענען אלע זיינע געסט, פאר זיי האָט ער דעם אמתן גוטן שמעק־טאַבאַק. און אפילו די, וואָס קומען שוין צום דריטן מנין, די סוחרימלעך און מארק־מענטשן, און זענען שטארק פארשמייעט, נעמט בערע גימפּלס אויך אויף ווי געסט, און אז זיי האַלטן שוין ביי עלינו און שפּייען אוים אין איילעניש, פּרווט זיך בערע גימפּלס מאַנכע פון זיי צו פארהאַלטן:

— איר האָט נאָך צייט, עס איז נאָך קיין גיין נישטאָ.

און בערע כאַפּט זיך דערוויל, אז מען דארף אָנציען דעם זייגער. דאָס איז שוין זיין ארבעט, דער שמש מעג זיך אויף אים פארלאָזן!...

אָבער אפילו נאָך די דריי מנינים איז דער בית־מדרש אויך נישט ליידיק. דעם רבס זון, דער מתמיד, קומט נאָכן אָנבייסן ווידער לערנען, און בערע גימפּלס טראָגט אים צו די גמרא. שפּעטער קומט אריין פּנחס דער תלמוד־תורה־מלמד א קוק טאָן דעם זייגער. אָבער אזוי ווי דער דאָזיקער פּנחס איז שטארק קורצזיכטיק, מוז ער אָנקומען צו בערע גימפּלס און בערע גימפּלס ענטפערט אים אויף די מינוטן:

— צוויי מיט דריי־פערטל מינוט צו איינס.

נאָך שפּעטער פאַלט אַריין אַ ייד, אַ קרעמער, וואָס זיין קראָם איז הינטערן בית־מדרש, און אַזוי ווי דער פּדיון איז קליין, צעשמועסט ער זיך מיט בערען וועגן נעכטיקן מגיד, וועגן פּוילישן קלויסטער, וואָס די מלוכה גייט פאַרשליסן. נאָך דעם פאַלט אַריין נאָך אַ ייד פון גאַס כּלומרשט נעמען אַ גמרא, אָבער אַזוי ווי דער שמועס איז שטאַרק ענינדיק, בלייבט ער שוין איבער און בטלט די צייט מיט בערע גימפּלס. דערווייל קומט אָן סתם אַ באַלעבאַטיש בחורל, וואָס איז שוין האַלב אַ סוחר אין מאַטנס געשעפט און האַלב נאָך אַ בן־תורה. אָבער בערע גימפּלס נעמט אויך אַזוינעם צו ווי איינעם, וואָס איז צו אים געקומען.

אין פאַרלויף פון טאָג קומען אַריין אין בית־מדרש אַלערליי מענטשן, און מיט יעדערן האַלט בערע פאַר זיין חוב צו שמועסן אַ ביסל. ווייל ווער אַ ספר און געפינט נישט אַזוי גיך אין דעם גרויסן אָפענעם אַלמער מיט די צענדליקער פאָליצעס, לויפט בערע צו, און פאַרזשמורענדיק די אויגן, לויפט ער דורך אַלע רוקנס פון אויבן ביז אַראָפּ. געפינענדיק דעם ספר, נעמט ער אים אַרויס, באַטראַכט אים, עפנט אויף און לייענט אים איבער דעם שער־בלאַט:

— אָט האָט איר דעם יערות דבש... שוין! איר זייט טאַקע אַ מבין אויף אַ ספר... און אַז איינער וויל דעם ידין אמונה, האָט ער אויך אַ גוט וואָרט:

— דער ידין אמונה.... איך גיב אייך שוין... אַ זעלטענער ספר.

בייטאָג קומען אַריין מיט רעש און געפילדער מחנות יינגלעך פון תלמוד־תורה און פון די חדרים, וואָס ליגן אין בית־מדרש־געגנט. דער שמש, אַ בייזלעכער ייד, האָט בדעה, זיי גלייך אַרויסצוטרייבן מיט זיין געוויינלעכן נוסח: „אַרויס, שקצים, פון בית־מדרש, קיין זוואַניע זאָל פון אייך נישט בלייבן!“ אָבער בערע גימפּלס, וואָס האָט זיך שוין איינגעבילדעט, אַז דער בית־מדרש איז זיין היים, דערלאָזט עס נישט. די קינדער קומען צו אים. ער האָט די קינדער ליב און ער שטעלט זיך איין פאַר זיי:

— וואָס אַרט אייך, אַז די קינדער קומען אין בית־מדרש? אדרבא, עס איז דאָך בעסער, ווי זיי וואָלטן געשטיפט אין מיטן מאַרק ווי שקצים, להבדיל...

און אַז דער שמש בלייבט אָפּהענטיק נאָך אַזאַ אַרויסטרעטונג און באַנוגנט זיך בלויז מיט אַ קרומען בליק, וואָס ער וואַרפט אויף די קינדער, רופט צו בערע גימפּלס איינעם פון דער כאַליאַסטרע יינגלעך, נעמט אָן

מיט צוויי מיטלסטע פינגער דעם יינגלס פּאַרפּלאַמט בעקל, און אָנבייגנ־דיק זיך צו אים, פרעגט ער מיט א פריינדלעכן שמייכל:

— לערנסט שוין, יינגעלע, גמרא?

דאָס יינגעלע ענטפערט מיט שטאָלץ: יע...

— וועלכע?

— לקח טוב!...

בערע גימפּלס צעלאַכט זיך שטאַרק:

— לקח טוב?... הם... עס איז נישט קיין גמרא, אָבער אזוי ווי גמרא... וועסט שוין גרייכן צו גמרא אויך.

— און דו, יינגעלע? — ווענדט ער זיך צו א צווייטן.

— איך לערן חומש מיט רש"י! — קלינגט אָפּ א קינדערישער ענט־פער, און בערע גימפּלס מוטיקט אים:

— פיין, פיין, יינגעלע....

און בערע גימפּלס לאָזט אים שוין נישט אָפּ און נעמט אים פאַר־הערן:

— וואָס איז דער טייטש: „ויתרוצצו?"

— האָבן זיך געשטויסן...

— ריכטיק.... — קוועלט בערע.

ער פאַרקנייטשט דעם שטערן און פרעגט נאָך עפּעס:

— וויפל זין האָט געהאַט נח?

דאָס ווייסט דאָס יינגעלע אוודאי. ער צעלאַכט זיך און ענטפערט:

— וויפל נח איז קיין קונץ נישט צו וויסן... איך ווייס אפילו, וויפל זין יעקב האָט געהאַט.

— אדרבא, לאָמיר הערן.

— צוועלף! — קלינגט אויס דאָס יינגעלע און הייבט אָן ציילן: — ראובן, שמעון, לוי...

— איך זע, אז דו קענסט — האַקט אים איבער בערע גימפּלס.

און אויספרעגנדיק נאָך עטלעכע קינדער וועגן זייער לימוד, נעמט ער זיך צו עולם־הזה־זאַכן:

— וואָס האָסטו, יינגעלע, היינט געגעסן?

אָבער דערויף באַקומט ער שוין נישט קיין גענויע תשובה. ווייל, ערשטנס, ווייסן די יינגלעך, אז די שאלה איז שוין נישט ערנסט, נאָר צו שפּילן זיך מיט זיי, און, צווייטנס, האָבן נישט אַלע תלמוד־תורה־יינגלעך

געגעסן אזוינע מאכלים, וואָס האָבן אָפּיציעלע נעמען, און איינער שיסט אוים מיט אַ געלעכטער:

— ברויט מיט נישט...

די איבעריקע צעלאַכן זיך, הייבן אָן פּאַטשן מיט די הענטלעך און זינגען:

— ברויט מיט נישט! ברויט מיט נישט!

דערזעט שוין בערע גימפּלס, אז די יינגלעך ווערן צעלאָזן און קענען נאָך „אויפן קאָפּ ארויפקריכן“, מאכט ער זיך שטרענג און שטילט זיי איין:

— היינט געווג... גייט לערנען...

און אז די יינגלעך הייבן אָן זיך צעגיין, פאַרדריסט עס אים און ער רופט זיי צו:

— קומט, קינדער, אַלע טאָג אַהער... געוויינט זיך צו צו א בית־מדרש...

וויכטער סטאַרעט ער זיך, אז דער אויוון זאָל שטענדיק וואַרעם זיין. איבערהויפּט אַכט אַזייגער אין אָוונט, ווען די קינדער גייען פון די חדרים און לויפן אריין אין בית־מדרש זיך אָנוואַרעמען. דעם מער פאַרפרוירע־נעם יינגל פירט ער אליין צו צום אויוון און זוכט פאַר אים אויס, טאַפּנ־דיק מיט די הענט, דעם וואַרעמסטן פלאַץ:

— אָט דאָ, יינגעלע, איז גוט וואַרעם... פאַמעלעך, ברען נישט אָפּ די הענט!...

* *

*

אזוי זענען יאָרן געגאַנגען. בערע גימפּלס האָט נאָך אַלץ געוויינט אין בית־מדרש. אָבער פון די געסט, וואָס פלעגן צו אים קומען, האָבן שוין פיל געפעלט. ווער עס איז געשטאָרבן, ווער עס איז קיין אַמעריקע אוועקגע־פאָרן, און די איבעריקע זענען שוין ווייט פון בית־מדרש אוועקגעגאַנגען...

בערע האָט אָנגעהויבן וואָס ווייטער מער איינצוזען, אז דער בית־מדרש איז נישט דאָס, וואָס אַמאָל, און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַ־קלאָגן פאַר די, וואָס זענען נאָך יאָ געקומען אין מיטן טאָג:

— מען קומט שוין נישט מער צו מיר...

ער האָט זיך אָבער גלייך פאַרכאַפּט:

— איך מיין: אין בית־מדרש.

דאָס פֿארכאַפּן זיך איז אָבער געווען נישט קיין אויפֿריכטיקס; אויסן איז ער געווען דאָס, וואָס מען קומט נישט צו אים. געדאַכט האָט זיך אים, אז מיט דעם, וואָס מען פֿארלאָזט דעם בית־מדרש, פֿארלאָזט מען דאָס אים. ער האָט זיך געפֿילט ווי באַליידיקט און פֿלעגט זיך אוועקשטעלן ביים פֿענצטער פֿון בית־מדרש, ארויסקוקן אין דרויסן און זוכן מיט די אַלטע אויגן די אַמאָליקע געסט זיינע...

אָבער ער האָט קיינעם נישט באמערקט.

אויך די תּלמוד־תּורה איז איצט גאָר אן אנדערע געוואָרן. די מלוכה האָט זיך איינגעמישט און מען לערנט דאָרטן מיט בענק, ווי אין די שקאָ־לעס... די מלמדים מוזן זיין געשטודירטע, און די קינדער קומען נישט אהער ווי אמאָל...

און בלייבנדיק איינער אליין פֿון נאָכן דאַווענען אין דער פֿרי ביז מנחה, פֿלעגט ער אומגיין און מורמלען:

— מען קומט נישט, מען קומט נישט...

און וואָס ווייטער איז אויך אין דער פֿרי און מנחה־צייט דער בית־מדרש ליידיקער געוואָרן. דער מנין, וואָס איז אין מיטן וואָך קוים צוזאַ־מענגעקליבן געוואָרן, האָט אָפּגעדאַווענט אין דער גיך, און גלייך נאָכן דאַווענען זענען זיך אַלע צעגאנגען און בערען איבערגעלאָזן אליין מיטן שווייגנדיקן אונטער־שמש...

אָבער אויך דער אונטער שמש פֿלעגט אוועקגיין אין מארק אריין, און בערע פֿלעגט בלייבן איינער אליין...

און איינער אליין פֿלעגט ער ארומגיין פֿון ספֿרים־אלמער צום פֿענצ־טער, און מיד ווערנדיק, פֿלעגט ער זיך אנידערזעצן און קלאָגן אין דער שטיל, גלאָצנדיק די אויגן צו דער וויסטער בימה, איבערגעצויגן מיט דער טונקעלער מפּה:

— קיינער קומט נישט!...

* *
*

עס איז געווען שפּעט ביינאכט. אין עמוד האָט שוואך געצאנקט א שטיקל ליכט, וואָס איז געבליבן פֿון נעכטיקן יאָרצייט.

בערע איז געלעגן אויף דער באנק נישט ווייט פֿון טיר און שטיל, מיט נחת רוח, געקרעכצט.

ער האָט געפילט אין זיין גאנצן גוף א מאָדנע נייע מין מידקייט, א מידקייט, וואָס דערפרישט מער, ווי די יינגסטע כוחות... ער האָט זיך דער־פילט גרינג ווי א פעדער. אָט האכט זיך, הייבט ער זיך אויף און פליט אוועק ערגעץ...

ער האָט צוגעמאכט די אויגן, און מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט ער געזען, ווי עס עפנט זיך די טיר פון בית־מדרש און איינע נאָך די אנדערע קומען אריין אלערליי יידן, מיט ווייסע און שווארצע און רויטע בערד... זיי גייען און גייען און גייען, און הינטער זיי גייען גאַנצע רייען יינגלעך מיט גמרות אונטער די הענט, און זייערע אייגעלעך שטראלן מיט ליכט און פרייד... אָט איז שוין פול דער בית־מדרש מיט זיי, און זיי גייען נאָך און נאָך. און אָט זענען אַלע שטיין געבליבן. פון דער גאנצער מחנה האָט זיך אויסגעטיילט א הויכער זקן מיט א לאַנגער, ווייסער באָרד און זיך געלאָזט גיין מיט שטאָלצע, געמאָסטענע טריט און ברייט אויסגע־שפרייטע הענט — גלייך צו בערע גימפּלס. דער זקן האָט געזונגען:

„מיר זענען געקומען, מיר זענען געקומען!“

בערע האָט געוואָלט אויפשפרינגען און די אַלע אָנגעקומענע געסט באַגריסן און אויפנעמען זיי ווי אַמאָל. ער האָט אָבער נישט געקאָנט באַ־וועגן מיט קיין אבר.

די ליפּן בלויז האָבן קוים געמורמלט:

— געקומען, געקומען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס צאַנקענדיקע יאָרצייט־ליכט אין עמוד האָט זיך א הייב געטאָן מיט א קנאַק, זיך אראָפּגעלאָזט צוריק און איז פארלאָשן געוואָרן...

1914

דער נגיד

ווי נאָר די ערשטע פרילינגס־שטראַלן פלעגן פאַלן מיט זייער ערשטן פרישן חן אויף די וואַרשעווער שטיינערנע גאַסן, פלעגט לייבען אָנהייבן ציען אַהיים אין דעם קליינעם שטעטל, וועלכעס ער האָט פאַרלאָזט צו פופצן יאָר און ווו ער איז זינט דעמאָלט, שוין א יאָר זעקס, נישט געווען.

ער פלעגט אָבער נישט בלייבן ביים וועלן אַליין. לייבע האָט ביים אוועקפאָרן צוגעזאָגט דעם טאַטן צו ווערן א מענטש, וואָס דאָס האָט געהייסן אויפן טאַטנס לשון פאַרדינען געלט, און אָט אין דעם זין איז ער נאָך גאָר קיין מענטש נישט...

אמת, לויט זיין אייגענער איבערצייגונג, איז ער יאָ א מענטש געוואָרן, איז שטאַרק באַלעזן אין דער יידישער, פוילישער און רוסישער ליטעראַטור, קאָן זיך האַלטן צווישן מענטשן, האָט איידעלע יונגע בחורימלעך פאַר חברים, האָט שוין אפילו א מיידל, מיט וועלכער ער פירט כמעט ווי א ליבע. כאָטש גערעדט דערפון האָבן זיי ביידע נאָך נישט. אָבער פאַר דעם טאַטן איז ער נאָך אַלץ קיין מענטש נישט — געלט פאַרדינט ער זייער ווייניק, ער וואַרפט זיך קוים דורך מיט לעבנס־מיטל, אַמאָל פון אַ לעקציע, אַמאָל פון איבערשרייבן, און אַמאָל לעבט מען צוזאַמען מיט חברים.

און אָן געלט קומען אַהיים, ווייסט לייבע, וועט ער זיין ביים אָרעמען טאַטן זייער א נישט געווינטשטער גאַסט.

מאַכט זיך אָבער א מעשה, אַז לייבע קריגט אַן אַרבעט אויף גאַנצע פופציק רובל! און עס קומט אויס דווקא א פאָר וואָכן פאַר פסח. דאָ האָט שוין דער געדאַנק וועגן פאָרן אַהיים אָנגעהויבן אַרבעטן אַזוי שטאַרק, אַז לייבע האָט שוין נישט געקאָנט ביישטיין און האָט זיך געקליבן אין וועג.

פון די פופציק רובל האָט לייבע געטראַכט, עס זאָל אים בלייבן אַהיים ברענגען כאָטש א גאַנצן פינף און צוואַנציקער... קיין גרויסע סומע

איז עס נאַטירלעך נישט, אָבער לויט ער געדענקט נאָך, איז ביי זיי אין שטעטל הויז־זעלדעס פאַררעכנט פאַר אַן עושר, און ער פאַרמאָגט אינ־גאַנצן הונדערט רובל. אין אַזויפיל, געדענקט ער, האָט מען יענעם גע־שאַצט. וויבאַלד אַזוי, טרייסט זיך ליבע, קאָן מען זיך שוין מיט א פינף און צוואַנציקער ווייזן פאַרן טאַטן...

האָט ער אָבער דעם חשבון שלעכט געמאַכט. דער אַנצוג האָט גע־קאָסט נישט, ווי ער האָט געמיינט, צוועלף רובל, נאָר גאַנצע פופצן, ווייל פאַר צוועלף רובל איז די סחורה געווען אין צו גרויסע קעסטלעך; סחו־רות אין אַזוינע קעסטלעך האָט דערמאַנט ליבען די פאָר רייכע בעלי־הגופים פון שטעטל. דער הוט האָט אויך געקאָסט מיט א קערבל מער, ווי ער האָט גערעכנט; דערצו האָבן זיך אונטערגערוקט עטלעכע אַלטע חובות, וואָס מען האָט געמוזט אָפּצאָלן, כאָטש עס האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט... מיט איין וואָרט, ליבען איז געבליבן באַרע פופצן קער־בלעך, דאַרף קאָסטן די רייזע אַהיים, א שטעטל אין לאָמזשער גובערניע, איבער דריי רובל, בלייבט אים ריין געלט סך־הכל א צוועלף קערבלעך. דאַרף ער האָבן אויף צוריקפאָרן א דרייערל. הייסט עס, אַז ער פאַרמאָגט אַרום אַכט קערבלעך...

פאָרט ליבע אַהיים. נאָך א זעקסיעריקן וואַלגערן זיך אין וואַרשע קומען מיט אַזאַ סומע, איז א מיאוסע מעשה — דער טאַטע וועט אים אָפּגעבן זייער א שלעכטן ברוך־הבא, וועט אים זאָגן שטעכווערטלעך, וועט אים ברענגען פסוקים און אגדתות, אַז אַן געלט איז מען גאָר קיין מענטש נישט, וועט אים אייגטייטשן, אַז עני חשוב כמת, ווי רש"י מאַכט אויף א געוויסן פסוק, וועלכן ליבע האָט שוין אין וואַרשע פאַר־געסן... ער וועט בייז פון אים חוזק מאַכן און וועט ברומען לויט זיין שטייגער:

— אָפּגעוועזן זעקס יאָר אין אַזאַ כרך און געבראַכט אַכט קערבלעך...

און ליבע קוקט אַרויס פון פענצטער פון וואַגאָן, עס פליען פאַרביי טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק דערפער, פעלדער, וועלדער, און עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס אַלץ מאַכט חוזק פון זיינע אַכט קערבלעך, וואָס ער וויל שענקען זיין טאַטן נאָך א זעקסיעריקן וואַלגערן זיך אין אַזאַ כרך...

אַז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ליבע געזען, ווי פון די אי־בעריקע וואַגאָנעס זענען אַרויס דריי יידן, צוויי פון זיי האָט ער דערקענט: דאָס זענען געווען שכנים. עס האָט אים גלייך א צי געטאָן צו זיי, גע־וואָלט זיי געבן שלום־עליכם און פרעגן, וואָס מאַכן די עלטערן; נאָר ער

האָט זיך באַלד מיושב געווען, אַז עס איז גלייכער ניש לאָזן זיך דערקענען. ער איז שוין אַזוי אָפּגעוווינט פֿון די דאָזיקע ייִדן, אַז ער וועט מיט זיי נישט וויסן, וואָס צו רעדן, און זיי קאָנען נאָך פֿון אים מאַכן אַ געלעכטער. ער געדענקט פֿון אַמאָל נאָך, אַז פֿון אַ דייטש, בפֿרט פֿון אַן אָרעמען דייטש, מאַכן די ייִדן חוזק.

צום שטעטל איז געווען צוצוגיין אַ וויאָרסט וועגס. ביי דער פּלאַטפּאָרם זענען געשטאַנען צוויי פֿורלעך, שטעטלשע באַלעגאָלעס. ער געדענקט אפֿילו, ווי זיי הייסן. איינער איז הירשל פּעשעס, אַ ייִד אַ לץ, און דער צווייטער, ישׂראל מישעס, אַ בייזער און שווייגנדיקער ייִד. וואָלט אים געווען פֿרייליכער אויפֿן האַרצן, וואָלט ער אַוודאי געפֿאָרן מיטן לץ. לייבע אַליין האָט ליב אַ גלייכווערטל, נאָר איצט האָט לייבע בעסער אויסגעקליבן דעם בייזן און שווייגנדיקן, כאָטש דער לץ האָט אים מיט אַ שמייכל געוואָרנט:

— איר וועט, יונגערמאַן, קומען מיט אים אויף שבֿועות צו די ערשטע סדרים.

לייבע האָט זיך פֿון ווין פֿאַרקרימט אויף אַ שמייכל, האָט זיך אַריינגעזעצט צום שווייגנדיקן אין וואָגן, וועלכער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט טויטלעכע שטרוי, אַזש עס איז אים פֿאַרגאַנגען אין נאָז אַריין...

דער שווייגנדיקער האָט זיך שווייגנדיק אַוועקגעזעצט אויף דער קעלניע, אַ שמיץ געטאָן דאָס פֿערד און האָט איבערגעיאָגט דעם לץ מיט זיין דאַר פֿערדל.

לייבען איז דאָס געפֿעלן געוואָרן, ער האָט צופֿרידן געשמייכלט און זיך געשטאַרקט:

— וואָס עס וועט זיין, דאָס וועט זיין!

צופֿאָרנדיק צום טאַטנס שטיבל, וועלכעס האָט זיך פֿאַר די זעקס יאָר אַ ביסל אַראָפּגעזעצט און איז נידעריקער געוואָרן אַזוי, אַז די צוויי פֿענצטער האָבן דערגרייכט אַזש די ערד, האָט לייבע מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ אָפּגעשטעלט דעם באַלעגאָלע, רופֿנדיק צעטומלטערהייט:

— דאָ, דאָ, ר' ישׂראל, דאָ, דאָ! שטעלט זיך... טפּררר...

דער שווייגנדיקער האָט זיך אומגעקוקט צו אים ווי פֿאַרוווּנדערט, אַרויסגעזייט צווישן די ציין: „ביסט זלמן אליהם בחורל? נאַ, האָסטו אַ שלום־עליכם“.

איידער לייבע איז נאָך אראָפּגעקראָכן פון וואָגן, זענען שוין פון שטיבל ארויסגעפלויגן א כאַליאַסטרע פון זעקס קינדער, פון דריי ביז ניין יאָר אַלט, א מיידל פון א יאָר זעכצן מיט צוויי שווארצע דינע צעפּעלעך און הינטער א יידענע מיט פארקאשערטע קלייד און ארבל, האלטנדיק אין האנט א פייכטן בעזעם, און דאָס אלץ האָט אין איין קול אויסגע־שאָסן:

— לייבע!

לייבע איז דערשראָקן געוואָרן און איז פאר שרעק געבליבן הענגען אויפן ברעג וואָגן, נישט אהין און נישט אַהער.

— נו, קריך אראָפּ — האָט דער באַלעגאָלע באַפוילן — און באַצאָל דאָס צענערל. איך האָב נישט קיין צייט...

לייבע איז אראָפּ פון וואָגן, האָט ארויסגענומען דעם טייסטער און גראַבלענדיק זיך ארויסגעוואָרפן א דריירובלדיקע...

אלע שטייענדיקע האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויפצוהייבן. די עלטע־רע שוועסטער מיט די צוויי שווארצע דינע צעפּעלעך האָט די ערשטע אויפגעהויבן און נישט ווי מיט איר קול א געשריי געגעבן:

— דריי רובל!

— פּאַמעלעך, ווי דו האלסט — האָט די מאַמע מיט א שטראָלנדיק געזיכט געוואָרנט — גיב אים צוריק.

— איך וועל עס נישט אויפעסן! — האָט די שוועסטער זיך באַ־ליידיקט און האָט עס דערלאַנגט צוריק לייבען. א פארשעמטער האָט ער דאָס געלט צוריק אריינגעלייגט אין טייסטער און פאררוקט אים אין בו־זעם־טאַש.

— פּאַמעלעך, מיין זון, ווי דו האלסט דאָס געלט — האָט די מאַמע געוואָרנט מיט א ווייכקייט, לאָזנדיק זיך גיין מיט לייבען אין שטיבל, ווו עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס קושן זיך און וויינען פאר שמחה.

קומענדיק צו זיך, האָט לייבע געפרעגט:

— ווו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע, מיין זון, איז אוועק אויפן דאָרף. ביי א גוי האָט זיך געמאַכט קויפן א פּעקעלע חזיר־האָר, קאָן זיין א פּערטעלע פּרנסה... ער דאַרף באַלד קומען.

לייבע האָט א זיפץ געטאָן...

אין א שעה ארום איז געקומען דער טאטע, וועלכן דער נייגעריקער בערעלע איז שוין געלאָפן אנטקעגן נאָך אויפן גאַס און אָנגעזאָגט די בשורה.

דעם טאַטנס באָרד, וועלכע לייבע געדענקט א לאַנגע און א שווארצע, איז פאר דער צייט גרוי געוואָרן, די פלייצע געבויגענער, און די אויגן טונקעלער געוואָרן... נאָכן אָפיציעלן שלום־עליכם האָט דער טאטע גע־פרעגט:

— נו, לייבע, וואָס האָסטו אויפגעטאָן אין די זעקס יאָר? קיין בריוו־לעך האָסטו נישט געשריבן.... קיין עוולה נישט, א בריוו קאָסט געלט... האָסטו כאָטש א ביסל געלט געבראכט?...

— ווו — געלט? — האָט לייבע סקעפטיש געענטפערט. לייכטער אָפּזיפצנדיק.

—גאָר קיין געלט נישט געבראכט, גאָרנישט? — האָט דער טאטע אָנגעשטעלט די אויגן אויפן זון, ווי פארחידושט און בייז צוזאמען.

— גאָרנישט!

— גאָרנישט! ווי קאָן דאָס זיין!

לייבע האָט געשוויגן.

— אָן עוולה, א גרויסע עוולה! — האָט דער טאטע געשטראָפט. גע־שוויגן א ווילע און ווידער גערעדט:

— פונדעסטוועגן א דריירובלדיקע... כ׳מיין עפּעס — צושטייער אויף יום־טוב...

— איך האָב ביי זיך א רובל צוועלף... — האָט לייבע זיך ארויסגע־כאפט מיט דער גאנצער סומע...

דער טאטע האָט זיך ראש אויפגעשטעלט, געמאכט א טריט צוריק, א טריט פאָרויס, גענומען די באָרד אין האנט און מיט א ווייכן מוסר־טאָן זיך אָפּגערופן:

— העון א ביסל... האָסטו דאָך יאָ געלט... צוועלף רובל, וואָס הייסט? צוועלף רובל איז געלט... העון א ביסל... א מענטש קומט צו פאָרן און דערשרעקט מיך: האָט גאָרנישט געבראכט... איז אָן עוולה; אָבער צוועלף רובל... צוועלף רובל איז געלט... ביסטו דאָך עפּעס א שטיקל מענטש...

— אז מיר וואָלטן געהאט מיט צוויי וואָכן צוריק צוועלף רובל, וואָלטן מיר געקאָנט פארדינען נאָך דריי — האָט זיך ענדלעך די מוטער אריינגעמישט — עס האָט זיך געמאכט צו קויפן ביי א גוי א פוד וואָל

איז נישט געווען מיט וואָס צו קויפן, האָט אָפּגעקויפט חיים־זעלדעס און איז נתעשר געוואָרן — פאַרדינט דריי רובל...

— אַ קלייניקייט צוועלף רובל — איז דער טאַטע ווידער אַריין אין התפעלות — אז מען האָט צוועלף רובל, איז מען אַ נגיד ביי אונדז...

און אין אַ ווײַלע אַרום, נאָך אַ קורצער הכנה, האָט ער אַרויסגע־ריסן ווי מיט געוואַלד אַ מין בקשה:

— דו ווייסט מיר טאַקע באָרגן אויף יום־טוב אַ דרייערובלדיקע...

נאָר דאָ האָט די מאַמע איבערגעריסן מיט רוגזה:

— שוין! ערשט געקומען! ער באָרגט שוין! נישטאָ וואָס צו באָרגן...

— ניין, כ'מיין נישט... האָט זיך דער טאַטע פאַרענטפערט... איך מיין טאַקע פון זייגטוועגן — מאַכן טאַקע אַ שענערן יום־טוב, צוקויפן מצה, מער מעל... אפשר טאַקע קויפן אַ קוואַרט ווײַן, אַ צענדליק אייער...

— איך וועל דיר געבן! — האָט זיך לייבע אָנגעכאַפּט מיט פרייד...

— איך וועל דיר געבן פינף רובל...

— ניין, חס־וחלילה... האָט דער טאַטע זיך צעהיצט — פינף רובל דאַרף איך נישט... ס'איז גענוג דריי... דריי איז די והותר! די והותר!

נאָר לייבע האָט אַרויסגענומען דעם טייסטער, אויפגעעפנט און אַרויסגענומען אַ 5־רובלדיקע און דערלאַנגט דעם טאַטן...

— גיסט טאַקע פינף! — האָט דער טאַטע, ווי פאַרשעמט פון גליק, איבערגעפרעגט.

— פינף! פינף! טאַטע!

— נו, ביסט אַ מענטש!

דער טאַטע האָט עס געהאַלטן אַ ווײַלע אין האַנט און זיך ענדלעך פאַרזאָרגט:

— כ'ווייס גאָרנישט, ווו צעבייט מען עס... סיידן ביי משה דעם בעקער, ער האָט עס אַ ביסל „געשניטן" געלד. פאַרדינט אַוודאי אַ 25־ער פון פסחדיקע מעל... אַ קלייניקייט...

נאָכדעם האָט ער דעם פינפרובלדיקן אַרײַנגעלייגט אין קעשענע און זיך אָנגערופן:

— צו פסח האָבן מיר נאָך צוויי טעג, איך רעכן מאָרגן נאָך אַרויס־גיין אויפן דאָרף, מיט אַ 5־רובלדיקן קאָן מען עפּעס אויפטאָן. אז מען האָט אַ 5־רובלדיקן, איז מען, מיין זון, אַ נגיד...

אין אַ האַלבער שעה אַרום, מען ווייסט נישט ווי אַזוי, האָט זיך אַי־בערן שטעטל צעטראָגן די ידיעה, אז לייבע, זלמן־אליהם בחורל, וואָס

איז אוועקגעפאָרן א שנעק קיין ווארשע, איז איצט געקומען אויף פסח צום אָרעמען טאטן און געבראכט א מטמון מיט גאָלד.

אָרעמע ווייבער האָבן זיך געבענטשט און די מאנצבילן האָבן פאר קנאה אונטערגעזיפצט און טרויעריק געברומט:

— ביי לייטן קינדער!...

1909

י ו נ ג ו ו א ר ג

פאַרמאַכט

לייבעלע איז א ייִנגל פון צען יאָר. ער האָט בלאַסע בעקעלעך, שוואַרצע, פייטלעכע פאַרחלומטע אייגעלעך. זיינע שוואַרצע הערעלעך פאַלן אַראָפּ אין קליינע געקרייזלטע לאָקנדלעך — פאַרשטייט זיך, נאָר דאַן זעען זיך די לאָקנדלעך, ווען דאָס היטעלע זיינס פאַלט אַרונטער פון זיין קעפּעלע — אַזוי איז לייבעלע א פרום ייִנגעלע און וועט דאָס היטעלע קיינמאָל נישט אויסטאָן...

לייבעלע האָט ליב א סך זאַכן און האָט זיי קיינמאָל נישט, אָדער ער האָט זיי נישט אינגאַנצן און דערפאַר זענען טאַקע זיינע אייגעלעך שטענדיק פאַרחלומט, פאַרזאָרגט און א בענקעניש שווימט אין זיי שטענדיק אום.

ער האָט ליב דעם זומער — זיצט ער אָבער א גאַנצן טאָג אין חדר. ער האָט ליב די זון — פאַרהענגט דער רבי שטענדיק די פענצטער מיט זיין קאַפּאָטע און אין חדר ווערט פינצטער, אַזש ס'פאַלט א שווערע דריקעניש. לייבעלע האָט ליב די לבנה, די נאַכט — פאַרמאַכט מען ביי זיי אין שטוב די לאָדן, און ער פילט זיך אויף זיין געלעגערל, ווי לעבעדיק באַגראָבן....

און לייבעלע קאָן נישט פאַרשטיין, וויאַזוי די וועלט פירט זיך עפּעס מאָדנע. דאַכט זיך, אַז די זון לייכט אין פענצטער, קלערט ער, איז א מחיה: עס איז אַזוי גוט און פריילעך — נעמט דער רבי און פאַרשטעלט זי — נישטאָ קיין זון!... ווען לייבעלע וואָלט א העזה געהאַט, וואָלט ער אַזוי וועלן פרעגן: וואָס אַרט אייך, רבי, אַז די זון לייכט אין פענצטער? זי שאַט אייך דען?...

נאָר לייבעלע וועט עס קיינמאָל נישט פרעגן — דער רבי איז אַזאַ גרויסער ייִד און אַזאַ קלוגער ייִד, מסתמא פאַרשטייט ער דאָך — אי, פאַרוואָס דאַכט זיך אים, לייבעלען, אַז עס איז נישט גוט, מסתמא איז ער נאָך א קליינער, אַז ער וועט ווערן א גרויסער, וועט ער אפשר אליין

פאַרהענגען די פענצטער. אָבער ווי די מעשה איז — גיסט גוט אין לייבעלען און ער פילט זיך שטענדיק ווי א באַליידיקטער פון עלטערע מענטשן...

פאַרנאַכט גייט ער פון חדר אַהיים. די זון איז שוין פאַרגאַנגען. אין גאַס איז פרייל'ער און לעבעדיק, די שוואַרצע זשוקעס הודזשען און פליענדיק טרעפן זיי אים אין נאָז, אין אויער, אין שטערן. ער וואָלט וועלן אביסל שפּילן אין גאַס, לאָזן אין דער היים די גאַנצע וועטשערע, האָט ער אָבער מורא פאַרן טאַטן. דער טאַטע איז אפילו א גוטער, אז ער רעדט מיט פרעמדע מענטשן, איז ער אזוי ווייך, אזוי גוט, אזוי צוגעלאָזן — אָבער צו אים, צו לייבעלען, איז ער זייער שלעכט, שטענדיק שרייט ער אויף אים, און זאָל ער קומען אמאָל פון חדר מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, וועט ער זיך באַלד צעבייזערן:

— ווו ביסטו דאָס געווען, שייגעץ מענטש? האָסט עפּעס געשעפטן?...

הייגט גיי דערציייל דעם טאַטן, אז אויפן גאַס איז איצטער גאָרנישט שלעכט, אז ער האָט ליב, ווי די זשוקעס־הודזשען, ס'איז א מחיה צו הערן, אז אפילו דער קלאַפּ זייערער, וואָס זיי גיבן פאַרבייפליענדיק, איז אויך זייער פריינדלעך און מעשה־חבר!...

עס איז דאָך טאַקע א ווילדע נאַרישקייט. באשר ער, לייבעלע, איז א קלייגער, געפעלט עס אים, האָט ער נחת דערפון — דער טאַטע איז דאָך אָבער א גרויסער ייד, וואָס האנדלט מיט ווייץ און מיט קאָרן און ווייס אלע מאָל דעם מקח, ווען עס איז טייערער, ווען עס איז וועלוועלער, דער טאַטע קען רעדן גוט אויף גויש און קאָן זיך דינגען, דער טאַטע פאַרשטייט אויף דער „פּרייסישער וואָג" — א קלייניקייט דער טאַטע! הייגט ווי אזוי דערציילט מען אים, אז אויפן גאַס איז איצט אזוי גוט...

און לייבעלע איילט זיך גלייך פון חדר א היים. אז ער קומט אַהיים, פרעגט אים דער טאַטע, וויפל קאַפּיטלעך תנ"ך ער האָט אָפּגעלערנט. אז ער ענטפערט: פינף — שווייגט דער טאַטע און זינגט אונטער א ניגונדל, גישט קוקנדיק אים אין פּנים אַריין. טאָמער ענטפערט ער: דריי, ווערט דער טאַטע בייז און פרעגט:

וואָס איז די מעשה וואָס אזוי ווייניק? האַ?

און לייבעלע שווייגט און פילט זיך שולדיק קעגן טאַטן.

נאָכדעם פרעגט דער טאַטע ביי אים עפּעס א טייטשוואָרט:

— סטייטש: במלונה?

— כמלונה — ווי אן איבערגעכטיקונג — ענטפערט לייבעלע דער־שראָקן.

דער טאַטע שווייגט — א סימן, אז ער איז צופרידן. מען זעצט זיך צום טיש עסן וועטשערע. דער טאַטע קוקט די גאַנצע צייט אויף לייבעלען און לערנט אים ווי צו עסן.

— ווי האלסטו די לעפל? — באַמערקט ער שטרענג. און לייבעלע נעמט די לעפל נידעריקער און דאָס עסן גייט אים נישט איין.

נאָכן עסן מוז לייבעלע בענטשן הויך און זאָגן „עברי", ווי עס דאַרף צו זיין. טאָמער פאַרשלינגט ער א וואָרט, צעשרייט זיך דער טאַטע:

— ווי האָסטו געזאָגט? ווי? נאָכאמאָל: שאתה זן ומפרנס אותנו... נו, זאָג — כאַפּ נישט, פּלי נישט — עס ברענט נישט...

און לייבעלע זאָגט נאָכאמאָל, כאָטש ער איילט זיך זייער, כאָטש ער וואָלט וועלן זייער פליען אויפן גאַס, כאָטש עס ברענט אים זייער, זייער...

אז עס ווערט פינצטער, דאַוונט ער מעריב שוין פאַרן לאָמפּ. דער טאַטע כאַפּט אים אלע ווײַלע ביי א גרייז, און לייבעלען קומט זייער שווער אָן צו אייַנהיטן זיך. די לבנה, ריין און קיילעכדיק, שווימט אויפן הימל, לייבעלע דאַוונט און קוקט אויף איר און עס ציט אים אזוי אויפן גאַס, און ער שוקלט זיך אין דאַוונען...

נאָך מעריב כאַפּט ער זיך ארויס אויפן גאַס, אויסקלערנדיק עפּעס א תירוץ. ער זוימט זיך א ביסל און קוקט דערווייל, אויף דער לבנה, וועלכע באַשיט מיט בלייכע שטראַלן די גאַס. באלד אָבער דערהערט ער דעם טאַטנס קול:

— אין שטוב אריין שלאָפן!...

אויפן גאַס איז וואַרעם, קיין מינדסט ווינטעלע בלאָזט נישט, נאָר לייבעלען דאַכט זיך, אז עס איז פון טאַטנס ווערטער ווי א ווינט דורכגע־פלויגן. עס איז אים מאָדנע קאַלט געוואָרן, און ווי א דערפרוירענער גייט ער אריין אין שטוב, שטעלט זיך ביים פענצטער און קוקט, קוקט אויף דער לבנה...

— נו, מען דאַרף גיין צומאַכן די לאָדן, נישטאָ וואָס צו זיצן! — דערהערט לייבעלע דעם טאַטנס קול און אין אימה באַפאַלט אים.

און אָט גייט ארויס דער טאַטע. לייבעלע דערהערט, ווי די לאָדן קלאַפּן, עקשנען זיך, ווי זיי וואָלטן זיך קעגן זייער ווילן פאַרמאַכן. און באלד דערהערט זיך א שטאַרקער קלאַפּ — נישטאָ קיין לבנה!...

דער טאטע האָט זי באהאלטן!...

און א ווײלע שפּעטער ווערט דער לאָמפּ אויסגעלאָשן, אין שטוב איז פינצטער, אלע שלאָפן שוין. לײבעלע אָבער, װעלכער שלאָפט גראָד בײם פענצטער, קאָן נישט אײנשלאָפן. ער װאָלט נאָך װעלן שפּילן זיך אויפן גאס, פון װאַנען עס דערטראָגן זיך דורך די שפּאַלטן רופנדע קלאַנגען... ער פּרוּװט זיך זעצן, אײנקוקן זיך דורך די שפּאַלטן און טאַקע א פּרוּװ טאָן אויפעפענען שטילערהײט א לאָדן און קוקן, קוקן... עס געלינגט אָבער נישט. דער טאַטע כאַפּט זיך גראָד אויף און ברומט:

— װאָס פּאָרקעטשו זיך דאָרטן, הא?... װילסט איך זאָל אראָפּגײן מיטן „פּאַס“ און צעקאַטעװען דיך?!...

און לײבעלע גורעט זיך אײן שטיל אין קישעלע, דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און אים דאַכט זיך, אז ער איז לעבעדיק באַגראָבן...

1902

דאָס בענטשערל

גרשון — א צענ־אָריק תלמוד־תּורה־ייִנגעלע — האָט געהאַט חשק צום קליין סידורל, וואָס האָט זיך געפֿונען ביים פּאַקנטרעגער אין קאָשיק, ווייל דאָס האָזיקע סידורל איז געווען אין א רויטן איינבונד, און די אותיות אויפֿן טאָוול זענען געווען אמתע גאָלדענע און האָבן געפֿינקלט נאָך בעסער ווי גאָלד. נאָר פֿאַר דעם סידורל האָט דער פּאַקנטרעגער געבעטן א גילדן, און גרשון האָט מער נישט געהאַט ווי א פֿירערל, וואָס ער האָט אליין פֿאַרדינט ביי זיין מאמען, גרונע די אלמנה. האָט ער זיך מיישב געווען, אז ער וועט נאָר קויפֿן דאָס בענטשערל. אמת, בענטשן קען ער אויסנווייניק, אָבער אין בענטשערל שטייט דאָך נישט נאָר בענטשן אליין! דאָרטן שטייט קריאת־שמע און ציצית־בענטשן און א פֿולע ברכות, און דערצו איז נאָך דאָס בענטשערל א קליינס מיט רויטע פֿאָדער־בלעטעלעך און שיין צוזאמענגענייט.

און גרשון האָט עס אָפּגעקויפֿט פֿאַר א פֿירערל.

געקומען אהיים, האָט אים די מאמע געגעבן עסן וועטשערע — פֿאַרפֿל.

— וואַרט, ווי מאַכט מען א ברכה אויף פֿאַרפֿל? — האָט ער צו זיך אליין גערעדט. דער שכל האָט געוווסט, אז אויף פֿאַרפֿל מאַכט מען מזונות, נאָר ער האָט געוואָלט זיך אליין אָפּנאַרן, אז ער ברויך דאָס בענטשערל נויטיק צו האָבן, אז ער האָט עס געקויפֿט נישט, חלילה, דערפֿאַר, וואָס ער איז א צעלאָזן ייִנגל און פֿאַרשווענדט גלאַט אומזיסט געלט, נאָר אדרבא, ווייל ער איז אן ערלעך ייִנגל, וואָס מוז האָבן א בענטשערל, ער זאָל וויסן, וויאזוי מען מאַכט א ברכה.

— אויף פֿאַרפֿל מאַכט מען מזונות! — האָט ער הויך געלייענט.

— וואָס לייענסטו דאָרטן? — האָט די מאַמע, פֿאָרענדיק זיך ביים פּריפּעטשיק, געפֿרעגט.

— איך האָב געקויפט א בענטשערל! — האָט גרשון געזאָגט מיט א גלאַנץ אין די אויגן.

— נישט קיין נארישקייט — האָט די מאמע אים נאָכגעגעבן: וויפל קאָסט?

— אַ פירער... זעסט — אַ טייער בענטשערל — האָט ער געלאָזן דעם שעלער פארפל און צוגעטראָגן דאָס בענטשערל צום אויוון.

די מאמע, נישט קיין געלערנטע, האָט עס גענומען אין דער האנט, אריינגעקוקט אין אים און מיט אָפּשיי געענטפערט:

— אַ גוט בענטשערל — ווערט א פירער, זיי נאָר א ייד און וויל לערנען.

גרשונקע עסט אָפּ וועטשערע און זוכט די ברכה אחרונה.

— ווערט א פירער! — טרייסט ער זיך נאָך דער ברכה אחרונה, כאָטש דער שגיץ קען די ברכה אחרונה ווי אלע ברכות. אָ, וואָס מאכלים עס שוט זיך אויף דער וועלט! גאנצע פיר בלעטלעך איינגעטונקט מיט גוטע זאכן!

— „אַגרעסן,וואָס מען קען זיי עסן רויע“... ע... דאָס ווייס איך .. ער לייענט ווייטער:

— „אוגערקעס“... דאָס ווייס איך אויך.

— „איינגעמאכטס“ — איינגעמאכטס עסט מען, דאכט זיך פסח... מאַמע, ווען עסט מען איינגעמאכטס?

— ווען גאָט העלפט! — זיפצט די מאמע...

— „אייער“... אייער עסט מען צום סדר, דאָס ווייס איך — ער לייענט ווייטער:

— „אינגבער...“ איי, אינגבער איז א גוטע זאך. אינגבערלעך פאר־קויפט מען געבן תלמוד־תורה צו גראָשן א שטיקל... עס איז גאנץ גע־שמאַק...

— „פייגעלע“ — מאכט מען „האדמה“, „טרוקענע — אָן א בר־כה“... ע.... די יידענע פארקויפט טרוקענע, קוים וואָס מען בייסט איין... און ער לייענט ווייטער:

— „אין אזוי איז דער דין ביי פעפער“... ע... פעפער איז בלאָטע... פעפער האָט ער פיינט.

— „אַרבים, פאסאָלים“ — דאָס איז גאָרנישט...

— „לימאָנע שאָלעכץ“... — דאָס ווייס ער נישט.

— מאַמע, וואָס איז דאָס לימאָנע שאָלעכץ?

— לימאָנע שאָלעכיז... — פֿארטראכט זיך די מאמע: צי זאָל דאָס נישט זיין אָפּטמאָל אזא מין ציטרין?

— אַ, ציטרין ווייס איך!... — שרייט גרשון אויס. — עס איז זויער... איך ווייס!

ער לייענט ווייטער און וואָס ווייטער ער לייענט, קריכט ער אלץ אריין אין אומבאקאנטערע מאכלים, וואָס ער האָט קיינמאָל זייער נאָמען אפילו נישט געהערט. איבערהויפּט געפעלט אים דער מאכל „סטרודיל“. אויף וואָס מען מאכט „מזונות“.

— וואָס איז דאָס סטרודעל, מאמע?

— לאָמיר, מיין זון, אזוי נישט וויסן פון בייז, ווי איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז, עס מוז זיין אזא געפילט מייגעבצל.

— עס מוז זיין געשמאק — איז זיך גרשון משער.

— מסתמא איז דאָס נישט שלעכט — גיט אים נאָך די מאמע.

גרשון לייענט ווייטער, ער פֿארטיפט זיך שטארק אין בענטשערל. אים איז נישט אזוי ווימטיק די ברכה, ווי די מאכלים, די ברכות זענען גאָר פּשוטע: אָדער האדמה, אָדער מזונות, אָדער שהכל, די מאכלים אָבער זענען אזוי פיל און אזוי פארשידן!...

עגדלעך ווערט ער מיד און, דאכט זיך, ווי ברוגזלעך: פֿאראן אזוי פיל גוטע מאכלים אויף דער וועלט און ער ווייסט פון זיי גארנישט! פאר וואָס איז עס אזוי? ער איז אזא ערלעך יינגעלע — ער האָט פארן לעצטן פּירער געקויפט אַ בענטשערל, עפּעס פילט ער, אז עמעצער האָט אים גענאַרט און עוולה און ער ווייסט נישט ווער.

ער לאָזט דאָס צעטל פון די מאכלים און נעמט זיך צו די אנדערע ברכות... אויף אַ דונער מאכט מען: „שכחו וגבורתו“... ע... צו זומער איז נאָך ווייט, טראכט ער און אויף שניי מאכט מען נישט קיין ברכה.

„אז מען טוט אָן אַ נייעם בגד, מאכט מען: ברוך אתה מלביש ערומים“.

דאָס איז שוין יאָ אַן אינטערעסאנטע ברכה. נאָר וואָס איז די פּעולה, אז ער טוט קיינמאָל נישט אָן קיין ניי בגדל, אַלץ געלאַטעט און געלאַטעט. די מאמע האָט אַ גרויסן קנויל פּאָדעס און לאַטעט רק.

— מאמע, אויף פּסח וועסטו מיר נייען אַ בגד? — פרעגט ער.

— הלוואי, מיין זון.

„עס, זי וועט נישט נייען“ — איז ער זיך מיאש, די ברכה „מלביש ערומים“ וועט ער קיינמאָל נישט דאַרפֿן מאַכן... קיינמאָל נישט! און וואָס האָט ער גאָר באַדאַרפֿט האָם בענטשערל, אַז קיין זאַך האָט ער נישט!...

1903

דער וואַלד און שטוב

וואָלף פריידעס איז געווען א שטרענגער טאַטע, האָט קיינמאָל נישט דערלויבט זיין יינגל זאָל זיך שפילן. אז משהלע פלעגט זיך אין א פרייער צייט ארויסכאַפּן אויפן הויף אָדער אין גאַס נעבן שטוב, פלעגט שוין וואָלף אים היטן דורכן פענצטער און אַכטונג געבן, אז ער „זאָל נישט איבערקערן די וועלט“. — איבערקערן די וועלט האָט ביי וואָלף פריידעס געהייסן, ווען משהלע פלעגט זיך איינבייגן, אויפהייבן א שפענדל און עס אַ וואָרף טאָן. דערפאר פלעגט משהלע גלייך באַרויבט ווערן פון זיין פרייהייט!

— אין שטוב אריין, יונגאַטש דו! — פלעגט וואָלף אָן אויפגעקאָכ־טער אים רופן דורכן פענצטער, וועלכן ער האָט צוליב דעם א ביסל אויפגעעפנט, און משהלע לאָזט זיך אריין צוריק אין שטוב, שטעלט זיך אַוועק מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און וואַרט אויף א פּסק.

— וואָס האָסטו דאָרטן געטאָן?

— גאָרנישט... — פאַרטיידיקט זיך משהלע.

— אזוי גאָר, גאָרנישט... דו ביסט נאָך צו אַלע צרות א ליגנער אויך... ווערט וואָלף נאָך בייזער און נעמט זיך צו משהלעס אויער...

און משהלע האַלט פאַר א גליק, אָפּקומען מיטן אויער אליין... באַטש דער ווייטיק איז גענוג גרויס, אָבער צו שמייסן קומט דאָס נישט.

שמיץ באַקומט משהלע, ווען ער גנבעט זיך ארויס אין א זומערדיקן טאָג פון דער היים, ווערט פאַרלוירן אויף עטלעכע שעה און נאָך א שטרענגער אויספאָרשונג געפינט מען אויס, אז ער איז געווען מיט א „חברה“ אין וואַלד.

— אין וואַלד גאָר לויפן! זינגט צו דער טאַטע נאָך יעדער שמיץ, אַ שייגעץ ביסטו! ווייניק שכר־לימוד צאָל איך פאַר דיר? נישט געגעבן ערשט דיין רבין א בלוטיקן פינפערל?...

אלץ וועט דער שטרענגער וואָלף מוחל זיין משהלען אין א צייט ארום, אָבער דעם וואלד וועט ער אים שטענדיק דערמאָנען.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס האָסטו געטאָן דאָרטן אין וואלד? — נעמט ער אים אמאָל אויף א פארהער אין א פּאָר חדשים ארום...

און משהלע שטייט א פארשעממער און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן.

ערב שבועות לאכט משהלע פון טאַטן. דאָס הייסט נישט אין דער הויך לאכט ער, נאָר ביי זיך אין הארצן. גלייך ווי ער דאַוונט אָפּ, ווענדט ער זיך צו דער מאמען:

— גיב מיר עסן, וואָרעם איך האָב נישט קיין צייט, איך מוז גיין אין וואלד...

ער זאָגט עס אזוי הויך, אז דער טאַטע זאָל הערן.

ער וויל זיך דאָס נוקם זיין אין טאַטן, דער טאַטע ווייס, אז משהלע גייט היינט אין וואלד נישט צו שטיפן, נאָר צוליב גרינס אויף שבועות. אזוינס פארווערן אים, קאָן ער נישט. עס איז פּאָרט א מנהג ביי יידן. כאָטש אז ער וויל קאָן ער זאָגן, אז דאָס איז נישט שטארק יידישלעך. אָבער וויבאלד א מנהג, איז פארפאלן, און ער ווענדט זיך צו משהלען:

— אָבער דו זאָלסט גיין ווי א מענטש, נישט לויפן, נישט צערייסן די בגדים, נישט צעשניידן די פינגער און נישט פארשפעטן זיך מיט שקצים...

משהלע פארשפּרעכט, אז ער וועט נישט עובר זיין אויף קיין שום לאו פון דעם טאַטנס תורה. אין הארצן אָבער לאכט ער זיך אויס: היינט מעג ער אַלץ. עס איז ערב שבועות און ער מוז פארזאָרגן מיט גרינס. היינט זענען אלע מיט אים: די עלטערע שוועסטער, די מיטעלע, די מאַמע און אפילו דער זיידע, וועלכער קומט אים אלע מאָל מוסרן, כאָטש משהלע ווייסט נישט, וואָס וויל פון אים דער זיידע — קיינער וועט אים היינט, ערב שבועות, נישט שטערן צו גיין אין וואלד מיט חברים נאָך גרינס.

אזייגער צוויי איז שוין משהלע צוריק מיטן גריגס, וועלכעם ער האט געבראכט אין צוויי גרויסע בינטלעך. ער בינדט זיי אויף, לייגט זיי אוועק אינמיטן שטוב. און הייבט אן מיט דער הילף פון דער עלטערער שוועסטער אנשטעקן די גרינע רימלעך אין די שפאלטן פון דעם באלקן, ארום די פענצטער, ביים טיר און וו נאר עס לאזט זיך און לאזט זיך נישט...

— ווי עס שמעקט, א מחיה! — קוויקט זיך די מוטער, שטייענדיק ביים אויוון.

אויך די שוועסטער קוועלן אן פון דעם אנגענעמען וואלד־ריח, וואס די רימלעך האבן ארויסגעדופטעט אין שטוב. דער טאטע אליין גייט צו, נעמט א רימל, לייגט אים צו צום נאז, ווי מען לייגט א הינערשע פעדער צום נאז פון א מת, און אויך ער לעבט אפ. אבער נתפעל ווערן פאסט אים נישט. עס איז דאך פארט נישט מער ווי רימלעך פון א וואלד. וואס פאר ע׳ ווערט האט עס פאר אן עלטערן מענטשן, ווי ער...

אבער, אז משהלע זעט, וויאזוי דער טאטע נעמט אלע ווײלע א רימעלע און לייגט עס צו צום נאז און שמעקט, דערפילט ער זיך אזוי געהויבן, אז ער הייבט אן צו באפעלן דער שוועסטער:

— קלויב אויף די רימלעך און שטעק זיי אן אט דא לעבן אלמער...

דאס מיינט ער דערמיט, זי זאל ביים טאטן צונעמען די רימלעך...

דאס איז זיין נקמה, וואס ער נעמט פון טאטן פאר די שמיץ, וואס ער האט אים געגעבן, ווען ער איז אין א וואכעדיקן טאג געווען אמאל אין וואלד...

ערב שבועות טוט ער אים אפ. ער ברענגט אים א גאנצן וואלד אין שטוב אריין, און ער מוז נעבעך שווייגן, דער שטרענגער טאטע.

1916

די דערציונג

די סדרה איז געווען אן אומעטיקע, איבערהויפּט די הפטורה. חנה האָט זיך ביים טייטש־חומש גוט אויסגעווײנט. אז זי האָט געענדיקט די סדרה, איז געווען דריי אזייגער. חיים איז שוין אוועק אין שול הערן דעם מגיד, די עלטערע קינדער אויפן שפּאציר, נאָר די זיבעצניעריקע טאָכטער ביילקע איז געזעסן ביי א פענצטערל, וואָס האָט ארויסגעקוקט צום הויף, און האָט געלייענט א מעשה־ביכל, פאר וועלכן זי האָט באצאָלט פּראָקאָט־געלט צוויי קאָפּיקעס. דער פינפטהאלבניעריקער כאצקעלע, וועלכן מען האָט שוין אויף ווינטער גערעכנט אָפּצוגעבן אין חדר, איז געזעסן אויף דער ערד און האָט זיך געשפּילט מיט א בלוי שטיקל פּאַפּיר.

— ביילקע! גיב אַכטונג אויף דער שטוב! איך וועל א ווײַלע ארײַנגײן צו דאָבע־ריוועז.

און איידער ביילקע האָט באוויזן צו ענטפערן, האָט זיך דער קלײנער כאַצקעלע, ווי א שפּאַרבערל, א הייב געטאָן, אוועקגעשטעלט זיך אויף די צוויי דינע פיסלעך און מיט א געוויין אויסגעברומט:

— איך אויך גײן...

— ניין, דו בלייב דאָ! — האָט חנה אָנגעשריען. — נישטאָ וווהין צו גײן.

כאצקעלע אָבער האָט זיך אײַנגעוויקלט אין דער מאמעס קלײד, ווי ער וואָלט זיך וועלן צוקלעפּן, און געשריען:

— איך אויך גײן...

— נעם אים אויך! — האָט ביילקע פאָרגעשלאָגן.

— נעם אים אויך! — האָט חנה איבערגעקרימט. — מײַנע שונאים זאָלן אזוי לעבן, ווי מען קאָן מיט אים אין א שטוב ארײַן! ווי נאָר מען גייט מיט אים ערגעץ ארײַן, גלייך — מאמע עסן! דאָס פּנים פּלאַצט מיר.

— נישט בעטן, מײַנע נאמנות! האָט כאצקעלע פאַרזיכערט.

— געדענק זשע! — האָט חנה געסטראשעט מיטן פינגער. — טאָמער בעטסטו דאָרט עסן, וועל איך דיר דערהרגענען...

— נישט בעטן, מיינע נאמנות! — האָט כאצקעלע פארזיכערט.

נישט פארלאָזנדיק זיך אויף כאצקעלעס שבועה, האָט חנה אָפּגעשניטן א קליינע „המוציא“ פון דעם איבערגעבליבענעם שטיקל חלה פון שבתדיקן וואָרעמס און האָט אים דערלאנגט:

— עס אַ שטיקל חלה, וועסטו נישט זיין הונגעריק. עס אויף גיך, איך וועל ווארטן.

א פריילעכער פון דעם, וואָס ער גייט צו דאָבע־ריווען, ווו עס זענען דאָ א סך קינדערלעך, לויט ער געדענקט נאָך פון אמאָל, ווען ער איז דאָרט געווען, און טאקע פון דער „המוציא חלה“, וואָס נישט אזוי אָפּט באקומט ער עס, איז כאצקעלע אזש אונטערגעשפרונגען.

פארטיק געוואָרן מיט דער „המוציא“ — האָט אים די מאמע אָפּגעווישט די ברעקלעך פון מויל, אויסגעשנייצט דאָס נעזל, פארזאָגט און ווידער פארזאָגט אים, אז ער זאָל נישט בעטן עסן און אפילו, אז מען וועט אים דאָרטן עפּעס געבן, זאָל ער אויך נישט נעמען.

— נישט נעמען! — האָט כאצקעלע פארזיכערט.

און זיי זענען ארויס.

דאָבע־ריווע, א יוסטע באלעבאָסטע אין א געדיכטן פּאָרוק אויפן קאָפּ, אונטער וועלכן עס האָבן ארויסגעקוקט צוויי גרויסע, שווארצע יידישע אויגן, מיט א פול פּנים, איז געזעסן אויך איבערן טייטש־חומש, און נישט האָבנדיק קיין צעבראָכן הארץ, ווי חנה, האָט זי נישט געוויינט, נאָר אוים פרומקייט געזונגען מיט א געמאכטן טרויעריקן ניגון.

איבערגעריסן האָט איר חנהס ברייטער גוט־שבת!

— גוט־שבת! גוט־שבת! — האָט דאָבע־ריווע זיך גלייך אויפגעהויבן פון אָרט און איז געגאנגען חנהן אנטקעגן. — אקוראט ענדיק איך די הפטורה... נו, א ביסל א הפטורה היינט! א שטיין קאָן צעגייען!

— האָט זי צוגעגעבן מיט א מינע פון א רביצין, ווייסנדיק, אז חנה איז א גרויסע געלערנטע.

— היינטיקע גאנצע סדרה איז ווערט געלד! — האָט חנה ארויסגעזאָגט אירע מבינות מיט אן אויטאָריטעטן טאָן. נאָר באלד האָט זי זיך פארכאפּט:

— דווקא הייניקע? און פּאַראַסטאַגיקע און פּאַרצווייוואַכעדיקע?...

— אַבי די מאַנצביליָן לאַכן פֿון אונדזער טייטש־חומש... — האָט ראָבע־ריווע גוטהאַרציק געשמייכלט...

— הײַנט לאַכן שוין ברוך השם נישט נאָר די מאַצבילן, די מיידלעך לאַכן שוין אויך... — האָט חנה זיך ערנסט געקלאָגט. מיין בײַלקע זאָל געזונט זיין, וועט קיינמאָל נישט נעמען דעם טייטש־חומש אין האַנט אַריין, אַלץ די מעשה־ביכלעך, און די מעשה־ביכלעך!

— איך ווייס טאַקע נישט, וואָס פאַר א מין כישוף שטעקט אין די מעשה־ביכלעך — האָט ראָבע־ריווע געדריקט מיט די פּלייצעס — מיין גאָלדע איז אויך אַזוי — אַלע פרײַטיק מוז זי נעמען א ביכל אויף שבת און וויינט איבער אים פּונקט ווי אויף אַ תחינה.. „מיינער“ וואָלט זי אויפגעגעסן דערפאַר. מיר אַרט דאָס שוין נישט אַזוי — מילא, זאָל זי לייענען...

— יאָ, — האָט חנה מודה געווען — קיין אומגליק איז דאָס נישט. הײַנטיקע צייטן מוז מען דאָס אויך...

נאָכדעם ווי דער פאָדעם פון דעם דאָזיקן שמועס האָט זיך צעריסן, האָט ראָבע־ריווע שבתדיק א גענעץ געטאָן, ווי איר שטייגער איז געווען, און א קוק טוענדיק אויף כאַצקעלען, האָט זי גענעצנדיק צוגעגעבן:

— דאָס איז, דאַכט זיך, דיין כאַצקעלע... שוין א בחור!

כאַצקעלע האָט זיך פאַרשעמט, האָט אַראָפּגעלאָזט די אייגעלעך און זיך געטוליעט צו דער מאַמען...

— אַ צעלאָזענער! — האָט חנה פאַרמסרט...

— א קינד! — האָט ראָבע־ריווע פאַרטיידיקט...

— ווילסט אפשר, כאַצקעלע, עסן? — האָט ראָבע־ריווע פרײַנדלעך זיך געווענדעט צו כאַצקעלען...

כאַצקעלע האָט אויפגעהויבן די אייגעלעך אויף דער מאַמען, ווי פאַרגעהנדיק זיין „וואָרט“. די מאַמע האָט אים בהגבה א קניפּ געטאָן און אָנגעשטאָט אים געענטפערט:

— זאָל ער אַזוי זיין הונגעריק דאָס גאַנצע לעבן! — פאַרן אוועקגאַנג האָט ער אָפּגעגעסן א שטיק חלה מיט אַן איי.

כאַצקעלע האָט געוואָלט א געשריי טאָן בייז: א ליגן! — אָן אַן איי! די מאַמע האָט אים אָבער מיט איין האַנט אַזוי שטאַרק געקניפּט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר דאָס איי נישט אָפּלייקענען, אַז א מאַמע

זאָגט — איז געזאָגט, און ער האָט נעבעך געשוויגן, אין האַרצן ביין טראַכטנדיק: די מאַמע איז אַ ליגנערין...

דאָבע־ריווע האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי איר שיטה, אַז אַ קינד, אַז עס גייט זיך דורך אַ ביסל, וויל עס באַלד עסן, און נישט וואַרטנדיק אויף הנהס מיינונג וועגן דעם, איז זי צוגעגאַנגען צום שפּייז־אַלמערל. הנה האָט זיך אָנגעצונדן:

— אסור זאָל אייך זיין, דאָבע־ריווע, אויב איר וועט אים עפּעס געבן...

און גלייך האָט זי זיך אומגעקערט צו כאַצקעלען, שיפּענדיק:

— זאָלסט נישט נעמען! איך וועל דיך ממיתן.

כאַצקעלע האָט געשוויגן. עס האָט געהייסן, אַז ער וועט זיך נאָך מישב זיין...

דערווייל האָט דאָבע־ריווע אָנגעשמירט אַ שטיק חלה מיט אזא מין סמאַק, וואָס צייט כאַצקעלע לעבט, האָט ער אַזוינס נישט געזען... ער האָט אויסגעשטעלט זיינע גרויסע אייגעלעך, בעטנדיק, צו דער מאַמען, ווי געזאָגט:

— היים נעמען!...

גאָר דאָבע־ריווע האָט אָנגעטאָט אים, זיך אַליין צו הנהן געווענדעט און פריינדלעך געזאָגט:

— היים אים, הנה, נעמען...

הנה איז געווען רויט ווי צונטער, אירע ווינקלען ביי די ליפּן האָבן געציטערט:

— אויב ער וויל...

— ווילסט, כאַצקעלע? — האָט דאָבע־ריווע אויסשטעקנדיק די „המוציא“, אָנגעשמירט מיט דעם סמאַק, געפרעגט.

— וויל... — האָט כאַצקעלע אויסגעשטאַמלט און געקוקט אויף דער מאַמען, צונעמענדיק די „המוציא“....

— זעסט — האָט דאָבע־ריווע ווי אַ זיגערין געזאָגט — אַ קינד, אַז עס גייט זיך דורך, וויל עס באַלד עסן...

— זאָג כאַטש אַ דאַנק! — האָט הנה זיך ווייטער געוואָרפן צו כאַצקעלען.

נאָר כאַצקעלעס מויל איז צו פּאַרנומען געווען, און אפילו קיין דאנק האָט ער אַפּילו נישט געזאָגט.

און הנה איז געזעסן ביי דאָבע־ריווען ווי אַ באַגראָבענע, טראַכטנ־דיק:

— ער פאַרשוואַרצט מיר די אויגן, דער בעטלער!...

1909

דער גימנאַזיסט

דער ערשטער, וואָס האָט אוועקגעשיקט זיין יינגל אין גימנאַזיע, איז געווען אברהם אליה.

אברהם אליה איז געווען אַ ייד אַ משכיל. עס איז וועגן אים אין שטעטל ארומגעגאנגען, געדענקט איך, אַ לעגענדע, אַז בחורווייז האָט ער זיך געהאַלטן ביים שמדן: אזוי ווייט איז ער, הייסט עס, אוועק אין חקירה... וויאזוי ער איז פון שמד ניצול געוואָרן — האָט די לעגענדע נישט געוווסט. עס איז אָבער געווען אין דער לעגענדע אַ וואַריאַנט, אַז פון שמד האָט אים אָפּגערעדט הנה־ביילע, זיין איצטיקע ווייב, וואָס איז געווען מיידלווייז אַ גרויסע פאַרשוין און אַ חכמה און מיט וועלכער ער לעבט עד היום זייער גליקלעך.

אַלנפאַלס האָט מען אים אַ סך זאַכן מוחל געווען, סיי די צו קורצע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט געטראָגן אין מיטן וואָך, סיי דעם גלוי־ראש צו הויז. אדרבא, מען איז געווען צופרידן, וואָס כאָטש שבת גייט ער דאווענען — אמת, נישט אין שול, אָבער אין אַ „מנין“ איז אויך די תפילה אָנגענומען, בפרט, אַז אין מנין, וווּ אברהם אליה האָט געדאַוונט, איז צוגעגאנגען עבט־יידישלעך און מען פלעגט אפילו נישט דורכלאָזן די פיוט אין פרשה שקלים און פרשה זכר... אַמאָל פלעגט ער אפילו דאווענען שחרית פאַרן עמוד, און זיין עברי איז געווען וואָס צו הערן: ווערטער ווי פערל. אייגנס נאָר האָט די דאווענער פון מנין אַ ביסל געשטערט: אַ למד פלעגט ער ארויסזאָגן צו ווייך. נאָר אַ משכיל פון מנין האָט דערקלערט, אַז דאָס קומט פון די פיל דייטשישע ביכער, וואָס אברהם אליה לייענט... און דער קליינער עולם פון מנין איז מיט דער צייט אויך מיטן ווייכן למד שלום געוואָרן.

אין מנין פלעגט אברהם אליה שטענדיק קומען מיט זיין עלטערן יינגל, וואָס פלעגט שטענדיק זיצן נעבן אים מיט אַ סידורל אין האַנט און פאַמעלעך דאווענען. וועגן יינגל האָט מען דערציילט, אַז ער קען אַלע

גראַמאַטיקעס אויסגעווייניק און דווקא אָן לערערס. דאָס אַלץ האָט אים דער טאַטע אויסגעלערנט, און די דאָרטיגע האָבן געהאַט פאַרן ייִנגל, שלמהקע, פּונקט דעם זעלבן דרך־ארץ, ווי פאַרן טאַטן אַליין.

צווישן די דאָרטיגע פון מגין איז אויך געווען מיין טאַטע, וואָס האָט ליב געהאַט צו שמועסן, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט, מיט אברהם אליהון, וועלכער איז קיין איבעריק „באַרעדטער" נישט געווען. דאָך האָט ער אויף מיין טאַטן, אויך אַ שטיקל משכיל, געלייגט דרך־ארץ, און זיי פלעגן אַמאָל צוזאַמען אַרויסגיין פון מגין, און דער איבעריקער עולם פלעגט נאָכגיין פון הינטן און האָרכן, פון וואָס רעדן צוויי „קענער"...

איך פלעג דאַן כאַפּן אַ שמועס מיט שלמהקען.

— דו גייסט גאָרנישט אין חדר?

— ניין... — האָט ער קורץ געענטפערט.

— לערנסט מיטן טאַטן?...

— אַלץ מיטן טאַטן...

—און רוסיש לערנסטו זיך אויך ביים טאַטן?

— אפילו דייטש אויך.

— דייטש אויך?! — האָב איך זיך פאַרחידושט און בין שטאַרק געוואָרן אַראָפּגעפאַלן ביי זיך אין די אויגן, וואָס איך קען נאָך אַזוי ווייניק, און האָב נישט געוואַגט מיט שלמהקען ווייטער צו רעדן.

שלמהקע אָבער איז געווען ביי זיך פראָסט, און איינמאָל האָט ער מיר אָנגעזאָגט:

— ווייסט, נאָך יום־טוב פאָר איך קיין מינסק, אין גימנאַזיע...

— אין גימנאַזיע!... — האָב איך אויפגעשטעלט אויף אים די אויגן און באַלד צו זיך געקומען און געפרעגט:

— און אום שבת וועסטו שרייבן?

שלמהקע האָט אַ שמייכל געטאָן און גאָרנישט געענטפערט.

איך בין אַוועק אַ פאַרשעמטער און פול מיט קנאה. אויף מיין טאַטן האָב איך געקוקט מיט פאַרדרוס און גרינגשעציק. אויך מיר אַ טאַטע! אָט, אַז מען האָט פאַר אַ טאַטן אַזאַ, ווי אברהם אליה, קאָן מען קומען צו אַ תכלית!... און איך וואָס?... אַז שלמהקע וועט אַמאָל קומען צופאָרן, וועט ער שוין אפילו נישט וועלן רעדן מיט מיר.

און איך האָב גענומען אויף מיר צו לערנען זיך רוסיש, געקויפט גאַנצע זעקס בויגן פאַפּיר, געמאַכט דערפון אַ העפט פון אַכט און פערציק זייטן, יעדעס זייטל האָב איך אָפּגעצייכנט מיט אַ לאַנגן שטריך און

אויף איין זייט פֿאַרשריבן אַלע שווערע רוסישע ווערטער. אויף דער צווייטער זייט דעם „טייטש־וואָרט“ און פֿלעג נאָכאַנאַנד חזרן: באָך — גאָט, גיעבאָ — דער הימל, זוויאָזדי — די שטערן, פּטיצאַ — אַ פֿויגל...

אויף אַזאַ אופֿן האָב איך געהאַפּט אויסלערנען זיך, „פּאָלקאָם“ די רוסישע שפּראַך, און טאָמער קומט שלמהקע צוגאַסט, זאָל איך כאָטש נישט זיין קיין שטומער און קאָנען מיט אים אויסרעדן אַ פּאָר ווערטער...

איינמאָל אין אַ זומערדיקן שבת קום איך אַריין מיטן טאַטן אין מנין, ערשט איך זע נעבן אברהם אליהן זיצט איינער מיט אַ באַקאַנט פּנים, אין אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע, אין אַ בלאָען מונדיר מיט מעשע־נע קנעפּ אויסגעזעצט אין אַ לאַנגער ריי; האַלט אַ סידורל אין האַנט און קוקט דאָ אויפֿן באַלקן, דאָ אויפֿן עמוד, און דער גאַנצער עולם אויף אים...

אָנפֿאַנגס בין איך מבולבל געוואָרן, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך מיך געכאַפּט, אַז אָט דאָס איז דאָך טאַקע שלמהקע אברהם אליהס, וואָס גייט איצט אין מינסקער גימנאַזיע און איז אויף זומער געקומען אַהיים.

שטיי איך אַזוי און קוק אויף אים און שלינג אים שיר נישט איין מיט מײַנע בליקן, און איך פֿיל, אַז דאָס איז זייער נישט איידל צו קוקן אַזוי נאָכאַנאַנד אויף אַ מענטשן, ער מעג אַפֿילו זיין אַ גימנאַזיסט... בפֿרט, אַז איך האָב אין דעם יאָר אויך עפּעס אויפֿגעטאָן: כ'האָב אין מײַן העפֿט שוין פֿאַרשריבן דרײַ הונדערט זיבן און פֿערציק רוסישע ווערטער און קען אַלע טייטש־ווערטער, און אין דייטש איז אַ סברא, אַז איך קען שוין באַלד דעם גאַנצן אַ־בע־צע... מיט איין וואָרט — שטאַרק נתפּעל ווערן דאַרף איך נישט... און איך באַשליס — אײַנגאַנצן צו מבטל זיין אים מיט זיין היטל, מיט זיינע קנעפּ און קוקן בעסער אין פֿענצטער אַרײַן... אָבער אויספֿירן דאָס איז נישט אַזוי לײַכט. איך וועל קוקן אויף אים אַזוי, אַז ער זאָל נישט באַמערקן... איז אָבער מעשה־שטן, ווי נאָר איך גיב אַ הויב די אויגן צו אים, טרעף איך זיך גלײַך מיט זיינע בליקן.

באַטראַכט איך מיך, אַז אין אַ פּלוג זענען מיר דאָך אַלטע באַקאַנטע, פֿאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט קוקן אויף אים אָפֿן? צו הזרת השי״ת, איך זאָל נישט זיין קיין טרום, קאָן איך אַפֿילו צוגיין צו אים און געבן אים די

האנט און זאָגן: „זדראַוסטוויטיע“ — און זאָל ער נישט מיינען, אז איך בין שוין גאָר א גאָרנישט!...

א לייכטע זאך איז דאָס, נאָר אָט־אָט האלט שוין דער חזן ביי „שים שלום“ און איך בין נאָך אלץ זיך מכין צוצוגיין.

מילא, איך וועל דאָס אָפּלייגן צו קריאת־התורה. דעמלט וועט זיין בעסער. נאָר אָט האלט מען שוין באלד ביי מפטיר, און איך האָב נאָך מיין פּלאַן נישט אויסגעפירט. איך האלט אלץ אין איין חזרן „זדראַווסטוויטיע“. און דאָ הער איך, ווי מען רופט אויס: יעמוד החתן ר' שלמה ב"ר אברהם אליה מפטיר...

מפטיר אין א גויאישן היטל, אין מעשענע קנעפּ... פארחידוש איך מיך, און דאָך טוט עס מיר הנאה: וויבאלד אז מפטיר — איז ער דאָך פּאָרט נענטער צו מיר...

אמת, ביי די ברכות האָט ער זיך א ביסל אויסגעגליטשט, א פּאָר ווערטער האָט ער דורכגעלאָזט, אָבער בכלל איז דער ניגון געווען אויסגעהאלטן. און ביי מיר בלייבט, גלייך ווי ער ענדיקט מפטיר — צוגיין צו אים און געבן אים שלום־עליכם. עס איז פּאָרט לייכטער, איידער אויסצורעדן „זדראַווסטוויטיע“. ווער ווייסט, צי וועל איך עס נאָך שאַרף ארויסרעדן? איך קאָן נאָך מעשה־שטן ארויסרעדן מיט א „זשע“, ווי עס טרעפט ביי מיר אָפט, און דעמלט וועט ער האָבן וואָס צו לאכן.

אז ער האָט געענדיקט דעם מפטיר, האָב איך שוין געמאכט א טריט פאָרויס. נאָר דאָ האָבן מיר געשטערט עטלעכע יידן פון עולם, וועלכע האָבן זיך א לאָז געגעבן אים אָפּגעבן „שלום־עליכם“.

— פאר מיר — האָב איך באטראכט — פאסט נישט צוזאמען מיט די פּראָסטע יידן...

און איך האָב אָפּגעלייגט אויף נאָכן דאווענען...

און נאָכן דאווענען האָט מיר גאָט געגעבן מוט, איך בין צוגעגאנגען צו אים, אויסגעשטרעקט די האנט און געבליבן שטיין אָן א וואָרט.

ער האָט צוריק דערלאנגט מיר די האנט און געשמייכלט.

— איר זענט א גימנאזיסט... — האָב איך אויסגעשאָסן פון גרויס פארלעגנהייט...

— יאָ, א גימנאזיסט... — האָט ער גוטהארציק געשמייכלט... — און דו? וואָס מאכסטו?

— איך — איך קען שוין אויך גוט רוסיש, מיר פעלן נאָר א ביסל ווערטער...

— נו, מיר וועלן זיך זען... — האָט ער אויסגעשטרעקט מיר די האנט און איז אוועק מיטן טאטן...

מיין טאטע איז צו מיר גלייך צוגעגאנגען און מיט א צופרידענער מינע זיך געווענדט צו מיר:

— וואָס האָסטו גערעדט מיט שלמהקען?

—עט — האָט איך געענטפערט ווי א גרויסער — גערעדט וועגן רוסיש... ער האָט ביי מיר געפרעגט א טייטש־וואָרט.

— נו, האָסט געוווסט?

— יאָ! — האָב איך שטאָלץ געענטפערט...

דער טאטע האָט צופרידן א גלעט געטאָן דאָס בערדל, א הוסט געטאָן און זיך אָנגערופן:

— עס שאַט גישט, אז דו זאָלסט מיט אים זיין אויפגעטראָגן... קאָנסט עפעס נאַשן פון אים, א שטיקל גראַמאַטיקע, א שטיקל חשבון, דאָס, יענץ...

און דעם גאנצן שבת האָט דער טאטע אויף מיר געקוקט מיט דרך־ארץ: גערעדט מיטן גימנאזיסט!...

1909

דריי שונאים

דריי יידן האָב איך יינגלוויַיז פֿיַינט געהאַט, געווען זיי אַ דם שונא. איינער פֿון זיי איז געווען חיים מרדכי דער שוחט, אַ ייִד מיט אַ לאַנגער געדיכטער באָרד, ווילד פֿאַרפֿלאָנטערט און פֿאַרפֿלאָכטן, און מיט צוויי גרויסע מוראדיקע אויגן, וועלכע האָבן געהאַט דעם זעלביקן גלאַנץ פֿון זיַין אָנגעשאַרפֿטן חלף... און אַז ער פֿלעגט קומען צו אונדז אַמאָל קוילען דאָס קעלבעלע, וואָס אונדזער בהמה פֿלעגט „געבוירן", און קאַלטבלוטיק געשאַרפֿט דעם חלף, דערציילנדיק אַגבֿ־אורחא אַ מעשה, אַז טרוקענע פֿעלכלעך זענען געפֿאַלן (ער האָט געהאַנדלט מיט טרוקענע פֿעלכלעך), פֿלעגט זיך מיר וועלן בשעת־מעשה אַרויסרײַסן פֿון זיַין גראָבער האַנט דעם חלף און אַריינלאָזן אים אין האַרצן. אויף אונדזער קעלבעלע האָב איך מער רחמנות געהאַט, ווי אָט אויף דעם גזלן, וואָס מער ווי טרוקענע פֿעלכלעך קויפֿן און קעלבער קוילען ווייסט ער נישט...

דער צווייטער, וועמען איך בין אַ שונא געווען, איז געווען גרונם דער בושל — אַ גמרא־מלמד, אַ ייִד מיט זייער אַ לאַנגן האַלדז, פֿאַר וואָס חדר־ייִנגלעך האָבן אים בושל גערופֿן. איך האָב אפֿילו ביי אים קיינמאָל נישט געלערנט, נאָר די חברים מיינע פֿלעגן זיך פֿון אים אָנדערציילן אַזעלכע רציחות, וואָס ער באַגייט זיך מיט זיַינע תלמידים, אַז מיַין יונג בלוט פֿלעגט אויפֿגעקאָכט ווערן, און אַז איך פֿלעג אים אַמאָל זען אין בית־מדרש בין מנחה למעריב, ווי ער שטייט נעבן כיור און וואַשט די הענט, גלאָצט זיַינע קליינע פֿייכטע אייגעלעך און מורמלט אומדייטלעכע ווערטער, פֿלעגט זיך מיר וועלן נוקם זיַין אין אים פֿאַר מיַינע חברים...

נאָר די שנאה צו די ביידן איז געווען זייער קליין קעגן דער שנאה, וואָס איך האָב געטראָגן טיף אין מיַין יונגן האַרצן צו אהרן חיים דעם וווּכערניק. דאָס איז געווען, דאַכט זיך, אויפֿן קוק, אַן אָרעמער ייִד, אין איינגעהויקערטער אין אַלט צעריסענעם בגד, נאָר עס איז מיר געווען גענוג צו הערן אים אַמאָל טענהדיק מיט מיַין טאַטן:

— איך זאָג אייך, ר' שלום (אזוי האָט מיין טאַטע געהייסן), אז אנדערש וועט עס נישט גיין — אנדערש קאָן עס נישט זיין... דאָס איז מיר געוועזן געגנוג, איך זאָל פילן צו אים א טיפע שנאה. אין זיין קול האָט געקלונגען אזויפיל בייזקייט, אזויפיל קאַלטקייט, אזויפיל אכזריות, אז עס איז מיר פארבליבן ווי ראָסט אויפן הארצן, און אז ער איז אוועקגע־גאנגען פון אונדז, האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און זיך גע־ווענדט צום טאַטן:

— טאַטע, וואָס האָסטו מורא פאר אים, וואָס רעדסטו מיט אים?...

— ער וויל אונדזער שטיבעלע אָפּנעמען!... — האָט דער טאַטע האלב לאַכנדיק, האלב ערנסט געזאָגט.

— א מכה וועט ער אָפּנעמען! — האָב איך מיט בלוט פארלאָפע־נע אייגעלעך אויסגעשריען, דריקנדיק די פויסטן. — איך וועל אים זען אין גאַס, וועל איך אים מיט א שטיין פלעטן דעם מוח...

— און ס י ב י ר האָסטו פארגעסן? — האָט דער טאטע מיך גע־סטראשעט... און אין דער מינוט בין איך אויף „סיביר“ געווען מער אין בעס, ווי אויפן מיאוסן וווכערניק.

*

* *

און שטעלט זיך פאַר מיין וויטיק, אז אין מיינע ערשטע צוויי שו־גאים האָב איך ווי עס איז דערלעבט א נקמה. דער שוחט האָט שטארק אָנגעהויבן צו האנדלען מיט „טרוקענע פעלבלעך“, איז געוואָרן א נגיד. דערווייל האָט דעם חזנס בחור זיך עקזאמינירט אויף שוחט און האָט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען... און אזוי ווי דער פאָטער זייגער, דער חזן, האָט געהאט א גרויסן „צד“, ווייל ער איז שוין עטלעכע יאָר הייזעריק געווען און מען האָט אויף אים שטארק רחמנות געהאט — האָט זיך דאָס שטעטל געלייגט, אז מען זאָל, אנשטאָט חיים מרדכין, וואָס האָט אָנגע־קליבן א מטמון געלד פון די „טרוקענע פעלבלעך“, מאַכן פאר א שוחט דעם חזנס בחור. אי וואָס? א בחור טאָר נישט קוילען? טאָ זאָל מען אים חתונה מאַכן... עס איז אפילו א שווערע זאַך געווען, קריגן אזוי גיך א שי־דוך הגון פארן חזנס בחור, נאָר אז „שטאָט“ וויל, איז נישטאָ קיין שווער, מען האָט דעם בחור חתונה געמאכט, געגעבן אים א ווייב, א חלף און גע־זאָגט אים: קוילע....

אָט אזוי האָב איך דערלעבט א נקמה אין אלטן שוחט, אמת, דער גייער איז אויך נישט געווען בעסער. ער האָט אויך געקוילעט, נאָר מיר האָט ער מיין כעס נישט אזוי אויפגעבראכט. ער פלעגט דאָך נישט אזוי קאלטבלוטיק שאַרפן דעם חלף, ווי דער אַלטער. ער פלעגט דעמלט זיין בלייך ווי לייוונט, די הענט פלעגן אים ציטערן, און מיר האָט זיך געדאכט, אז ער אליין האָט אויך רחמנות אויפן קעלבעלע, נאָר וואָס זאָל ער טאָן, אז מען האָט אים פאָרט פאַר א שוחט געמאכט...

א נקמה האָב איך אויך דעמלט דערלעבט אויף גרונם דעם בושל. עפעס איינמאָל נאָך פסח האָט זיך אין שטעטל צעטראָגן א נייעס, אז גרונם דער מלמד האָט פארלוירן זיין הדר. צו וועלכן באלעבאָס ער קומט בעטן דאָס יינגל, זאָגט מען אים אָפּ. מען איז מוחל די גמרא, די האַרבע אויסרעדעניש אין „מרובה“ מיט די קלעפּ און שמיץ: נישט מאך פאר אַ קאַליקע און נישט מאך פאר א רב...

און אז איך פלעג זיך אַמאָל, זומער, אריינכאפּן אין בית־מדרש און פלעג אים זען זיצנדיק ביי א ספר מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אונטערברומענדיק א ווילד־אומעטיקן ניגונדל, פלעג איך טראכטן: גוט אזוי! ווייטער הרגע נישט קיין יינגלעך. טיף אין הארצן אָבער האָב איך שוין אויף אים רחמנות געקריגן. מיר האָט זיך אַפילו געוואָלט אונטערגיין צו אים און טרייסטן אים:

— נישקשה, ר' גרונם, גאָט לעבט! — נאָר איך האָב זיך געשעמט און אָפּגעקערט מיין פנים פון אים.

קיין קויל האָט בלויז נישט גענומען דעם וווכערניק. פארקערט, דער טאַטע פלעגט אַלץ קומען מיט נייעס, אז ער האָט שוין נאָך א ייד „אָפּגעשריבן“, נאָך א שטיבל צוגענומען, אז מיט דער צייט וועט דאָס גאנצע שטעטל זיינס ווערן... מיין כעס פלעגט ברענען, מיין יונג הארץ האָט רוען נישט געקאָנט און איך פלעג אין דער שטיל גאָט בעטן, אז ער זאָל אויך דעם וווכערניק נישט פארגעסן, עפעס אָנשיקן אויף אים א מפלה...

*

*   *

דאָס שטעטל האָט זיך געוויגט. עס איז עפעס געקומען צו פאָרן א מגיד, וואָס קלינגט מיט זיינע דרשות אין דער גאנצער וועלט. עס זענען געווען צעקלעפּט „מודעות“ אין אלע בתי־מדרשים און יידן

האָבן אָפּגעשטופּט איינער דעם אַנדערן און געקראָכן צום מיר איבערלעזן וואָרט און וואָרט, וואָס עס שטייט געשריבן וועגן מגיד... מנחה=צייט איז דער בית=מדרש געווען געפּאַקט. ממש דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען. דער בית=מדרש איז אפילו געווען גרויס גענוג און ווען יעדער וואָלט זיך נישט געשטופּט צום ארון=קודש, וואָלט געווען גענוג אָרט פאַר יעדן. האָט זיך אָבער יעדן געגלוסט כאַפּן א קוק אויפן מגיד, און איינער האָט געשטויסן דעם צווייטן און מיט די עלנבויגנס דורכגעשניטן א וועג, נענטער צום מגיד.

און אָט זע איך, ווי דער מגיד רוקט זיך פון ווינקל מזרח... ווו ער איז געזעסן די גאַנצע צייט ביי מנחה נעבן רב. ער גייט ארויף, גיט א קוש דעם פּרוכת, גיט א גלעט די לאַנגע שוואַרצע באָרד, וואַרפט זיינע צוויי שוואַרצע טיפע אויגן אויפן עולם און הייבט אָן...

פון אָנפאַנג נעמט ער א פּסוק פון תנ״ך, פון ישעיהו. דער פּסוק איז מיר באַקאַנט און מיר איז א וואונדער, וואָס ער טייטשט אָפּ יעדעס וואָרט, ווער ווייסט עס נישט דעם טייטש?... שפּעטער אַ ווײלע נעמט ער א שטיקל גמרא פון „בבא קמא“, נאָך שפּעטער א פּסוק פון חומש...

און פּלוצים הער איך עפּעס ווי ער באַרירט א באַקאַנטע פראַגע, אַן ענין, וואָס אינטערעסירט מיך אזוי, וואָס לאָזט מיך נישט רוען, וואָס צעקאָכט מיין יונג בלוט, ער דרשנט וועגן פּראָצענט...

— „אם כסף תלוה את עמי את העני!“ — דונערט אויס דער מגיד: דער בית=מדרש, דאַכט זיך מיר, ציטערט און פאַלט באַלד איין...

„אויב דו וועסט לייען געלט דעם אָרעמאַן,
זאָלסטו אים נישט דריקן“,
„נישט דריקן זאָלסטו אים!“...

ווו איז ער, ווו איז ער, דער וווכערניק? זאָל ער הערן, זאָל ער הערן!

— פרייט זיך מיין האַרץ און איך הייב אָן אים זוכן מיט די אויגן.

און אָט זע איך, ווי ער שטייט אין צווייטן זייט פון מזרח, הערט יעדעס וואָרט און שאָקלט צו מיטן קאָפּ...

— אַהאַ! — טראַכט איך מיר. — מען האָט דיך געפּאַקט! וואַרט, וואַרט, דער מגיד וועט דיר געבן, וועסט ווייטער וויסן!...

„און אויב ער וועט דיר דעם בגד פאַר א משכון געבן“ — בייזערט זיך העכער דער מגיד און זיין שטימע קויקלט זיך איבערן גאַנצן בית=מדרש — „זאָלסטו אים, דעם אָרעמאַן, ווי נאָר די זון פאַרגייט, דעם בגד צוריק אומקערן... און אז ער וועט נישט האָבן ביינאַכט מיט וואָס

זיך צוצודעקן, וועט ער וויינען צו מיר און איך וועל הערן, ווייל איך בין א דערבארעמדיקער גאָט!"

— און דו וואהפסט ארויס יידן פון שטיבער און גיסט זיי נישט אוועק צוריק! — ווילט זיך מיר אויסשרייען צום ווכערניק. נאָר דער מגיד שמידט מיך צו צום אָרט און איך קאָן זיך נישט באוועגן. ער רעדט הויך און באגייסטערט וועגן דער מיאוסער מידה פון פראָצענט נעמען, וועגן שטראָף אויף יענער וועלט; ער מאָלט אוים דעם גיהנום פאר די פראָצענטניקעס, שטעלט פאָר אַלערליי ענוים קשים — און איך קוק, קוק אויפן ווכערניק, נעם נישט אראָפּ די אויגן פון מיין אהרן־חיימען. איך היט זיין יעדע באוועגונג, און א וואונדער איז מיר עפּעס, וואָס ער הערט גלייך מיט אלע יידן: די זעלבע אָנגעשטרענגטקייט, דאָס זעלבע זיפצעלע, אָבער נישט מער... ווו איז זיין שרעק?...

און אָט האָט דער מגיד געענדיקט. דער עולם רודערט. יעדער וויל ארויסגעבן זיינע התפעלות פון אים, נאָר מיר גייט עס נישט אָן, איך לאָז זיך צו מיין ווכערניק, א קוק טאָן, וואָס מאַכט ער, צי לעבט ער נאָך...

און אָט שטייט ער גיבן א רעדל יידן, וואָס זאָגן מבינות אויף דער דרשה. איך קוק אים אריין אין די אויגן און וויל דאָרטן געפינען עפּעס א פארענדערונג, א חרטה, א טרויער, — נאָר איך באמערק עס נישט... מיין הארץ פארגיסט זיך מיט בלוט...

— טפייטש, טפייטש! — ווילט זיך מיר אויסשרייען, וואָס איז דאָס? וואָס באדייט עס? נאָך אזא דרשה, נאָך אזא מוסר זאָל ער אזוי רואיק בלייבן?...

איך קאָן עס נישט פארשטיין, מיין קליין מוחל באנעמט עס נישט. איך רוק זיך צו נאָענט צו אים און דערהער, ווי ער ווענדט זיך צו בערע פעשעס, אן אלטער באַלעבאָס, און זאָגט מיט א שמייכעלע:

— וואָס זאָגט איר, וואָס פאר א געפערלעכער מויל! הפלא ופלא! איך האָב געהאט אן אמתן תענוג צו הערן אים!...

הייסט עס, אז דער מגיד האָט נישט אים געמוסרט. ער, דער ווו־כערניק, מאַכט זיך נישט ווויסנדיק. און מיין צאָרן האָט געברענט און האָב לאנג געזוכט א נקמה אין אים און נישט געפונען...

1901

די פאַבריק

איצטער בין איך שוין א גרויסער, דערוואקסענער מענטש אָדער, ווי מען פלעגט עס אין מיין קינדהייט רופן — א „ייד“... איך האָב שוין געזען א שטיקל וועלט, אין וועלכער עס געפינען זיך גרויסע רוישנדיקע שטעט, מיט א סך הויכע, שטיינערנע הייזער און מיט א סך נידעריקע, שטיינערנע מענטשן... אפילו דעם גרויסן ים, וואָס רוישט אזוי און שרעקט דאָס שוואכע, קליינע מענטשל, וואָס קוקט אים אָן מיט זיינע צוויי קליינע אויגן און קען זיין ענדע נישט כאַפּן — אפילו אָט דעם פחדיקן ים האָב איך שוין אויך געזען.

נאָר נישט די גרויסע, רוישנדיקע שטעט, נאָר נישט דער גרויסער פחדיקער ים האָבן מיר געגעבן דאָס, וואָס איך האָב ביי זיי געזוכט. גרויס זענען די שטעט, וואָס איך האָב געזען, נאָך גרעסער איז דער ים, אָבער דאָס, וואָס איך האָב געזוכט, האָב איך ביי זיי נישט געפונען. און ווען איך וויל האָבן דאָס, וואָס איך האָב געזוכט, מוז איך זיך אוועקלייגן פארנאכט, ווען די זון פארגייט, אויף מיין בעטל, אין ענגן צימערל, פארמאכן די אויגן און קלערן, און טראכטן, און חלומען...

און דאַן שוועבט ארויס פאר מיינע אויגן אן אנדער וועלט — די קינדהייט־וועלט!

און קליין פיל איך זיך דעמלט, און קליין איז דאָס וועלטל, וואָס שוועבט פאר מיינע אויגן, ווען איך ליג פארנאכט אין בעט, נאָך דעם ווי די זון פארגייט, ווען איך פיל זיך מיד און דערשלאָגן פון דעם גרויסן, לאנגן, רוישנדיקן טאָג, אין דער גרויסער, רוישנדיקער שטאָט...

איצטער בין איך שוין א גרויסער, דערוואקסענער מענטש, אמאָל בין איך א קליין ייִנגעלע געווען, און מיין וועלט איז געווען דאָס קליינע שטעטעלע מיט די זעקס קליינע, שמאָלע געסלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן, ווי שווארצע סטענגעס — מיט דעם טייכעלע, הינטער א שמאָל קליין געסעלע, וווּ מיר פלעגן זיך זומער באָדן.

פלעגט זיך אמאָל טרעפן, אז לויפנדיק אזוי צום טייכעלע, פלעגט זיך עמעצנס א טאַטע אונדז באַגעגענען און אונדז א רוף טאָן מיט א בייזער: „וווהין"? — פלעגן מיר זיך מאַכן „כאלו לא ידע" און פלעגן זיך נישט אָפּשטעלן. אי וואָס שפּעטער וועט מען שמייסן? מילא! וואָס נאָכדעם וועט זיין, האָבן מיר נישט געזאָרגט, מיר זענען נאָך נישט געווען אזוי קלוג און „געזעצט", ווי די „גרויסע", און מיר האָבן קיין מורא נישט געהאַט פאַר שפּעטער...

ס'איז ווינטער געווען. מיר יינגלעך זענען געזעסן אין חדר און האָבן געלערנט „מרובה". דער פּרק איז געווען צו ערנסט און צו שווער פאַר אונדזערע לייכטזיניקע קעפּלעך און אונדז איז בכלל נישט אָנגעגאַנגען, וויפל דער גנב דאַרף באַצאָלן; צי ד' וה' אָדער תשלומי כפל: פון אונ־דזערטוועגן האָט מען דעם גנב געקענט אין גאַנצן שענקען. בכלל האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייט. איינער אַן אָרעמאַן, וואָס האָט נישט וואָס צו עסן (אנדערש וואָלט ער נישט גענגבעט), גנבעט א שעפּסעלע, טראָגט אויפן פּלייצע, דאָס שעפּסעלע מעקעט אזוי טרוי־עריק — אינגאַנצן א יינגלשע מעשה — קומען צו גיין תנאים און חכמים, אזעלכע „גרויסע" יידן, און מאַכן דערפון א גאַנצן וועזן, קריגן זיך אזוי שטאַרק, אזש זיי ברענגען אריין אונדזער רבין אין כעס און דער שלאָגט אונדז מיט די גראָבע רוקנס פון דער גמרא...

ווו איז דער יושר?...

און יענעם טאָג האָבן מיר גראַד געלערנט יענעם באַוווסטן עמוד, וואָס האָט בלויז עטלעכע שורות גמרא און ווו דאָס איבעריקע איז רש"י און תוספות, אזוי אז דער עמוד מיט די עטלעכע שורות גמרא ווייזט אויס, ווי עפּעס א קליינער אינדזל, פאַרטרונקען צווישן צוויי גרויסע ימים, און מיר האָבן זיך, אז מיר שטייען אויפן אינדזל און ציטערן, און אונדזער רבי, דער קאַפּיטאַן, וויל אונדז אריבערפירן די צוויי גרויסע ימים, ווייל זיין א העלד, נאָר ער קען נישט און ער שרייט און שעלט און, ערגער, פאַר אַלץ, ער שלאָגט...

נאָר אָט עפנט זיך אויף די טיר און עס לויפט פריער אריין א ווייסע פאַרע אין חדר, נאָכדעם פאַלט אריין בערל דער שמיד, א חדר־יינגלס

א מאַטע. ער קומט געוויער ווערן, וואָס עס מאַכט זיין יאַטקע, און גלאַט אביסל שמועסן מיט א ייד א תלמיד חכם — מיטן רבין.

— שלום-עליכם, רבי! — ציט דער שמיד אויס דעם רבין זיין גראָבע, פארהאָרוועטע האנט.

— עליכם שלום! — ענטפערט דער בייזער רבי און סטארעט זיך צו שמייכלען, נאָר דאָס קומט אים זייער שווער אָן.

— זיצט, ר' בער! נו, שקצים — ווענדט זיך דער רבי צו אונדז — זיצט רואיק א ווײַלע, קוקט איבער דעם תוספות דערווייל און איך וועל א ביסל שמועסן מיט ר' בערן.

מיר קוקן זיך אלע אריין אין דעם גרויסן ים תוספות, נאָר אונדזערע אויערן זענען אָנגעשטרענגט צו הערן עפעס נייעס, וואָס בער דער שמיד האָט געבראכט. ווייל בער דער שמיד ברענגט שטענדיק א סך נייס, ווען ער קומט.

— א וועלטעלע געוואָרן, א גרויל, א גרויל! — הייבט אָן דער שמיד.

— דהיינו, ר' בער? — ווערט נייגעריק דער רבי און שטעלט אָן די אויערן צו הערן עפעס אינטערעסאנטס.

— א גרויל, א גרויל! — האלט זיך אָלץ דער שמיד ביים וואונדערן

— נו, א וועלטעלע!

— אדרבא, וואָס אזוינס?... — טרייבט דער רבי.

— א גרויל, א גרויל!

מיר קוקן אין תוספות און ווארטן מיט דעם גרעסטן אומגעדולד אויפן „גרויל“, וואָס ר' בער דער שמיד וועט מסתמא באלד דייטלעכער דערקלערן.

— אַ קליין שטעטעלע — הייבט אָן דער שמיד — מישטיינס געזאָגט, זעקס געסלעך מיט א מארק, די גויאישע געסלעך איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעכענען, איר פארשטייט?... אין אזא שטעטעלע זאָל מען גיין שטעלן א פאבריק... א פאַבריק! אַ גרויל!

— א פאַבריק! — גיב איך אַ קלאַפּ א חבר מיטן פוס.

— אין תוספות קוק! — גיט א געשריי דער רבי.

— אזוי גאָר! — ווענדט זיך דער רבי צום שמיד — א פאַבריק דאָ אין שטעטל; צי משוגע?

— א פאבריק פון שוועבעלעך.

— פון שוועבעלעך! — גיב איך ווידער א קלאַפּ אַ חבר מיטן פוס.

— דו קוקסט אין תוספות, צי נישט, גראָבער יונג דו! — שרייט אויס דער רבי נאָך העכער און נעמט מיך אָן פאַרן אויער און דרייט א שלשלת...

— אזוי גאָר, פון שוועבעלעך! וואָס איך הער! — וווּנדערט זיך דער רבי און גלאָצט אויס די אויגן.

— יאָ, יאָ, ביי אונדז אין שטעטעלע שטעלט מען א פאבריק פון שוועבעלעך.

— משוגע, פשוט משוגע — לאַכט דער רבי — וויפל שוועבעלעך דאַרף מען אונדזער שטעטל א וואָך... לוינט דאָס דען?... פשוט משוגע...

— רעכנט אייך — גייט דער שמיד קאַלקולירן צו פאַרשטיין — אז א פאבריק מאכט זיך נישט נאָר פאַר א שטעטל אליין. די שוועבעלעך קענען אָנגיין אומעטום אין דער גאַנצער וועלט, איר פאַרשטייט?... למשל, באַריסאָווער שוועבעלעך! באַריסאָווער שוועבעלעך זענען א שם דבר. מע מאַכט דאָרט גאָלדענע געשעפטן.

— אויב אזוי — זאָגט דער רבי, פאַרקרימענדיק דאָס פנים — אויב אזוי, איז עפּעס אנדערש, שיקט זיך דאָס, וועט מען מאַכן, קען געמאָלט זיין, פיינע געשעפטן?

— וואָס פרעגט איר! גליקלעך וועט ער ווערן! — שטעלט פאָר דער שמיד פאַרן רבין גרויסע גליקן.

— ווער מאַכט די פאבריק? — פרעגט דער רבי.

— עפּעס א גרויסער גביר פון מינסק; האָט א ממון מיט גאָלד און זוכט געשעפטן.

— און ווו שטעלט ער די פאבריק? — פרעגט דער רבי ווייטער.

— אַן אָרט האָט ער אַ גאָלדנס, ביים טייכל, א זעלטענער פּלאַץ.

— ביים טייכל! — רייסט זיך ארויס ביי אונדז, חדר־יינגלעך, ווי אין איין קול א געשריי און מיר קוקן זיך אַלע איבער.

— אין תוספות קוקט! — שרייט דער רבי — פוילערים, ליידאקעס.

— ביים טייכל! — קלאַפּ איך מיין חבר הינטערן טיש מיטן פוס, און מיין האַרץ ווערט איבערהפולט מיט עפּעס מאָדנע גליקן, און פאַר מיינע אויגן מאָלן זיך פאַנטאַסטישע בילדער, און איך וויל פאַלן צו די פיס בערע דעם שמיד און ווייגען פאַר אים און בעטן אים תחנונים:

— רב בער, האָט רחמנות, זאָגט מיר אין אמת, טאַקע ביים טייכל מאַכט מען די פאבריק?... טאַקע ביים טייכל?...

און מיר גלייבט זיך דאָס גליק נישט...

נאָך פּסח איז די פאבריק פארטיק געוואָרן. מיר חדר־ייִנגלעך, זענען געקומען צו לויפן אָנקוקן זי. איר אויסזען האָט אונדז געשראָקן. די הויכע קוימענס האָבן פון דערווייטנס אזוי בייז געקוקט און האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן וועלן חרוב מאכן דאָס גאנצע שטיק פעלד, וואָס געפינט זיך ארום.

— אָ, סארא הויכע קוימענס! — האָט יאָשקע, א חדר־ייִנגל, פון ווייטן אָנגעוויזן.

— ווי עס הודזשעט! — האָט א צווייט ייִנגל ווי מיט שרעק ארויס־געזאָגט.

— קומט געענטער! — וואָס האָבן מיר מורא! — האָבן מיר זיך אלע געפּאסט מוט — קומט!

מיר זענען צוגעגאנגען און האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביים טייכל. דאָס וואסערל האָט שטיל און טרויעריק געררוישט און מיר האָט זיך גע־דאכט, אז עס וויינט... עס האָט מיר אויסגעוויזן, אז דאָס טייכעלע האָט מורא פאר דער גרויסער פאבריק...

און בישט נאָר אויף מיר אליין האָט דאָס טייכעלע אזא איינדרוק געמאכט, אלע חדר־ייִנגלעך האָבן, אָנשטאָט צו קוקן אויף דער פאבריק, זיך אין וואסער איינגעקוקט און איינער האָט זיך צעזיפצט:

— מוטנע וואסער געוואָרן!

— טאַקע! — האָט א צווייטער טרויעריק מודה געווען.

— דאָס איז פון רויך פון די קוימענס...

א רחמנות אויף דעם טייכעלע — האָט א ייִנגעלע כלומרשט לאכנ־דיק געזאָגט.

— משוגענער! — האָבן מיר פון אים אָנגעהויבן צו לאכן. די הערצעלעך אָבער אינעווייניק האָבן אונדז געקלעמט און עס האָט זיך געוואָלט וויינען...

ספירה האָט זיך געענדיקט, עס איז געווען א הייסער טאָג, און לערנענדיק מיטן בייזן רבין, האָבן מיר א גאנצן טאָג געקוקט אין פענצטער צו זען, ווו עס האלט שוין דער שאָטן פון די הייזער, ווען עס וועט שוין די זון אויף אונדז רחמנות האָבן און וועט זיך איבער־פעקלען ערגעץ ווייט הינטער די הייזער, כדי דער רבי זאָל אונדז שוין לאָזן פריי...

און אָט איז שוין די גאנצע גאַס שאָטן געוואָרן. דער פּאַסטעך האָט שוין די טשערעדע געטריבן און דער רבי האָט אונדז פריי געלאָזט.

— באָדן זיך! — האָבן מיר אין איין קול אויסגעשריען און זיך געלאָזט אראָפּ פון געסל צום טײַכל.

— הערסט, ווי עס פײַפט! — האָט גײענדיק איין חבר ווי באַזאָרגט אויסגערופן, צוהערנדיק זיך, ווי פון ווײַטן פײַפט די פאַבריק.

— זאָל פײַפן! — וועט זײַן פריילעכער זיך צו באָדן — האָט א צווייטער געזאָגט.

— טאַקע! — האָבן מיר מיטגעשטימט, ווי מיר וואָלטן וועלן זיך אליין אָפּנארן.

נאָר וואָס נעענטער מיר זענען געקומען צום טײַכל, אלץ מער האָבן מיר זיך געשראָקן, עפּעס האָט אונדז דאָס הארץ פאַרגעזאָגט טרויעריקס...

איך האָב זיך געלאָזן לויפן אלץ שטארקער און שטארקער, ווי איך וואָלט וועלן דערמיט צוגעבן מוט מײַנע חברים. נאָר קומענדיק נאָענט צום טײַכל, בין איך געבליבן שטיין ווי פארגליווערט.

— נישטאָ, ברידער, קיין טײַכל! צוריק! — האָב איך ווי מיט א געוויין אויסגעשריען.

— ד ז ז ז ז ז! — האָבן די קוימענס געפּייפט.

— ד ז ז ז!

— ד ז ז ז!

די חדר־ייִנגלעך זענען נעענטער צוגעקומען, האָבן אײַנגעבויגן די קעפּ אריינצוקוקן אין טײַכעלע, און מיר אלע האָבן א לאנגן זיפץ, ווי נאָך א געשטאָרבענעם, ארויסגעלאָזן.

— אוי!

דאָס וואסער האָט אויסגעזען, ווי אין א טעלער פארבליבן קאלט געקעכטס, פארגליווערט. אויף דער גליווערײַ זענען געווען אָנגעוואָרפן העלצעלעך, צעבראָכענע קעסטעלעך און סתם מיסט. און אלץ האָט געשמעקט מיט א מאָדנעם, שטיקנדיקן גערוך.

מיר זענען אזוי געשטאנען, ווי פארשטיינערט, א פּאָר מינוט און געקוקט מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. פּלוצעם האָבן מיר דערהערט א גראָב קול הינטער אונדז רעדן:

— וואָס טוט איר דאָ, הא?

מיר האָבן זיך אומגעקוקט און האָבן דערזען א הויכן גראָב־בייכיקן ייד, מיט א פֿליך אויפֿן קאָפּ. ער איז געשטאַנען, געקוקט אויף אונדז און געשמייכלט. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן.

— וואָס טוט איר דאָ, האַ? — האָט ער ווייטער געפֿרעגט.

— באָדן זיך ווילן מיר! — האָט זיך ביי איינעם ארויסגעריסן א געשריי...

— כאַ־כאַ־כאַ! באָדן זיך! — האָט זיך דער דיקער ייד צעלאַכט — נו, וואָס זשע וואַרט איר? כי־כי־כי!...

— אַמאָל פֿלעגן מיר זיך דאָ באָדן — האָט א צווייט ייִנגל ווי דורך טרערן ארויסגעלאָזט — א מאָל איז געווען ריינע וואַסער.

— אַמאָל! אמאָל! — האָט דער הויכער, בייכיקער ייד זיך לוסטיק געמאַכט איבער אונדז — אמאָל איז דען אויך א קוגל געווען צו באָדן זיך?... באָדט זיך איצטער... כאַ־כאַ־כאַ!

זיין לאַכן האָט אונדז ביז ווייטעק געדרייצט. און איינער פֿון אונדז, בלאַס ווי דער טויט, האָט א געשריי געטאָן:

— אַ בראַנד אין אייער פֿאַבריק!...

און האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט.

— כאַכאַ־כאַ! — האָט זיך דער בייכיק־דיקער ייד פֿונאַנדערגעלאַכט — אהיים, שקצים!...

גייענדיק צוריק א היים, האָט מיר געקלונגען אין די אויערן דעם יידנס געלעכטער, דער „דזזזז“ פֿון די קוימענס און דאָס אַלץ האָט זיך מיר געלייגט, ווי שוועבל, אויף מיין האַרץ.

— אַ בראַנד אין דער פֿאַבריק! — האָט דאָס ייִנגל דעם גאַנצן וועג געשאָלטן.

— דערשטיקט האָט זי דאָס טייכעלע! — האָט אַ צווייטער געזיפֿצט...

און לאַנג האָבן מיר דאָס טייכעלע באַוויינט, און נאָך לענגער די פֿאַבריק געשאָלטן...

1901

דער הונט

פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, האָט מען נישט געוווסט. אין אַ ליכטיקן זומער־פרימאָרגן האָבן די באַלעבאַטים פון אַלטן בית־מדרש דערזען צווישן די עטלעכע שטעטלשע קונדייסים א ייִנגל פון א יאָר פופצן, אַן אָפּגעריסענעם, אַן אָפּגעשליסענעם, מיט צעשויבערטע האָר אונטערן היטל און מיט אַ צעדראַפּעט פּנים.

— שוין א נייער העכט! — האָט זיך געקרימט, קוקנדיק אויף אים ר׳חנא פעשעס, קומענדיק אין דער פרי דאַווענען און דערזעענדיק אים — ווער ביסטו?

— אַ טאַטנס מיט א מאַמענס! — האָט דאָס ייִנגל שפּאַטיש אָפּגעענטפערט און האָט זיך מיטן גאַנצן גוף א קראַץ געטאָן.

— טפו! — האָט ר׳ חנא אויסגעשפּיגן און איז אוועק צו זיין „שטאָט“.

די איבעריקע קונדייסים האָבן אים לכתחילה אויך טרוקן צוגענומען. אז זיי האָבן אָבער מיט אים א פּרווו געטאָן „איינלייגן זיך“, און ער האָט א פּאָר פון זיי גלייך א וואַרף געטאָן אויף דער ערד, האָט איינער פון זיי, געצל דער קרופּעניצעס, ערנסט זיך אָנגערופן:

— ביסט געזונט!

— א יון! — האָט פּייוול־קוליע אונטערגעהאַלטן.

די איבעריקע קונדייסים האָבן זיך צוגערוקט און באַטראַכט דעם „נייעם“ מיט הרך־אַרצדיקע בליקן.

— ביסט נישט קיין היגער, האַ? — האָט אים געצל דער קרופּעניצעס א פרעג געטאָן.

— ניין! — האָט ער. טרוקן און נישט גערן געענטפערט.

— פון וואַנען?

— פון קלעצק.

— קלעצקער גנבים! — האָט איינער זיך אָנגערופן.

— ערלעכער ווי די היגע יידן! — האָט זיך דער גייער מיט כעס אָנגערופן.

— דו האָסט א שאָטן מיט א מאַמען? — האָט מען אים ווייטער געפרעגט.

— ניין!

— וואָס ווילסטו דאָ טאָן?

— איך וועל מיין שטעטל באשטיין! — האָט ער שטאָלץ געענט־פערט ווי א גרויסער, דערוואקסענער מענטש, און א בליצל געטאָן מיט די אויגן.

מער האָבן פון אים די שטעטלשע קונדייסים די ערשטע צייט נישט דערגאַנגען.

שפּעטער, אין א פּאָר וואָכן ארום, אז ער איז געגעטער באַקאַנט געוואָרן מיט געצל קרופּעניצעס און האָט ביי אים גענומען דריי „צי" פון פּאַפּיראָס, וואָס געצל האָט געדרייכערט, האָט ער דערציילט זיי אזא מעשה:

— איך בין דאָ אַהער געקומען צופוס...

— אַזש פון קלעצק? — האָט חברה זיך פארוואונדערט.

— אויך אַ געשעפט האָט ער זיך באַרימט, גיב נאָך א צי, געצל,

— און ער האָט אויסגעצויגן די האַנט.

געצל האָט אים צוגעטראָגן צום מויל דעם פּאַפּיראָס, נישט טרוי־ענדיק אים פון האַנט. דער נייער קונדס האָט א צי געטאָן מיט אלע כוחות.

— אָבער אַ צי האָסטו געטאָן! — האָט זיך געצל פארקרימט — דעם גאַנצן פּאַפּיראָס האָסטו אויסגערייכערט.

— נישקשה, אז איך וועל קריגן, וועל איך דיר אויך געבן. איך זשאַלעווע נישט.

— אַ קבצן איז א בעל־צדקה — האָט זיך אייגער געוויצלט.

— אנטלאָפן בין איך פון אַזאַ מעשה — האָט דער „נייער" פאָר־געזעצט זיין ביאָגראַפיע: — אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן...

— און אַ מאַמע האָסטו? — האָט מען אים איבערגעשלאָגן.

— איך האָב דאָך שוין אייך געזאָגט, אז ניין... זי איז געשטאָרבן נאָך אין קימפּעט מיט מיר. אז מיין טאַטע איז געשטאָרבן, האָט אונ־דזערער א שכן, אַ שוסטער, צוגענומען מיך און געזאָגט:

— איצטער, באַצקעלע, אוים...

— מען רופט דיך כאַצקל? — האָט חברה איבערגעשלאָגן.

— כאַצקל — האָט ער שטיל געענטפערט, ווי ער וואָלט זיך גע־שעמט מיט זיין נאָמען. „אוים", האָט דער שוסטער געזאָגט. „גענוג צו „באַדערעוען". ווער שוין א מענטש. איך וועל דיך צוגעמען צו מיר און דו וועסט זיין א באַלמעלאָכע"... איך האָב אָבער נישט געוואָלט. פע! זיצן א גאַנצן טאָג און קלאַפּן משוועקלעך. מיין טויט איז דאָס. צוואָס דאַרף מען דאָס אַרבעטן? — האָב איך געקלערט. די בעסטע זאַך איז לעבן פריי. כאָטש נישט עסן! אַרבעטן וואָלט זיך וועלן, אָבער א ביסעלע: פיר שעה אין טאָג...

— פיר שעה אין טאָג איז אויך צו פיל — האָט געצל איבערגע־שלאָגן — א שעה אין טאָג איז גענוג. איך העלף דער מאַמען אַלע טאָג א שעה דרייען די שטיינער ביי די גרויפּן. מער וויל איך נישט.

— מיין שוסטער האָט אָבער געוואָלט. איך זאָל זיצן א גאַנצן טאָג און אַרבעטן. שאָמער האָב איך זיך א ביסל צוגעפּוילט, פלעגט ער מיך שלאָגן. דערפאַר פלעג איך גאָר אין כעס זיין. מילא, אז חברה שלאָגט מיך אַמאָל אין שטעטל, אַרט מיר נישט, איך גיב א קלאַפּ, זיי גיבן אַ קלאַפּ, מע איז קווית. דעם שוסטער צוריק שלאָגן האָב איך נישט גע־קענט, ער איז געווען דאַר ווי א כאַרט, מיטן „גאָטס פינגערל" וואָלט איך אים איינגעלייגט. אז ער פלעגט מיר אַמאָל געבן א פּאַטש מיט זיי־נע דאַרע הענטלעך, פלעגט זיך מיר וועלן ברעכן... ווי האָט מיר גאָר נישט געטאָן.

— איך וואָלט אים אַראָפּלאָזן אין זיין „פאַטרעט" א „טונק", וואָלט ער שוין קיין כוח נישט געהאַט צו פּאַטשן זיך... — האָט געצל מיט פאַראַכטונג געזאָגט.

— איך האָב אים אַ בעסערע זאַך אָפּגעטאָן, איך האָב ביי אים „צו־געצויגן" א פּאָר שטיוול און בין אַנטלאָפן געוואָרן.

— וווּ זענען די שטיוול?

— פאַרקויפט. גענומען צוויי רובל — האָט זיך כאַצקל באַרימט.

— האָסט דאָך קיין פּאַספּאָרט נישט.

— איך דאַרף קיין פּאַספּאָרט נישט. איך בין א היגער. מיין טאַטע פלעגט פון דאַנען נעמען א פּאַספּאָרט.

— האָסט דאָ קרובים?

— קרובים? — האָט ער א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס — אפשר יאָ, נאָר איך קען זיי נישט.

— ברעכן זיי די קעפּ, די קרובים! — האָט געצל געשאָלטן — מיין מאמע האָט דאָ קרובים, לאָזן זיי איר אפילו אויפן שוועל נישט ארויף.

— מסתמא רייכע.

— זייער רייך! — האָט זיך געצל צעקאָכט — אייגער, יאנקל כאַטשעס, האָט אפשר צען טויזנט רובל, ער פּאַרלייט געלט אויף פּראָצענט.

— ביי אַזאַ קרוב איז גוט צו גנבענען! — האָט כאַצקל מיט א לוסטיק שמייכל א זאָג געטאָן.

— ליגט ער אָן מיטן קאָפּ — האָט געצל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

*

*   *

אַז די חברים זענען נעענטער באַקאַנט געוואָרן, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז כאַצקל איז א גרעסערער אין שטיקלעך פּראַווען. דערהויפּט איז זיי געפעלן געווען, ווי ער בילט ווי א הונט.

— האַוו-האַוו-האַוו — פלעגט — כאַצקל אָנהייבן צו בילן און חברה פלעגט זיך האַלטן פאַר די בייכער.

— פּונקט ווי א הונט! — האָבן זיי געלויבט.

— ביי אונדז אין קלעצק פלעג איך ביינאַכט אַלעמען שרעקן — האָט כאַצקל לאַכנדיק דערציילט. — לייבע וואָלפס, א רייכער ייד, איז אַמאָל פאַר שרעק געפאַלן, אז איך האָב ביינאַכט אויף אים אָנגעהויבן צו בילן.

— פּחדנים! — האָט חברה געלאַכט.

— האַוו-האַוו-האַוו! — האָט כאַצקל באַוויזן, וויאַזוי ער האָט דעמאָלט געבילט.

און חברה האָט אים אַ נאָמען געגעבן „דער הונט". ביסלעכווייז האָט מען זיין אמתן נאָמען פאַרגעסן, און „הונט" איז געבליבן זיין געווינלעכער, נאַטירלעכער נאָמען.

און אים האָט עס נישט געהאַרט, פאַרקערט, ער האָט ווי געפילט, אז דער נאָמען טיילט אים אָפּ פון אַלע איבעריקע מענטשן, וועלכע ער האָט נישט אזוי שטאַרק ליב געהאַט. דער נאָמען לאָזט אים נישט צו האָבן קיין

מגע ומשא מיט די איבעריקע „נפשות“, אויסער זיינע גוטע ברידער, די קונדייסים. דער נאָמען גיט אים פרייהייט ארומצולויפן, צו הונגערן און שלאָפן, ווו עס מאכט זיך. טרייבט דער שמש ארויס פון פּאָליש, קען ער איבערשלאָפן די נאַכט אויפן גאניק פון דער ווייבערשער שול, פונקט ווי א הונט טאַקע. און צייטנווייז פלעגט ער, בילנדיק, זיך גאָר פארגעסן, אַז ער איז א מענטש. ער פלעגט ארייננגיין אין דער היגטישער ראָלע און בילן מיט געפיל. מיט בייזקייט, מיט רציחה, ווי ער וואָלט וועלן עמעצן צערייסן.

איינמאָל האָט אים געצל דער קרופעניצעס גערופן צו זיין מאַמען:

— ווילסט, הונט, פארדינען א צענערל?

— יאָ! — האָט דער „הונט“ אָן חשק געענטפערט.

— קום צו אונדז, וועסט העלפן דרייען די שטיינער ביי די גרויפן, וועט די מאמע דיר געבן פינף קאָפּיקעס.

„דער הונט“ האָט זיך געקווענקלט און איז ענדלעך געגאנגען. אין מיטן וועג האָט ער א ביל געטאָן;

— האַוו! — האַוו!

— וואָס בילסטו? גייסט דאָך אַרבעטן! — האָט אים געצל גע־פרעגט.

— ס'ווילט זיך נישט גיין... — האָט „דער הונט“ פויל ארויסגע־רעדט.

— ביסט אָן אמתער הונט — האָט געצל געשטראָפט — וועסט פגרן, ווי א הונט, פאר הונגער.

— בעסער ווי ארבעטן... האַוו־האַוו!...

אריינגייענדיק צו געצלען אין שטוב, האָט דער „הונט“ געוואָרפן א פאראכטלעכן בליק אויף דעם גרויסן שטעקן, וואָס איז געווען איינ־געפלאָכטן אין צוויי שטיינער, פארשטויבטע פון מעל, און האָט זיך גע־נומען קראַצן...

— אָט דאָס איז דיין שיינער חבר... — האָט די קרופעניצע זיך פאר־קרימט — א לייט, נישטאָ וואָס צו רעדן!

— האַוו־האַוו! — האָט דער „הונט“ א ביל געטאָן מיט א ווילדן געלעכטער.

— קיין משוגענע שטיק פראַווע דאָ נישט, האָט זיך די אלמנה גע־בייזערט — ווילסט דרייען די שטיינער, איז גוט, אז נישט — גיי געזונ־טערהייט.

„דער הונט" האָט אָנגעהויבן צו דרייען, אלע ווײלע אונטערבילנדיק...

— וואָס איז דאָס א דיבוק אין אים! — האָט זיך די קרופּעניצע דערשראָקן — אַ מענטש זאָל גאָר טאָן אזן בילן.

— האַו-האַו! — האָט זיך „דער הונט" מיט כעס פונאנדערגע-בילט — גענוג צו דרייען, גיט אהער א צענערל.

— אזוי גיך א צענערל ווילסטו פאַרדינען! — הונט איינער! — האָט געצלם מוטער זיך געבייזערט. דריי א גאַנצן טאָג.

— נישט דערלעבן וועט איר דאָס! — האָט „דער הונט" זיך צע-שריען און איז ארויסגעלאָפן אָן א צענערל.

— שוין בעסער זיין א הונט, איידער דרייען די שטייגער א גאנצן טאָג — האָט ער אויסגעשפּיגן גייענדיק און האָט אָנגעהויבן צו בילן...

*

* *

אזוי האָט „דער הונט" זיך אָפּגעוואלגערט אין שטעטל צוויי יאָר, איז ארומגעלאָפן אויפן שול-הויף, אמאָל אין די גאַסן און אמאָל הינטערן שטעטל אויפן פעלד. אויפן פעלד פלעגט ער זיך פילן בעסער ווי אומע-טום, דאָרט פלעגט ער מאַכן הונטישע פּרוּוון, ער פלעגט גיין אויף די הענט און בילן.... אים האָט זיך געדאַכט, אז דאָ איז ער אַן אמתער פרייער הונט און די גאַנצע וועלט איז זיינע, אז ער פלעגט אָבער גוט זיך אויסהונגערן פלעגט ער מיט כעס זיך ארומקוקן אויף דעם ברייטן, פרייען פעלד, וואָס אויסער גראָז איז דאָ גאָר נישטאָ, פלעגט אָנהייבן בילן און שטעלנדיק זיך אויף די פיס, פלעגט ער צוריק אין שטעטל אַוועק-לויפן זוכן עפּעס עסן...

*

* *

— ווען וועסטו זיך שוין אָפּגעוויינען פון בילן? — האָט אים איינ-מאָל געצל דער קרופּעניצעס א פרעג געטאָן, ווען „דער הונט" האָט זיך פונאנדערגעבילט.

— קיינמאָל נישט! — האָט „דער הונט" הויך אויסגעשריען — אז איך ביל, פאַרגעס איך זיך אין אלע צרות... דו מיינסט... מיך אַרט נישט,

וואָס איך גיי ווי אַ משוגענער, אַפּגעריסן, אָפּגעשליסן?... גיין, ברודער לעבן! אָפּט מאָל האַכט זיך מיר, אַז איך וואָלט די גאַנצע וועלט צע־ביסן, און דעמאָלט ערשט ווילט זיך מיר בילן, פאַרשטייסט?...

— גיי מיט אַ גלאָק, הונט אייגער! — האָט געצל געזידלט — אַז דו וועסט בילן, וועסטו קיינמאָל גאָרנישט האָבן. מען וועט דיך אין קיין שטוב נישט אַריינלאָזן.

— כאַפּט זיי דער רוח מיט זייערע הייזער, איך דאַרף זיי אויף כפּרות...

— וועסט פּגרן ווי אַ הונט, וועסט זען! — האָט אים געצל גע־שראָקן.

— אַלצאיינס: אַ הונט, אַ מענטש! — האָט „דער הונט“ געפּי־לאָסאָפירט — איך האָב הינט מער האָלט, ווי מענטשן. פּע, אַ מענטש! — האָט ער אויסגעשפּיגן...

*

* *

איינמאָל איז געצל געקומען צום „הונט“ אויפן שול־הויף און האָט מיט אַ געלעכטער אים געזאָגט:

— ווייסט, הונט, מאָרגן סמט מען דאָך אַלע הינט פון גאַס.

— גיי אין דר' ערד! — האָט אים „דער הונט“ מיט כעס געענט־פערט.

— אויף נאמנות — האָט געצל פאַרזיכערט.

— פאַר וואָס סמט מען זיי עפּעס? — האָט דער „הונט“ ערנסט געפרעגט.

— אַזוי! — האָט געצל געענטפערט — הינט, וואָס האָבן קיין באַ־לעבאַטים נישט, איז דאָ אַ „זאַקאָן“, דאַרף מען סמען...

— וואָס אַרט דאָס זיי, אַז זיי לויפן אַרום? — האָט „דער הונט“ ווידער געפרעגט.

— מע: דאַרף זיי נישט האָבן.

„דער הונט“ האָט זיך פאַרטראַכט, ענדלעך האָט ער געפרעגט:

— ווי אַזוי סמט מען דאָס זיי?...

— מע׳ האקט פאר זיי קאָטלעטן פון פלייש און אין די קאָטלעטן ליגט מען אריין סם. ווי מע גיט זיי א וואָרף א קאָטלעט, כאַפּן זיי דאָס גלייך אויפעסן....

— אמתע קאָטלעטן? — האָט „דער הונט" איבערגעהאקט.

— אוודאי! אמתע, טייערע קאָטלעטן. אויב דו ווילסט, קענסטו אויך פּארזוכן אַזאַ קאָטלעט. דו האָסט דאָך אַזוינע קאָטלעטן קיינמאָל נישט געגעסן.

— גיי אין דר׳ערד! — האָט דער הונט אויסגעשריען און איז בלייך געוואָרן...

— דיר וועט מען אויך געבן אַזאַ קאָטלעט, דו ביסט דאָך אויך אַ הונט! — האָט געצל געלאכט.

אנשטאָט אן ענטפער האָט געצל באקומען א פּאַטש, און „דער הונט" האָט זיך אָפּגעטראָגן.

עס איז אָנגעקומען די נאכט. אין פּאליש, וו דער „הונט" האָט גע־נעכטיקט, איז געווען קאלט און פינצטער. „דער הונט" איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און האָט געטראכט. די נייס, וואָס געצל האָט אים דער־ציילט בייטאָג, האָט אים צערודערט, ער האָט זיך עפּעס געשראָקן...

— וואָס האָב איך מורא? — האָט ער זיך בארואיקט — איך בין דאָך נישט קיין אמתער הונט, מיר וועט מען קיין קאָטלעט מיט סם נישט וואַרפן...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אים האָט זיך געדאכט, אז ווען ער וועט אויפשטיין מאָרגן פרי א הונגעריקער, וועט ער זיך נישט קענען איינהאלטן און גלייך מיט אלע הונגעריקע היגט אויפהייבן א קאָטלעט און אויפעסן מיטן סם...

— האוו־האוו... — האָט ער גענומען בילן...

פאר דעם איצטיקן בילן האָט ער זיך אָבער דערשראָקן, ער דאַרף איצט ווערן אוים הונט — האָט ער באַשלאָסן... — א מענטש צו זיין איז פאָרט בעסער...

— ווי הייבט מען אָבער אָן צו לעבן ווי א מענטש? — האָט ער א טראכט געטאָן — איך בין אזוי אָפּגעריסן, אָפּגעזונדערט, איך האָב מיט זיי קיינמאָל נישט גערעדט. איך האָב זיי פיינט און זיי האָבן מיך פיינט.

— ליגן זיי אין דר׳ערד! — האָט ער געשאָלטן און האָט ווייטער אָנגעהויבן בילן...

פון דעם נישט שלאָפן א גאַנצע נאַכט האָט זיך זיין הונגער אינדערפרי פארשטארקט. ער האָט קיינמאָל אזא הונגער נישט געשפירט.

— הײַנט װאַרפט מען פאר הינט קאָטלעטן! — האָט אים געבליצט אין קאָפּ א גאנצן פרימאָרגן.

און א צערײַצטער, מיט א בילעריי, איז ער אויפן מארק אוועקגעלאָפּן...

1902

מיינע ערשטע האָנאָראַרן

(פון א שריפטשטעלערס דערינערונגען)

מיין ערשטער האָנאָראַר איז געווען נישט באזונדערס גרויס: א צווייער פאר אַ ליד.

דערפאר אָבער איז דער צווייער געווען זיכער: וואָרעם נישט פון א רעדאַקציע האָב איך דעם צווייער באַקומען, נאָר פון מיין באָבען...

מיין באָבע האָט געצאָלט ערלעך! איר קאָנט אוודאי מיינען, אז מיין באָבע איז געווען א רעדאַקטאָרין פון א יידישער צייטונג. וועט איר א טעות האָבן. מיין באָבע, א פשוטע קרעמערין, האָט מיט ליטעראַטור קיין מגע ומשא נישט געהאט (דערפאר איז זי טאקע געווען א ווילע יידענע), זי איז סתם געווען א ליבהאָבערין פון גראַמען, און זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט אָנערקענט מיין טאַלאַנט אין יענער צייט.

איך בין דעמלט אלט געווען אַ יאָר צען—עלף...

מיין טאטע האָט נישט געטאָרט וויסן, אז איך שרייב: ערשטנס, איז ער דעמלט געווען קעגן זשאַרגאָן, און צווייטנס, האָט ער בעסער געהייסן לערנען!

— לידער! — האָט ער געזאָגט. — זאָלן שרייבן גרעסערע מענטשן פאר דיר, עלטערע יידן...

דאָס האָט ער געמיינט טאַקע זיך אַליין... מיין טאַטע פלעגט ליב האָבן אמאָל בין־השמשות צו מאַכן א לידל, און ווער ווייסט, אפשר טאַקע דערפאר האָט ער מיר פארבאָטן צו שרייבן: קיין „פראָפעסיע" האָט קיין קאָנקורענץ נישט ליב.

מילא, ער לאָזט נישט, לאָזט ער נישט... נתפעל פון אזעלכע זאכן ווערט מען נישט. און אז דער טאטע לאָזט נישט גיין אין וואלד, גיי איך דען נישט? און אז ער לאָזט נישט, למשל, ווינטער קראצן די פארפרוירענע שויבן, קראץ איך דען נישט?... מען קריגט שוין אן עצה...

קריך איך ארויף ווינטער אין אָוונט אויפן אויוון (דאָס דערלויבט ער יאָ!...) און גיס מיט גראמען...

וואָס טוט מען אָבער — מען מוז זיי דאָך עמעצן ווייזן: עס איז דאָך אוממעגלעך שטיקן זיך אליין מיטן ליד. עד היום גלויב איך נישט די פּאָרדיסענע פּאָעטן, וואָס זאָגן כלומרשט, אז זיי זינגען ווי דער פויגל, נאָר פאַר זיך אליין און דער עולם גייט זיי נישט אָן! שקר וכזב! א מענטש איז נישט קיין פויגל, און אז א מענטש מאכט א ליד, מוז ער האָבן, דער מענטש הייסט עס, נאָך א מענטשן מיט צוויי אויערן, וואָס זאָל זיין ליד אויסהערן.

וועמען זשע קאָן איך פאַרלעזן מיין ליד? דעם טאַטן, ווי געזאָגט, איז אַן אוממעגלעכע זאַך; די מאַמע איז אַ פאַרטראָגענע יידענע, כאָטש זייער א גוטע; די עלטערע שוועסטער האָט יאָ אַ שטיקל ידיעה אין אזוינע זאַכן, זי זינגט אליין דאָס ליד: „פון אַזיא גאָך יעווראָפּע בין איך אין אכס:יא פאַרקראָכן", און זינגט גאַרנישט שלעכט; בין איך אָבער מיט דער שוועסטער שטענדיק ברוגז; דאָ צעקריגט מען זיך פאַר א צונאָמען, וואָס איך גיב איר, דאָ פאַר א מסירהלע און אמאָל טאַקע פאַר א גרעסע־רע „המוציא" הלה.

בלייבט מיר פאָרט די באָבע. מיין באָבע איז אפילו שוין אַן אַלטע יידענע. אָבער זייער א וועלטלעכע. און דער עיקר — זי האָט פּרנסה! שטענדיק איז זי אויפגערוימט. זי האָט א גרויסן רימענעם בייטל מיט אַלערליי מטבעות, ארומגעבונדן פעסט ארום איר קליינעם גוף, און צו־ליב דעם האָזיקן בייטל ווייעט פון דער באָבען א זיסע ווארעמקייט... ווער רעדט, אז די באָבע לייגט אריין איר האַרץ אָרדעדיקע האַנט אין דעם רי־מענעם בייטל, דאַכט זיך אייך, אז באלד, באלד, נעמט זי ארויס עפּעס א גרויסע ישועה פון דאָרט און עס וועט ווערן אלעמען ליכטיק אין די אויגן...

טראָג איך יעדעם גייע ליד דער באָבען, גאַטירלעך אין אָוונט, ווען זי קומט פון קראָם. וויינען וויינט די באָבע די צווייטע שטוב פון אונדז אין אַ קאַמערל ביי איר עלטערן זון, א גרויסער למדן, אָבער זייער א בייזער ייד...

גיי איך אריין אין קעמערל, די באָבע זיצט ביים טישעלע אין שטריקט אַ זאָק. דער זיידע כלומרשט א בייזער, אָבער באמת זייער א גו־טער, זיצט אויף דעם אייוועלע, וואָס איז ספּעציעל צוגעבויט געוואָרן פאַר אים צום גרויסן אויוון, און לערנט עפּעס אין אַ ספר.

איך שטיי נעבן דער באָבען און וואַג נישט צו זאָגן איר פון מיין ליד, ביז זי וועט מיך אַליין נישט פרעגן.

ענדלעך פרעגט זי גוטמוטיק:

— נו, וואָס שווייגסטו? זאָג עפּעס!

מיט א הארצקלאַפּעניש נעם איך ארויס פון קעשענע דאָס שטיקל פּאַפּיר, פארשריבן דורך און דורך מיט גראַמען און האלט עס אזוי א ווייַלע, ביז איך קריג מוט און זאָג:

— אַ ליד געמאַכט... איינער אליין...

— גאַנץ פיין! — לויבט די באָבע נאָך איידער וואָס ווען. — ארבא, לאָמיך הערן....

פון דער באָבעס גוטן טאָן באקום איך שטארק מוט און הויב אָן לעזן...

פאר א גראָשן געלט
ענדיקט זיך די וועלט....

די באָבע איז שוין צופרידן, די ערשטע צוויי צײלן געפעלן איר שטארק, זי קאָן זיך נישט איינהאַלטן און ווענדט זיך צום אײוועלע, ווו דער זיידע זיצט, ווי נישט אים מיינט מען.

— הו הערסט, מאָשע — מאָשע, דו הערסט, וואָס זאָגסטו אויף זיין קעפּעלע?

נאָר דער זיידע איז נישט צופרידן, ער האלט דערפון נישט און ברומט ארויס:

— ער וואָלט בעסער געלערנט גוט, איידער אזוינע נארישקייטן...

פון דער האַזיקער מיינונג ווער איך שטארק אראָפּגעפאלן און אלע מיינע גראמען פארלירן אויגנבליקלעך זייער גאַנצן ווערט: „אין דער אמתן" — בליצט מיר דורך אין קאָפּ — „וואָס מאך איך זיך נאריש".

די באָבע אָבער מוטיקט מיך און זאָגט:

— אָט הער דעם אַלטן, וואָס ער רעדט... ס'איז זייער שיין, וואָס מען קען, איז גוט....

און זי גיט מיר א קאָפּיקע, זאָגנדיק, אז איך וועל איר ברענגען א ניי ליד, באקום איך ווידער א קאָפּיקע.

נאַטירלעך, הייסט זי מיר פון דעם געלט מאכן א תכלית, איך זאָל זאמלען, הייסט עס...

איך וואָלט אוודאי מיין באָבען געפאָלגט, איך וויים, אז מען היט די קאָפּיקע, איז אז וויל און גוט, נאָר זאמלען קאָן איך נישט, ס'איז

איבער מיינע כוחות. אויף מאָרגן ווערט די קאָפּיקע פּאַרשווענדט און איך זוך שוין ווידער א נייע טעמע פאר א ליד, איך מוז ווידער האָבן די קאָפּיקע.

אַ קאָפּיקע איז א מטבע! מאך איך נאָך און נאָך א לידל און נאָך א לידל — דריי לידער מיטאַמאָל. איך ווער אליין נתפּעל פון מיין פּרוכט־באַרקייט. איך מאך א חשבון, אז איך זאָל אין פאַרלויף פון א יאָר מאַכן דריי לידלעך א טאָג, קאָן איך נתעשר ווערן. אויסערדעם, זענען דאָך די לידלעך אַז און פאר זיך אויך עפּעס ווערט... אמת, דער טאַטע האָלט נישט פון זיי, ווייל אפילו נישט איך זאָל זיי שרייבן. דער זיידע ברומט אויך אומצופרידן, נאָר ווער דאַרף זיי אלע, אז איך האָב די באָבען, וועל־כע צאָלט במזומנים פאר יעדן ליד.

איך בין א גליקלעכער, פאַרזאָרגטער מענטש.

גייט אָבער אָפּ א צוויי וואָכן און עס גייט נישט ארויס קיין איין ליד. איך ווער שטארק פאַרצווייפלט. גאָט מיינער, ברום איך פאר ווײ־טיק, נישט שוין זשע וועל איך שוין מער קיין לידער נישט מאַכן, וואָס טויג דאַן מיין לעבן?

און וואָס מער פאַרצווייפלט איך בין, אלץ ערגער גייט ביי מיר דאָס מאַכן א ניי ליד, איך האָב אפילו פון דעם אַליין, וואָס עס מאכט זיך נישט קיין לידער; א ליד געוואָלט מאַכן און דערויף האָב איך שוין אפילו געהאט צוויי גראַמען:

איר מעגט אייך, ברידער, לאַכן.
איך קאָן איין ליד נישט מאַכן....

נאָר איך האָב אזא שרעקלעכן סוד מורא געהאט צו אנטדעקן. צו וואָס זאָל מען וויסן פון מיין אומגליק? וואָרעם כאָטש אין שטוב האָט מען פון מיינע לידער נישט געהאלטן, פלעגט דאָך די מאַמע מיך רופן „דער בדחן“ און דאָס האָט מיך שטארק געפרייט.

פאַרגאַנגען דריי וואָכן אָן א ליד, פרעגט מיך די באָבע:

— נו, פאַרוואָס ברענגסטו נישט קיין לידער?...

איך ווער רויט פאר שאַנד, איך פיל, אז איך פאַרליר דעם גאַנצן אָנזען ביי דער באָבען. איך נעם זיך פעסט, איך מוז מאַכן אַ ליד.

אויף מאָרגן קלער איך אַ גאַנצן טאָג. איך פיל, אז דער קאָפּ ווערט מיר צעשפּרונגען: עס גייט גאָרנישט ארויס. א ליד אָבער מוז איך דער באָבען ברענגען, ווען נישט, בין איך פאַרלוירן; איך האָב שוין לאַנג קיין קאָפּיקע אין די אויגן נישט געזען...

און פּלוצלונג פֿאַלט מיר איין א ווילדע אידעע.

איך נעם א ביכעלע מיט לידער, וואָס געפינט זיך ביי אונדז, קלויב אוים פון דאָרט דאָס שענסטע ליד, שרייב איבער און טראָג צו מיין באָבען.

דאָס הארץ קלאפּט, ווער ווייסט, צי וועט מען מיך נישט כאפּן.

איך לעז אים דורך פאר מיין באָבען. מיין קול ציטערט און דער גאנצער אינהאלט פון ליד גייט ארוים נעפּלדיק:

מיין באָבע הערט אוים, צעגענעצט זיך און זאָגט:

— דאָס ליד געפעלט מיר עפּעס נישט. ביסט, זונעניו, קאַליע געוואָרן...

איך ווער שטארק פארשעמט: וואָס הייסט? א געדרוקט ליד... פארוואָס זאָל איך ליידן פאר יענעמס ליד און איך שים ארוים קיין סך נישט קלערנדיק:

— דאָס ליד איז גאָרנישט מיינס.

די באָבע קוקט מיך אָן פארוואונדערט און בייזערט זיך:

— וואָס הייסט נישט דיינס? וואָס פלוידערסטו... גיי, גיי, ביסט א נאריש ייִנגל...

אז מען קאָן א ליד אויך גנבענען, דאָס קאָן מיין באָבע נישט פארשטיין. איך וויל עס איר נישט דערקלערן. איך באשלים, אז עס איז בעסער זיין אַ נאר, איידער גנבענען לידער. איך גיי ארוים פון דער באָבען אָן האָנאָראר, אָן כבוד און נעם אויף זיך קיין לידער קיינמאָל, קיינמאָל נישט צו גנבענען...,

און גאָט האָט מיר שטענדיק געהאָלפן!...

1909

דאָס גאָלדענע טראָמפּייטל

האָט איז געווען אַ ייִנגעלע פון קנאַפּע דריי יאָר, מיט בלויע אייגע־לעך און גאָלדענע הערעלעך — און אַליין האָט אין אים געטרוימט: די אייגעלעך, דאָס קעפּעלע און דאָס הערצעלע. ער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ טרוים, ווי אַ בלאָנדער, הימלדיקער טרוים.

ווער האָט דען נישט ליב שיינע טרוימען — בפרט איך! און דאָס גאָלדענע ייִנגעלע, דאָס דריי־יעריקע קינד האָב איך זייער, זייער ליב געהאַט. און אַליין האָב איך אים נאָכגעגעבן — אפילו מעשהלעך פאַר אים אויסגעטראַכט.

און דאָס קינד האָט די מעשהלעך שטאַרק ליב געהאַט. נאָר מער פון אַלץ האָט ער די לעצטע צייט ליב געקריגן דאָס מעשהלע מיטן גאָל־דענעם טראָמפּייטל.

עס איז אַ קורץ און איינפאַך מעשהלע, וואָס איך האָב ספּעציעל פאַר אים אַליין פאַרפאַסט.

אַ קורץ, קליין, איינפאַך מעשהלע.

דאָס מעשהלע מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטל.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אַזוי:

אויפן מאַרק איז דאָ אַ קרעמעלע, אין קרעמעלע איז דאָ אַ גאָלדן טראָמפּייטל. שלאָף, מישינקע, שלאָף, איך וועל מאָרגן מיט מישינקען אין מאַרק אַריין גיין און דאָס גאָלדענע טראָמפּייטל קויפן, און מישינקע וועט אויף אים שפּילן...

— אַ שיינע מעשה?

ער פלעגט זיינע גרויסע בלויע אייגעלעך אויף מיר אויסשטעלן און, שטאַרק באַגייסטערט פון דעם גליק, וואָס אים שטייט פאָר, פלעגט ער ענטפערן:

— אַ שיינע מעשה!

אויף מאָרגן פֿלעג איך אים ווידער דאָס מעשהלע מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטל דערציילן. אויף איבערמאָרגן ווידער.

אַז עס איז פֿאַריבערגעגאַנגען א וואָך צייט, און דאָס טראָמפּייטל האָב איך אים אַלץ נישט געקויפֿט, האָב איך אים אָנגעהויבן אן אַנדער מעשהלע צו דערציילן. צו לאַנג נאַרן אים האָט זיך נישט געוואָלט; איך האָב קיין האַרץ נישט געהאַט אַזוי לאַנג א קינד צו נאַרן. און האָב פֿאַר אים אויסגעטראַכט א נײַ מעשהלע, נאָך מײַן מיינונג א פֿיל שענערס. דאָס קינד האָט אָבער געמאָנט דאָס מעשהלע מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטל: און איך האָב עס אים ווידער דערציילט.

און ער האָט ווידער אויסגעהערט, אויסשטעלנדיק אויף מיר די בלויע אייגעלעך, און אין זײַן יונגנט רייכער פֿאַנטאַזיע זיך פֿאָרגעשטעלט דאָס גאָלדענע טראָמפּייטל, וועלכעס ער וועט זיכער באַקומען און וועט אַזוי גליקלעך זײַן.

און דאָס מעשהלע האָט זיך ווידערהאָלט לאַנג, לאַנג, און דאָס קינד האָט עס מיטן זעלבן גלויבן אויסגעהערט און קיין אַנדערע מעשהלעך הערן נישט געוואָלט.

ענדלעך איז מיר נמאס געוואָרן האָס דאָזיקע ליבע קינד צו נאַרן: עס קאָן פֿאַרליהרן דעם צוטרוי צו מיר, און דאַן וועל איך נישט האָבן קיין מיטל מיט וואָס צו פֿאַרשלעפּערן אים...

בין איך אויף מאָרגן אוועק מיט אים אין מאַרק אַרײַן, אַרײַן אין א געוועלב פֿון שפּילצייג און א טראָמפּייטעלע פֿאַר עטלעכע קליינע מט־בעות אים געקויפֿט. דאָס טראָמפּייטעלע האָט געפֿינקלט, ווי עכט גאָלד, כאָטש געווען איז דאָס, נאַטירלעך, נישט קיין גאָלדנס.

— אַ שיין טראָמפּייטל, מישינקע?

— אַ שיינס! — האָט ער געענטפֿערט, אַרײַנגעמענדיק דעם מונד־שטיק אין זײַן מײַלכל, און אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אויף אים פֿאַרשידענע טענער.

א פּאָר שעה האָט זיך דאָס קינד געשפּילט מיטן טראָמפּייטל. אָבער פֿאַרן שלאָפֿן גיין האָט ער עס א שמיץ געטאָן און צעבראָכן...

— דערציילן דיר, מישינקע, א מעשהלע? — האָב איך געפֿרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אין זײַן בעטעלע געלייגט...

— יאָ, דערצייל! — האָט ער אויף מיר ווי מיט געבעט אויסגע־שטעלט זײַנע בלויע אייגעלעך און געקוקט אויף מיר ווי מיט חשד...

— דערציילן דיר די מעשה מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטל?

דאָס קינד האָט מיט קאַפּריז גענומען שאָקלען דאָס קעפּעלע אין ביידע זייטן אויף ניין.

— וויל נישט מיטן טראַמפּייטל...

איך האָב אָנגעשטרענגט מיין פאַנטאַזיע און געזוכט דאָרט עפּעס אַ ניי מעשהלע, דאָס ליבע קינד צו פאַרשלעפערן. עס איז מיר אָבער שוואַך געלונגען: דאָס קינד האָט געהאַלטן אָפן די אייגעלעך און צוגעהערט זיך צו די מעשהלעך אָן צוטרוי.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער ערד און האָב דערזען דאָס טראָמפּייטל ליגן צעבראָכן און האָב אין הארצן חרטה געהאַט, וואָס איך האָב דאָס טראָמפּייטל געקויפט.

וואָלט איך עס נישט געקויפט פאַר אים, און ער וואָלט עס נישט געזען, וואָלט איך דעם קינד נאָך לאַנג דאָס מעשהלע געקאָנט דערציילן און לאַנג, לאַנג וואָלט ער געטרוימט וועגן דעם...

איצט אָבער ליגט דאָס טראָמפּייטל צעבראָכן, און איך האָב נישט קיין אַנדער מעשהלע פאַרן ליבן, שיינעם קינד...

1911

זיגער

די גראָע נויט

ווי קום איך?

ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען מיין קינד!
ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט;
די קינדער — זיי פלעגן נאָר זינגען: האַם!-האַם!
און אָפטמאָל די מאַמע — אַ קללה צום גראַם.

ווי קום איך צו שיינהייט? פון וואַנען, מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער — דורך גויים און הינט..
די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט,
ביי איטליכער טיר נאָר — אַ בערגעלע מיסט...

אין גאַס

„ווי פֿריילעך אין גאַס איז!“ — דו פֿרייסט זיך מײַן קינד. —
דו זעסט נאָר דערנעבן, און ווײַטער — שוין בלינד;
דו ווענדט נאָר דײַן אויג אַף אַהינצו, אין מיטן;
אַך, דאָרטן וואָס טוט זיך — זאָל גאָט נאָר באַהיטן!

אַט זעסטו: עס שלעפּט זיך אַ קאַסטן אין גאַס...
ווי שלעפּט זיך אַ קאַסטן? אַ ביטערער שפּאַס!
עס שלעפּט אים אַ יידל פֿון קאַסטן נאָך קלענער;
ער שלעפּט און ער טרייסט זיך: „אַ צענער, אַ צענער!“

זע ווײַטער: אַ יידל, ווי דאַר און ווי געלב!
אויף זיך אַליין טראָגט ער די גאַנצע געוועלב —
אָ, זע, — זײַנע אויגן, זיי גלאָצן און שטאַרן —
אַ זעקסערל פּדיון! זיי קוקן און האַרן...

און ווײַטער: א דראָזשקע — דער פֿורמאַן ער זיצט,
דער קאָפּ זײַנער וויגט זיך, דאָס היטל געגליצט —
ביסט חושד: אַ שיכור... אָ, גאָט וועט דיך שטראָפֿן!
דאָס האָט ער אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן.

און ווײַטער און ווײַטער — דו וואַרף נאָר דײַן בליק:
מען הייבט עפּעס וועמען פֿון דר'ערד אויף מיט שטריק —
עס שטעלט זיך אָפּ יעדער — אַ קוק טאָן אַ בעלן.
דאָס איז אונטער משא א פֿערדל געפֿאַלן...

ווי פֿריילעך אין גאַס איז! דו פֿרייסט זיך, מײַן קינד,
דו זעסט נאָר דערנעבן, און ווײַטער — שוין בלינד —
דו ווענדט נאָר דײַן בליק אָפּ אַהינצו, אין מיטן,
אָך, דאָרטן וואָס טוט זיך — זאָל גאָט נאָר באַהיטן!

די פּרוי

אויף אַ שמאָלן הויפּל,
פול מיט מיסט און קוים.
שטייט די שוואַרצע מיטה,
און פאַרציילט פון טויט.

ווער עס גייט פאַריבער,
שטעלט זיך פּלוצים אָפּ,
און די הענט פארברעכט ער,
שאָקלט מיטן קאָפּ.

און פון שטיבל רייסט זיך
יאָמער און געשריי,
ס׳נעמט אַדורך די זעלע
מיט אַ ווילדן ווײ!

און די ווייבער — שכנהס —
קומען זיך צונויף,
און די קוואַלן טרערן
עפּענען זיך אויף.

איינע וויינט און טענהט:
„זאָלסט אַ מליצה זיין!
כ׳האָב געוווסט דיין לעבן —
פול מיט נויט און פּיין.

פלעגסט מיר אויסדערציילן
דיינע צרות פעק,

ווי עס איז דיין לעבן
טרויעריק אַוועק;

ווי דו ביסט געוועזן
יונג אַמאָל און שיין,
נאָר דו ביסט געוואַקסן
עלנט און אַליין,

ווייל דיין ליבע מוטער
איז געשטאָרבן יונג,
און דיין בייזע מומע
מיט איר גלאַטן צונג

פלעגט דיך זידלען, שילטן,
שלאָגן אָפטמאָל אויך;
פלעגסט עס שטיל פאַרטראָגן,
וויינען, נאָר נישט הויך...

און ווי נאָכדעם האָסטו
חתונה געהאַט
און פאַרוועלקט געוואָרן,
ווי פון בוים אַ בלאַט:

פריער פון דער שוויגער
און פון מאַן דערנאָך,
און פון אָרעם לעבן,
און פון שווערן יאָך;

און פון „האָדעוואַניע“:
מאָזלען, דיפטעריט....
און פון יונגע קברים —
(שטאַרקער גאָט באַהיט!...“)

פון דער שכנס טענות,
פון איר גלאַטן מויל

יאָמערן די ווייבער,
וויינען אויפֿן קול...

אָך, די קלוגע שכנה
האָט זיי אויסגעזאָגט
׳יאָס, וואָס טיף אין האַרצן
יעדע פֿון זיי טראָגט...

און די טרערן פֿאַלן,
גיסן זיך אַראָפּ
אויפֿן קאַלטן קערפּער,
אויפֿן טויטנס קאָפּ...

נאַכט און קאַלט...

נאַכט און קאַלט, דאָס קליינע שטיבל
קוקט ווי אַ גרויסער קבר אויס,
און דאָס אָרעמע געזינדל
קאָן פון דאָרטן נישט ארויס.

און די שויבן פון די פענצטער
קוקן אזוי שטאַרק און ווילד,
ווי די אויגן פון געשטאָרבענע — —
דרויסן שפּילט דער ווינט און שפּילט.

ס'שפּילט דער ווינט אַ מתים־ניגון
הינטער שטיבל אויף דער גאַס,
און די מתים אין דעם שטיבל
האָרכן צו אָן צער, אָן כעס...

שוואַרצע פּרעק

(פּאַראָדיע)

שוואַרצע פּרעק און ווייסע קליידער,
יעדע פרוי — אַ ליבעס וועזן,
רעסטאָראַנען און טעאַטערס —
וואָלטן טאָלערס נאָר געוועזן!

טאָלערס אין די פּוסטע טאַשן,
וואָלט איך אַלין געקאָנט געניסן,
אָך, צו זען עס בלויז מיט ד'אויגן,
ווערט דאָס האַרץ צעפּלאַצט, צעריסן!

כ'וועל צוריק אַהיים אַנטלויפן,
וווּ די קליינע שטיבלעך שטייען,
וווּ די ווייבלעך טראָגן היטלעך,
און די קינדער באָרוועס גייען.

כ'וועל צוריק אַהיים אַנטלויפן,
וווּ עס פּאַשען זיך די ציגן;
וווּ דעם שענסטן, גרעסטן רעטעך
קאָן מען פאר א גראָשן קריגן;

כ'וועל צוריק אַהיים אנטלויפן,
וווּ עס קלאַפּן נישט קיין רעדער;
וווּ פון הייזל ביז צום קלייזל
גייט צופוס פּאַמעלעך יעדער.

זיי געזונט, דו שטאָט, דו טייוול,
זאָל קיין גוטער דיך נישט קאָנען —
כ׳וועל צוריק אַהיים אַנטלויפן
און מיט טרערן דיך דערמאָנען.

דער מענטש

גייט אַריין אַן אָרעמאַן
מיד און איינגעבויגן
שטעלט זיך שטיל אַוועק ביי שוועל,
הייבט און וואַרפט די אויגן.

יעדעס מענטשלעכס געפיל
אין זיין אויג פאַרלאָשן,
און ער שטרעקט אויס שטום די האַנט,
בעטלט שטום אַ גראָשן.

ס'איז דער מענטש! די קרוין דער וועלט,
ס'העכסטע פון די בריות! —
זעט, ווי נידעריק ער איז,
ווי געמיין, ווי מיאוס!

קליינע ווערעם דאָרט אין דר'ערד
זענען זעלבסט זיך שפּייזער,
און דער מענטש, די קרוין, די קרוין,
בעטלט אין די הייזער!...

ווינטער־לידער

1.

עס רוקט זיך דער ווינטער
אַריבער דער וועלט,
און שרעקט אויף דעם עולם
מיט ווינטן און קעלט.

און חיים דער סטאָליער
פֿאַר שרעק איז גאָר טויט,
ער האָט אין דעם זומער
פֿיל הײַזער געבויט;

געמאַכט זיי אַ וואַרעם,
געמאַכט זיי אַ פֿעסט,
עס זאָל צו זיי האָבן
קיין שליטה די פֿרעסט.

פֿאַרריכטן זײַן הײַזל
האָט ער נאָר פֿאַרפֿעלט,
אַרײַן זאָל נישט קומען
די ביטערע קעלט.

דאָס דעכל אין לעכער
האָט ער נישט פֿאַרדעקט,
ער האָט נישט אַפֿילו
די שפּאַלטן פֿאַרשטעקט.

אוי, אָרמער! דיין אַרבעט
האָט אַלעם באַהיט
פון גרויזאַמען ווינטער,
נאָר דיך אַליין — ניט!...

.2

און לייבל דער שניידער
— אַ יידל קיין גבר —
אַט ממש אַ לולב,
אַזוי איז ער דאַר!

און דאַרף ער אַרויסגיין
אין מאַרק צי אין גאַס,
פאַרשעלט ער דאָס לעבן,
איז בייז און אין כעס.

ער האָט נישט דערוואַרטעט
דעם ווינטערס באַזוך,
עס פרעסט זיינע ליפּן
אַ ביטערער פלוך...

געאַרבעט האָט לייבע
ווי טאָג אַזוי נאַכט —
און האָט דאָך קיין בגד
צום ווינטער געמאַכט!

ער האָט פון נאָך פסח
ביז סוכות גענייט,
אין וואַרעמע בגדים
פיל מענטשן באַקליידט.

נאָר זיך עפּעס מאַכן,
ס'איז פּשוט אַ שאַנד! —
האָט ער נישט באַוויזן:
פֿאַרקויפֿט איז זײַן האַנט!

דאָס געבעט

עס הערט זיך דער דונער פון ווייטן,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ; —
אָ, גאָט, האָב רחמנות, די אר׳מע
פון בייזן געוויטער באַשיץ.

וואָס אַרבעטן שווער אויף די פעלדער,
געפינען זיך ווייט פון דער היים
און האָבן קיין אָרט, וווּ זיך שיצן,
קיין שייער, קיין דעכל, קיין בוים!

וואָס זענען אוועק אונטערוועגנס,
די פורן מיט משא פארלייגט
און ווייט איז פאר זיי נאָך א קרעטשמע,
און ווערן פון רעגן צעווייקט.

וואָס שטייען אין מאַרק מיט די קוישן:
מיט עפל, מיט גרינס און מיט ברויט —
און אַלע, וואָס זענען איצט דרויסן,
וואָס טרייבט זיי דער הונגער און נויט.

און אַלע, וואָס זענען פאַרוואגלט,
וואָס האָבן קיין ווינקעלע נישט —
די אַלע פון בייזן געוויטער
באַשירמע זיי, גאָט, און באַהיט!

די אָרעמע כלה

עס שלאָפֿן אין קליינינקן שטיבעלע אַלע,
עס וואַכט נאָר די עלטערע טאָכטער — די כלה.
די חתונה דאַרף ביי איר זיין גאָר אין גיכן
און האָט נאָך נישט פֿאַרטיק געמאַכט אירע ציכן.
עס לויפֿט דורכן לייוונט די נאָדל געשווינד,
געדאַנקען זיי יאָגן אין קאָפּ, ווי א ווינט:

ווי שווער איז דאָס בעטגעוואַנט מיר אָנגעקומען!
עס האָט מיר מיין רו און מיין שלאָף צוגענומען;
די פֿעדערן גאַנצענע נעכט פֿלעג. איך פֿליקן —
ווער ווייסט נאָך דעם מזל, ווער ווייסט נאָך די גליקן?
געשאַפֿט יעדעס קישן מיט שווייס און מיט בלוט —
וועל איך אויף זיי קאָנען כאָטש ליגן באַרוט?

אָך, ווער איז מיין זיווג? צי קען איך אים גלויבן?
צי וועט ער דעם שלאָף ביידערנאַכט מיר נישט רויבן?
וועל איך נישט די קישן מיט טרערן באַנעצן
און אפֿשר אמאָל גאָר אויף ברויט זיי פֿאַרזעצן? —
פֿאַרזעצן, ווי ס'טרעפֿט אָפֿט ביי אונדזערע לייט,
ווי ס'טרעפֿט מיט מיין מאַמען אין ביטערער צייט?!

בענקשאפט און פרייהייט

עפּעס הער איך

עפּעס הער איך שטימען ברומען
איז דאָס ווייטע — נאָנטע לאַנד;
רופט מען מיך אַהין צו קומען? —
ס׳איז באַקאַנט און אומבאַקאַנט....

עפּעס הער איך ווינטן בלאָזן —
גלעטן זיי, צי טרייבן זיי?
זאָל איך צו מיין לאַנד זיך לאָזן?
עפּעס גלייבט זיך און ס׳טוט וויי...

עפּעס הער איך פייגל זינגען,
אז דער ווינטער האָט געעקט;
זאָל מיין ליד אין כאָר אויך קלינגען?
עפּעס ציט און עפּעס שרעקט!...

די לופט איז מיר ענג...

די לופט איז מיר ענג אין מיין צימער
און פינצטער פון לעמפל דאָס ליכט.
און פינצטערע שאָטן באַפאַלן
און היילן אין שווארץ מיין געזיכט.

איך קוק אויף די ווענט פון מיין צימער —
עס בלאָנדזשעט מיין בליק אויף זיי אום;
וואָס זע איך? נאָר שפינוועבס און שאָטן
און שטיל איז אזוי אַלץ און שטום.

אוי, שאָטן און שפינוועבס, נישט מערער.
און שטיל אוי, עס הערט זיך קיין קלאנג;
אין הארצן נאָר פאכט עס און קלינגט מיר
אַ טרויעריק־געצויגן געזאנג.

דאָס יאָמערט מיין זעלע און קלאָגט זיך:
פארטראַגן קאָן זי שוין נישט מער!
זי רייסט זיך צו ליכט און צו פרייהייט
און דאָ — אזוי דונקל און שווער...

אָפּטמאָל...

אָפּטמאָל ווייל איך האָפּן, גלויבן,
אז נישט אַלץ איז נאָך צערונען!
שיינען וועט די זון נאָך אויבן
און אויך אונטן וועט דאָ גרינען.

אָפּטמאָל דאַכט מיר, אז מיין גוטע
וועט נאָך ווען אין טיר מיר קלאַפּן,
און א רגע א בארוטע
וועל איך נאָך פון לעבן כאַפּן.

אָפּטמאָל חלומט מיר א חלום,
אז נישט אַלץ איז נאָך פארפלויגן:
קומען וועט אויף דר'ערד דער שלום
מיט די מילדע גוטע אויגן.

אָפּטמאָל טרוימט מיר, אז געקומען,
איז משיח שטיל צו רייטן,
און די ערד איז דורך אין בלומען
און ער זינגט אין אַלע זייטן...

צו מיין האַרץ

וואָס קלעמסטו, מיין האַרץ, אָ, דו קינדערשעס האַרץ,
ס'איז צייט שוין צו ווערן דיר קליגער;
דו לעבסט אין אַ צייט, ווען יעדער איז האַרט,
ס'פאַרוואַנדלען זיך פייגל אין טיגער.

דו לעבסט אין אַ צייט דאָך פון אייזן און שטאָל —
אָ, הערסטו דאָס רווישן, דאָס קלאַפּן? —
דאָס אָטעמט די וועלט מיט איר ריזיקער ברוסט,
ווי אַ גזלן, וואָס וויל אַלץ פאַרכאַפּן!

דו לעבסט אין אַ צייט, ווען עס ווערן פאַרשטיקט
געפילן און לידער, און טרערן;
ווען ס'הערשט נאָר דער האַרטער מעטאַל און ער דריקט,
נאָר דו ווילסט אַלץ האַרטער נישט ווערן...

דער אָדלער

כ׳האָב געזען דעם אָדלער
אין א שטייג פון אייזן,
ווו ער קאָן זיין פליען
קיינמאָל נישט באווייזן;

ווו די פליגל זיינע,
ווען ער וויל אויפהייבן,
ווערן זיי צעשלאָגן
אין די גראטעס אויבן....

און איך האָב געזען
אויף זיין בליק דעם שארפן...
וואָס ער פלעגט דערנאָכדעם
פון דער שטייג מירווארפן...

און איך האָב געלערנט,
וואָס הייסט פ ר י י ה י י ט זוכן,
דריקער צו פאַרדאַמען
און געפאנגשאפט פלוכן...

איצט פֿאַרשטיי איך...

איצט פאַרשטיי איך, וואָס די פֿייגל
זינגען אזוי לוסטיק, פֿריילעך:
אין דעם גרויסן וואלד דעם גרינעם
הערשט נישט איבער זיי קיין מלך.

יעדעם גרעזל, יעדעם בלימל
איז פֿאַר אַלע פֿריי און אָפֿן,
און די וווינונגען בחינם —
אַלע האָבן וווּ צו שלאָפֿן...

איצט פאַרשטיי איך, וואָס די פֿייגל
זינגען, קלינגען — ליב און ליבער:
אַך, זיי זינגען, וואָס זיי ווילן,
קיינער, קיינער שלאָגט נישט איבער...

אין ווינטער

זאַט די פערד, דאָס שליטן — ניי
און דער וועג איז ברייט און פריי...
פורמאַן, פורמאַן, זאָלסט מיך טראָגן,
פרעגסט: וווהין? איך קאָן נישט זאָגן...

כ'ווייס קיין ציל און ווייס קיין וועג
אין די קורצע ווינטער־טעג...
ביז איך וועל מיין וועג באַקלערן,
קאָן דער שניי צעגאַנגען ווערן...

ווּ נעמט מען?

עס איז מיר געוואָרן שוין מיאוס
אינגאַנצן די וועלט;
ווּ נעמט מען א ביסל נביאות,
ריין, נישט פארשטעלט?...

ווּ נעמט מען א ביסל נביאות
אזוי ווי אַמאָל;
דאָס וואָרט זאָל דאָרט פליסן מיט חיות
און קלאָר ווי קריסטאָל.

דער נביא זאָל דעמלט נישט טראכטן
פון רום, פון זיין נוץ —
ער זאָל נאָר דאָס בייזע פאַראַכטן
און וועקן צום גוטס;

ער זאָל אין די הערצער נאָר צינדן
דעם געטלעכן פלאַם,
ווי רויך זאָל פון דאָרטן פארשווינדן
דער טייוולשער סם!

ווּ נעמט מען א נביא פון אויבן
אַהער־צו געשיקט,
ער זאָל אונדז א ביסל דערהייבן —
מען ווערט דאָך דערשטיקט!...

מיך ציט

מיך ציט אהין,
ווו ד׳ערד איז גרין —
דער הימל בלוי,
ווי פערל דער טוי,
ווו ס׳איז אייביק מאי.

ווו עס לעבן
און עס שוועבן
אַלע פייגל פראַנק און פריי.

מיך ציט, מיך ציט,
מיין זעלע פליט;
אָ נעם מיך מיט —
אָ לאָז מיך ניט —
אָך, דאָס לעבן איז דאָ ענג.

דאָ איז זומפיק,
דאָ איז דומפיק,
און עס ציט מיך, און איך בענק!...

אין דער ווייט

עס ווילט זיך מיר לאָזן
די שטאָט און דעם מאַרק
און אָטעמען פרייער,
און אָטעמען שטארק!
און לאָזן די הייזער
מיט טויערן אַרום
און גיין, ווו ס׳איז אָפן
און פריי אומעטום!

און גיין, ווו ס׳איז אָפן
און ליכטיק און ריין,
און לאָזן די הייזער
פון ציגל און שטיין!
און לאָזן די מויערן,
וואָס זענען מיר ענג,
און גיין אין דער ווייט,
אין דער ברייט, אין דער לענג!

און לאָזן די שטאָט
מיט איר שפראך און איר גאַנג
און הערן אין וועלדער
דאָס פייגל־געזאנג.
און הערן, ווי ס׳מורמלט
מעלאָדיש דער קוואַל,
ווי ס׳רופט אזוי היימלעך
אין לופט יעדער שאַל.

און לאָזן די חכמה
און וויסן אין שטאָט,
אַך, זאָל זי זיך האַלטן
מיט דעם, וואָס זי האָט!
דער אָדלער אין וואָלקן —
ער איז אַזוי קלוג,
איך וועל אים אין וועג דאָרט
באַגעגנען גענוג!

ער וועט מיך אויסלערנען,
ווי לעבן מען דאַרף,
דער אָדלער איז קלוג
און זיין תורה איז שאַרף!
זיין תורה איז — פליען,
וואָס העכער אָן שיעור;
שוין לאַנג ברענט זיין תורה
אין האַרצן ביי מיר.

באַלעבאַטישער מוסר

די שענסטע געפילן אין האַרצן באַהאַלט,
דיין פלאַמענדע ברוסט קיל זי אָפּ, מאַך זי קאַלט,
און אַלע פאַרלאַנגען באַגראָב און פאַרשטיק,
און ריים אָפּ מיט געוואַלט פון די הימלען דיין בליק.
צורו לאָז די מענטשן אָן גייסט, אָן פאַרשטאַנד,
און קריג זיך מיט קיינעם, גיב יעדן דיין האַנט;
און זוך נישט אין לעבן קיין ציל און קיין ברעג,
נאָר שלעפּ זיך אָן קשיות דעם זומפּיקן וועג —
דאַן וועט מען דיך לויבן: ביסט קלוג און ביסט פיין
און — — — ברויט וועסטו האָבן און הונגעריק נישט זיין..

אָ, גיבער, משיח

אָ, גיבער, משיח, אָ, גיבער שוין קום!
עס רינגלט די גאנצענע וועלט שוין ארום,
ווי גיפטיקע שלאַנגען, דער הונגער און נויט,
און הפקר און פּחד, און אַנגסטן און טויט.
עס וויל שוין נישט אַליִמען שפּייזן די ערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפן ווייסינקן פערד.

אָ, קום שוין, משיח! עס דריקט אומעטום
די קייטן פון קנעכטשאפט ארום און ארום:
עס האָט שוין קיין ערט דאָס אומשולדיקע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיסט זיך פון אונטער דער רוט.
עס ראָסטעט פון מענטשלעכע בלוט שוין דער שווערד —
אָ, קום שוין משיח, אויפן ווייסינקן פערד!..

צער און יאוש

צווייערליי צער

איך טראָג אין האַרץ אַ גרויסן צער —
ער איז נישט מיינער;
אָ, וועלט, נעם צו פון מיר דעם צער,
ער איז דאָך דיינער.

איך האָב ביי דיר גענומען אים,
ביי דיינע קינדער,
געוואָלט אים לויטערן אין האַרץ,
אים מאַכן לינדער...

נו, וואַקסט ער דאָרט ביי מיר און וואַקסט
און ווערט אַלץ שווערער;
אָ, וועלט, נעם צו דיין צער פון מיר,
איך קאָן נישט מערער!

מיין אייגן צער איז גרויס גענוג
און גרויס מיין ליידן —
עס האָט מיין אָרעם האַרץ נישט מער
קיין פּלאַץ פאַר ביידן!...

דער ניגון

איך האָב איר זאָגן פיל געוואָלט
און האָב געשוויגן:
דאָס וואָרט וואָלט קאַרג און קאַלט געווען,
עס ברויך א ניגון...
דער ניגון האָט אין הארץ גערוט,
און טיף פארשלאָסן;
כ'האָב שפעטער ערשט פאר שטיין און בוים
אים אויסגעגאָסן.

אין מיינע אָדערן

אין מיינע אָדערן
האָט דאָס בלוט אַמאָל
שטורעמדיק געפּליסט,
ווי די וואַל אין ים;

און געטריבן מיך
צו דעם לעבנס־קאַמף,
צו דעם גרויסן פעלד,
ווו עס בליצט די שווערד.

און איך האָב געקעמפט,
און געשלאָגן זיך,
און געלאָזט מיין בלוט
אויף דעםברייטן פעלד.

כ׳האָב זיך אומגעקערט,
פון דעם פעלד צוריק,
אַ דערשלאָגענער,
אַ פאַרמאַטערטער...

פרייד און טרויער

צווישן דער פרייד און דעם טרויער
שטייט א מויער....

די פרייד וואָלט אמאָל
צום טרויער געגאנגען —
צו הויך איז דער מויער,
זי קאָן נישט דערלאנגען.

מ׳דאַרף קלעטערן, שטייגן —
דאָס קען נישט די פרייד:
זי קאָן נאָך צערייסן
איר זיידענע קלייד.

דער טרויער וואָלט אויך
מיט דער פרייד זיך באקענט,
דער מויער איז הויך
און קורץ — זיינע הענט...

און ווילן זיי מאַכן
די הערצער זיך גרינגער,
דאַן קלאַפּן זיי אָן
אין וואנט מיט די פינגער.

די פרייד רעדט פון טרויער,
דער טרויער פון פרייד,
און איינער פארשטייט נישט
דעם אנדערנס רייד...

אוי! די איינציק־ווייסע האָר...

אוי, דו איינציק־ווייסע האָר,
ווי זי טוט מיר באַנג!
שוואַרצער קאָפּ, ווער ווייס דורכוים —
דאָס איז מיין פאַרלאַנג!

אוי, די איינציק־ווייסע האָר,
ווי זי שרעקט און שרעקט!
איידער נאָך די עלטער קומט,
עקט די יוגנט, עקט.

ס׳טרייבן פלינק די שוואַרצע האָר:
צו דיין ליבסטער גיי!
ד׳איינציק־ווייסע האָר, זי לאַכט:
זאָג שוין איר: אַדיע!

וויינען שטיל די שוואַרצע האָר:
זיי צו לעבן גרייט,
לאַכט די ווייסע האָר פון זיי:
כ׳פלעכט פאַר אים דעם טויט.

יוגנט, עלטער, לעבן, טויט —
שרעקלעך איז דער קריג!...
אָ דו איינציק־ווייסע האָר,
פייער שוין דיין זיג!

עלנט

און שטיל איז אין צימער,
די נאַכט איז שוין שפּעט;
און שרעקנדיק קוקט ער
אין ווינקל צום בעט.

און שרעקנדיק קוקט ער,
דאָס האַרץ אַזוי ציט —
און שרעקנדיק דאַכט ער:
זיך לייגן צי ניט?

עס קוקט דורך די שויבן
די נאַכט שוואַרץ אַריין,
און וויקלט אין עלנט
אין טרויער אים איין...

די נאַכט קוקט אין פענצטער,
אַזוי ווי זי היט...
און בענקענדיק קלערט ער:
זיך לייגן, צי ניט?

אַ פֿראַגע

ריימען, וואָס איך האָב געקליבן,
לידער, וואָס איך האָב געשריבן,
פֿערזן, וואָס איך האָב געזונגען,
טענער, וואָס איר האָט געקלונגען —
זאָגט מיר וואָס וועט פֿון אייך זיין,
ווען איך וועל אין גרוב אַריין?

וועט זיך איינער ווען געפינען
מיט אַ האַרץ און מיט אַ זינען
און אייך, ליבע מיינע גראַמען,
וועט מיט צאַרטער האַנט צוזאַמען
קלויבן, פֿלעכטן אייך אין קראַנץ,
בלייבן זאָלט איר אייביק גאַנץ?

אָדער איר וועט גיין פֿארלוירן,
ווי גאָר קיינמאָל נישט געבוירן,
ווי פֿון יוגנט די חלומות,
ווי אין שול די אַלטע שמות,
ווי אַ וואָלקן אין דער הויך,
ווי אַ ווינט און ווי אַ רויך?...

לעבן ווילט זיך

לעבן ווילט זיך... אָך דאָס לעבן
האָט אין זיך אַזויפיל חן,
נאָר איך קאָן גאָרנישט דערגרייכן
דאָס, וואָס ליב איז, דאָס, וואָס שיין.

לעבן ווילט זיך... נאָר איך קאָן נישט —
כוחות דאַרף מען האָבן מער...
שטאַרבן... און פאַרלאָזן אַלעם —
אָך, דאָס איז מיר אויך צו שווער!

און מיין לעבן איז געגליכן,
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט:
ווערן ווערט ער נישט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער נישט קיין קראַפט!...

דער נעפּל

וואָס זאָל עס באַדייטן דער נעפּל,
וואָס הענגט אַזוי דיכט אויף דער שטאָט?
צי וויל שוין דאָס שטיקעלע הימל
אַוועקרייבן פון אונדז אויך גאָט?

צי וויל ער פאַרשטעלן דאָס פּנים
פון מענטשן וואָס גייען אין גאַס,
און זען זאָל נישט איינער דעם צווייטן,
די בליקן, די בייזע, פול כעס?...

צי איז אים די זון גאָר אַ שאָדן,
וואָס לייכט נאָר צו גזלה און זינד,
און האָט זי פון מענטשן פאַרהאָנגען
מיט נעפּל געדיכטן אַצינד?...

וואָס זאָל עס באַדייטן דער נעפּל,
וואָס הענגט אַזוי טרויעריק און שוואַרץ? —
אָן אימה באַפאַלט מיין נשמה,
עס טרויערט און ציטערט מיין האַרץ...

דו פרעגסט...

דו פרעגסט מיך, מײַן פֿרײַנד, װי אַלט איך בין שױן,
איך װאָלט עס דיר גערן דערצײלן;
נאָר גלײב מיר, מײַן פֿרײַנד, איך װײס נישט אַלײן —
עס האָט נישט געלױנט זיך צו צײלן...

דער קאַרגער צײלט געלט, דער גליקלעכער — טעג,
מען צײלט, װאָס ס'איז ליב, װאָס ס'איז טײער;
מײַן לעבן, אָ, פֿרײַנד, איז אַ װיסט־לאַנגער װעג,
און פּונקט פֿאַראַיאָרן, װי הײַער...

אויב לעבן הייסט ליידן, דאַן לעב איך שוין לאַנג,
דאַן האָב איך גענוג זיי, די יאָרן;
אויב לעבן הייסט הערן פון גליק כאָטש אַ קלאַנג,
דאַן בין איך נאָך גאָרנישט געבאָרן...

וואָס מאַכט איר?

וואָס מאַכט איר, איר אָרעמע ברידער,
אין צענדליק געפּלינדערטע שטעטלעך?
האָט איר שוין אַריינגעשטעלט פענצטער?
האָט איר שוין פאַרריכט אייערע בעטלעך?

האָט איר שוין נדבות באַקומען,
וואָס רעגנט פון אַלע וועלט-עקן?
צי וועט עס, אָ, אָרעמע ברידער,
די פענצטער אָנגלאָזן כאָטש קלעקן?

האָט איר שוין באַוויינט אייערע טאַטעס
און מאַמעס און שוועסטער און ברידער?
צי ציטערט איר אַלץ נאָך, ווי בלעטלעך
ביים קלענסטן, ביים מינדסטן געררודער?

צי זענט איר נאָך אַלץ נישט פאַרזיכערט
מיט דעם, וואָס איר רופט כלומרשט לעבן?
צי דאַכט זיך אייך אַלץ נאָך, אַז וויי‌ניק
האָט איר זיי קרבנות געגעבן?...

צי גלייבט איר אין בעסערע צייטן,
אין זיג, און אין טרייסט און נחמה?
פאַרבלאָנדזשעט אמאָל כאָטש די האָפענונג
אין אייער פול יאוש נשמה?...

מיין פריינד, צי דו ווייסט?...

מיין פריינד, צי דו ווייסט,
וואָס הייסט און באַדייט
אַ ביטערע צייט?...
צי פילסטו, וואָס הייסט
אַ פאָלק אין אַ צער,
אַ פאָלק אין געפאַר?..

צי פילסטו, מיין פריינד,
ווי טיף איז דער וויי,
ווען ס'הערט זיך פון פיינט
אַ בראָנפן־געשריי;

אָט זעסטו — ער קומט
מיט רציחה און ווּט,
אָט הערסטו — ער ברומט,
אין דורשט נאָך דיין בלוט —

און האָסט נישט וווהין
נאָך רעטונג צו גיין,
נאָר סיידן צו אים,
צום שונא אַליין!?...

צי פילסטו, מיין פריינד,
וואָס איז דאָס אַזוינס,
אַ פאָלקל אַ קליינס,
און גרויס איז דער פיינט?...

אָן וואָפן אָן מוט...
און האָט נישט קיין שוץ,
און הפקר זיין גוטס,
און הפקר זיין בלוט!...

גערדאַנקען

.1

דער מענטש

דער מענטש — ער האָט הויכע פאַרלאַנגען,
די כוחות — ווי שוואַך און ווי קליין!
אים ווילט זיך דעם הימל דערלאַנגען,
און קאָן אויף דער ערד קוים אומגיין.

אים ווילט זיך די גאַנצע וועלט ליבן
און לינדערן יעדערנס „אוי״ —
און ליבע איז קוים אים געבליבן
פאַר אַן אָרעמער, זינדיקער פרוי...

.2

פרויען

פאַרזוימט האָט זיך משה אין הימל
דאָס פאָלק האָט נאָך גאָט זיך פאַרבענקט —
אַן אַנדערן גאָט זיך צו מאַכן,
האָבן פרויען די צירונג געשענקט.

אָ, היינט זענען אַנדערע פרויען —
עס בייטן זיך צייטן, אַ שרעק!
די היינטיקע פרויען פאַר צירונג,
זיי שענקען דעם גאָט אייך אַוועק...

3.

אַ קאָמפּלימענט

כ'האָב מיט איר געשפּאַסט, געלאַכט,
קאָמפּלימענטן איר געמאַכט
און מיין ערנוואָרט געגעבן,
אַז איך ליב זי ווי מיין לעבן.
אַך, ווי וואָלט עס איר פאַרדריסן,
ווען זי וואָלט מיין לעבן וויסן?!...

4.

מיינע טעג

ביטער איז געווען מיין נעכטן,
און דער היינט איז אויך פול זאָרגן —
און דער היינט און נעכטן — ביידע
שאַפן, וועלן מיר מיין מאָרגן.

אָ, אַזעלכע צוויי שלימזלם
קאָנען רעכטם דען עפּעס מאַכן? —
ס'וועט אַרויסקומען אַ מאָרגן
נאָר צום חוזק, נאָר צום לאַכן...

5.

מיינע לידער

כ'האָב געשריבן מיינע לידער
נאָר מיט טינט מיט שוואַרצן,
ווען איך לעז זיי, דאַכט מיר, זע איך
רויטעס בלוט פון האַרצן.

וואָס איך לעז די לידער מערער,
ווערט אַלץ רויטער, רויטער,
וואָס איך שרייב די לידער מערער,
ווער איך בלייכער, טויטער...

.6

מיין פריינד

מיין פריינד! מיט דער וועלט וועסטו גאָרנישט נישט מאַכן —
און האָט זי פון דיר נאָר גענומען צו לאַכן,
דאַן מוזטו אַנטלויפן, דאַן מוזט זיך באַהאַלטן,
אין ערגעץ אַווינקל אַ וויסטן, אַ קאַלטן.

מיין פריינד! מיט דער וועלט וועסטו גאָרנישט נישט מאַכן,
עס האָט שוין געטראָפן אַזעלכענע זאַכן.
די וועלט, אָט די אַלטע, די נאַרישע זקנה,
איז, פונקט ווי אַ קינד נאָך, אַן עקשנטע איינע...

.7

גאָטס פוסבענקל

דער גרויסער, פרייער הימל —
דאָס איז דאָך גאָטס טראָן,
און ריין איז גאָטס הימל
פון אייביק-אייביק אָן.
די ערד — דאָס איז זיין בענקל
— אַזוי זאָגט גאָט אַליין —
צי פאַסט דיר, גאָט, דיין בענקל
זאָל זיין אַזוי נישט ריין? —

.8

דער בלינדער

אָט איז ער געקומען, דער אָרעמער בלינדער,
און האָט אויפן הויף זיך געשטעלט,
עס ציט זיך דאָס קלענגלעכע ליד זיינס: אָ, ברידער!
איך זע נישט די ליכטיקע וועלט!

עס רירן זיך הערצער, עס ווייזן זיך טרערן,
מען וואַרפט אים פון פענצטער פיל געלט;
און שטיל ווערט דער בלינדער, ער איז שוין באַרואיקט —
ער זעט שוין די ליכטיקע וועלט!

.9

די נאַכט

די נאַכט רוקט זיך אָן, די נאַכט רוקט זיך אָן,
די אוראַלטע, פינצטערע נאַכט,
און רואיק און שטיל באַהערשט זי דעם טראָן
מיט חושך און פינצטערער מאַכט.
און ס׳דאַכט זיך זי רעדט: נו, זאָגט איר אַליין,
צי איז דען נישט בעסער פאַר אייך:
ווי רואיק און שטיל! קיין פרייד, קיין געוויין,
עס שלאָפן זיך אָרעם און רייך!

.10

אַלטער גלויבן

אַלטער גלויבן, אַלטע האָפענונג
ציט זיך פון מיין הארץ אַרויס —
אָפּגעוווינט האָט איר דאָרט יאָרן,
איצט איז אייער צייט שוין אויס!

כ׳האָב דערקענט אייך פאַלשע שכנים,
איר פאַרשפּרעכט אַלץ זילבער, גאָלד,
און איך בין שוין אַלט געוואָרן,
און איר האָט נאָך נישט באַצאָלט!...

ד י ה " ם

מיין צוריקקער אַהיים

(פּאָעמע)

.1

אומגעוואַנדערט און געוואָגלט
האָב איך אין דער פרעמד פיל יאָרן,
איבערדריסיק און פאַרמיאוסט
איז דאָס לעבן מיר געוואָרן.
אָ, די גרויסע שטעט, די גאַסן
מיט די ריזיק־הויכע מויערן
האָבן מיך אַזוי געשראָקן —
כ׳פלעג דאָרט נאָך מיין הײמאַט טרויערן;
נאָך דעם קליינעם, ליבן שטעטל,
נאָך די געסלעך, — עלנט, אָרעם;
נאָך די שטיבעלעך די קליינע —
נאָך די לעבעדיקע קברים.
נאָך די קברים דאָך געצויגן
צום בית־עולם, צו דעם אַלטן;
אָ, וויפל זכרונות ליבע
ליגן דאָרטן טיף באַהאַלטן.
טיף באַהאַלטן! דאָך וועל איך זיי
פון דער ערד צוריק אויסגראָבן,
מיט פאַרשטאָרבענע ווידער זען זיך,
וויפל נחת וועל איך האָבן!
כ׳האָב די גרויסע וועלט פאַרלאָזן
בין געפלויגן ווי אויף פליגל,

צו מיין שטעטל, ווו געשטאַנען
איז אַמאָל מיין קינדהייטס־וויגל.

.2

כ'האָב דערקענט דיך, ליבעם שטעטל,
האָסט זיך פיל נישט אומגעביטן!
איך דערקען די געסלעך דיינע
און דעם גרויסן מארק אין מיטן.
אך, ווי טרויעריק ווייזט ער אויס מיר:
אלע הייזער אלט געוואָרן,
און די שויבן פון די פענצטער
קוקן פינצטער, פול מיט צאָרן!...

* *
*

חיים־לייזערס הויז — ווו איז עס
מיט דעם גאַניק מיט דעם לאנגען,
ווו עס פלעגט זיך שטענדיק הערן
לוסטיק לאַכן און געזאַנגען?
רייך געווען איז חיים־לייזער
און אַ באַלעבאָס אן עכטער,
אַ פרנסה־שטוב א גרויסע
און צוויי שיינע יונגע טעכטער.
איך געדענק די עלט'רע,ביילע,
מיט די שווארצע, גרויסע אויגן,
וועלכע פלעגן שטענדיק לאַכן
און מיין הארץ דאַן צוגעצויגן.
כ'פלעג אָפט קומען אויפן גאַניק
אין די זומער־טעג צו זיצן
מיט די טעכטער, מיט די שיינע,
און פלעג פריילעך שיטן וויצן.
זייער לאַכן פלעגט דאַן קלינגען,

ווי דאָס ליד פון נאַכטיגאַלן —
אַך, ווו זענט איר ליבע טעכטער,
אַך, ווו זענט איר איצט פאַרפאַלן?
שלעכטע צייטן! חיים־לייזער
איז פאַראָרעמט לאַנג געוואָרן,
נאָך אַמעריקע די טעכטער
זענען גלייך אַוועקגעפאָרן.
דאָס האָט מיר דערציילט די מוטער
מיט פאַרוויינטע פייכטע אויגן:
„מיינע לוסטיקע צוויי פייגל
זענען איבער ים פאַרפלויגן!“
„מיינע לוסטיקע צוויי פייגל!“ —
האָט זי מיט די הענט פאַרבראָכן —
„זעט, א תל פון הויז געוואָרן,
און דער גאַניק איז צעבראָכן“...

3

נישט פאַרגעסן אויך דעם שולהויף,
ווו עס שטייט די תלמוד־תורה,
כ׳האָב באַטראַכט זי נאָר פון ווייטן,
ווייל פון נאָענט איז א מורא...
כ׳האָב דערקענט די אָר׳מע קינדער —
באָרוועס, נאַקעט און דערשלאָגן;
און גערירט פון זייער עלנט,
האָט דאָס הארץ געוואָלט וואָס זאָגן:
„אָ, איר תלמוד־תורה־קינדער!
כ׳קוק אויף אייך מיט פייכטע אויגן —
ספרים טראָגט איר נישט אין ראנצעס —
וואָס זשע גייט איר איינגעבויגן?
וועלכע שווערע משא קרימט אויס
יונגערהייט נאָך אייער רוקן?
איז די תורה אזוי שווער אייך,
אָדער איז דאָס ברויט צו טרוקן?“

נאָר זיי האָבן נישט געענטפערט,
האָבן קענטיק שוואַך פאַרשטאַנען;
אויסגעשטעלט די אויגן, פרעגנד:
אַט די ווייכקייט קומט פון וואַנען?....
זיי, די אָר׳מע און יתומים,
זענען נאָר געוווינט צו ווילדע
קולות, קניפּן און קולאַקעס,
אָבער נישט צו ווערטער מילדע...

.4

כ׳האָב געוואָלט זען דעם בית המדרש,
בין אין אים אריינגעגאנגען —
אַך, ווי הערצלעך און ווי פריינדלעך
האָט מיך יעדער דאָרט עמפּפאַנגען!
אַ באַקאַנטער, צי אַ פרעמדער,
האָט זיין האַנט מיר אויסגעצויגן,
און עס האָט „שלום עליכם“
העל געלויכטן אין די אויגן.
כ׳האָב דערקענט די אָר׳מע ברידער,
צווישן זיי אויך חיים-בערן —
מיין אמאָליקן מלמד —
כ׳האָב דערקענט אים אָן זיין שטערן
מיט די פילע, פילע קנייטשן,
טיפער זענען זיי געוואָרן...
„וואָס זשע מאַכט איר, ליבער רבי,
ווי האָט איר געלעבט די יאָרן?
און בייטאָג אין שול וואָס טוט איר?
ס׳איז מיר עפּעס נישט געפעלן,
אָדער זענט איר רייך געוואָרן
און האָט אויפגעהערט צו קנעלן?“
„ליבער זון! — האָט ער געענטפערט. —
כ׳בין נישט רייכער, ס׳האָט מיין צעטל
נישט געווונען, דאָך בין איך שוין

אוים מלמד אין מיין שטעטל.
ליבער זון! אויף אונדז׳רע יידן
קומט א צרה נאָך א צרה;
מער נישטאָ שוין יענע יאָרן —
קיינער דארף נישט קיין גמרא!
מ׳לערנט אוים נאָר איצט דעם ייִנגל
עפּעס דאווגען, עפּעס ברכה,
איידער נאָך ער ווערט בעל־מצווה,
ווערט פון אים אַ בעל־מלאכה!״
— וואָס זשע טוט איר, ליבער רבי,
ווו זשע נעמט איר זיך צום לעבן?
„כ׳האָב פארקויפט, מיין זון, דאָס שטיבל
און מיין טאָכטער אויסגעגעבן.
דו געדענקסט מיין קליינע שטיבל,
מ׳האָט געדארפט עס איבערבויען,
דאָך איך קאָן עס נישט פארגעסן,
ס׳ציט דאָס הארץ, אָ, מעגסט מיר טרויען....
נאָר צוריק די אייג׳נע מעשה...
דו געדענקסט דאָך נאָך מיין בתולה...
און די יאָרן, אוי, זוי לויפן...
לאָזן זיצן איז קיין תכלית,
ז׳איז געווען א היבשע בתולה,
נאָר אין אָרעמקייט וואָס העלפט עס?
שיין אָן געלט איז נישט קיין פעולה.
פאר אַ בעל־מלאכה... מילא...
נאָר פארדעקן מיט א שלייער...״
— וואָס זשע טוט איר איצטער רבי?
„כ׳זופ ביי טאָג א ביסל זוהר״.
— ניין — איך מיין פון וואנען לעבט איר?...
„פרעג, מיין זון, נישט — לאָז צופרידן —
מיט דעם בוראם הילף — עס לעבט זיך,
ווי עס לעבן אַלע יידן...״

5

אין בית־מדרש אין אַ ווינקל
האָט א יינגל זיך פארקליבן,
און מיט גרויס געפיל, התמדה
האָט ער עפּעס דאָרט געשריבן.
כ׳האָב באַטראַכט אים — הויט אוןביינער
און די בעקלעך איינגעצויגן,
האָט קיין צייכן פון א פּנים,
נאָר עס פינקלען זיינע אויגן.
איך בין צו אים צוגעגאנגען
און געפרעגט: וואָס שרייבסטו, ליבער?
ער האָט זיך פארשעמט, דערשראָקן
און געציטערט ווי אין פיבער.
„גאָרנישט — האָט ער קוים געענטפערט,
כ׳האָב זיך ליב צו מאָלן תמיד...
כ׳מאָל פון גרויסע לייט די בילדער —
אויך מיין ארבעט איז דער עמוד...
אין דער היים איז ענג און פינצטער,
און די קליינע קינדער שרייען,
שרייב איך דאָ מיר אין בית־מדרש —
כ׳מאָל איצט — „הבלען הרגעט קין“...
ס׳האָט געזען אַמאָל דער דאָקטער
מיינע אַרבעט, די פּאַפּירן —
כ׳וואָלט א „לייט“ געוועזן, זאָגט ער,
ווען געקאָנט וואָלט איך שטודירן.
ס׳האָט מיין טאַטע שטארק צעלאכט זיך
אויף דעם דאָקטערס רייד אינגאַנצן:
„מיין זון שיקן אין די קלאַסן —
אפשר זאָל איך גיין איצט טאַנצן...“

6

טרויעריק בין איך פון בית־מדרש
און באַטריבט ארויסגעגאנגען,

פול מיט ווייטוט, פול מיט זאָרגן,
פול מיט נארישע פארלאנגען...
כ'האָב געלאָזן גיין זיך ווייטער,
גיין און גיין... איך זאָל פארגעסן
מיינע שווערע, גרויסע ליידן,
וועלכע דריקן מיך און פרעסן.
גייענדיק פארטיפט אין טרויער,
בין איך צו דעם טייך געקומען
און א טיפער, אַלטער קימער
האָט מיין זעלע דורכגענומען.
זיי געגריסט מיר, ליבעס טייכל,
אָ ווי פלעג איך נאָך דיר בענקען!
שטייענדיק ביי גרויסע ימים,
פלעג איך דאָרט אויך דיך געדענקען.
רואיק, שטיל פליסט דיינע וואסער,
ביי דיר קאָכן נישט קיין כוואליעס,
דיינע שיפן — שטיקלעך שמאטעס
שווימען — צייכנס פון דעם דלות.
זומער־צייט אין דיינע וואסער
וואָלט א תענוג ווער געפינען,
טריקנסטו דאַן אויס אינגאנצן,
דיינע וואסער ווערט אנטרינען...
ווינטער־צייט ווערסטו פארפרוירן
און מיט מיסט פארדעקט, פארשאָטן...
דאָך האָב איך דיך ליב מיין טייכל,
כ'וואָלט פון דיר נישט אָפּגעטראָטן.
אמת, כ'האָב געזען שוין טייכן,
ווו די כוואליעס ווארפן, ברומען,
ווו דאָס וואסער — שטארק און מעכטיק,
דאָך בין איך צו דיר געקומען.
יאָ, צו דיר האָט מיך געצויגן,
דאָרט בין איך געוועזן א פרעמדער —
— איך געדענק, ווי ביי דיין וואסער
פלעגט מיין מוטער וואשן העמדער...

און דערמאָן איך אין מיין מוטער,
ווערן ד׳אויגן פול מיט טרערן...
נעם זיי צו צו דיר, ליב טייכל,
וועסטו טרוקן קיינמאָל ווערן...

7

קומענדיק אהיים צום זיידן —
דאָרט איז מיין קוואַרטיר געווען —
האָט די באָבע מיר א גאנצע
לעקציע אָנגעהויבן לעזן:
„ווו ביסטו דאָס אויסגעווען?
און אונדז האָסטו גאָר פארגעסן;
האָסט זיך נאָר דערמאָנט צו קומען,
ווען פארוואָלט האָט זיך דיר עסן...
מילא איך בין דיר עס מוחל —
האָט זי ליבלעך צוגעגעבן —
ביסט א יונגערמאַן, עס ווילט זיך
אומשפּאצירן, ס׳ווילט זיך לעבן.
איך בין אויך אַמאָל געווען
יונג און ליב געהאט צו שפּילן;
אָך, וואָס איך פלעג אויסשפּאצירן
און קיין מידקייט קיינמאָל פילן.
איצטער... אוים! נאָר אין מחשבות,
כ׳האָב פאררעדט זיך און פארגעסן,
ביסט אַ הונגעריקער נעבעך,
נעם אויף גיך און וואש זיך עסן".
גוט האָט מיר געשמעקט דער באָבעס
אירע איינפאַכיקע שפּייזן:
שמאלץ מיט רעטעך... אין דער פרעמד דאָך
האָב איך נישט געקאָנט ס׳דערווייזן.
לאכט אייך, ברידער פון דעם מאַכל,
וואָס איר ווילט, דאָס זאָגט און רעדט אייך —
איך בין דאָך ביי מיינס — עס שמעקט מיר

אונדזער מאכל — שמאלץ מיט רעטעך...
און אויף פלייש — האָט מיר די באָבע
ווייך געזאָגט — נישט האָב פאריבל —
וועסט אין שטאָט א לויט נישט קריגן,
זאָלסט באצאָלן כאָטש א רובל.
די קצבים וויינען קלאָגן,
ווילן מאכן אן אסיפה:
צען שטיק האָבן זיי געקוילעט,
און דער רב געמאכט האָט טריפה...
די קצבים — גראָבע יונגען,
פרעג, וואָס ווילן זיי דען האָבן?
זאָל מען דען דעם שולחן־ערוך
מיט די „נאָך זאכן" באגראָבן?...

8

שבת פרי בין איך געגאנגען
אין בית־מדרש מיטן זיידן,
אין דעם זעלביקן בית־מדרש,
ווו איך האָב אמאָל אין פריידן
אין מיין קינדהייט נאָך געדאוונט
מיטן טאָטן פון איין סידור...
און דערמאן איך יענע צייטן,
הייבט דאָס הארץ אָן פרייען ווידער...
און עס הייבט אָן מעכטיק קלאפן
און צו וויינען און צו בעטן...
און איך פיל מיך, ווי מלאכים
וואָלטן קושן מיך און גלעטן...
אין דעם זעלביקן בית־מדרש —
אָט דערקען איך זי, די בימה,
ווו דער חזן זינגט, צעגיסט זיך
אויף זיין טרויעריק־זיסער שטימע.
אָך, ווי טרויעריק זינגט דער חזן!
ס'העלפט אים אונטער נאָר איין בחור —

וואָס זשע וויינט ער? אויף דעם אפשר,
וואָס עס קלעקט אים נישט דער „וואָכער“?
אָ, וואָס רייסן זיך די טענער
מיט אזא געבעט און ברומען?
אפשר, וואָס די שכירות זיינע
איז פון גבאי שווער באקומען?
אָ, וואָס שפרייט ער זיינע הענט אויס
און ער בעט זיך ביי דעם עולם?
אפשר וויינט ער, וואָס זיין האָפענונג
איז בלויז אלול דער בית־עולם?...
נאָר געענדיקט האָט דער חזן,
אויסגעזונגען זיך — א חיות,
אָנגעהויבן האָט דער גבאי —
צו פארקויפן די עליות,
ווי אמאָל.... נישט אומגעביטן
האָט מען נאָך דעם טאָרג דעם ווילדן;
און ס׳פארקויפט זיך משהס תורה
אויפן רובל, אויפן גילדן.
שישי איז נאָך אלץ א יקרות,
און דער מקח ברענט פלאַם פייער....
און רביעי און חמישי
איז נאָך ער־היום נישט טייער.
יאָ צו שישי נאָך עד־היום
האָט ר׳ בער א גרויסע תאווה;
אָט־אָ קריכט ער אויפן בימה,
און ער בלאָזט פון זיך מיט גאווה!
און ער גייט אראָפ פון בימה,
גלעטנדיק דאָס גראָבע בייכל,
ווי געזאָגט וואָלט ער: רבותי,
שישי איז א גרויסער מאכל!
עפּעם פיל איך מיך נאָך שישי —
בין א באלעבאָס א יוסטער,
בין ר׳ בער... איר קענט ר׳ בערן!
נישט קיין שניידער, נישט קיין שוסטער...

און די שניידער און די שוסטער
קוקן אויף ר'בער מיט פלוכן...
אָך, ווי וואָלטן זיי די ארמע,
ווען א שישי אויך פארזוכן.
אָ, פארוואָס איז זיי באשערט נאָר
מאָגערעס דאָס גאנצע לעבן?
כאָטש א שטיקל פעטע תורה —
דאָס אויך וויל מען זיי נישט געבן!

9

זונטיק פרי בין איך געגאנגען
אויפן מארק הין־הער און ווידער,
צו באקוקן און באטראכטן
פון וואָס לעבן מיינע ברידער.
אָ, דעם גרויסן מארק מיט בלאָטע
האָט מען אונדז אוועקגעגעבן;
נעמט מען צו דעם מארק מיט בלאָטע,
נעמט מען צו אויך אונדזער לעבן...
צווישן פילע נייע קרעמער
האָב איך קוים דערקענט נאָר איינע —
זאָל דאָס ווייבל זיין דען רחל,
זאָל עס רחל זיין די שיינע?
רחל, רחל — בנאמנות!
איך דערקען זי נאָך פון וויטן –
כאָטש זי האָט זיך אומגעביטן,
גאָרנישט די פון יענע צייטן,
ווען איך בין צו הויז געוועזן
און געקענט זי נאָך אלס פריילין...
איך געדענק נאָך אירע אויגן
מיט די בליקן ווי די פיילן.
רחל, רחל, ליבע רחל!
בין איך צו איר צוגעפאלן —
ביסט א קרעמערין געוואָרן?

זאָג, ווי האָט זיך עס געטראָפן?!
אָ, דערציייל מיר, ליבע רחל,
וואָס האָט דיך געבראכט צו דאַנען?
ביסט געווען א שטאָלצעס פריילין
און פלעגסט לעזן אָפט ראָמאַנען.
און דיין פרייע ברוסט — פול לעבן,
פלעגט זיך, לעזנדיק, אויפהייבן,
און מיט דיינע שווארצע אויגן
פלעגסטו קוקן ווייט, און גלייבן.
איך געדענק דאָך דיינע טרוימען,
פלעגסט זיי עפטער מיר פארטרויען,
און א וועלט פון גליק און ליבע
פלעגסטו דאמאָלס זיך אויסבויען.
און די וועגן צו דיין צוקונפט
האָסטו אויסגעשיט מיט בלומען!
ווו זשע זענען דיינע גליקן,
ווי ביסטו דערצו געקומען?
אין א קרעמל — ענג און פינצטער —
זיצסטו איצט פארדעקט מיט טרויער,
און די שיינע אויגן דיינע
קוקן אויסעט אויף א פויער...
און די זיסע שטימע דיינע,
וועלכע פלעגט ראָמאַנסן זינגען,
ווערט איצט הייזעריק און טרוקן
מיט דעם קונה זיך צו דינגען...
טרויעריק האָט זי מיר געענטפערט:
מאלע וואָס עס איז געווען —
בין אמאָל געווען פארנארישט,
און געהאָפט, געגלויבט, געלעזן.
און מיין יוגנט-בלוט פלעגט קאָכן,
פלעגט זיך אָנצינדן און זידן
און פלעג גלויבן דאָן און האָפן
אויף אזוינס, וואָס נישט פאר יידן...
און די יאָרן פליען, פליען,

און איך ווער אלײן עלטער, עלטער...
די חלומות שװינדן, שװינדן,
און דאָס בלוט װערט קעלטער, קעלטער...
די געביידן אלע מײנע,
פיל איך, הײבן אָן צו פּלאַצן
און איך הער אין גאס די װײַבער,
מײנע יאָרן, װי זײ שאַצן...
כ'האָב געהערט עס, און מײן יוגנט
האָב איך שטיל באװײנט מיט טרערן,
און געמוזט האָב איך א כלה
פאר דעם ערשטן חתן װערן...
יאָ, געמוזט: מײן גוטע מוטער
האָט געװאָלט פון מיר זען נחת;
„װער מײן ליבעס קינד א כלה,
אונז׳רע שונאים אויף להכעיס".
און זי האָט דערלעבט דעם נחת,
װאָס זי האָט געװאָלט פיל יאָרן:
ער — אין שטעטל גיט אָפּ „שטונדן",
איך א קרעמערין געװאָרן!...

* *
*

װײניק נחת, ליבעס שטעטל,
האָב איך איצט אין דיר געפונען,
פון אמאָל דײן חן, דײן ביסל,
איז שוין אויך פון לאנג צערונען.
כהאָב געבענקט נאָך דיר פון װײטן,
כ'פלעג אויף דיר דאָרט װארטן, האָפן —
אר'מער, טויטער, װי געלאָזן,
האָב איך איצטער דיך געטראָפן!
קוידאנאָװ — קאָװנע, 1899.

קידוש לבנה

ציזאַטענגעדריקט אין א רעדל —
אין גאַס — שטייען יידן געבויגן;
מיט ליפּן פאַרשמאַכטע פון הונגער,
מיט בענקשאַפט און צער אין די אויגן.

עס שטייען פאַריתומט די שטיבלעך
און קוקן אזוי ווי דערשלאָגן,
ווי ז׳וואָלטן אויף זייערע דעכער
דעם יאָך פון די מענטשן געטראָגן.

און אלץ איז ארום אזוי טרויריק,
אזוי קאַלט, אזוי גליטשיק אין גאַס...
עס רייסט זיך די תפילה אלץ העכער,
עס ציטערט די לופט אין דער גאַס...

די קליינע לבנה אין הימל
הארכט אייך ווי דערשראָקן און בלייך
און שיקט אירע שטראַלן ארונטער,
און קוקט אזוי טרויעריק־ווייך...

אין קישן

אין קישן באַהאַלט איך מיין פּנים,
איך נורע זיך איין טיף און וויין;
דער איינציקער פריינד אין מיין לעבן
איז מיר נאָר דאָס קישן אליין.
געפליקט האָט די פעדערן אירע
מיין שוועסטער ביז שפּעט אין דער נאַכט —
געפליקט מיט א האַרץ אַ צעפליקטן,
פון דחקות, פון הונגער פארשמאַכט.
ווו איז יעצט די שוועסטער פארוואָרפן,
ווו איז זי? ווער ווייסט, וואָס זי מאַכט!
דארום איז מיר טייער דאָס קישן,
פייכט מאַך איך עס שטענדיק ביינאַכט!...

נאָך גרינס

נאָך צווייגעלעך, קינדער, אין וואלד לאָזט זיך גיין,
— און פריילעך מיט לידער כסדר,
אזוי ווי עס וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען —
קיין רבי, קיין קאנטשיק, קיין חדר.

נאָך צווייגעלעך, קינדער נאָך צווייגעלעך גייט
און פוצט אויס די אָרעמע שטיבלעך;
יער וואלד איז נישט ווייט, הינטערן שטעטל ער שטייט
און קוקט אזוי ווייך, אזוי ליבלעך.

פֿארוואונדערט וועט ווערן דער אַלטער, דער וואלד;
וואָס טוען דאָ יידישע קינדער? —
דערציילט אים: ס'איז שבועות — דערציילט עס אים באַלד;
און זאָל אים נישט זיין צו קיין וואונדער....

און זוימט זיך וואָס לענגער און רייסט וואָס מער אָן —
נישט האָט פאר די טאטעס קיין מורא:
היינט מעגט איר אין וואלד זיין, מ'וועט גאָרנישט אייך טאָן —
עס איז דאָך לכבוד דער תורה!

אָפּשייד

און אַז דו וועסט, מיין טייער לעבן, אוועקפאָרן
וועל איך גיין צום באַן דיך באַגלייטן;
און אַז דו זאָלסט מיר באַלד נישט פאַרגעסן —
וועל איך שענקען דיר אַ קרענצעלע קווייטן.

און אַז עס וועלן אָנהייבן די קווייטן צו וועלקן,
ווי דו וועסט נאָר איין סטאַנציע אָפּפאָרן —
זאָלסטו באַלד וויסן, אַזוי בין איך אויך
אָן דיר גלייך פאַרוויאַנעט געוואָרן...

פון דער דירה טרייבט מען...

פון דער דירה טרייבט מען —
דרויסן איז אַ רעגן;
געוואלד, וווּ טוט מען הין זיך?
הייב איך אָן צו פרעגן.

וועמען פרעג איך? ווייס ווער?
איך קאָן גאָרנישט וויסן,
נאָר דעם קאַלטן רעגן
הער איך דרויסן גיסן.

און עס וועט נישט העלפן
קיין געבעט, קיין טרערן —
ס'וועט דער קאלטער רעגן
גיסן נישט אויפהערן.

יאָ, דער רעגן ווייסט נישט
פון מיין שווערער לאַגע,
ס'איז זיין צייט געקומען,
רינט ער — אָט דער „פּליאגע"...

ס'איז אפילו גאָט דאָ
נישט אינגאנצן שולדיק...
נו, פארפאלן, האלט זיך
און פארטראָג געדולדיק.

אָבער פון דער דירה
זאָל אַ מענטש מיך טרייבן,
אוי, דאָ קען איך, ברידער,
רואיק שוין נישט בלייבן.

אָך, דאָ ברענט מיין צארן
און איך קריץ די ציינער:
זענט איר, באַלעבאַטים,
מענטשן אָדער שטיינער?!...

דאָס נייע ליבע־ליד

— „וואָס וועלן מיר טון אין די שפּעטערע טעג,
וואָס וועלן מיר טרינקען און עסן!“
— אָ, ליבסטע, נישט פּלאָג מיט דיין פראגע מיך איצט,
איך בעט דיך, דו זאָלסט זי פארגעסן.

עס האָט מיר געזונגען מיין באָבע א ליד,
דאָרט ווײנט א געליבטע און בעט:
„אוי, לאָמיר, מיין ליבסטער, אנטלויפן פון דאַן,
כ'וועל אַרבעטן, וואשן כאָטש גרעט!

אוי, לאָמיר, מיין ליבסטער, אנטלויפן פון דאַן,
גרינג וועל איך פארטראָגן מיין פּיין:
ב'וועל ארבעטן שווער, און וועל שלאָפן אויף שטרוי —
צוזאמען מיט דיר נאָר צו זיין“! —

עס שמייכלט מיין ליבסטע: דיין לידל איז אַלט,
די באָבע זי איז שוין לאנג טויט,
און איך בין נאָך יונג, און איך לעב און איך זינג
אַ ליד פון דער ליבע אָן נויט!...

ל י ב ע

אומעטיק

אומעטיק, מיידל, צו לעבן אליין —
קאָנסטו אפשר קומען צו מיר:
מיין צימער איז אָרעם, מיין צימער איז קליין,
האָט אַ באַזונדערע טיר,
האָט אַ באַזונדערע טיר,
נאָר קיינער, אוי, קלאַפּט נישט אין איר.

אומעטיק, מיידל, אַך, אומעטיק שווער,
און ווי נאָר דער אָוונט ער קומט,
זיץ איך ביי די אויגן צום טיר און איך הער —
דער ווינט אזוי טרויעריק ברומט.
דער ווינט אזוי טרויעריק ברומט,
און ס'דאכט מיר, אַז עמעצער קומט...

* * *

דיינע אויגן לייכטן פינקלען,
ווען דו רעדסט פון נייע צייטן:
אַלע מענטשן זאַט און גליקלעך —
ווען די אָרדענונג וועט זיך בייטן.

און איך גלייב אין דיין נביאות,
דאָך אין אויג מיינס שטייען טרערן:
ביי דער בעסטער אָרדענונג, ליבסטע,
וועסטו אַלץ נישט מיר געהערן.

מיין געליבטע

מיין געליבטע איז אַ קלוגע
און זי זאָגט: עס איז אומגלויביק,
אַז דו זאָלסט געליבטער מיינער,
ליבן שטענדיק, ליבן אייביק.

מיין געליבטע איז א קלוגע,
קליגער קאָן פון איר נישט געבן:
זי פארזאָרגט זיך יעצט מיט קושן
אויף דעם גאַנצן קאַלטן לעבן.

דו ביסט געווען...

דו ביסט געווען א זיסער קלאַנג
אין מיינע טעג;
א קלאַנג פאַרוויים,
דאָס גליק פאַרגייט —
דו ביסט אַוועק,
נישטאָ דיך לאנג...

אָ, זיסער קלאנג, ווו קלינגסטו צינד,
אין וועמעס ליד?
איך הער מיך צו:
עס קלינגט ווייט־ווו....
עס ציט, עס ציט — — —
ווו ביסטו, קינד?...

אין אַ זומער־נאַכט

גליענדע,
ציענדע,
רופנדע נאַכט! —
ווו ליגט דיין צויבער,
און וואָס איז דיין מאַכט?

ס'פלאַטערט,
עס מאַטערט
דאָס האַרץ אין דער שטיל;
ס'רירט זיך, עס וועקט זיך
אַ יונגעס געפיל.

קלאַנגען,
פאַרלאַנגען,
זיי פילן דיך אָן,
פילסט זיך איינגאַנצן
אַ קלינגענדיקער טאָן...

ס'קומען,
זוי בלומען,
דיר מיידלעך פאַרביי,
קוקן אין ד'אויגן
דיר לוסטיק און פריי...

קערסט זיך
און קלערסט זיך:

מיין כלה ווו איז?
וועל איך זי קושן,
ווי שטאַרק און ווי זיס....

יאָרן —
פאַרלאָרן —
זיי קומען צוריק;
יונג ביסטו ווידער
און האָפסט נאָך אויף גליק!...

בונטע לידער

קום!

קום, מיר װעלן גײן צו די לײדנדע,
האָב נישט קײן מורא פֿאַר זײ;
מענטשן דאָרט זענען די בעסערע,
שײַן גלאַנצט אין ד׳אױגן דער װײ.

ס׳גלאַנצן דאָרט אױגן װי שפּיגלען,
שפּיגלט זיך אָפּ יעדער לײד...
װעסט דאָרט צום לעבנס־פֿאַרפֿלאָנטערניש
גיכער געפֿונען באַשײד.

קום, מיר װעלן גײן צו די לײדנדע,
אומעטיק איז סײַװיסײַ;
װאַקסט דאָך דיר װעגן אַלץ נײַערע —
לײַדן — נאָר זײ זענען נײַ!

אייביקער זוכער

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען!״ —
דערציילט די באָבעס האָבן אונדז גאָר לאַנג —
די מעשהלעך זיי זענען לאַנג, שוין לאַנג פאַרגעסן,
דאָך זעען מיר נאָך יענעם אַלץ אין גאַנג...

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען!״
(באַהאַלטן ליגט דערין אַ טיפער זינען!) —
ער האָט געזוכט, געזוכט דעם וועג און נישט געפונען
און איז געגאַנגען ווייטער, ווייטער, אַלץ אַהין!

און יעדער העלד פון יענע מעשהלעך די אַלטע,
— געוועזן איז ער אַ בעטלער, צי אַ האר —
איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, און געגאַנגען! —
(ווי קלינגט דאָ טיף און שיין דעם זוכערס צער!)

„איז ער געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען!״ —
מיר גייען אַלע מיט מיט יענעם אַלטן העלד!
ווער ס׳זוכט און זוכט אַ פּאַלאַץ ערגעץ אונטער היילן
און ווער אַ קליין שטיבעלע אין פעלד...

* * *

כ'וויל זיך מיט מיין מוזע גטן,
ז'האָט קיין גליקן מיר געבראכט,
כ'בין פון איר פארשווארצט געוואָרן,
קראנק נאָר האָט זי מיך געמאכט.

— נו, זיך גטן... וואָס זשע קלערסטו?
נעם די לידער און פארברען...
ווילט זיך אָבער אויך דאָס גטן
גלייך באשרייבן מיט דער פען...

און עס ווערט א ניי לידל,
און די מוזע שמייכלט ליב:
אָרמער זינגער, בלאסער זינגער,
דו ביסט מיינער ביזן גריב....

דאָס אייביקע ליד

וואָס שאַף איך, וואָס זינג איך?
מיין חבר, דו פרעגסט —
כ׳מאַך נייע ניגונים
צום אייביקן טעקסט.

„בזעת אפיך" —
איך פיל עס און וויים —
„דיין ברויט זאָלסטו עסן
מיט בלוטיקן שוויים".

„זאָלסט שטענדיק זיך מיען
אין גאס און אין שטוב,
עד שובך" — ביז וואנען
וועסט קומען אין גרוב".

די תורה, מיין חבר,
הייבט אָן זיך דערמיט,
און ס׳נעמט גאָר קיין ענדע
ס׳פארשאָלטענע ליד...

האַרבסט־לידער

1

ס׳גיסט א גאנצן טאָג דער הימל,
ווי א שווארצער ים איז אויבן;
און עס קייקלען זיך די טראָפּן
אויף די טרויעריקע שויבן.

און מיר דאַכט זיך, יעדער טראָפּן
איז א ברענענדיקע טרער
אויף די וויסטע שלעכטע צייטן,
וואָס עס לעבט זיך אזוי שווער.

יעדער שאָרך פון ווינט אין פענצטער,
דאַכט מיר, איז א טיפער קרעכץ
אויף דער מענטשהייטס אלטן ווייטיק,
אויף איר עלנטקייט און שלעכטס!...

2

ביים פענצטער שטייט א ביימעלע
געבויגן, טרוקן, דאַר;
עס האָט דער האַרבסט אים קראנק געמאכט —
איך קאָן נישט זען זיין צער.

פארצווייפלט שאָקלען זיך ביי אים
די דאַרע צווייגלעך אום,
עס וויינט: אַך, זע, ווי פינצטער איז,
ווי טרויעריק ארום!

מיר דאַכט זיך, אַז עס רעדט צו מיר:
„אוי, אומגליקלעכער מאַן,
צי איז אויף בליען נאָך פאַר אונדז
אַ האָפענונג פאַראַן?!

צי וועט די זון, די וואַרעמע,
נאָך קומען ווען אַהער?
אוי, הער — דער ווינט קלאָגט יאָמערלעך.
די לופט — ווי קאַלט און שווער”!

3

וואָס וויל ער, דער רעגן? וואָס קאַפּעט ער, וואָס?
וואָס ריִנט ער אָן אויפהער, וואָס רינט ער אָן מאָס?
ווער דאַרף אים, ווער בעט אים און וואָס איז זיין מיין?
ווי נאַריש, ווי נאַריש — איך קאָן נישט פאַרשטיין!

און וואָס וויל ביים פענצטער דער איינזאַמער בוים,
וואָס שטייט ווי פאַריאושט, וואָס אָטעמט נאָר קוים,
צו וואָס איז זיין תכלית ביי אונדז דאָ געשטעלט?
וואָס בליט ער, וואָס וועלקט ער ביי אונדז אויף דער וועלט!

וואָס ווילן די מענטשן, וואָס גייען אין גאַס?
עס איז אַזוי קאַלט, אַזוי פייכט, אַזוי נאַס!
וווהין, און צו וואָס? און וואָס שלעפּט מען זיך אום?
ווי נאַריש איז אַלץ דאָ, ווי נאַריש און דום!

4

ס'איז דער האַרבסט געקומען,
ס'וועלקן בוים און בלום;
בעלע בלעטער זע איך
וואַלגערן זיך אום.

ס'קומט אַ ווינט אַ קאַלטער,
פייפט א לידל צו,
און די ארמע בלעטער
האָבן נישט קיין רו:

הייבן זיך און טאַנצן
טויטערהייט, אָן מאַכט:
און דער ווינט דער בייזער
פייפט און שפּילט און לאַכט...

5

מיט התלהבות זינגט דער ווינט
און צעקאָכט איז ער אינגאנצן,
שוואכע בלעטלעך פון דער ערד
דרייען זיך און טאַנצן.

און נאָך העכער גרייפט דער ווינט
גרייפט דאָס ווילדע זינגען —
שוואכע בלעטלעך פון דער ערד
דרייען זיך און שפּרינגען.

אָ, דו בייזער, בייזער ווינט:
נאָר דו זוכסט דיר פאַרגעניגן!
האָסט זיי אָפּגעפּליקט פון בוים
לאָז זיי איצט שוין רואיק ליגן!..

6

און עס וויינט דאָס האַרץ אין מיר
אויף די בלעטעלעך די גרינע,
ווען פארגעלט, פארדארט, פאַרוועלקט
פאַלן, פאלן זיי אין רינע.

און עס קלעמט דאָס האַרץ און קלעמט,
ווען איך זע דעם בוים, דעם העלד,
ליגט דערשלאָגן פון אַ בליץ,
אויסגעצויגן אויפן פעלד.

און עס דריקט דאָס האַרץ פאַר ווײ,
ווען דעם ווינטן שניי אויף דר'ערד
טרעטן מענטשנס שווערע טריט,
טרעטן, שמוצן אײַן די פערד.

און עס גיסט מײַן אויג אַ טרער,
ווען דאָס אָרמע שיינע קינד
וועלקט אין קעלער פאַר דער צײַט,
וועלקט פאַר גאָרנישט, וועלקט אָן זינד...

7

כ'האָב פײַנט די זון, כ'האָב פײַנט די לבנה,
כ'האָב פײַנט די אַלע שטערן;
כ'האָב ליב דעם שטורעם און די וואָלקן,
כ'האָב ליב דעם הימלס טרערן.

כ'האָב פײַנט די רויזן און די ליליען
כ'האָב פײַנט די אַלע בליטען;
כ'האָב ליב דאָס עלנט, טרוקן ביימל,
וואָס שטייט אין פעלד אין מיטן.

כ'האָב אַלעס פײַנט, וואָס לײַכט און פינקלט,
וואָס דינט נאָר צו באַשײַנען —
כ'האָב ליב נאָר דאָס, וואָס אָרעם, עלנט,
דאָס, וואָס מען דאַרף באַוויינען...

נאָך מיין האַרצנס באַגערן

איך ווייס נישט, וואָס קלוג איז, איך ווייס נישט, וואָס נאריש,
עס ברעכט זיך מיין מוח פון קלערן —
העי, וועל איך מיר טאָן נאַר אזוי, ווי ס'געפעלט מיר,
און פאָלגן מיין האַרצנס באגערן!

איך ווייס נישט, ווו בלומען, איך ווייס נישט, ווו דערנער,
איך ווייס נישט, ווו פרייד און ווו טרערן —
העי, וועל איך מיר גיין אין דעם וועג, ווו עס ציען
און רייסן די הארצנס באגערן!

איך ווייס נישט, ווו טויט איז, איך ווייס נישט, ווו לעבן,
דעם אמת, ווי קאָן מען דען הערן? —
נו, שטילער, דו מוח, העי קאָכיקער, האריץ!
כ'דערפיל דיינע אלע באַגערן!....

צו שיכּורים

ר׳ווילט אַ פריילעכס הערן?
גייט אין שענק!
איך וויים אומגליק, איך וויים טרערן — — —
איך געדענק!

ר׳האָט אַ מיטאָג אָפּגעגעסן
און מיט ווייַן,
און איר ווילט אין אַלץ פאַרגעסן,
פריילעך זייַן.

און איר קומט צום בלאַסן דיכטער:
זינג פון פרייד!
ניין, איך קען נישט — איך בין ניכטער —
זינג איך לייד!

איך בין ניכטער, און מיר זעט זיך,
וואָס איר טוט,
און איך הער אַ קול עס בעט זיך:
שווייג קיין בלוט.

יענעם קול נאָר מוז איך פאָלגן,
כ׳פיל אים מיט,
און אָן אויפהער וועט פאַרפאָלגן
אייך מייַן ליד...

ווער עס האָט...

ווער עס האָט א טעמפּל.
ווער עס האָט א קלייזל,
ווער ס'באַזוכט א שענקל,
ווער — א פרײלעך הײזל,

עפּעס מוז מען האָבן,
אײנעם מוז מען גלויבן:
צי א טײוול אונטן
צי א גאָט דאָרט אויבן...

האָסטו אָבער קײנעם,
ווילסט גאָר אלץ פאַרהאַסן,
ווײסטו, ווי קין,
בלאָנדזשען אין די גאַסן.

און עס וועט דיר ווײכן
יעדערער פון עולם,
און די וועלט די גאַנצע
איז דיר א בית־עולם...

אויפן פעלד...

אויפן פעלד
ווייט א קעלט,
יאָגט א ווינט א בייזער,

און ער בייגט,
און ער לייגט
צו דער ערד די גרעזער.

שטיל מיט וויי
פאלן זיי
צו דער ערד אַנידער;

ווי גערעדט:
ס׳איז שוין שפּעט,
ס׳העלפט נישט זיין דערווידער.

אויס, פארביי
איז דער מאי
און דער ליבער זומער;

סומנע, קאלט,
און עס פאלט
אויפן האַרץ אַן אומער...

אָ, שטאָלצעס האַרץ מיינס...

(צייט־מאָטיוו)

אָ, שטאָלצעס האַרץ מיינס, געניג זיך צו שעמען!
א סוף און אַן ענדע!
און דאָס, וואָס דו האָסט פאַר אַן אמת געהאַלטן,
איז איצט א לעגענדע!

אזוי פיל באַגערן, אזוי פיל פאַרלאַנגען
און גאַרנישט געקריגן,
און פון דיינע וואַרהייטן אַלע איז איצטער
געבליבן איין ליגן...

און אַלע די זונען, וואָס האָבן געלויכטן,
זיי זענען פאַרגאַנגען;
און אַלע די שטערן, וואָס האָבן געווונקען —
מיט וואָלקנס פאַרהאָנגען!

און וואָס וועט דיר העלפן פאַרמאַכן די אויגן
און ווידער זיך קליגלען? —
דו זעסט דאָך, דער אָדלער אליין איז פאַרבלוטיקט —
צעבראָכן די פליגלען!...

איבערזעצונגען

צום מלווה

(פון חומש)

ווען דיין ברודער, א געדריקטער,
איינגעהויקערט, איינגעבויגן;
מיט אַ דאַרן, בלאַסן פּנים,
מיט פאַרוויינטע, רויטע אויגן,

קומט צו דיר אַן עפּעס לייען
פאַר זיין הויזגעזינד אויף ברויט:
זיי זשע, מלווה, נישט קיין מערדער,
שינד פון אים נישט אָפּ די הויט.

ווען עס וועט די נויט אים צווינגען,
ווי עס טרעפט אין בייזן לעבן,
דיר, אָ, מלווה אלס משכון
ס'לעצטע בגד אוועקגעבן —

זאָלסטו נאָר דאָס בגד האַלטן,
ביז די זון וועט אונטערקומען,
דען דאָס בגד איז זיין קאָלדרע,
און דו האָסט זי צוגענומען.

אָ, זיין איינציקן לעצטן בגד,
זאָלסט אים, מלווה, ווידערקערן;
ביינאַכט וועט ער צו מיר וויינען,
כ'וועל נישט שווייגן זיינע טרערן...

ביינאַכט

(פון ביאַליקן)

ס'שיט די שטילע נאכט מיט סודות,
ס'איז די גאנצע וועלט אנטשוויגן;
נאָר די וואסערמיל — זי ווארפט זיך,
לאָזט דעם טייך נישט רואיק ליגן...

ס'ווערט די שווארצקייט אלץ געדיכטער,
שאָטנס מערן זיך און מערן;
זאכט אין ים פון נאַכט און שווארצקייט
פאלט א שטערן נאָך א שטערן...

שטיל ארום. מיין הארץ נאָר, פיל איך,
וויל נישט שווייגן, וויל נישט שטומען,
און איך הער א קוואל א ריינעם
אין מיין הארצן רוישן, ברומען...

און עס רעדט פאמעלעך: „קינד מיינס,
ס'ווערט מקוים דיין באגערן.
זעסט, א שטערן פאלט פון הימל,
גלייב מיין קינד — ס'איז נישט דיין שטערן!

דיינער זיצט נאָך פעסט און פינקלט
אין דער שטערן־קייט דאָרט אויבן;
גיב א קוק, דו זעסט — ער ווינקט דיר,
און זיין בליק איז טרייסט און גלויבן"...

און איך קוק אהין צום שטערן,
ווי עס ווערט די וועלט אנטשוויגן — — —
מיין וועלט, ווייס איך, איז נאָר איינע —
כ'פיל זי אין מיין הארצן ליגן!...

איז אַוועק צום קריג דער מלך...

(פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ)

איז אַוועק צום קריג דער מלך —
בלאָזן אלע שופרות פריילעך;
שופרות בלאָזן, רוישן, ברומען,
אז ער זאָל בשלום קומען.

איז געגאַנגען ס ט אַ ך זיך שלאָגן,
האָט דער טייך געגומען קלאָגן,
און די זאנגען שטיל צו ציטערן,
אויף זיין מזל, אויף זיין ביטערן...

אויפן שלאַכט-פעלד אונטן, אויבן
פליען קוילן, מענטשן ליגן —
מ ל כ י ם שלאָגן זיך, ווי לייבן,
כ ל אָ פּ ע ס פאַלן, ווי די פליגן...

פאָנען רוישן, שאָסן קראַכן,
און די מתנות ציען ווייטער;
ס'האָט א קויל געטראָפן סטאַכן,
ס'קומט אַהיים דער מלך הייט'ער.

ווי געקומען איז דער מלך,
עפענען זיך די טויערן פריילעך;
די טראָמפּייטן רוישן, שאַלן,
און די זון, זי שיט מיט שטראַלן.

ווי מען האָט גענומען גראָבן
פֿאַר דעם ס ט אַ ך א גרוב, דאַן האָבן
שטיל געוויינט אין פֿעלד די גראָזן
און אַ ווינט האָט צוגעבלאָזן...

אויס היינע

1

אין מיין טונקל לעבן האָט מיר
אויך אַמאָל א בילד געשיינט,
נאָר דאָס בילד איז מיר פארשוואונדן
און עס איז מיר פינצטער היינט.

קליינע קינדער, ווען זיי זיצן
אין דער פינצטער, שרעקט עס זיי,
און זיי זינגען הויך און העכער
צו פארטומלען זייער ווי.

איך בין אויך א קינד גאָר נאַריש,
זינג מיר איצט אין פינצטערקייט;
כאָטש עס קלינגט דאָס ליד נישט פריילעך,
בין איך דאָך פון אַנגסט באַפרייט.

2

אָט וואנדל איך ווידער ארום אין דער גאַס,
און האָב מיך צום שטיבל געלאָזן,
וו ס׳האָט דאָרט מיין ליבסטע אמאָל נאָך געוווינט;
דאָס שטיבל איז וויסט און פארלאָזן.

און ענג ווערט די גאַס מיר און דריקנד די לופט,
דער ברוק אונטער מיר, דאַכט זיך, ציטערט;
די הייזער, זיי פאַלן מיר גלייך אויפן קאָפּ —
איך אייל, און אנטלויף באַלד פאַרביטערט.

3

זינט מיין ליבסטע איז מיר ווייט,
האָב איך לאַכן גאַנץ פאַרמיידט;
פון א נאַר אַ וויץ איך הער,
אָבער לאַכן איז מיר שווער.

זינט איך האָב פאַרלאָרן זי,
איז מיר וויינען אויך א מי;
ס'ליגט אין האַרצן, ווי אַ שטיין,
אָבער וויינען — ניין, אָ ניין!

4

ביסטו טאַקע מיר א שונא,
קאָנסט מיך טאַקע נישט פאַרטראָגן?
פאַר אַזאַ באַהאַנדלען וועל איך
פאַר דער גאַנצער וועלט זיך קלאָגן.

אָ, איר אומדאַנקבאַרע ליפּן,
זאָגט, ווי קאָנט איר שלעכטס דען רעדן
אויף דעם מאַן, וואָס האָט געקושט אייך
אין די טעג פון גליק און פריידן?...

5

שיינע, ליבע גאָלדענע שטערן,
מיין בקשה זאָלט איר הערן:
גריסט מיין ליבסטע אין דער פרעמד,
כ'בין אַלין בלאַס און טריי, געקלעמט...

דער גוטער פּאַסטעך

(פון ריכאַרד דעמעל)

לאָזט אונדז ענדלעך פרייליך וואַנדלען
און פאַרגעסן אַן אַלצדינג;
אומבאַזאָרגט נאָר ווען מיר האַנדלען,
ווערט דאָס שווערסטע ווערן גרינג.
גליק מאַכט יעדע זעלע פרום —
אייל דיך, רחל! לאה, קום!

וועלן לעמער זיך ווען צאַנקען
ווען דער פּאַסטעך מערער ליבט?
טרייבט די מיאוסע געדאַנקען,
זאָל דאָס גליק נישט זיין באַטריבט.
זעט! די לבנה גייט שוין אויף —
אייל דיך, רחל! לאה, לויף!

מאַך איך אייך נישט גליקלעךביידן,
ווען אויך מייסטנטיילס אליין?
ס׳שמאַכטן וואַלד און פעלד באַשיידן:
ווער ווערט היינט די איינע זיין?
אָ, ווי ליבלעך שמעקט דער היי! —
אייל דיך, רחל! לאה, גיי!

די דריי ציגיינער

(פון לענאו)

איך האָב דריי ציגיינער באגעגנט אמאָל —
זיי זענען אף לאָנקע געלעגן —
ווען ס'האָט זיך מיין פורל פארמאטערט און מיד
געשלעפּט איבער זאמדיקע וועגן.

געהאלטן האָט איינער זיין חבר אין האנט —
זיין אַלטע זיין ליבלעכע פידל —
באלויכטן, באשטראַלט פון פארנאַכטיקן שיין,
האָט געשפּילט ער א פייערדיק לידל.

דער צווייטער א ליולקע געהאלטן אין מויל,
געקוקט, ווי דער רויך ווערט צעגאנגען,
און רואיק, אזוי ווי ער וואָלט פון דער וועלט
שוין קיינמאָל קיין גליק נישט פארלאנגען...

דער דריטער איז היימלעך געשלאָפן און שטיל,
די פידל צום הארצן געלעגן;
א ווינטל האָט קוים אירע סטרונעס באוועגט,
זיין הארץ האָט א חלום בעוועגן.

די קליידער, וואָס האָבן געטראָגן די דריי,
איז לעכער און לאַטעס געוועזן —
מיר לאַכן זיך אוים פון דער נאַרישער וועלט!
דאָס האָט מען אויף זיי באלד געלעזן...

זיי האָבן מיר דריי מאָל געלערנט, געצייגט:
ווען ס׳הייבט אָן דאָס לעבן צו נאַכטן,
וו׳אזוי מען פארשפּילט עס, פארררויכט און פארשלאָפט —
און דריי מאָל פארשפּאָטן, פאראַכטן...

און לאַנג נאָך האָב איך אויף זיי דרייען געקוקט,
ווען איך בין שוין ווייטער געפאָרן,
געקוקט אויף די שווארצע געזיכטער און האר,
ביז וואַן ס׳האָט מיין אויג זיי פארלאָרן...

אין אַ פרעמדן לאַנד

(פריי נאָך לענאו)

אין א פרעמדן לאַנד די רויז,
האָב איך אָפּגעפליקט זי,
ליבע מיידל מיינס, דיר בלויז
וואָלט איך איצט געשיקט זי.

דאָך ביז גרייכן וועט דיין הויז,
ווייט פאר הונדערט מיילן,
וועט די רויז שוין ווערן אויס —
דען די רויזן איילן...

אַ טראַמפּ־יטן שאַלן

טראָמפּייטן שאַלן

העי, איך הער טראָמפּייטן שאַלן
פון דער ווייט;
און פון טויערן דאָס פּאַלן —
וואָס באַדייט?
ווערט ווו ווייט א פאָלק געבוירן,
גייט ווו ווייט א פאָלק פארלאָרן? — — — —
העי, ווער רייט?

קומט אַן אָנזאָגער פון לעבן
און באפרייט פון נויט?
וואָס זשע שרעקן זיינע אויגן
און זיין מאַנטל — רויט!
ווי עס ברומט!
העי, ווער קומט?

גייט וואָס ווערן אָדער ענדן,
קומט ער בויען צי פארלענדן?
קומט ער טרייסטן אָדער שטראָפן,
קומט ער וועקן די, וואָס שלאָפן
שוין אַ צייט?

ווי עס ברומט!
העי, ווער קומט
פון דער ווייט?...

אויף יענער זייט ים

(מלחמה־ליד)

אויף יענער זייט ים —
ווי שרעקט עס און שרעקט;
דאָרט שטייען די טישן
פון לאנג נישט געדעקט.

דאָרט סקריפּן די וויגן
און וואַרפט זיך אום —
דער מאַמעס א ניגון
איז לאַנג שוין דאָרט שטום.

אויף יענער זייט ים —
דער פּחד ער שאַלט!
אין הייזער די אויוונס,
זיי זענען לאנג קאַלט.

און הייבט דאָרט א העלצל
ווער אויף ווען אין גאַס,
עס ברענט נישט, עס ברענט נישט —
פון בלוט איז עס נאַס!

אויף יענער זייט ים
לייכט לאַמפּ נישט און ליכט,
עס פינקלען בלויז אויגן
פון הונגערס געזיכט...

קיין ליכט און קיין פייער
אין קיינעמס געצעלט:
אויף יענער זייט ים
פארלעשט זיך די וועלט...

מוטער און קינד

(וויגליד)

שטיל, מיין קינד, פארבאָרג ס׳געזיכט!
פינצטער איז אין שטוב און קאַלט —
אויסגעהאקט איז יעדער וואלד,
אויסגעלאָשן יעדעס ליכט!

שטילער, קינד מיינס! איבערן הויז
שווימט אַן אָדלער גרויס און לאנג,
ווי א שטאָל־געדרייטער שלאַנג —
קריך פון וויגל נישט ארויס!...

שטילער, קינד מיינס! הינטערן פעלד
גייען צוויי קיסרים אום
און פארוויסטן אומעטום,
און פארטיליקן די וועלט!

שטילער, קינד מיינס, קיין געשריי!
די קיסרים קומען אָן
אין די קרוינען אָנגעטאָן —
גוג ומגוג רופט מען זיי!

וויין נישט, קינד! עס קומען באַלד
דיינע ברידער, העלדן צוועלף,
אויסגעלייזטע פון די וועלף,
פון א שווארצן צויבער־וואלד...

העלדן צוועלף פון איין געוויקס,
אַלע הויכע, שטארק און שלאַנק,
און די הערצער ריין און בלאַנק —
אָן א שווערד און אָן א ביקס...

דיינע ברידער — שטארקע לייט —
כאַפּן וועלן זיי די צווייַ,
גוג ומגוג — בינדן זיי
און פאַרשפּאַרן ערגעץ ווייט...

און די קרוינען פון די צוויי
אויסטאָן וועט מען, שענקען דיר,
און אין הויף, ביים שוועל און טיר
וועסטו שפּילן זיך מיט זיי...

די געפֿאַנגענע טויב

פֿון א לאַנד א קאַלטן,
ווו די שדים שאַלטן —
א געוויין פֿאַרשפּרייט זיך,
אימעצער פֿאַרגייט זיך.

ס׳קלאָגט די טויב די ווייסע,
די שוין לאַנג געגאַרטע,
דאָרטן א פֿאַרשפּאַרטע —
(ווי אין בוך א מעשה!)

אָן אַ שטיין געבונדן
דאָרט פֿון א נישט־גוטן —
אירע אויגן בלוטן,
אירע פֿליגל — וווּנדן.

הערט איר נישט דאָס ברומען
פֿון א טויב געפֿאַנגען?
האָט איר אירע קלאַנגען
ציטריק נישט פֿאַרנומען?

ווי די שופֿרות בלאָזן
פֿול מיט שרעק און באַנגען!
ווער פֿאָרט וועט זיך לאָזן
גלייך די טויב אונדז ברענגען?

ווי די ראבן שרייען
רויבעריש און בלוטיק;
קיינער איז נישט מוטיק
גיין די טויב באפרייען!...

ווייסע טויב פון שלום

ווייסע טויב פון שלום,
קום פון ערגעץ אָן,
און פון אייביק פרידן
זאָג די בשורה אָן!

ס'פאלט דאָס הארץ פאר פחד
און פאר אנגסטן אייז,
און מיט שרעק מיר פרעגן:
וואָס וועט ווייטער זיין?

ווי די שאָטנס וואנדלען
אויף דער ערד מיר אום;
ס'רעדן די קאַנאָנען,
און דער מענטש איז שטום...

ברידער קעגן ברידער —
און דער האַס איז גרויס!
ווייסע טויב פון שלום,
קום און לייז אונדז אויס.

ווייסע טויב פון שלום,
פאַרזיכטיק דאָך זיי,
דען די לופט, דער הימל
איז אויך איצט נישט פריי:

זעסט א ט יי וו ל פליט דאָרט
אין דער הייך אַרום:
אייזן — זיינע פליגל,
פייער — איז זיין ברום!...

מייד אים אוים דעם טייוול,
היט זיך פאר אים גוט:
דיינע ווייסע פליגל
שמירט ער אוים אין בלוט...

אַרבעטלאָזיקייט

ניין, זאָגט אייך, וואָס איר ווילט — איך קאָן עס נישט פאַרשטיין.
איך הער דורך שטאָט און לאַנד, ווי ס'טראָגט זיך אַ געוויין:
„דאָס פאָלק איז אַרבעטלאָז" — מיין גאָט, דאָס איז דאָך גוט!
ווען אַרבעט איז נישטאָ, דאַן לעבט אייך פריי, באַרוט.

דאַן מאַכט אַ יום־טוב אייך, דאַן מאַכט אַ פריייהייטס־פעסט,
און טוט אייך זיבער אָן, און טרינקט אייך וויל און עסט...
די אַרבעט איז דאָך פלוך — צייט אדם און די שלאַנג! —
(די קללה ציט זיך שוין פון פרשה בראשית לאַנג!...)

ניין, זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, ס'באַגרייפט נישט
מיין פאַרשטאַנד:
צי האָט אַ שונא בייז באַפאַלן אונדזער לאַנד;
צי איז אַ היישעריק באַפאַלן אונדזער פעלד;
צי האָט דער גוטער גאָט מיט רעגן, זון געפעלט...

צי האָט אַ פייער דען די תבואות אונדז פאַרברענט?
וואָס שמאַכט אַזוי דאָס פאָלק און לאָזט אַראָפּ די הענט.
צי איז קיין ברויט נישטאָ, קיין קליידער צו גענוג?
וואָס הונגערט, פרירט דאָס פאָלק? — איך בין פאַרשטיין
נישט קלוג!

קיין אַרבעט איז נישטאָ!... עס שלאָפט פון פאָלק די קראַפט!...
דאָס הייסט: דאָס אַרבעטס־פאָלק האָט טעג און נעכט געשאַפט!
געשאַפט מיט פליים און שוויים, פאַרשווענדט זיין זאַפט און בלוט
און האָט צופיל געשאַפט... אָך, דאַרף דאָך איצט זיין גוט!

ס'האָט קליידער אָנגעניִיט, ס'האָט הייזער אָנגעבויט,
ס'האָט פעלדער אָנגעזעצט, ס'האָט אָנגעדראָשן ברויט...
ווו ליגט עס אַלץ אצינד, ווער האָט עס אלץ פארשפארט?
וואָס בלאָנדזשעט אום דאָס פאָלק, פארהונגערט און פארדארט?...

דאָס לעבן צ׳ט

ביים וואַסער

אויפֿן וואסער שווימען שיפֿן,
און איך שטיי ביים ברעג;
די סיגנאַלן רופֿן, רופֿן
אין דעם ווייטן וועג...

אויף א מאַסטבוים ווייט א פֿאַנע
פֿון אַ פֿרעמדן לאַנד,
דאָרטן וווינען גוטע מענטשן,
פֿאַר מיר — אומבאַקאַנט...

דאָרטן איז דער הימל לויטער,
און די ערד איז גרין;
און ווי פֿאַלמען אלע מיידלעך,
צעדערן — די זין.

דאָרטן וואָלט איך יונג געוואָרן,
אָפּגעפֿרישט מיין בליק;
דאָרט געפֿונען וואָלט איך אפשר
מיין פֿארלוירן גליק...

אויפֿן וואַסער שווימען שיפֿן,
און איך שטיי ביים ברעג;
די סיגנאַלן רופֿן, רופֿן
אין דעם ווייטן וועג...

ווהין?

וו׳הין ווילסטו, נשמה, ווהין?
די בערג זענען הויך,
די וואָלקנדלעך בלייך,
די ערד און דיביימער — ווי גרין!
וו׳הין ווילסטו, ווהין?

אַ, האָרך, ווי די בין
זומזעט און פליט,
זי פלאַטערט און ציט
אַהער און אַהין —
וו׳הין ווילסטו, ווהין?

אָ, קוק דאָרט אין מערב אַהין —
די זון — זי פארגייט
קייִלעכדיק רויט
אַהין, אַלץ אַהין —
וו׳הין ווילסטו, ווהין?

די ביימער רופֿן

ווייט פֿון שטאָט און ווייט פֿון מאַרק
שטייען ביימער אין אַ פּאַרק;

שטייען ביימער, הויך און שלאַנק —
אַלע ביימער — איין געדאַנק!

וואָס זשע טראַכט איר, ביימער, וואָס
און איר מורמלט מיט פֿאַרדראָס?

זייט איר דען נישט פֿול מיט קראַפֿט,
פֿעלט די וואָרצלען איי׳ערע זאַפֿט?!

איי׳ערע בלעטער נישט געדיכט?
שיקט דער הימל ווייניק ליכט —

ווייניק ליכט דען, זון און שיין?
וואָס זאָלט איר טרויעריק זיין?

ענטפֿערן ביימער אָפּ צוריק:
זאַפֿט און שיין און זונען־גליק!

דאָך איז אונדזער האַרץ געקלעמט,
און מיר זענען ווי פֿאַרשעמט.

אונדזער זאַפֿט און אונדזער גרין
האָט קיין האַפֿט און האָט קיין זין.

ווען עס קומען נישט אַהער
די, וואָס אַרבעטן דאָרט שווער.

אויסגעפּוצט אין פרישן גרין,
שטייען, קוקן מיר אַהין,

צו דער שטאָט, און בענקען שטיל
נאָך די שיינע פּאָרלעך פיל;

רופן מיר מיט צווייגן צו:
קומט צו אונדז, צום שפּיל און רו!

שפּילט און זינגט און פלעכט אייך קרענץ
אָדער לאָזט אייך פריי אין טענץ.

שיינע טעכטער, שלאַנקע זין —
בלויז פאר אייך מיר זענען גרין;

און אין אונדזער שמאָלסטן שטעג
מאַכט דאָס פּאָרל זיך אַ וועג,

רעדן אַלץ פון הארץ ארויס,
און מיר זאָגן קיינמאָל אויס...

איך האָב ליב...

איך האָב ליב אַ שיף
נאָך פון קינדערווייז אויף:
אירע קוימענס הויך
קוקן שטאָלצע ארויף.
הודזשען נאָכאַנאַנד,
שיסן מיט א רויך.

גייט די שיף אליין
אזוי פריי און שיין
איבער ימים טיף — — — —
איך האָב ליב א שיף!

* * *

איך האָב ליב א ווינט,
שטורעם אויפן ים;
כוואליעס יאָגן זיך,
בילדן אוים א צאַם.
כוואליעס הייבן זיך
און צעשלאָגן זיך.

וואַרפט די שיף זיך אום
אויף די זייטן קרום
הער און הין געשווינד — — — —
איך האָב ליב א ווינט!

* * *

איך האָב נעפּל ליב
אויפן ים געדיכטן;
ס'ווערט אין מיטן טאָג
אוים מיט שיין און ליכט.
פליען זיי ארום,
די מאַטראָסן, שנעל,
זוכן זיי א ליכט,
ווערן זאָל עס העל.

איז אומזיסט די מי,
ווייסן זיי נישט ווי —
פינצטער... קאלט און טריב... — — — —
איך האָב נעפּל ליב!

* * *

איך האָב ליב דעם ברעג,
ווו די שיף קומט אָן;
אין דעם נייעם לאנד
וועל איך וונדער טאָן.
איך בין דאָך נאָך פריי,
דאָ נאָך אומבאקאנט.

וועל איך זיין אליין,
וועל איך לעבן שיין
ביז די וויטסטע טעג — — — —
איך האָב ליב דעם ברעג!...

אין אַ שניי־נאַכט

אין אַזאַ נאַכט פאַרבענקסטו זיך זיס — — —
וווייך איז דער שניי און ער גלאַנצט;
ס'הייבן מיט לוסט זיך שנעלער די פיס
און דיין נשמה — זי טאַנצט...

אין אַזאַ נאַכט פון פרישקייט און קעלט
וואַרעמט דיין האַרץ זיך ערשט אָן...
ווייס ווערט די וועלט, יונג ווערט די וועלט,
דו אויך — הייבסט לעבן ערשט אָן...

אין אַזאַ נאַכט שווימט דיר אַרויס
דאָס, וואָס עס לעבט שוין נישט מער:
ס'אָרעמע הויז, דיין עלטערנס הויז —
ס'פינקלט אין אויג דיר אַ טרער...

אין אַזאַ נאַכט פאַרגעסטו די צאָל,
וויפל דו האָסט שוין געלעבט...
מיינסט — ביסט אַ קינד, מיינסט — ס'איז אַמאָל,
וואָלסטו זיך געהויבן, געשוועבט!

אין אַזאַ נאַכט דערמאַנסטו דאָס לאַנד —
שליטעלעך, גלעקלעך און שניי...
און די געליבטע רעכטס ביי דיין האַנט — — —
אין אַזאַ נאַכט טוט עס וויי!...

צו אַ שנייעלע

און אויב דו ביסט אַ שנייעלע,
דאַן זאָלסטו פאלן
אויפן קאַרק
פון אַ באַרג
און אייביק דאָרטן שטראלן.

נאָר ווי וועט דאַן דיר זיין,
ווען דו פאלסט אריין,
די קלאָרער שניי,
אין שטאָט, צו זיי...

דאַן ווערט פון דיר באַלד קויט,
און נאָכדעם ביסטו — טויט!

די שבועה

איך האָב מיר א שבועה געגעבן
נישט וועלן קיין גליק און קיין פרייד,
נאָר שענקען און ווידמען מיין לעבן
דעם מענטשלעכן עלנט און לייד.

כ׳בין שפּעטער אויף שמחות געגאַנגען,
מיט פרייליכע לייט זיך געמישט,
געזונגען מיט זיי גלייך געזאַנגען —
די שבועה געבראָכן דאָך נישט.

דער זיגער

אָ, זייט נישט מקנא דעם העלד,
וואָס האָט ענדלעך געזיגט,
און זייט נישט מקנא זיין קראַנץ,
צום סוף וואָס ער קריגט.

עס זינגען אים פרויען אַ ליד —
עס קלינגט אַזוי זיס...
און בלומען מען שפּרייט און מען וואַרפט
צו אים צו די פיס.

און ס'חלומען ליבע צו אים
די פרויען פון לאַנד,
און ס'חלומט די שענסטע צו אים
און ציט אוים איר האַנט.

און ס'הערשט נישט קיין נייַן מער פאַר אים,
און מער קיין פאַרבאָט;
און ענדלעך איז ער שוין קיין מענטש,
ער איז שוין אַ גאָט...

ווי איינזאם אַ גאָט אויף דער ערד...
די שטראָף אַזוי האַרט!
ער בלייבט, ווי אין הימל זיין פריינד,
אין פּאַלאַץ פאַרשפּאַרט...

פאַרגעבונג

כ׳טראָג אַ האַרץ פול ליבע,
כ׳בין מיט ליבע רייך:
גוטע מענטשן, שלעכטע —
אַלע זענען גלייך.

זינג מיר נישט פון טוגנט,
רעד מיר נישט פון זינד;
יעדער מענטש בלויז שפּילט זיך,
שפּילט זיך ווי אַ קינד.

קוק מיט פאָטער־אויגן
אויפן קורצן שפּיל...
גיב זיך אָפּט א בייזער,
אָבער נישט צופיל!

דען די קינדער שפּילן,
ביז ס׳פארגייט די זון,
און זיי גייען שלאָפן —
ס׳איז קיין בייז דערפון!

אַ געזאַנג צו קעמפּערינס

װעלכע פֿאָנען פֿלאַטערן
װי א ים אַ ברױזנדער?
װעלכע טריט עס הערן זיך
פֿון די צענדליק טױזנטער?

עפּעס הער איך זינגענדיק
לידער קײן געװײנלעכע,
און װי קומט באַגײַסטערונג
אין די טעג די קלײנלעכע?

העי, דער מאַרש, דער אײדעלער,
איז אַזױ באַדײַטנדיק,
פּונקט בת־מלכּות, װען פֿאָרױס
פֿאָרט די מלכּה רײַטנדיק!

װעלכע אױגן שטראַלן עס
אַזױ לוסטיק בליקנדיק —
װעלכע שטימען שאַלן עס
אַזױ העל־אַנטציקנדיק?

קענט איר אונדז'רע שװעסטער נישט?
די אין שעפּער טרױערן?
איצט אין קאַמף מאַרשירן זײ
צו די פֿרײַהײטס־טױערן.

נעמט מיך פֿרײַנדינס, מיט מיט אײַך,
כ'בין א ברודער אײערער,
אונטער פֿרײַהײטס־פֿאָן זײַט איר
שענער נאָך און טײַערער!

ברען אוים

ברען אוים, אָ, לעבן מיינס, ברען אוים!
דער דאָכט *) געבליבן איז נישט גרוים:
זאָל ליכטיק זיין די לעצטע טעג —
צום לעצטן וועג!...

נישט גוסס, לעבן מיינס, נישט צאַנק,
פארשווינד, ווי פרילינגס א געדאַנק...
איך וויל נישט קאַרגן... כ'האָב עס פיינט!
זאָל ליכטיק זיין איין היינט!

---

*) דאָכט — קנויט.

עס דאַכט מיר...

עס דאַכט מיר, איך האָב וואָס פאַרלוירן אין וועג,
איך ווייס דאָך נישט וואָס...
זאָל איך צוריקגיין? עס איז אזוי ווייט —
עס איז א פאַרדראָס!

איך האָב וואָס פאַרלוירן און ווייס דאָך נישט וואָס...
צי האָט עס אַ ווערט?
לאָז איך עס איבער — דער טאָג איז שוין קורץ,
און גרויס נאָך די ערד...

עס פאַלן שוין שאָטנס פון ביימער און בערג —
מיין שאָטן איז לאַנג...
דאָס האַרץ איז נישט רואיק, עס שרייט: קער זיך אום,
דער שאָדן טוט באַנג!

דאָ בלייב איך גאָר שטיין מיר אין מיטן דעם וועג,
אין חושך געהילט...
איך האָב וואָס פאַרלוירן, איך ווייס דאָך נישט וואָס —
איך האָב וואָס פאַרשפילט...

אונט=גערונקען

אָוונט

כ׳בין געגאַנגען, געגאַנגען — ביזוואַנען
בין הינטערן שטאָט שוין געשטאַנען;
און שטיל איז געוואָרן ארום —
אַ בוים האָט געשאָקלט זיך פרום.

די זון איז ארונטער, ארונטער
אהינטערן וואלד רויט, ווי צונטער,
און טונקעלער, טונקעלער ווערט — — — —
איך האָב מיך פארקלערט!

געטראכט פון דעם ביסעלע יאָרן,
וואָס זענען זיך רוישיק צעפאָרן...
געבליבן צו פאָרן נישט פיל —
עס טונקלט... פארנאכט... עס ווערט קיל!...

אַ פאָרל איז שטיל־שטיל אריבער,
אַ מיידל א יונגם און איר ליבער...
דאָס מיידל אזוי ווי באַקאַנט — — —
איך האָב מיך דערמאָנט!

דאָס בוך פון לעבן

ווו נעמט מען דעם לערער,
וואָס זאָל אונדז באַווייזן
אין בוך פונ׳ם לעבן
צו שרייבן אָן גרייזן?

עס גייט ווי א שוידער
די זעל אונדז אריבער,
דאָס בוך פונ׳ם לעבן,
ווען מ׳קוקט עס בלויז איבער: —

פאַרשריבן אין איילעניש,
אָן וואָג און אָן מאָס,
פיל ווערטער — פור *) ליגן,
און קרום יעדער אות...

איין בלאַט א פארפלעקטער
(אָ דאַכט מיר, אין בלוט!)
א צווייטער — חשבונות,
וואָס שטימען נישט גוט...

און קומט צו דער ענדע —
דאָס בוך איז פאַרמאַכט,
קאָנסט גאָרנישט פאררריכטן:
עס פאלט צו די נאַכט!...

---

*) פור — ריין

דער שמעטערלינג און די בלום

די בלום, א חודש אַלט,
א טאָג דער שמעטערלינג —
נו, פליט ער צו צו איר
און פלאפלט אויס אלצדינג...

„איך גיי באַלד פון דער וועלט:
געלעבט האָב איך צו לאנג!
גענאָסן האָב איך פיל,
געלעבט אין פרייד, געזאנג...

און ליבעריי געפירט
מיט יעדער בלום און בלאַט...
אצינד איז נאַכט... שוין נאכט,
איך פיל זיך עטוואָס מאַט...

אָ, דו, די לעצטע זיי
און אויך דיין ליבע שענק...
און ווען איך שטארב ביי דיר,
געדענק מיך לאנג, געדענק!"

פרילינג און ליבע

וואָס איז עס פרילינג? פרילינג איז ליבע.
וואָס איז עס ליבע? ליבע איז פרילינג;
פרילינג און ליבע — פון גאָטס גנאָדן ביידע,
ביידע א גאָלדענער, ליכטיקער צווילינג.

ביידע זיי ווערן געבוירן אין שטראלן,
ליכטיקער פרילינג און לויטערע ליבע;
ביידע פארוועלקן און שווינדן אין שאָטן —
טעג קומען אָן דערנאָך בענקנדע, טריבע.

דאָך אין די טעג, אין די שאָטנס פארהילטע,
ווינקט דיר א פרילינג א נייער אין בלומען;
און נאָך דער ערשטער פארלאָרענער ליבע
שוועבט דיר דאָס בילד פון דער צווייטער, וואָס ט'קומען...

דאָך איך גלייב...

...דאָך איך גלייב, עס וועט זיך טרעפן,
ס'וועט די טיר זיך טאָן אַן עפן
ווען פארנאכט
שטיל און זאכט

אין מיין איינזאם שטילן חדר,
שאָרכנדיק, אין די זיידן־קליידער
אָנגעטאָן —
קומט זי אָן!

ווי א צנועה, טיף געבויגן,
לאָזט אראָפּ זי אירע אויגן —
אויגן בלוי,
בליקן — טוי.

— אָ, ווער ביסטו? — וועל איך פרעגן —
און דורך וועלכע לענדער, וועגן
קומסטו אהער,
ברענגסט דיך ווער?...

צוויי וועגן

1

— וו'הין גייט איר, יונגע קינדער,
אזוי פּאַמעלעך, שטיל?
אַך, גייט דאָך, גייט געשווינדער —
צו גיין האָט איר נאָך פיל.

עס ענטפערן די קינדער:
„דער וועג איז אונדז באַקאַנט,
די זיידעס און די באָבעס
זיי האָבן דאָ געשפּאַנט...

מיר גייען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם.
ווייל דאָרט, איר זעט, פון ווייט,
דאָרט שטייט שוין דער בית־עולם...
מיר האָבן צייט נאָך, צייט"...

.2

— ווו גייט איר, יונגע קינדער,
וואָס זינגט איר אַזוי שטאַרק?
איר זייט דאָך שוין פאַרמאַטערט
צווישן טאָל און באַרג.

עס ענטפערן די קינדער:
„דער וועג איז אַזוי ניי...

מיר יאָגן, יאָגן שנעלער
און זינגען צו דערביי...

דער וועג — אַן אומבאַקאַנטער,
און ס'איז אַזוי צו מוט...
בלויז טאָלן, בערג און פעלזן —
ס'מוז ערגעץ ווו זיין גוט!..."

דער דיכטער און זי

(אַ מעשׂהלע)

ס'איז דער דיכטער שוין באַרימט,
און זיין נאָמען פֿול מיט גלאַנץ;
האָט דאָס פֿאָלק דערפֿאַר באַשטימט
שיקן אים אַ בלומען־קראַנץ.

ווייל געזונגען האָט זיין ליד
פֿון דער ליבעס פֿרייד און צער,
זאָל די שענסטע פֿון דעם לאַנד
ברענגען אים דעם קראַנץ דערפֿאַר.

מיט אַ שמייכל, וואָס באַגליקט,
גיט זי אים דעם קראַנץ אין האַנט:
„ס'האָט דאָס פֿאָלק אים דיר געשיקט
און דיך גריסט דאָס גאַנצע לאַנד.

אַלע, אַלע, קליין און גרויס,
שיקן דיר אַ גרוס דורך מיר!“
דאָך דעם דיכטער ווייזט זיך אויס
ווי זי קוקט אַלץ צו דער טיר...

— וואָס זשע איילסטו זיך, מיין קינד? —
פֿרעגט דער דיכטער ווי געקלעמט. —
שמייכלט זי און לאָזט איר בליק
אויף דער ערד אַראָפּ פֿאַרשעמט:

„אונדזער ליבע איז צו דיר,
גרויסער דיכטער, שטאַרק און הייס,
נאָר מיין חתן וואַרט ביים טיר,
און ער קאָן נאָך ווערן בייז...“

אַליין

איך האָב צו זיך אַליין גערעדט,
צו שטילן מיר מיין וויי;
די שפּיל זאָל עכטער זיין, האָב איך
פאַרוואַנדלט זיך אין צוויי...

דער איינער איז געווען קלוג,
דער צווייטער גאָר אַ נאַר;
דער נאַר איז פול מיט טרייסט געווען,
דער קלוגער פול מיט צער.

דער קלוגער האָט געזאָגט אַזוי:
„נישטאָ שוין מער קיין גליק"!
דער נאַר האָט אָפּגעענטפערט שטאָלץ:
„דער פרילינג קומט צוריק".

לאַנג האָבן ביידע דיסקוטירט,
דער — קעגן, יענער — פאַר;
דער קלוגער איז גערעכט געווען,
דאָך גליקלעכער — דער נאַר.

צום מזל

.1

בעט איך רעגן — שײַנט די זון,
בעט איך זונשײַן — פּלײַצט אַ רעגן;
מזל, װאָס װעט זײַן דערפֿון,
װאָס דו גײסט מיר אַלץ אַקעגן?

װאָס איך בעט און װאָס איך װיל,
װילסטו קײנמאָל נישט דערפֿילן; —
מזל, אויב דאָס איז אַ שפּיל,
דאַן געפֿעלט מיר — לאָמיר שפּילן!...

.2

אַ לײד — אַ ליד; אַ לײד — אַ ליד;
װאָס קאָנסטו, מזל, מאַכן —
דו װעסט גיכער װערן מיד,
איך װעל לײדנד לאַכן.

מזל! מער נאָך לײדן גיב,
כ'שטעל מיך נישט דערװידער,
איך האָב דײַנע לײדן ליב —
לײדן זענען לידער...

אַ תּפילה

קליינע בלאַסע קינדער
אין די גרויסע היצן
זאָלסטו, גאָט, פון קראַנקהייט
און פון בייז באַשיצן.

קליינע בלאַסע קינדער
מיט די ליבע אויגן,
זאָל זיי וויל באַקומען
מוטערס מילך, וואָס זויגן;

אויב די מוטער אַרבעט
ערגעץ ווו פאַרטרויערט,
זאָל דאָס מילך אין פלעשל
ווערן נישט פאַרזויערט.

און פאַר אַלע קינדער,
וואָס אין דרויסן שפּילן,
פון די פעלדער שיקן
זאָלסט אַ ווינט אַ קילן.

קילקייט פון די טייכן,
ווינטעלעך פון טאָלן,
אַז די קליינע קינדער
זיך דערקוויקן זאָלן.

פֿון די ווייטסטע פֿעלדער
זאָל די היילונג קומען;
נאָט, באַשיץ די קינדער,
פֿון דער וועלט די בלומען!

* * *

ניין, איך וועל אַהיים נישט פֿאָרן —
כ׳שעם מיך ווייזן מיינע יאָרן
פֿאַר מיין געסל, פֿאַר מיין שטיבל —
האָבן וועלן זיי פֿאַריבל...

אַך, זיי האָבן מיך דערצויגן
מיט אַ העלן בליק אין ד׳אויגן;
און זיי האָבן מיר געגעבן
מוט און שטאָלץ צום וועג פֿון לעבן.

איך האָב איך ביי זיי גענומען
קוואַלן לידער, האָפֿנונגס־בלומען
און אַ קאָפּ — געקרייזט, אַ שוואַרצן.
און פֿול לידער אין מיין האַרצן...

און זיי וועלן מיך יעצט פֿרעגן:
וואָס האָסטו געטאָן אין וועגן?
זע, ווי מיד דו ביסט, פֿאַרמאַטערט,
אַלץ פֿאַרשוועדעט, אַלץ געפּטרט!

מיר דאַכט זיך...

מיר דאכט זיך, די ערד איז צעשטויסענער גלאָז
און איך גיי!
די פיס זענען נאַקעט, און שפּיציק דער גלאָז —
עס טוט וויי!

פון וויטן דאָרט ווינקט מיר א טייך און א פעלד;
אָ, איך אייל!
דאָס בלוט אָפּצוואשן און רוען אין פעלד
כאָטש א וויל!

נאָר ס׳רוקט זיך דער טייך און דאָס פעלד אליץ אַוועק;
א, פאַרוואָס?
איך ווייס נישט, ווער רייצט זיך מיט מיר, און איך פאַל
אויפן גלאָז!...

מעשהלעך און באלאדן

די צויבערין

איך הער, ווי אַן אָפּקלאַנג פון פינצטערע ווייטן,
עס וועבט זיך אַ מעשה פון טונקעלע צייטן,
אַ מעשה אַן אַלטע, פון כמיעלניצקיס טעג —
עס רוישט פון קאָזאַקן דאָס ווילדע געיעג...

צי האָב איך די מעשה ווען קינד כ׳בין געוועזן,
פון זיידע געהערט, צי אין ביכער געלעזן,
עס איז אזוי נאָענט, עס איז אזוי ווייט —
זי גלייבט זיך און פאַסט זיך אין היינטיקער צייט...

★

עס פליט אַ קאָזאַק אויף זיין פערד,
עס טרייסלט אונטער אים די ערד:
און נישט אַליין דער קאָזאַק רייט —
אַ מיידל האַלט ער ביי דער זייט.

די האָר צעפלאָסענע אין ווינט —
זעט ווי אַ מלאך אוים דאָס קינד...
דער טייוול האלט זי דאָך אין האנט
און פליען איז זי נישט אימשטאַנד.

דער קאָזאַק איז צו איר דאָך גוט,
און ווילד און ווילדער קאָכט זיין בלוט...
ער פליט מיט איר אהיים צו זיך,
און זיינע ווערן דאַרף זי גיך...

און אָט איז זי אין קאָזאקס צעלט —
אַ שטיבעלע אין מיטן פעלד,
און פרעמדע בילדער אויף די ווענט,
און פרעמדע ליכט אין ווינקל ברענט...

דער קאָזאַק נעמט זי פאַר דער האַנט;
זי איז זיך ווערן נישט אימשטאַנד,
זי בעט זיך שטיל: לאָז אָפּ, לאָז אָפּ!
און זינקט איר שיינעם, שטאָלצן קאָפּ!

דער קאָזאק נעמט זי פעסטער אָן
און לאַכט: וואָס קענסטו איצטער טאָן?
דיין היים פארוויסט מיט פייער, שווערד,
האָט קיינעם אויסער מיך אויף דר'ערד...

„— בלויז דיך אליין? מער קיינעם איצט?"...
אין אירע אויגן פייער בליצט...
איר שטאָלצער קאָפּ האָט וואָס פארטראַכט,
און רואיק ווערט זי און זי לאַכט...

„— מיין ליבער הער, וויבאַלד אזוי,
בין וויליק איך צו זיין דיין פרוי,
דאָך מוז איך זאָגן, ווער איך בין;
זיי וויסן: כ'בין א צויבערין!...

דער קאָזאַק הערט זי אויס און שטוינט:
צי האָט די זאך אים גאָר געלוינט!...
אַ צויבערין גאָר ביי זיך אין שטוב...
דאָך האָט ער זי שוין צופיל ליב...

דאַן נעמט זי אָן אים פאַר דער האַנט
און זאָגט: — „דו ווייסט, איך בין אימשטאַנד
פאַרצויבערן דיך אויף אַלע מאָל,
עס זאָל נישט שאָדן דיר קיין קויל"...

דער קאָזאַק שטעלט די אויגן אויס,
און צווייפל קוקט פון זיי אַרויס;
ער גלעט דעם שטערן און ער לאַכט:
„זאָג, וויאַזוי וואָלסטו עס געמאַכט?"

דאַן שמייכלט זי צו אים פאַרשייט:
„איך האָב צו טון מיט יענע לייט,
איך האָב אַליין פאַרכישופט זיך
און ס'קאָן קיין קויל נישט טויטן מיך".

גוטמוטיק לאַכט דער קאָזאַק: ניין....
דאַן ענטפערט זי: „פּרוביר אַליין...
אָט שטייט דיין ביקס, לאָד אָן און שיס,
און שאָדן וועט מיר נישט געוויס"...

דער קאָזאַק טראַכט: דאָס איז כדאַי...
ער לאָדט די ביקס און צילט זיך פריי.
דאָס מיידל שטייט פּונקט ווי פאַרשטאַרט,
דאַך שמייכלט זי צו אים און וואַרט...

אַ קנאַל פון ביקס... געטראָפן גלייך...
דאָס מיידל ליגט אין בלוט אַ טייך...
דער קאָזאַק פאַלט צום קערפּער צו
און קריצט די ציין: „ווי פאַלש ביסטו"...

דער פֿאַרבלאָנדזשעטער מלאך

אין הימל איז רואיק, אין הימל איז שטיל —
מלאכים, זיי זענען דערצוויגן:
די פֿליגל זיי רוישן, קוים־קוים וואָס מען הערט,
דער פֿלי איז געמאָסטן געוויגן.

און רעדן זיי וואָס, איז עס לויטער מוזיק,
אַ שטילע מוזיק, אָן געטומל,
נישטאָ דאָרט קיין באַס, און נישטאָ קיין טראַמבאָן
קיין פּויקן, קיין טאַנצן אין הימל...

און פֿליען זיי אָפּטמאָל אַ מאַרש דורך פֿאַר גאָט,
(אין הימל טרעפֿט אויך אַ פּאַראַדע),
דאַן מאַכן די פֿאַרבן פֿון פֿאָנען נישט בלינד —
די רויטע — די פֿעלט דאָרט אוודאי....

מען זינגט דאָרט קיין לידער פֿון פֿרייהייט, פֿון קאַמף,
עס זענען נישטאָ דאָרט קיין מאַסן:
עס זשומט בלויז אַ „קדוש" דער הימלישער כאָר
און ס'יובלען די הימלישע גאַסן.

* *
*

זיי הערן אַמאָל אַ גערוש פֿון דער ערד,
דאַן הייבן זיי אָן זיך צו שעמען:
זיי הערן פֿון רויב און זיי הערן פֿון מאָרד,
און קאָנען עס דאָך נישט באַנעמען.

זיי וואַנדן זיך דאַן צו דעם איינציקן מאַן,
וואָס האָט אויף דער ערד זיך דערצויגן —
אליהו הנביא — זיי פרעגן אים אוים
און קוקן אים טריי אין די אויגן.

אליהו הנביא — ער שמייכלט אין באָרד:
איר זייט דאָך אַזעלכע נאַיווע!...
און לייגט פאַר זיי אויס דאָס לעבן אויף דר׳ערד,
אַזוי ווי א ראש פון ישיבה.

זיין שטימע זי הייבט זיך, זיין שטימע זי פאַלט,
דאָ בייז און דאָ זאַנפט, ווי צום בענטשן:
אַן אַנדערער ווערט אליהו, ווען ער
דערציילט זיי פון ערד און פון מענטשן.

עס הייבן זיך אָן ביי מלאכים פאַר שרעק
א פליגל אָן פליגל צו פאָכן
אַזוי ווי להבדיל ביי מענטשן די ציין,
אַזוי ווי ביי מענטשן די קנאָכן...

דאָך קומט ערב פסח, און ס׳קלייבט זיך אין וועג
אליהו הנביא גאַנץ מונטער,
דאַן זענען נאָר מאַנכע מלאכים פאַרבענקט
און קוקן אראָפּ אַלץ אַרונטער...

די יינגערע מאַכן דעם וואָגן אים גרייט,
אַ וואָגן פון פייער און בליצן,
און בעטן אים אויסעט מיט שטראַלן און שיין,
באַקוועמער זאָל זיין אים צו זיצן.

דער וואָגן איז פאַרטיק, אליהו איז גרייט,
ער גריסט זיי: אויף ווידערזען קינדער!
און לאָזט זיך אויף דר׳ערד צו די סדרים אראָפּ,
און טראָגט זיך געשווינד און געשווינדער.

ער קוקט זיך ארום, ערשט א מלאך ביים זייט
פון וואָגן זיך האָט אָנגעהאָנגען,
די ווייסינקע פליגל צעקנייטשט און פארשטויבט —
די אויגן פון תאווה, פארלאנגען...

אליהו הנביא, ער זיפצט דאָן, וווהין?
דו וועסט אויף דער ערד זיך פארלירן,
פארפאלן! איך האָב שוין אויף דיר מער קיין רעכט,
אין הימל צוריק דיך צו פירן.

ער לאָזט אים אראָפּ אין א שטאָט אין דער פרעמד
פארוואנדלט אין מענטשלעכע קליידער...
אין הייזער איז ליכטיק... עס קלינגט „כל דכפין!“ —
מען פראַוועט דעם פריילעכן סדר.

דער מלאך ער פילט זיך אין גאַנצן שוין מענטש,
און הייבט אָן באלד הונגער צו שפּירן;
ער לאָזט זיך מיט שמחה, ווו ס'קלינגט כל דכפין:
אָ, וונדער! פארשפּארט אלע טירן!

פארשטייט ער קיין לשון-הקודש דען נישט?
צי זאָל ער די מענטשן נישט גלויבן?...
און הונגעריק שטייט ער מיט בענקשאַפט אין בליק
און קלאָגט זיך פאר גאָט, דאָרטן אויבן...

און הונגעריק שטייט ער מיט בענקשאַפט אין בליק
און הייבט אָן דאָס ערשטע מאָל פלוכן,
און לאָזט זיך אין גאַסן און מארקן ארום
אליהו הנביא צו זוכן...

אלס זינדיקער מענטש איז ער נישט אימשטאַנד
אליהון דערזען! שוין פארפאלן!
אוי ווערט דער מלאך אלס אָרעמער מענטש
וואָס ווייטער אלץ מערער געפאלן...

ער ווערט אויף דער ערד דאָ פארשפּאָט און פארלאכט
און קיינער פארשטייט נישט זיין וועזן,
און אומעטום שטרויכלט זיין פוס און ער פאלט — -
ער איז דאָך א מלאך געוועזן!...

דער פּראָפעסאָר פון ליבע

(מאָדערנע באַלאַדע)

אַמאָל איז — מיר דאַכט זיך — אין ליטע
אַ בחור אַ קלוגער געווען;
געבילדעט אין אַלערליי חכמות,
דערצו נאָך „אַ מאסע" באַלען.

בטבע — אַ רואיקער, שטילער,
האָט קיינמאָל פון זיך נישט געבלאָזן,
און האָט זיך געהאַלטן באַשיידן,
און „נידעריקער פאַר די גראָזן".

ס'איז היינט אין דער וועלט, אין דער גרויסער
קיין סך דאָ אַזעלכע פּאַרשוינען.
דערפאַר פלעגט מיט אים זיך צו חברן
אין שטאָט דאָרטן איטלעכן לוינען.

פאַרמאָגט האָט אַ שטיבל אַ קליינע
דער דאָזיקער בחור דער גוטער,
אַ הונגעריקער פריינד פלעגט דאָרט קריגן
טיי שטענדיק און ברויט אָפּט מיט פּוטער.

נאָר דאָס איז געווען נישט דער עיקר,
וואָס האָט דאָרט די יונגוואַרג גענומען;
דערהויפּט פלעגן יונגען פאַרליבטע
צום בחור אין שטוב אַרויפקומען.

ווייל קלוג איז געווען דער בחור
אזוי ווי ס'איז אויבן געשטאַנען,
געוווסט אויסווייניק היינעס געדיכטע
און אלערליי „טיפע" ראָמאַנען.

און אויך שאָפּענהויערס סיסטעמע,
פון ליבע די זייטן די טריבע;
אַ פאַכמאַן געווען איז דער בחור,
אַן עכטער פּראָפעסאָר פון ליבע...

נו, זענען דאָרט אַלע געקומען
און פלעגן דעם בחור דערציילן
פון ליבע די וואונדן די טיפע,
און בעטן אים, ער זאָל זיי היילן...

דער בחור גיט מאנכן א מיטל
די ליבע צוריק צו געווינען:
צו האלטן זיך קאלט מיט דעם מיידל
איז איינע פון פיל מעדיצינען.

און נאָך איינעם הייסט ער זיין וואַרעם;
„פארגעסן זיך" ראט ער אַן אנדערן,
און ווייַנט זיך פונאנדער אַ דריטער —
דאַן הייסט ער, ווי היינע, אים וואַנדערן.

אַ פערטן גאָר קנייפּט ער אין בעקל
און טאפּט אים דעם קאָפּ און צעלאכט זיך:
דו ביסט נאָך צו יונג פאר דער ליבע,
דו ליידסט נאָך נישט — ברודער — דיר דאַכט זיך.

אזוי זענען יאָרן געגאנגען,
זיין פּראַקטיק געוואָקסן אלץ גרעסער;
ביז ס'האָט אין א העלן פרימאָרגן
אליין זיך פארליבט דער פּראָפעסאָר.

אוועק איז ער צו דער „געליבטער“,
געווינען איר הארץ וועט ער זיכער:
ווער ווייסט נאָך צו ליבע די מיטלען,
ווי ער פון די טייערסטע ביכער!

געגאנגען איז שטיל ער, פּאַמעלעך —
ער מעג זי כאָטש שטארקער נאָך ליבן;
„צום גליק טאָר מען קיינמאָל נישט יאָגן“ —
האָט ערגעץ א דיכטער געשריבן.

נאָר פּראָסט איז געווען דאָס מיידל,
אין ביכער גאַנץ ווייניק באהאַוונט;
א מיידל פון פאָלק — קוים געלעזן
און קוים אין א סידור געדאַוונט.

און ביז אונדזער בחור ז׳געקומען
מיט מיטלען פון בוך אויסגעלעזן,
איז אַלץ שוין געווען פארלאָרן,
און אַלץ שוין פאַרשפּעטיקט געוועזן.

ער האָט זיין געליבטע געפונען
ביי א יונג אין צוויי אָרעמס, ווי אייזן;
זי האָט בלויז איין שמייכל געגעבן
און מער נישט געוואָלט זיך אים ווייזן.

דאַן איז דער פּראָפעסאָר פון ליבע
א קראנקער אהיים קוים געקומען,
און קיין פּאציענטן זייט דעמלט
האָט ער שוין נישט מער אויפגענומען.

ער האָט זיך פארשפּארט אין זיין שטיבל,
פארהאקט אלע פענצטער און טירן,
און האָט זיך די סודות פון ליבע
נאָך טיפער גענומען שטודירן...

דיכטער און אידעען

ווער העלפט

ווער העלפט דיר שאַפן דיינע לידער, זאָג?
— אמאָל א מילדער, זונענדיקער טאָג,
אמאָל דער אָוונט, ווען די זון פארשווינדט,
ווען ערשטער שטערן זיך אין הימל צינדט;

אמאָל א פעלד, וואָס ציט זיך ברייט און לאנג
און יעדעס גרעזל וועקט אין דיר געזאנג;
אמאָל א גאַס, וווּ מענטשן וואנדלען מיד —
און יעדער בליק צינדט אָן אין הארץ דיין ליד.

איך וועל זינגען מיין ליד

איך וועל זינגען מיין ליד, ווי איך פיל,
איך וועל זינגען מיין ליד, ווי איך טראַכט;
און וואָס נאָר איך וועב אין דער שטיל
וועט רוישן אין וואָכיקן פּראַכט...

איך וועל אייך נישט נאַרן מיט פרייד,
איך וועל אייך נישט שרעקן מיט צער;
נאָר אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט גרייט,
וועל איך ברענגען, ווי חבר און האַר...

דעם נעכטן, וואָס ליב איז פאַר מיר,
באַליבט וועל איך מאַכן פאַר אייך;
דעם מאָרגן אין שלייערס ביים טיר —
אַנטדעק איך, אַנטפּלעק איך אים גלייך...

דעם היינט, וואָס איז פול נאָך מיט שטרייט,
דערקלער איך, באַלער איך דיין גאַנג;
און ווען אין ליכטיקער ווייט
זיי ווינקען אייך צו מיט געזאַנג.

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב דעם ווייטן רויש פון ווערטער,
וואָס פון דעם ליד זיך טראָגט;
דעם אָפּקלאַנג פון די בלאַנקע ערטער,
דאָס וואָרט, וואָס נישט דערזאָגט;

דאָס שטילע מורמלען, ווי פון קוואַלן,
וואָס דיר איז נישט באַקאַנט,
פונוואַנען קומען זיי און פאַלן,
אין וועמעס וווּנדער־לאַנד;

די בענקשאַפט און די פרייד צוזאַמען,
וואָס שלאָגט פון יעדער צייל;
דאָס צינדן און דאָס לעשן פלאַמען
אין איין און זעלבער ווייל;

דאָס ציטעריקע זיך פאַרטראַכטן
ביים לעצטן וואָרט און קלאַנג —
ווי דו פאַרטראַכסט זיך אין פאַרנאַכטן
ביים שטילן זונפאַרגאַנג...

ס׳קלינגען נאָך

ס׳קלינגען נאָך מאָטיוון פיל,
וואָס די צייט אליין
האָט פארמשפּט אין איר גאנג
זיי צו אונטערגיין.

כאָטש נאָך נישט געזונגענע,
כאָטש נאָך פול געבעט,
און נאָך פול מיט שיינקייטן —
זינגען זיי אין שפּעט.

ווילן זיי נישט אומקומען
אויף דער צייטס באפעל;
פלאטערן זיי אין הארץ ארום,
ציטערן אין זעל...

צום לעבן

אָ, לעבן, פיר מיך אום
אויף דיינע בונטע וועגן;
איך פרעג נישט: גלייך, צי קרום,
און וויל קיין ציל נישט פרעגן.

פאראיר מיך און פארוויר,
מעג וואָס עס וויל זיך טרעפן,
נאָר פיר מיך ווייטער, פיר
און נייע וועגן עפן.

פארפיר מיך און פארדריי
אין ווינקלען אין געהיימע;
איך קוק זיי אָן און גיי
אָן פחד און אָן אימה...

פארשטעלט א בארג אמאָל —
איך שטייג ארויף מיט לידער;
און קומט דערנאָך א טאָל —
איך זינג דיר אין דער נידער.

פאר א נײַער װעלט

דאָס ליכט

איך האָב שוין באַנומען דאָס ליכט,
וואָס שוועבט איבער זיי אומעטום;
איך וועל איצט דערפילן מיין פליכט
און גריסן פון זיי, ווו איך קום.

איך האָב איבער גאַסן געשפּאַנט
מיט גיריקן וואַנדערערס טראָט;
איך האָב זייער לעבן געאַנט,
געלייענט אין בליקן יעדנס סוד.

איך האָב אין די פענצטער געבליקט,
ווען איך בין אַ ווײַנונג פאַרביי,
דערגיין, ווער עס האָט שוין געזיגט
און ווער ס'דאַרף נאָך וואַרטן געטריי.

מיט קינדער פון שולן פאַרבראַכט,
מיט פאָטערס פון עלטערן דור;
געהערט, ווי עס יובלט און לאַכט,
אויך טענער פון צער אין דעם כאָר.

גערעדט מיט אַן אַנדערן לאַנג,
באַטראַכט אי זיין שוך, אי זיין קלייד,
האָט ערגעץ געקלונגען נאָך באַנג —
געטרייסט האָבן אַלעמענס רייד.

מיין פאַרלאַנג

איך בענק נישט נאָך קיין נביא, ווי אמאָל... אָ, ניין!
איך וואַרט נישט, ער זאָל קומען ווידער;
איך וויל, אַז אַלע מיינע ברידער
זיי זאָלן ווערן גרויס און ריין!

איך בענק נישט נאָך קיין טעמפּל אויך,
וווּ גלויביקע בלויז קומען זיך צוזאַמען,
און תפילות איינציקע זיי טראָגן זיך, ווי פלאַמען,
און הענט פון איינציקע זיך הייבן אין דער הויך.

איך וויל, אַז יעדן איינעמס הויז זאָל זיין
אַ טעמפּל, וווּ זיין אייגן האַרץ זאָל זיך דערפרייען,
און זיין זאָל יעדערער זיין אייגענער כּהן,
און יעדער זאָל אין טעמפּל פריי אַריין.

איך בענק נישט נאָכן גרויסן פירער, ניין!
איך וויל, אַז יעדערער, וואָס וועט פאַרבלאָנדזשעט ווערן,
זאָל ער די שטים, וואָס רופט, אין אייג'נעם האַרץ דערהערן
און וויסן, ווי זיך אומקערן צוריק אַליין.

איך בענק נישט נאָך דעם באַרג, וווּ איינער שטייט גאָר הויך,
און רעדט צו די אין טאָל, וואָס שטייען שטיל און שווייגן;
איך וויל, אַז אַלע זאָלן צו זיין הויכקייט שטייגן,
און אַלע זאָלן זען דאָס ליכט, און נישט דעם רויך.

עס וועט זיין

עס וועט זיין נאָך, עס וועט שטייגן —
וואָס ס'איז איצט, דאָס האָט קיין האַפט;
בייז פון היינט פאַרשעמט וועט שווייגן
פאַר דעם גוטס, וואָס מאָרגן שאַפט...

מיט דעם גאָלד־שטויב פון דעם שפּעטער
ווערט דער איצט אויך פול מיט שיין;
און דו זינגסט אין קאַלטן וועטער
פון דעם זומער, וואָס וועט זיין...

צייטן

ווייל די צייטן זענען נייע,
מוזטו דיין געדאנק באשרענקען,
אין די הימלען נישט צו פליען,
פון מלאכים נישט געדענקען.

פון בת־מלכות — נישט צו זינגען
און פון בלומען — נישט צו קוועלן;
גיי פון הויכקייטן ארונטער
צו די נידעריקסטע שוועלן...

דאָס אומגליק

דאָס אומגליק — מוז ווערן:
גאָלד פון גאָס-שטויב שאַפן,
און בריליאַנטן — פון די טרערן,
הערשער — פון די שקלאַפן.

פון די זיפצן — פרייד און לידער,
שפע פון דעם דלות;
און פון בייזע שונאים — ברידער,
און פון גאָרנישט — אַלעס...

אין די ווינטן, וואָס זיי ווייען —
טריט פון ווייטן שליח...
און פון אָרעמלייט, וואָס גייען —
איינער איז משיח...

שטילע רייד

שטילע רייד

די שטילע רייד
אין שטילן צימער,
זיי הערסטו נאָך,
זיי קלינגען אימער,
זיי שפּרייטן פרייד
און שיין און שימער.

דאָך העכער קלינגט,
וואָס איז פאַרשוויגן
אין שטילער שעה
פון זיך באַזיגן —
דאָס איז דיין ליד,
דאָס איז דיין ניגון.

אויפֿן וואַסער

אויפֿן וואסער גייען שיפֿן
גייען שיפֿן הין, צוריק —
איך האָב אַלץ נאָך נישט באַגריפֿן,
וואָס איז פֿרייד און וואָס איז גליק.

אין די וועלדער קאָן מען הערן
ביימער רוישן אין די נעכט —
איך קאָן אַלץ נאָך נישט באַקלערן,
וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט.

אין די טאָלן ווינטן יאָגן,
יאָגן אום און ווערן שטיל —
איך קאָן אַלץ נאָך קיינעם זאָגן,
וואָס איך זוך, וווהין איך ציל...

אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען

די אומבאַשטימטע פארלאנגען,
לופטיק און דופטיק, ווי בלומען,
אַלע פארשוווּנדענע קלאַנגען
זענען צוריק אָנגעקומען,
האָבן דיך ווידער געפאנגען.

לאנג שוין בארעכנטע פריידן,
לאנג שוין פארגעסענע לידער,
מורמלען און טומלען און רעדן,
פלאַטערן, וועקן דיך ווידער,
ווילן דיין חלום באשיידן.

ווייסטו נישט, וואָס זאָל פארדריסן,
ווייסטו נישט, וואָס דו זאָלסט וועלן,
בלאָנדזשעסטו אום נישט צו וויסן,
וואָס דיר זאָל פריער געפעלן,
וואָס דו זאָלסט פריער באגריסן.

אַמאָל

אמאָל — א וואָרט, א שטילער טאָן
זאָגט מערער צו, זאָגט מערער אָן
און האָט דיין הארץ פיל מער דערפרייט
פאר לידער פיל, פאר הויכע רייד...

אמאָל — אַ בליק — און פון דער ווייט.
וואָס פאלט אויף דיר פון פרעמדער זייט,
צינדט אָן אין הארצן מער באַגער
פון שמייכלען פיל און נאָענט מער...

געגנטן
(אימפּרעסיע)

ענג־באַזעצטע געגנטן,
וווינונגען און צימערן;
גאָרנס — הויך און נידעריק,
גראָען זיך און שימערן.

אין׳ווייניק — פאַרבאָרגענע,
פענצטער — האַלב פאַרהאָנגענע;
קוקסט זיך אום ווי פרעמדיק:
פרייע, צי געפאַנגענע?

נאָך דער אַרבעט

אויפן טראָטואַר — אַן ענגשאַפט,
אָבער ס׳איז מיר ליב;
איך פאַרגעס אין רויש מיין בענקשאַפט,
גיי איך און פארגיב.

מיש זיך אויס מיט זיי אינײנעם —
פיר מיך, מתנה, פיר;
כ׳זע קיין פרעמדן אין אייך קײנעם —
אַלע נאָענט מיר.

פון דער אַרבעט אַלע גייען,
און די מענגע — ציט;
גיי איך אין די ענגע רייען
מיט אייך אלע — מיט...

בין איך אויך, ווי איר, א מידער,
בענק איך אויך נאָך רו;
ווי צו שוועסטער און צו ברידער
שמייכל איך אייך צו...

פון דער הייך

פון מיין הויכער וווינונג
זע איך אַלע דעכער,
זע איך אלע וואָלקן
און איך זע נאָך העכער;
און די זון אליין,
ווען זי מוז פארגיין...

ווי אן אויג א רונדע
פון דער וועלט, דער גרויסער
קוקט זי אין מיין פענצטער
ליבנדער און הייסער —
זעט אַלץ פון דער הויך...
און זי זעט מיך אויך...

און איך זיץ און טראכט מיר:
דאָס איז דיין באלוינונג
פאַר דיין שווערן שטייגן
צו דיין הויכער וווינונג —
קענן דיין געזיכט
שפּילט דאָס גרעסטע ליכט

אַ ליכטיקער טאָג

א ליכטיקער טאָג.
די זון מיט איר שיין,
די זון מיט איר וויין,
מיט גאָר איר פארמאָג.

ס'איז רואיק און שטיל
אין מיין גאַס, נאָר איך הער
אין דער שטיל אזוי פיל,
אזוי פיל און נאָך מער.

נישט קיין ליד, נישט קיין רייד,
נאָר פיל מערער דערפון.
עס איז מער נאָך פון פרייד —
עס איז פרילינג און זון.

עס באהויכט, עס באלעבט
דיין געמיט און ס'איז גוט;
ווי דו וואָלסט אי געשוועבט,
ווי דו וואָלסט אי גערוט.

אַ פארלאנג — ווי געזאנג,
ווי וואָלסט זיין און נישט זיין;
ווי די זון מיט איר שיין,
ווי די זון מיט איר וויין...

איבערגאַנג

אין דעם איבערגאנג
פון דעם טאָג אין נאַכט,
אין דער צווישן־שעה
איז אזוי פיל גנאָד, געזאנג,
איז אַזוי פיל גוטסקייט דאָ.

זע, ווי פאָרזיכטיק און זאַכט
גייט די זון איר וועג
אין איר העלער פראכט
צו דעם מערב ברעג...
זע, ווי לאנגזאַם אירע טריט,
ווי זי וואָלט געוואַכט,
ווי זי וואָלט געהיט,
פלוצלינג זאָל נישט ווערן נאַכט...

און ווי לאנגזאַם, שטיל עס דעקן
שאָטנס אלע מערק און גאַסן,
שלייכן צווישן זונען־פאַסן
אזוי אומבאמערקט געלאַסן,
אזוי פאָרזיכטיק, באדאכט —
אום די וועלט נישט צו דערשרעקן
פלוצלינג מיט דער נאכט.

אַ טאָג

אַ טאָג איז אויס,
עס ווייט מיט רו;
אַ שטיל געוויש
פון ערגעץ־ווו.

אַ ווייטן שיין
די זון נאָך שענקט,
ווי זי וואָלט זיין
נאָך אים פארבענקט.

אַ ווייטע פרייד,
אַ ווייטע ליד;
אַ טאָג פארגייט
מיט שטילע טריט...

דער פאַרלאַנג

מיר קאָנען נישט דערוואַרטן זיך
אויף אונדזערס אַ פאַרלאַנג,
זיין וועג איז שווער און דויערדיק,
ער ענדערט זיך אין גאַנג.

און קומט ער אָן — דערקענען אים
איז שווער — ער איז פאַרבליכט;
אזוי דערגרייכט מען קיינמאָל נישט
אויך דאָס, וואָס איז דערגרייכט...

עס פלעכט זיך

עס פלעכט זיך א יאָר אין א יאָר;
אין היינט — אויך דעם נעכטנס געוועבן;
עס מישט זיך א דור אין א דור,
ווי שכנים קומט אוים זיי צו לעבן.

אמאָל קומט ארוים ביי זיי קריג,
אמאָל רופט ארוים איינער וווּנדער;
דער יינגערער פּייערט זיין זיג,
דאָך גייט ער זיין וועג נישט באַזונדער.

אין הייכן אויף פליגלען פון שטאָל,
דער עראָפּלאַן שוועבט אין די ווינטן;
א פור אויף דער ערד, ווי אמאָל,
פאָרט לאנגזאם, ווייל אלץ נישט פארשווינדן...

ביים הויז, אין פיל שטאָקן געבויט,
מיט פענצטער, ווי דאָרשטיקע אויגן,
שטייט אָרעם א צווייטע, פארטרויט,
און ווייל פאר דער צייט זיך נישט בויגן.

ביים רווישיקן שפיל פון דער צייט,
ווען דזשעז־בענד די פידלען באַזיגן,
דו הערסט נאָך, ווי ווער ביי דיין זייט —
ער שפּילט א פארגעסענעם ניגון...

פון דער היים

עס איז אזוי ווייניק געווען —
פאַרוואָס איז אזוי פיל געבליבן?
וואָס נערט נאָך ביז איצטער דיין וועזן
צו בענקען, געדענקען און ליבן?

איין שטוב אויף א בערגל געשטאַנען,
אַ צווייטע — דערביי אָנגעבויגן;
ווו האָט זיך גענומען, פונוואַנען
די שיינקייט, וואָס שוועבט פאַר די אויגן?

פאַרגעסן פּאַלאַצן די שענסטע,
וואָס דו האָסט געזען אויף דיין וואַנדער,
און הייזער פון דאָרטן, די קלענסטע —
דו שיידסט זיך מיט זיי נישט פונאַנדער...

אויף שיפן די ימען געשניטן,
פאַרגעסן שוין שטורעמס, געוויטער;
דאָס טייכל פון שטעטל אינמיטן
דערמאַנסטו מיט הייליקן ציטער...

פיל ביימער געזען ביי די וועגן,
פיל האָבן שוין ווינטן צעבראָכן —
פאַר דיר שטייט נאָך איצטער אנטקעגן
דער בוים ביי דעם גוֹיישן שכן.

פּיל לידער געהערט האָסטו זינגען,
עס זענען שוין אנדערע אנטשוויגן —
פאַרוואָס הערט נישט אויף קיינמאָל קלינגען
און רוישן דער היימישער ניגון?...

אינהאלט

אָרעמע קהילות

די אָרעמע קהילה 7
דער גבֿירישער אָרעמאַן 13
ייִדישע מטבעות 21
דער עיבור 24
די רירנדיקע דרשה 29
דער מילכיקער טשאָלנט 34
די לעצטע האָפֿענונג 42
דער שמעק טאַבאַק 46
פֿאַרשטעלטע מיליאָנערן 51
ווען עסט חיים מלמד אַ בייגל? 55
בולקעס 59
די הײַזער 63
אָרעמעלײַט 68
געשלאָסן אַ געשעפֿט 72
צוויי שוועסטער 75
די נאַשערין 84
ליכטער 88

היימישע מענטשן

די גרויסע סוכּה 97
דער אורח 103
שותּפֿים 106
די דרײַ טאַקטן 114
דער פּרוש 126
אין סאָד 134
ווײַבערישע שרעק 139
פֿאַרלאָרן דאָס קול 147
בײַם דאַוונען 156
זאָל שטיין, ווי געשטאַנען 161
טעכטער 164
אַ פּסחדיקער טאַטע 169
חתן־כּלה־בריוו 175
שׂכר־לימוד 180
די לעצטע געסט 188
דער נגיד 195

יונגוואַרג

פאַרנאַכט 205
דאָס בענטשערל 209
דער וואַלד אין שטוב 213
די דערציונג 216
דער גימנאַזיסט 221
דריי שונאים 226
די פאַבריק 231
דער הונט 238
מיינע ערשטע האָנאָראַרן 247
דאָס גאָלדענע טראָמפּייטל 252

די גרויע נויט

ווי קום איך? 257
אין גאַס 258
די פרוי 259
נאַכט און קאַלט 262
שוואַרצע פּרעק 263
דער מענטש 265
ווינטער־לידער 266
דאָס געבעט 269
די אָרעמע כּלה 270

בענקשאַפט און פרייהייט

עפּעס הער איך 273
די לופט איז מיר ענג... 274
אָפּטמאָל... 275
צו מיין האַרץ 276
דער אָדלער 277
איצט פאַרשטיי איך... 278
אין ווינטער 279
וו נעמט מען? 280
מיך ציט 281
אין דער ווייט 282
באַלעבאַטישער מוסר 284
אָ, גיכער, משיח 285

צער און יאוש

צווייערליי צער 289
דער ניגון 290
אין מיינע אָדערן 291

פרייד און טרויער 292
אוי! די אייניציק־ווייסע האָר... 293
עלנט 294
א פראגע 295
לעבן ווילט זיך 296
דער נעפל 297
דו פרעגסט... 298
וואָס מאַכט איר? 299
מיין פריינד, צי דו ווייסט?... 300
געדאנקען 302

די היים

מיין צוריקקער אהיים 309
קידוש לבנה 322
אין קישן 323
נאָך גרינס 324
אַפּשייד 325
פון דער דירה טרייבט מען... 326
דאָס נייע ליבע־ליד 328

ליבע

אומעטיק 331
* * * 332
מיין געליבטע 333
דו ביסט געווען... 334
אין א זומער־נאכט 335

בונטע לידער

ק ו ם! 339
אייביקער זוכער 340
* * * 341
דאָס אייביקע ליד 342
הארבסט־לידער 343
נאָך מיין הארצנס באגערן 347
צו שיכורים 348
ווער עס האָט... 349
אויפן פעלד... 350
אָ, שטאָלצעס הארץ מיינס... 351

איבערדיכטונגען

צום מלווה 355
ביינאַכט 356

איז אוועק צום קריג דער מלך 358
אויס הײנע 360
דער גוטער פאַסטעך 362
די דרײ ציגײנער 363
אין א פרעמדן לאַנד 365

אז טראָמפּייטן שפּילן

טראָמפּייטן שאַלן 369
אויף יענער זייט ים 370
מוטער און קינד 372
די געפאַנגענע טויב 374
ווײסע טויב פון שלום 376
אַרבעטסלאָזיקייט 378

דאָס לעבן ציט

ביים וואַסער 383
וואוהין? 384
די ביימער רופן 385
איך האָב ליב.... 387
אין א שניי=נאַכט 389
צו א שוועלע 390
די שבועה 391
דער זיגער 392
פאַרגעניגנג 393
א געזאַנג צו קעמפערינס 394
ברען אויס 395
עס דאַכט מיר... 396

אָוונט=געדאַנקען

אָוונט 399
דאָס בוך פון לעבן 400
דער שמעטערלינג און די בלום 401
פרילינג און ליבע 402
דאָך איך גלייב... 403
צווײ וועגן 404
דער דיכטער און זי 406
אַליין 408
צום מזל 409
א תפילה 410
* * * 412
מיר דאַכט זיך... 413

מעשהלעך און באלאדן

די צויבערין . . . 417
דער פארבלאָנדזשעטער מלאך . . . 420
דער פראָפעסאָר פון ליבע . . . 424

דיכטער און אידעען

ווער העלפט . . . 429
איך וועל זינגען מיין ליד . . . 430
כ׳האָב ליב . . . 431
ס׳קלינגען נאָך . . . 432
צום לעבן . . . 433

פאר א נייער וועלט

דאָס ליכט . . . 437
מיין פארלאנג . . . 438
עס וועט זיין . . . 439
צייטן . . . 440
דאָס אוממעגלעכע . . . 441

שטילע רייד

שטילע רייד . . . 445
אויפן וואסער . . . 446
אומבאשטימטע פארלאנגען . . . 447
אמאָל . . . 448
געגנטן . . . 449
נאָך דער ארבעט . . . 450
פון דער הייך . . . 451
א ליכטיקער טאָג . . . 452
איבערגאנג . . . 453
א טאָג . . . 454
דער פארלאנג . . . 455
עס פלעכט זיך . . . 456
פון דער היים . . . 457